אין יאָר 1825 זענען אין גאַנץ קעניגרייך־פּוילן געווען 3,704,300 נפשות פון זיי 355,737 יידן (9,9%). אין יאָר 1827 זענען אין טשענסטאָכאָוו געווען 1141 יידן. אין יאָר 1831 זענען אין פוילן געווען 3,762,002 נפשות (דערפון 338,617 יידן) אין טשענסטאָכאָוו (אין דעם גאַנצן פּאָוויאַט) זענען, 5 יאָר נאָך דער פאַראייניקונג, געווען 2,360 יידן.

אין יאָר 1856 זענען אין גאַנץ פוילן געווען 4,696,999 נפשות (דערפון 412,240 יידן), אין טשענסטאָכאָוו — אין יאָר 1857 — 2,679 יידן.

אין יאָר 1897 זענען לויט דער פאָלקס־ציילונג, אין טשענסטאָכאָווער פּאָוויאַט שוין געווען 43,863 יידן, דערפון אין טשענסטאָכאָוו גופא — 11,704.

ביים סוף פון 19־טן יאָר־הונדערט איז די צאָל יידן אין טשענסטאָכאָוו געווען 7 מאָל גרעסער, ווי אין ערשטן פערטל פון 19־טן יאָר־הונדערט בעת דער פאַראייניקונג (יאָר 1826). אין יאָר 1922 — 22,663, אין יאָר 1931 — 25,588 יידן.

דער וווּקס, זייט יאָר 1700

זייט יאָר 1700 האָט זיך אין טשענסטאָכאָוו און איר סביבה כסדר פאַרגרעסערט די אַלגעמיינע באַפעלקערונג, ווי אויך די צאָל יידן.

עס איז אַ פאַקט, אַז דער טשענסטאָכאָווער קריסטלעכער בעקער־צעך האָט, נאָך אין יאָר 1760, געקעמפט קעגן דער קאָנקורענץ פון די יידישע בעקער, וועלכע האָבן אויך געבאַקן געבעקס פאַר קריסטן בכלל און פאַר זייערע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע ימים טובים בפרט. דער טשענסטאָ־כאָווער מאַגיסטראַט האָט דאַן זיך מתחייב־געווען צו העלפן דעם פוילישן בעקער־צעך אין זיינע השתדלויות קעגן די יידישע בעקער.

עס זענען דאָ געוויסע ראיות, אַז בערך אין יענער צייט, זענען אין אַלט־טשענסטאָכאָוו און אַרום איר, געווען אויך אַנדערע יידישע בעלי־מלאָכות, (וועבער, גאַרבער, בלע־כער, שוסטער, מעדאַליאַן און אנדענק־אַרבעטער) וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט פאַרשידענע סחורות פאַר די פּילגרימען (עולה רגל). אַ צייט שפּעטער איז די יידן פאַרבאָטן געוואָרן דאָס פּראָדוצירן, ווי אויך דער פאַרקויף, פון געוויסע אנדענק־אַרטיקלען, פון רעליגיעזן כאַראַקטער.

די "מיעשטשאנעס" און דער שטאָט־ראָט האָבן זיך באַקלאָגט אויף פאַר די לוסטראַטאָרן. דער ווילעמאָזשני בלעשינסקי, אַ קאַמער־שלאַכטשיץ, וועלכער האָט געהאָט זיין "יורידיקע" * אין דער שטאָט — האָט ביי זיך באַזעצט אַסך יידן, די יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע געביטן פון האַנדל און מלאָכות, אַזוי אַז עס איז באַוואָלט געוואָרן סיי די שטאָט און סיי די צעכן, זיי האָבן געטענהט אַז די יידן ווילן נישט צאָלן קיין שום אָפּצאָל סיי פאַר דער שטאָט און סיי פאַר די צעכן.

בנוגע דער פראַגע צו אין טשענסטאָכאָוו האָבן די "מיעש־טשאַנעס" געהאַט די פּריווילעגיע פון "נישט טאָלערירן" (דהיינו, נישט דערלויבן יידן זיך באַזעצן), האָט זיך געפירט אַ דיסקוסיע אין אָנהויב 19־טן יאָר־הונדערט; די טשענסטאָכאָווער "מיעשטשאַנעס" האָבן ניט געקאָנט באַ־ווייזן, ווער עס האָט פאַר זיי אויסגעשטעלט אַזאַ דאָקומענט און פון ווען איז דאָס געווען, ווייל עס איז נישט געווען קיין שום צייכן, וואָס וואָלט געקאָנט באַשטעטיקן, אַז עס האָט יאָ עקזיסטירט אַזאַ פּריווילעגיע "פון נישט צו טאָלערירן קיין יידן". ערשט אין די 40־קער יאָרן פון 19־טן יאָר־הונדערט, ווען עס האָבן זיך דערוועקט פאַרמעלע טענות אין דער יידן־פראַגע, האָבן די "מיעשטשאַנעס" פון אַלט־טשענסטאָכאָוו געפּרוווּט פאַרסירן זייער אַלטע שיטה — נישט צו דעלאָזן יידן וווינען אין דער גאַנצער פאַראייניק־טער שטאָט טשענסטאָכאָוו.

שימאַנסקי באַטאָנט אין זיין בראָשורע וועגן טשענסטאָ־כאָוו, אַז אָט די שיטה האָט זיך ניט געשטיצט אויף קיין שום געזעצלעכע פּריווילעגיע נאָר אויף אַ "מנהג" און אויף די טראַדיציעס בנוגע דער קלויסטער "אָסאַדע" טשענס־טאָכאָוו (הארט ביים קאשטשאל)... פאַקטיש אָבער, זענען אויך אין דעם גרענעץ־געביט פון דער דערמאָנטער קאָש־טשאַל־אָסאַדע, געווען יידן.

כדאי צו באַמערקן, אַז אפילו אין וויעלון, וווּ עס האָט פאַקטיש עקזיסטירט אַזאַ אַפּיציעלע פּריווילעגיע "פון נישט טאָלערירן יידן" האָבן די יידן דאָך דאָרט געלעבט און געהאַנדלט, ווי עס איז דערוויזן געוואָרן אין פאַרשידענע דאָקומענטן.

די טשענסטאָכאָווער יידן האָבן אין די 40־קער יאָרן פון 19־טן יאָר־הונדערט — אין זייער קאַמף פאַרן רעכט צו וווינען אין דער שטאָט — עקשנותדיק געטענהט — פאַר־רופנדיק זיך אויף זייערע פריערדיקע פּריווילעגיעס — אַז

* "יורידיקע" איז אַ פּריווילעגיע לויט וועלכער, עס איז די שליאַכטשיצן דערלויבט געוואָרן באַזעצן אויף זייער באָדן אויך יידן אָן אַ באַזונדערע דערלויבעניש פון קעניג. שליאַכט־שיצעס אָן אַ "יורידיקע" האָבן אַזאַ רעכט נישט געהאַט.

זיי האָבן תמיד געהאַט דאָס רעכט צו וווינען אין דער גאַנצער שטאָט און נישט בלויז אין אַלט־טשענסטאָכאָוו.

אָבער, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זענען נישטאָ קיין שום דאָקומענטן וועגן טאָלערירן יידן אין גאַנץ טשענסטאָכאָוו אָדער וועגן נישט טאָלערירן; דאַגעגן זענען דאָ גאָר באַגרינדעטע השערות, פון וועלכע מען קאָן אַרויס־דרינגען, אַז אפילו אינעם קלויסטער־געביט פון דער „יאַסנאַ־גורא" (אַביסל אַפּגערוקט פון קלויסטער און אין די דערפלעך אַרום טשענסטאָכאָוו און באַזונדערס אַרום אַלט־טשענסטאָכאָוו און אין אַלט טשענסטאָכאָוו גופא) — זענען שוין פון גאָר לאַנגע צייטן, געווען געציילטע יידן, סוחרים און בעלי־מלאָכות.

ווי מיר וועלן ווייטער באַווייזן האָט מען אפילו בעת דער צאַרישער הערשאַפט נישט געקאָנט אַרויסשטופּן די יידן פון זייערע אַלט־איינגעזעסענע מקומות און זיי אַריינפּאַקן אין געטאָ־רעווירן. עס איז באַקאַנט, אַז אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון דער פּוילישער מדינה — פאַר דער צעטיילונג — איז אין טשענסטאָכאָוו שוין געווען אַ גענוג שטאַרקע און קאָמפּאַקטע יידישע קהילה.

אין 18־טן יאָר־הונדערט

קורץ פאַרן ליקווידירן פּוילן, איז די פּוילישע מדינה געווען אין אַ מצב פון אַ הארבער ירידה, דער קריזיס האָט באַזונ־דערס געטראָפן די שטעט.

די אַנטיסעמיטן האָבן געטענהט אַז יידן זענען שולדיק אינעם מצב ווייל זייער קאָנקורענץ רואינירט זייערע צעכן. הגם עס פעלן נישט קיין פאַרבאָטן, רייסן זיך די יידן דאָך אַריין אין די שטעט און זיי נעמען צו ביי די אַרטיקע תוש־בים זייערע פרנסות, אָבער נישט געקוקט אויף זייערע גרויסע אומזאָצן, בלייבן אויך די יידן אָרעם, ווייל זיי רואינירן זיך אַליין, דורך זייער קאָנקורענץ־טאַקטיק.

עס איז אויך דאָ אַ סברה, אַז צוליב דער קעגנערשאַפט פון די צעכן — און נישט צוליב אַנדערע סיבות — האָט זיך אַ פּוילישער שליאַכטשיץ אין טשענסטאָכאָוו, געווענ־דעט צום קעניג פּאָניאַטאָווסקי און געבעטן, אים דערלויבן באַזעצן יידן ביי זיך אין הויז, דאָס באַזעצן זיי דאָרט שטייט — ווייזט אויס — אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ געוויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונג, ווייל אַ שלאַכטשיץ מיט אַ „יורידיקע" האָט ניט געדאַרפט קיין קעניגלעכע דערלויבע־ניש צו באַזעצן ביי זיך יידן.

סוף דעם 18־טן יאָר־הונדערט, האָט מען אויך געהערט וועגן אַ יידישן רופא אין טשענסטאָכאָוו, מיטן נאָמען הערש. דאָס איז דאָך אויך אַ סימן, אַז אין שטאָט און איר נאָענטסטער סביבה, זענען שוין אין יענער צייט גע־וועזן יידן.

אויסלענדישע רייזנדע פון לעצטן פערטל פון 18־טן יאָר־הונדערט און אין אָנהויב פון 19־טן יאָר־הונדערט האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אויך אין אַ ברייטן שטח אַרום טשענ־סטאָכאָוו, איז כמעט דער גאַנצער האַנדל געווען אין די יידישע הענט.

נאָך פּוילנס אונטערגאַנג

באַלד נאָך דער אָקופּאַציע פון אַ טייל פּוילן דורך פּרייסן (אין יאָר 1793) האָט מען געהאַפט אויף אַ ליבעראַלער באַציאונג לגבי יידן, הגם, די פּרייסן האָבן שוין אין די יאָרן 1773—1774 פאַרטריבן (סיי פון די פּרייסישע געביטן סיי פון שלעזיע) די „בעטל־יידן", דהיינו, די מענטשן וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט אַ מינימום פון הונדערט טאָלער — דעמאָלט אַ גרויסער סכום!

די פאַרטריבענע, האָבן געוואַנדערט איבער די פעלדער און וועלדער פון פּוילן, בפרט ביי דער גרענעץ.

די פינצטערע עלעמענטן האָבן זיך, צוזאַמען מיט די אַנדערע נע־וונדניקעס, אָרגאַניזירט אין רויבער־באַנדעס — אין די באַנדעס פון די דעקלאַסירטע שליאַכטשיצעס, „מיעשטשאַנעס" (שטאָטישע־בירגער), פּויערים און אפילו ציגיינער. זיי האָבן צוזאַמען ראַבירט, באַזונדערס אין דער טשענסטאָכאָווער און פּיאָטרקאָווער סביבה*.

נאָך שאַרפער זענען געווען די גזירות געגן יידן בעת דער פּרייסישער אָקופּאַציע־צייט: **יידן איז ניט דערלויבט געווען התונה־האָבן יונגער פון 25 יאָר. יונגע יידישע פּאָרלעך איז געווען פאַרבאָטן זיך צו באַזעצן אין די דער־פער** א. ז. וו. הגם, אָט די באַשלוסן זענען נישט פולשטענדיק דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן האָבן זיי דאָך געשטערט דאָס נאָרמאַלע לעבן.

פאַר פּוילנס אונטערגאַנג, האָבן די פּוילישע מאַגנאַטן (פון די משפחות ראַדזיוויל, פּאָטאָצקי, זאַמאָיסקי א. א. וו.)

---

* ציטירט פון „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" (לויט ד"ר ע. רינגלבלום — אין זיין בוך (פּויליש) — „פּראָיעקטן און פּרווון איבער־צושיכטן יידן אין דער עפּאָכע פון סטאַניסלאַוו", אויגוסט, וואַרשע, 1934).

מיטן קעניג פאַניאַטאָווסקי בראש געבויט פאַבריקן, הויפטזעכלעך, פאַר דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

אַ טייל פון די דאָזיקע שליאַכטשיצן זענען געווען געכאַפּט אין קאַלוויניסטישער און אַריאַנישער אפּיקורסות, וואָס האָט געפירט פּראָפּאַגאַנדע פאַר ערלעכע אַרבעט אַלס שוץ־מיטל קעגן דעם אויסגעלאַסענעם לעבן, וואָס די פּוילישע שליאַכטשיצעס האָבן געפירט אין יענער צייט.

אָט די דאָזיקע טענדענץ האָט זיך פאַרשטאַרקט בעת דער פּרייסישער אָקופּאַציע. אויך קיין טשענסטאָכאָוו קומען אָן קוואַליפיצירטע בעלי־מלאָכות און אינדוסטריעלער פון די דייטשע קאַנטן.

קאָנקרעטע ידיעות וועגן טשענסטאָכאָוו פון יענער צייט געפינט מען אין אַ ראַפּאָרט וואָס אַ פּרייסישער באַאַמטער האָט געשריבן צו זיין קעניג. פון דאָזיקן דאָקומענט דערוויסן מיר זיך, אַז אין טשענסטאָכאָוו האָט אויך געלעבט אַ געוויסע צאָל פּויערים. אויך פון אַ שפּעטערדיקע רשימה פון די מיטגלידער פון דער טשענסטאָכאָווער קהילה זעט מען, אַז אין די דערפער אַרום טשענסטאָכאָוו (אַנגעשלאָסענע צו איר קהילה), זענען געווען יידישע לאַנדווירטן מיט פאַרצווייגטע משפחות, ווייזט אויס שוין פון דורי־דורות.

פון אַ ידיעה (פון יענער צייט) דערוויסט מען זיך, אַז יידן האָבן געוווינט אין אַזעלכע שלעכטע דירות, אַז די "גוט־האַרציקע פּרייסישע באַאַמטע" האָבן זיי דערלויבט זיך אַריבערציען אין בעסערע וווין־קוואַרטאַלן...

אין דער תקופה פון דער פּרייסישער אָקופּאַציע, אין די יאָרן 1793—1808, איז אין שפּיץ פון דער טשענסטאָכאָווער קהילה געשטאַנען אַ געוויסער ר׳ בעריש שאַפּיראָ. פון די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג זעט מען, אַז די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט שוין עקזיסטירט אַ לענגערע צייט, נאָך פאַרן יאָר 1793.

אין יאָר 1806 האָט נאַפּאָלעאָנס אַרמיי פאַרן פירשטנטום וואַרשע, פאַרנומען, אָן ווידערשטאַנד, די פעסטונג טשענסטאָכאָוו. די באַרימטע טשענסטאָכאָווער פעסטונג איז נאָך אין יאָר 1793 אַריינגעפאַלן, אָן וועלכן עס איז ווידערשטאַנד, אין די פּרייסישע הענט. ווי אין די אַרומיקע קהילות האָט אויך די טשענסטאָכאָווער קהילה באַשעפטיקט וואַנדערנדיקע אינקאַסענטן וועלכע האָבן איינקאַסירט די שטייערן פון די קליינע ישובים, וואָס זענען אַדמיניסטראַטיוו געווען פאַרבונדן מיט איר.

נאָך אין די צייטן פון וואַרשעווער פירשטנטום האָט די רעגירונג שטרענג קאָנטראָלירט די פינאַנציעלע ענינים פון דער קהילה. מער פּרטים וועגן דעם זענען באַקאַנט זייט חודש אב תקס״ח (1808) פון דער ערשטער זיצונג נאָכן נייעם רעזשים.

דער ראש פון דער קהילה און אויך קאַסיר ("וויערני קאַהאַלו טשענסטאָכאָווסקיעגאָ") איז געווען אַ געוויסער אליעזר לעווי; בדרך כלל זענען קאַסירער פון די קהילות געווען פאַרמעגלעכטע מענטשן, אָבער לויט שאַצקין — וועלכן מיר ציטירן — האָט אליעזר לעווי באַקומען אַ שיינע פּענסיע: אַזש 6 רייכס טאַלער פאַר 14 חדשים (תשרי און ניסן — דאָפּעלט פּענסיע) דערצו אויך אַן אומזיסטע דירה. הגם, די קהילה איז, ווייזט־אויס, געווען אַ קליינע, ווייל ערשט מיט אַ פּאָר יאָר פריער האָט די טשענסטאָכאָווער קהילה זיך באַפרייט פון דער יאַנאָווערס קהילה־אַפּוטרופּסות, שפּעטער, בעת די קהילה איז שוין געווען אַ גרעסערע און רייכער, האָט אויך דער טשענסטאָכאָווער שטאָט־רב באַקומען אַן אומזיסטע דירה אָבער דער ראש בית־דין און די דיינים האָבן געוווינט אין געדונגענע דירות. לעווי האָט אויך באַקומען 3 פּראָצענט פון די איינקאַסירטע געלטער פון די אַרומיקע ישובים, ווי אויך, אַ געוויסן טייל פון רח״ש, כל זמן אין טשענסטאָכאָוו איז נישט געווען קיין רב.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט זענען די יידן אין יענער צייט געווען בעיקר בעלי־מלאָכות און מייסטערס. אַ גרויסער טייל פון זיי אויך "מעקלערס" (פאַקטאָרן) ביי די פּוילישע מאַגנאַטן.

עס איז, אָבער, כמעט זיכער, אַז אין טשענסטאָכאָווער וויעלונער קאַנט האָבן געוווינט אויך יידישע טעקסטיל־אַרבעטער, ווי אויך, פּראָדוקטיווע בעלי־מלאָכות אין אַנדערע פאַכן. די פּוילישע אַריסטאָקראַטן האָבן אין יענער צייט געכאַפּט נע־ווּנדניקעס (בראַדיאַגעס) און בעטלערס און זיי געצוווּנגען אַרבעטן אין זייערע פאַבריקן. די פּריצים האָבן גערן אַנגענומען אויך יידן צו דער אַרבעט, ווייל זיי האָבן מסכים געווען אויף אַ קלענערן לוין ווי אַנדערע.

אין אָנהויב פון 19־טן יאָר־הונדערט האָבן יידן אָנגעהויבן שאַפן זיך אייגענע לייוונט־וואַרשטאַטן און זיי האָבן ממש באַקומען אַ מאָנאָפּאָל אויף אויסאַרבעטן שטיקערייען און קאַראַנקעס, יידן האָבן שוין דעמאָלט געהאַנדלט מיט וואָל און וואָל־פאַבריקאַטן. זיי האָבן אויך אַנטוויקלט די לעדער־אינדוסטריע. מען הערט אויך וועגן יידישע גאַרבערייען, פון די ערשטע פּיאָנערן אין דעם געביט איז געווען אַ געוויסער דוד־הירש פון דזיאַלאָשין.

ד״ר שיפּער — אין זיין פּויליש ווערק — "וועגן דער גע־

שיכטע פון האַנדל אין די פוילישע לענדער" — שרייבט: "לויט אַ באריכט פון יאָר 1827 זענען, ווייזט אויס, געווען אין דער געגנט פון טשענסטאָכאָוו געוויסע יידישע פאַבריקן", דער דאָזיקער באריכט אינפארמירט אויך, אז יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן האָבן נישט איינמאָל אַריינגעבראכט אין די פוילישע און רוסישע מערק — אויסלענדישע, לרוב פרייסישע סחורות — כלומרשט, אַלס טשענסטאָכאָווער און פוילישע פאַבריקאַטן.

דאָס איז געווען אַן אָנהויב פון אַן אינטעסיווע טעטיקייט מצד יידישע סוחרים און באַנקירן, וועגן אַ טייל פון די פלייסיקע מענטשן אין דער פוילישער ווירטשאַפט איז באַוווסט, אז זיי זענען געקומען פון טשענסטאָכאָוו און אז זיי האָבן געווירקט, צוזאמען מיט זייערע טשענסטאָכאָווער קרובים".

מער פרטים וועגן יידישן אַנטייל אין דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און האַנדל אין טשענסטאָכאָוו וועלן קומען אין "ווירטשאפטלעכן מדור" פון אונדזער ספר.

★

בנוגע די יידן אין טשענסטאָכאָוו פון יענער צייט, ווייסן מיר נאָך עטלעכע קאָנקרעטע פאַקטן:

קודם־כל — דער דערמאָנטער זיצונגס־פראָטאָקאָל פון יאָר 1808 וועלכן שאַצקי ציטירט אין זיין אַרטיקל וועגן טשענסטאָכאָוו און אירע יידן (דאָס דאָזיקע אַרטיקל איז איבערזעצט אויף העברעאיש — געדרוקט אין אונדזער ספר).

אין דאָזיקן פראָטאָקאָל ווערט בפירוש באטאנט, אז אין טשענסטאָכאָוו איז דעמאָלט נאָך נישט געווען קיין רב, הגם, זי איז שוין דעמאָלט געווען דער צענטער פון אַ גרויסן קהלה־ראַיאָן פאַר ארומיקע ישובים, ביי וועלכע אירע אינקאסענטן האָבן קאַסירט די קהלה־שטייערן.

דעמאָלט איז אויסגעבראכן דער סכסוך צווישן דער טשענסטאָכאָווער און דער יאַנאָווער קהילה אין צוזאַמנהאַנג מיטן פלאַן וועגן סטעמפל־שטייער פון יידישע ישובים, וואָס אַ געוויסער ייד, מיטן נאָמען לייזער פון קראטאשין, האָט פאָרגעלייגט דעם פינאַנץ־מיניסטער, אַלס אַ קוואַל פון נייע הכנסות פאַרן ארעמען ווארשעווער פירשטנטום.

לושטשעווסקי האָט אדורכגעפירט דעם דאָזיקן פלאַן, צוזאמען מיטן קולטור־מיניסטער גראַבאָווסקי.

אין יענער צייט, אין יאָר 1808, האָט די טשענסטאָכאָווער יידישע קהלה איבערגענומען דאָס אפוטרופסות איבער די אַרומיקע יידישע ישובים: דזיאלאשין (זאַלאָשין), קשעפיץ, מסטאָוו (אמסטאָוו), קיינצקאוו, קוזניצקי, קלאבוצק, לאָבאדנא, מיעדזנא, אפאטאָוו. די קאָנפליקטן וועגן דער שטייער־צוגעהעריקייט פון ישובים צו גרעסערע יידישע קהילות זענען געווען דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט פון דער יידישער אויטאָנאָמער פאַרוואַלטונג אין פוילן, זייט זי האָט עקזיסטירט.

ווייזט אויס, אז אין ווארטא־קאנט איז אָט דער קאָנפליקט געווען שטאַרקער ווי אַנדערשוו, ווייל דוקא דער סיים־פארשטעער פון שעראדז (אין ווארטא־קאנט) האָט אָט־דעם ענין באַרירט אין סיים פון וואַרשעווער פירשטנטום. ער האָט פאַרגעלייגט אז די יידישע איינוווינער פון די דערפער זאָלן געהערן צו די נעענטערע שטעט פון די וואיעווודשאַפטן צו וועלכע זיי זענען שייך אָפיציעל און נישט צו די קהילות, צו וועלכע זיי זענען אָנגעשלאָסן, לויט זייער טראַדיציע.

די הויפּט־סיבה צו די דאָזיקע סיכסוכים איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער אינדוסטריעלער אומשיכטונג אין פוילן, וועלכע האָט גורם־געווען, אז חשובע שטעט און שטעטלעך זענען געוואָרן עקאָנאָמיש אָפּגעשוואַכט אין פאַרגלייך מיט די נישט־וויכטיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן זיך גענומען אינדוסטריאַליזירן און דורך דעם זיך אויך שטאַרקן עקאָנאָמיש.

די עלטערע — לרוב פאַראָרעמטע ישובים — האָבן אַרויפגעלייגט די גאַנצע שטייער־לאַסט אויף די יונגערע — גוט־פראָספערינדיקע ישובים, וועלכע האָבן דערצו נישט מסכים געווען. לויט אַ דאָקומענט — וועלכן אויך שאַצקי ציטירט — ווייזט זיך ארויס, אז די טשענסטאָכאָווער קהלה, הגם, זי האָט שוין עקזיסטירט אַ לאַנגע צייט, האָט זיך גענומען רעארגאניזירן דוקא אין דער צייט פון ווארשעווער פירשטנטום.

וועגן אָט־דעם אָנהויב פון אַ בית־עלמין און אַ גרויסער שול אין טשענסטאָכאָוו, בערך אין יאָר 1804, זענען פאַראַן פרטים און דאָקומענטן פון די יאָרן — 1864—1868.

אין די דערמאָנטע יאָרן (1864—1868) האָבן די טשענסטאָכאָווער דאזארעס געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיטן אַדמיניסטראטיוון קאָמיטעט פון קעניגרייך־פוילן (דורך דער פיעטריקאָווער קאָמיסיע פאַר פויערים־ענינים).

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם וואָס דער טשענסטאָכאָווער מאַגיסטראַט האָט אריינגעשטעלט אין קהלה־בודזשעט, אלס הוצאה און אין זיין אייגענעם בודז־

שעט, אלס הכנסה, אַ סומע פון 90 רובל, דאָס שכירות, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט גענומען יעדעס יאָר פון דער קהלה, אָן אַ געזעצלעכן יסוד.

צום נאטאריוש, ווי אויך צום טשענסטאָכאָווער מאגיסטראַט, זענען אין יאָר 1864 געקומען 4 טשענסטאָכאָווער יידישע זקנים פון זיי — אבא עפשטיין (74 יאָר אַלט) און משה גרינבוים (78 יאָר אַלט), זיי האָבן אונטער אַ שבועה אָפּגעגעבן אויך אין אַ נאטאריעלער באשטעטיקטער אונטערשריפט, פאלגנדיקע דערקלערונג:

„אז בעת זיי זענען געווען גאָר יונג, האָט מען יידן קובר־געווען אין יאַנאָוו, ווייל מען האָט נישט דערלויבט בויען אין טשענסטאָכאָוו קיין שול און איינאָרדענען אַ בית־עולם צוליב דעם, ווייל אין דער שטאָט האָבן געוווינט בלויז אַ קליינע צאָל יידן".

די 4 זקנים האָבן אויך דערציילט, אז מיט 60 יאָר צוריק (ד. ה. בערך אין יאָר 1804 — לויט אַנדער מקורות — אין יאָר 1801) האָט מען דערלויבט בויען אין טשענסטאָכאָוו אַ שול און איינאָרדענען אַ בית־עולם, אָבער מיטן תנאי, אז די קהלה זאָל דערפאַר צאָלן דעם טשענסטאָכאָווער מאגיסטראַט אלס שכירות, 90 רובל יערלעך".

אין דער ווענדונג פון די דאזארעס האָבן זיי געשריבן:

„היות לויטן אוקאז (דעקרעט) פון 24־טן מאי 1864, האָבן יידן באַקומען וווין־רעכט אין דער גאַנצער שטאָט און גלייכע רעכט מיט קריסטן, בעט דער דאזאר־בוז׳ניטשי, מבטל־צומאַכן אין די דערמאָנטע בודזשעטן (עטאַטן) דעם אומבארעכטיקן אַפּצאָל פון 90 רובל יערלעך". אָט דעם בריוו, ווי אויך אַ ווייטערדיקן בריוו. אין זעלבן ענין, פון יאָר 1867 האָבן אונטערגעשריבן אלס דאזארעס: עדוואַרד ליקיערניק, אַדאָלף ג. לאנדוי און גאָלדמאַן.

אין בריוו, פון 1867, האָבן זיי באטאנט, אַז די קהלה פארוואלטונג האָט נישט געפונען קיין שום באווייז אז די דאָזיקע שכירות־סומע פון 90 רובל יערלעך איז אנטשטאנען אין צוזאמענהאנג מיטן בויען די שול.

פון דעם האָבן מיר טאַקע אַ געוויסן צייכן אז די שול און דעם בית־עולם האָט מען געבויט און איינגעאָרדנט בערך, אין יאָר 1804. ביז דעמאָלט האָבן די יידן, כנראה, געדאַוונט אין מנינים און אין חסידישע שטיבלעך.

אין יאָר 1864 זענען בטל־געוואָרן אַלע באַגרעניצונגען אויף יידן.

אַ קריסטלעך פאַרפאָלק האָט געהאַט טענות צו אַ טייל פון דעם פלאַץ וואָס האָט געהערט צו דער טשענסטאָכאָווער יידישער קהלה, אויף וועלכן מען האָט אויפגעשטעלט די שול.

די דאזארעס האָבן אין ציטירטן בריוו באַוויזן אז דער פלאַץ פאַר דער שול (אויף דער נאדרזשעטנא־גאַס נומער 329א׳) געפינט זיך אויף דער מאַפּע פון דער שטאָט אַלט־טשענסטאָכאָוו, וועלכן דער געאמעטער (באָדן־מעסטער), שניידער האָט אויסגעמאָסטן אין יאָר 1809 (באַצייכנט מיטן נומער 2882) אויף אָט־דער מאַפּע איז באַצייכנט, אַז דער דאָזיקער פלאַץ איז דאָס אייגנטום פון דער טשענסטאָכאָווער קהלה.

לויט דער באַצייכענונג פון דאָזיקן געאמעטער איז דער פלאַץ „ברייט און לאַנג" ווי די נאדזשעטשנאַ גאַס ביז צו די ברעגעס פון טייך ווארטא און ביז צום פלאַץ פון דער שול וואָס געפינט זיך אונטערן נומער 283.

היות וועגן אָט־דעם ענין איז דאָ אַ מחלוקת („ספראווא־ספאָרנאַ") בעטן די דאזארעס צו באַשטימען אַ ביעגלי (געאמעטער־„ספעציאַליסט") וועלכער וועט געוויס באַווייזן אז די טענה פון דעם קריסטלעכן פארפאלק איז נישט קיין גערעכטע".

צוויי פּראָבלעמען: פּראָדוקטיוויזאַציע און געטאָ

אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון 19־טן יאָר־הונדערט זענען געשטאַנען פאַר די יידן אין פוילן צוויי פּראָבלעמען וואָס זענען געווען נוגע די יידן פון טשענסטאָכאָוו, די „הייליקע" שטאָט פאַר די קאַטאָליקן. די ערשטע פראַגע איז געווען: וואָס טוט מען מיט די יידן אין פוילן? צי ברענגען זיי נוצן אָדער שאָדן דער פוילישער ווירטשאַפט? צי קאָן מען זיי פּאָלאַניזירן? און די צווייטע פראַגע: צי איז נישט כדאַי אַז מען זאָל די נישט־ציוויליזירטע יידן איזאָלירן און זיי אַריינקוועטשן אין ספּעציעל פאַר זיי — געשאַפענע געטאָס?

אַ לאַנגע צייט האָבן זיך וועגן דעם געפירט דיסקוסיעס און דערביי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן שווערער גזירות פאַר יידן מצד די מאַכט־אָרגאַנען, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אויך אין טשענסטאָכאָוו.

די דיסקוסיעס וועגן יידישער „פּראָדוקטיוויטעט"

דער שרעקלעכער יידישער עלנד — אַ רעזולטאַט פון פוילישן פעאדאַל־סיסטעם, וואָס האָט אויך גורם געווען נישט־ווינציקער עלנד אויך פאַר די פוילישע פאָלקס־מאַסן, זענען

דאָס ביסל פאַבריקן וואָס זענען דאַן געבויט געוואָרן, געווען ווי אַ טראָפּן אין ים...

אין אַלע סיימעז פון יענער צייט און באַזונדערס אין ערשטן סיים פון קעניגרייך־פּוילן (זייט יאָר 1815), האָט זיך געפירט אַ שאַרפע דעבאַטע וועגן די מיטלען ווי אַזוי צו רעגולירן די יידן־פראגע.

אַלע פּוילישע פּאָליטיקער פון יענער צייט, האָבן געקוקט אויף די יידן ווי אויף פּאַראַזיטן. דאָס איז געווען דער איינציקער מאָסשטאַב ביים באַהאַנדלען די יידן־פראַגע אויך אין טשענסטאָכאָווער ראַיאָן... הגם, די רשימות פון די קהלה־מיטגלידער אין טשענסטאָכאָוו גופא (למשל: אין יאָר 1847) האָבן באַוויזן, אַז קנאַפּע 60% יידן זענען "בעלי־מלאָכות" און אַרבעטער ("וויראָבניצי") און אַז אין די דערפלעך אַרום טשענסטאָכאָוו (רענדזשיני, וואַנצעזשא און אַנדערע) איז געווען אויך אַגענוג הויכער פּראָצענט יידישע לאַנדווירטן און פאַכטער (פאַכטשיאַרזשעס). כדאַי צו דערמאָנען, אַז אין יענער צייט האָבן אין גאַנץ פּוילן יידן זיך פאַרנומען מיט מלאָכות, בלויז 36% פון אַלע יידן. נאָר 7,1/2% יידן האָבן געצויגן חיונה פון שענקערייַ, האָבן דאָך די אַנטיסעמיטן געמאַכט אַזאַ טומל!

די סטאַטיסטיק האָט באַוויזן אַז 4,25% יידן האָבן זיך אין גאַנץ פּוילן פאַרנומען מיט לאַנדווירטשאַפט און מילך ווירטשאַפט; 12,27% זענען געווען סוחרים; 12,1/2% — באַאמטע פון פאַרשידענע סאָרטן און נאָר 26,4% זענען געווען אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס און אָן פּרנסה, אָבער, דערבײַ, האָבן בלויז 1,27% זיך פאַרנומען מיט מעקלערייַ, נאַטירלעך זענען אויך אָט־די סטאַטיסטישע ציפערן, גלייך ווי אַלע אַנדערע פון יענע יאָרן אין פּוילן, נישט קיין גענויע. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זענען די יידן אין טשענסטאָכאָוו געווען מער פּראָדוקטיווער ווייל אין טשענסטאָכאָוו און אין איר סביבה האָבן שוין אין יאָר 1847 אָפּערירט גרויסע יידישע סוחרים און פינאַנסיסטן.

דער דאָזיקער מצב, מיינען מיר, איז אַ רעזולטאַט פונעם איינפלוס וואָס יידישע שפּינער און וועבער, וועלכע זענען געקומען פון שלעזיע — צום טייל נאָך פאַר דער פּרייסישער אָקופּאַציע — האָבן געהאַט אָן השפּעה אויף דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון טשענסטאָכאָווער יידן *

אויך אין דער פראַגע וועגן קולטורעלן צושטאַנד פון די פּוילישע יידן וואָס האָט אויך, אין יאָר 1816, אַרויסגערופן שאַרפע דעבאַטן אין סיים זענען די טשענסטאָכאָווער יידן געשטאַנען העכער פון די יידן אין אַנדערע פּוילישע קאַנטן, ווייל שוין אין יענע יאָרן זענען זיי געווען מער "וועלטלעכער" ווי זייערע ברודער אין אַנדערע ראַיאָנען אין פּוילן.

שוין אין אָנהויב 19־טן יאָר־הונדערט איז אין טשענסטאָכאָוו געווען אַ גרעסערע צאָל יידן, וועלכע, האָבן זיך געקענט חתמנען אויך פּויליש און אויך זיך גערופן מיט קריסטלעכע פאַרנעמען.

עס זענען אויך אין שטאָט געווען אַסך שטרענג־אָרטאָדאָקסישע יידן — חסידים, וועלכע האָבן נישט מסכים געווען צו קיין שום שינוי אין יידישן לעבנס־אָרט, בלויז מיט דער הילף פון דער מאַכט האָט זיי זיך איינגעגעבן צובאַקומען אַ שטיקל השפּעה אין די קהלה־ענינים.

עס איז געפונען געוואָרן פאַרצייכנט אַזאַ פאַקט:

---

* לויט ד"ר וו. גליקסמאן, וועלכער שרייבט אויך וועגן דער יידישער קהלה אין טשענסטאָכאָוו (זיין אַרטיקל — דרוקן מיר אין אונדזער ספר), קומט אויס, אויפן סמך פונעם קהלה־עטאט פון יאר 1856, אז צווישן די 340 עטאט־צאלער אין יענעם יאר זענען געווען אין טשענסטאכאוו: 22 שניידער, 12 גארבער, 1 טאבאק־סוחר (וואס האט אויך געשטאפט פאפיראסן), 2 וואטע־מאכער, 18 וועבער, 11 בעקער, 13 גאלדשמידן, 6 היטעל־מאכער, 2 שוסטער, 6 קצבים, 2 פארבער, 1 זשאקעט־שניידער, 4 בלעכער, 2 גלעזער, 2 סטאליערס, 2 זייגערמאַכער, 1 טאקער, 1 מעשנגיסער, 1 זייפנזידער, 1 רעסטאראטאר, 10 אונטערנעמער (גרעסערע בעלי־מלאכות און קליינע פאבריקאנטן). דאס הייסט 118 דירעקט־פראדוקטיווע עלעמענטן. א חוץ דעם זענען געווען נישט־הענדלערישע בעלי־מלאכות עלעמענטן: 1 מלמד (באקאלארזש), 3 ביטע־שרייבער, 1 פארטיער, 3 מוזיקאנטן, 2 פעלדשער, 1 לערער, 1 סופר, 4 פורמאנעס, 4 דיינים (וועלכע זענען באפרייט געווארן פון צאלן קהלה־עטאט) און אנדערע נישט־הענדלערישע שיכטן צווישן די פארמעגלעכע קלאסן. אחוץ זיי איז אויך געווען א גרויסע צאל (איבער 300) טאגלוינער און סאמע ארעמע עלעמענטן (וועלכע האבן קיין עטאט נישט געצאלט) אקעגן אט־דער צאל פון נישט־הענדלערישע עלעמענטן זענען אין טשענסטאכאוו דעמאלט געווען: 37 קרעמער, 81 הענדלער, 13 מעקלער, 18 הענדלער־פעדלערס (אויפקויפערס) 15 גרויסע סוחרים 10 קלענערע סוחרים, 25 געפירט פאַרשידענע מסחרים, 2 קאלעקטארס, 2 סובקאלעקטארס פון זיי 166 סוחריש־הענדלערישע עלעמענטן. אזא גרויסע צאל פון די טשענסטאכאווער יידן זענען געווען בעהאָוונטער אין וועלטלעכע ענינים אַסך מער ווי די יידן פון אנדערע געגנטן אין פוילן.

דער זון פון שווערענזענצער רב, ר׳ אברהם טיקטין (פרייסן) — ר׳ שלמה זלמן, האָט חתונה געהאַט מיט רחל, וואָלף לאַנדויס טאָכטער (די לאַנדויס האָבן געהאַט דאָפּעלע נעמען, ווי למשל, לאַנדוי־קראָנענבערג). ר׳ שלמה זלמן האָט געגעסן עטלעכע יאָר קעסט אין טשענסטאָכאָוו. אין יאָר 1810 איז אים געבוירן געוואָרן זיין זון גדליהו, (דער נאָמען פון זיין גרויסן זיידן) וועלכער איז, פונקט ווי זיין פאָטער, געוועזן פון די חשובסטע, אָרטאָדאָקסישע רבנים אין ברעסלוי.

הרב ר׳ אברהם טיקטין איז געווען דער ערשטער רב אין די נייע געביטן פון פרייסן און האָט געקאָנט האַלטן זיינע דרשות, אויך אין דער דייטשער שפּראַך.

אַלע טיקטינס האָבן געשטאַמט פון שטעטל טיקאָצין (נעבן ביאַליסטאָק) און זענען געווען שאַרפע קעמפער קעגן דער יידישער רעפאָרם־באַוועגונג.

פון דער משפחה לאַנדוי (הרב טיקטינס מחותנים) האָבן געשטאַמט עטלעכע וויכטיקע פערזענלעכקייטן פון יענער צייט — די צוויי באַרימטע בערלינער גינעקאָלאָגן, ד״ר לעאָפּאָלד און פּראָפ. טעאָדאָר לאַנדוי (ביידע זענען געבוירן אין ברעסלוי). זייערע קרובים זענען אויך געווען: די צוויי ברידער מאָשקאָווסקי (אלכסנדר און טעאָדאָר), באַרימטע אין דער דייטשער קולטור־וועלט, **אלכסנדר** איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1851 אין פּילץ (אַ קליין שטעטל אין פּוילן) **טעאָדאָר** — אין ברעסלוי, וווהין זייערע עלטערן זענען אַריבער אין יאָר 1853, **אלכסנדר** איז געווען אַ באַרימטער מוזיק־קענער און הומאָריסטישער שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר און **טעאָדאָר**, — אַ באַרימטער פּיאַניסט און קאָמפּאָניסט.

באַגרענעצונגען קעגן יידן אין טשענסטאָכאָוו

(לויט שימאַנסקיס פאָרשונגען)

אין זיין דערמאָנטער אַרבעט, ווייזט שימאַנסקי אָן, אויך אויף פאַרשידענע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון יידן אין טשענסטאָכאָוו ;

1. נישט־קאַטאָליקן און יידן בפרט, איז נישט דערלויבט געווען זיך צובאַזעצן אין געביט פון דער יאסנאַגורא, צוליבן קלויסטער וואָס איז דאָרט געווען.

2. אין ניי־טשענסטאָכאָוו "טשענסטאָכאָווקאַ" — לויט שימאַנסקי — איז זייט 1383 (פּאַקטיש, לויט אַנדערע קוועלן אַסך פריער), געווען אַן אייגנטום פון קלויסטער. אין די אַרכיוו־דאָקומענטן פון קלויסטער ווערן יידן נישט דערמאָנט. אויך אין די דאָקומענטן, זייט 1717 און 1800, ווען ניי־טשענסטאָכאָוו (טשנסטאָכאָווקאַ) האָט בהדרגהדיק באַקומען אַ טייל פון די שטאָטישע פּריווילעגיעס און איז אָנשטאָט פון אַ קאַשציאַל־דאָרף געוואָרן אַ קעניגלעכע שטאָט, רעדט זיך אויך נישט וועגן יידן.

לויט שימאַנסקיס פאָרשונגען, איז ערב דער פּאַראייניקונג פון די 4 טיילן שטאָט נישט געווען קיין איינציקער ייד אין טשענסטאָכאָווקאַ, אָבער דאָס איז נישט אין גאַנצן ריכטיק, דאָס זעען מיר פון די ציילונג־ציפערן וועלכע מיר ברענגען ווייטער. וואָס עס איז יאָ ריכטיק איז, אַז אין די טיילן טשענסטאָכאָוו וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיטן קלויסטער זענען די "מיעשטשאנעס" נישט געווען איבעריק "גאַסטפריינטלעך", צו יידן און זיי ווידער, די יידן, האָבן אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק, זיך צובאַזעצן, דוקא, נישט ווייט פון קלויסטער...

עס איז אויך נישט גענוי שימאַנסקיס פעסטשטעלונג, אַז אין די דערפער אַרום טשענסטאָכאָווקאַ זענען נישט געווען קיין יידן. שימאַנסקי אַליין שרייבט: "מען קאָן זיך בלויז אָנשטויסן אויף אַ גענוג געדיכטער נעץ פון אַרענדעס און קרעטשמעס ביי יידן. אָבער מיר האָבן נישט גענוג אַרכיוו־מאַטעריאַלן און היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן דעם".

אויך דאָס איז נישט גענוי, עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז געווען אַ גאַנץ געדיכטע נעץ פון יידישע לאַנדווירטן אין קאַנט, דאָס געפינט מען אין פאַרשידענע אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון דער לאַדזשער (פאַר יאַנואַר 1820 — **קאַלישער**) וואָיעוואָדסטווע בנוגע עטאַט־אָפּצאָלן פון יידן אין אַסך דערפער אַרום טשענסטאָכאָוו. אויך זעט מען דאָס פון די נעמען פון דערפער (ווי למשל: זשידאָוואָ און זשיטניאָווא) וועגן וועלכע מיר וועלן נאָך שרייבן).

אַלט־טשענסטאָכאָוו

דער קלויסטער גופא פון די פּאָולינער און די צוויי קאָשציאָלן אַרום דעם שטח, מיט אַ ריי ווירטשאַפטלעכע בנינים, איז אין די יאָרן 1620 ביז 1813 געווען אַ **פעסטונג** וואָס האָט געהאַט אַ מיליטערישע באַדייטונג, דאָרטן זענען אַ וודאי נישט געווען קיין יידן.

די קייט פון "אַסאַדעס" אַרום די צוויי שטעט און דעם קלויסטער זענען געווען קולע, זאַוואַדשיע, קאַמיען, אָסטאַטני־גראַש, סטראַדאָס.

בנוגע אַלט־טשענסטאָכאָוו שרייבט שימאַנסקי, אַז יידישע משפחות האָבן זיך דאָרט באַזעצט גענוג פריצייטיק. עס

איז שווער פעסטצושטעלן ווען עס זענען אהינצו געקומען די ערשטע יידישע משפחות, ווייל אין די היסטאָרישע מקורות זענען דאָ וועגן דעם ידיעות ערשט פון דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָר־הונדערט. לויט נישט גענויע סטאַטיסטישע צונויפשטעלונגען, קאָן מען אננעמען, אַז אין יאָר 1763 זענען דאָרט — אַפילו לויט שימאנסקין — געווען בערך 100 יידישע משפחות.

דאָס פּראָבלעם וועגן יידישע געטאָס

הגם, די פראַגע וועגן באַזעצן די יידן אין באַזונדערע געטאָס איז דערוועקט געוואָרן נאָך אין די צייטן פון נאַפּאָלעאנישן ״וואַרשעווער פירשטענטום״ (דער דעקרעט פון 16־מערץ 1809, וואָס באַשטימט אַז כדי צו פאַרמיידן דאָס קאָנצענטרירן זיך פון יידן אין דער הויפּטשטאָט, ווי אויך, כדי צו שיצן די איינוווינער פון אַנדערע שטעט פון שעדלעכע פאַלן וואָס זענען — ווי עס ווייזט אויס, געווען אַ פּועל־יוצא פונעם קאָנצענטרירן זיך פון יידן אין אַ קליינעם ווין־געביט).

אויך שפּעטער, דעם 27־טן מערץ 1817, האָט דער באַשלוס פון נאמיעסטניק וועגן אַראָפּרוימען די הילצערנע הייזער אין די גרעסערע שטעט אויך דערמאָנט וועגן באַשטימען אַן אָפּגעזונדערטן טייל פון דער שטאָט פאַר אַ יידישן קוואַרטאַל.

אין חודש אפּריל 1818 האָט דער פּרעזעס פון דער קאַלישער, וואיעוואָדישער קאמיסיע, סטאַניסלאַוווסקי (שפּעטער וואיעוואָדישער קאָמיסאַר פאַר וויעלונער ראַיאָן), געשיקט די אָפיציעלע פאַראָרדנונג פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר אינערלעכע און פּאָליציי־ענינים (ווייטער ר. נ.) פון צווייטן מארס 1818 אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז די רעגירונג וויל, אַז אין די שטעט זאָל מען **אפּזונדערן** די וווינונגען פון יידן — פון די קריסטלעכע.

שפּעטער האָט דער באַשלוס פון נאַמיעסטניק וועגן צעלייגן הילצערנע הייזער אין די גרעסערע שטעט אויך דערמאָנט וועגן אַן אָפּגעזונדערטן טייל פון דער שטאָט פאַר יידישע וווינונגען און בנינים.

וועגן דעם זענען נאָך ווייטער געווען פאַראָרדנונגען. — דער שלוס־אַקט וואָס רעגולירט דעם פּראָבלעם אין קעניגרייך־פּוילן (קאָנגרעס־פּוילן) איז געווען דער קייזערלעך־קעניגלעכער דעקרעט פון 25־טן אַפּריל (7־טן מאי) 1822.

אין חודש יאנואר פונעם יאָר 1823 האָבן די וואַרשעווער מאכט־אָרגאַנען ארויסגעגעבן נייע באשלוסן וועלכע האָבן געזאָלט חל־זיין אויך אויף טשענסטאָכאָוו. דער דעקרעט האָט פאַרויסגעזען, אַז אין איין שטוב טאָר זיך נישט אויפהאַלטן מער ווי איינע אָדער צוויי משפחות; דערביי זענען געגעבן געוואָרן דעפיניציעס ״פאמיליא״ (משפחה) און דירה. דער דעקרעט האָט פאַרפליכטעט אָפּצושליסן פאַרמעלע שכירות־אָפּמאַכן צווישן די לאקאטארן און די הויז־אייגנטימער. די אָפּמאכן האָבן געמוזט באַשטעטיקט ווערן דורכן בירגמייסטער אויף יעדן יאָר. דער דעקרעט האָט פאַרפליכטעט די שטאָט־פאַרוואַלטונג צו קאָנטראָלירן יעדעס יאָר דעם פאַקטישן מצב, ווי אויך, צי מען דאַרף נישט איינלייגן האַלב־חרובע הילצערנע הייזער, וואָס אין זיי האָבן בעיקר געוווינט יידן, ווייל אָט־די חורבות זענען עלול צו ברענגען צו קאַטאַסטראָפעס.

אָט־די פראַגע — ווי ס׳איז שוין אויבן געזאָגט — איז אויך באַהאַנדלט אין דעם דעקרעט פון נאַמיעסטניק, פון יאָר 1817.

וועגן אַ באַשלוס פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר אינערלעכע און פּאָליציי־ענינים, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן דעם אַדמיניסטראַטיוון־ראַט (פאַקטיש, רעגירונג) אין וואַרשע און קיין טשענסטאָכאָוו — שוין אנהויב מאי 1820 — און ווידער אַמאָל — אין יאָר 1822, האָט מען זיך אין טשענסטאָכאָוו דערוווּסט, לויט אַ דאָקומענט וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן בעתן באַזוך פון פּרעזעס פון דער וואיעוואָדישער (קאַלישער) ראדאשינסקי אָדער ראדאשימסקי וועלכער איז אין יאָר 1827 שוין געווען ״געהיימראַט״ (ראדצא־סטאַנו). מען דערציילט וועגן דעם דאָזיקן ראדאשימסקין, אַז זיין באַשלוס וועגן באַשטימען אַוווין רעוויר פאַר טשענסטאָכאָווער יידן, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט אין פּוילן, איז געווען אין איינקלאַנג מיטן פאראגראף 9 פון קייזערס דעקרעט (פון 25־טן אַפּריל 1822). דער קייזער האָט, אין־אָט דעם דעקרעט, באַפוילן צו פאַרעפנטליכן לויטן פאַרשלאַג פון ר. ק. (די פאראָרדענונג ווערט אויך גערופן ״נאוואסילצעווס פאראָרדנונג״).

אין איינקלאַנג דערמיט זענען טאַקע אין טשענסטאָכאָוו באַשטימט געוואָרן 4 גאַסן, אַלס ווין־קוואַרטאַל פאַר יידן, דהיינו די גאַסן: מאסטאווא, גארנציארסקא, נאדרז׳עטשנא, און סענאטארסקא.

״זיי פירן — זאָגט זיך אין דאָזיקן דאָקומענט — פון מארק אין די שול, וועלכע געפינט זיך אין דער אַלטשטאָט. דאָס אַלץ, אחוץ די הייזער און פלעצער, באַציי־

כנטע מיט די נומערן, 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 37, 38, 39, און 40. די אַלע הייזער געפינען זיך אין שכנות מיט דעם פּאַראַפיאַל־קלויסטער. היות דער גאַנצער ענין איז דעמאָלט נאָך נישט דורכדעבאַטירט און צוגעגרייט געוואָרן ווי עס דאַרף צו זיין, האָט די רעגירונג רעקאָמאַנדירט, ווי אמגיכסטן, אויסצואַרבעטן און אַריבערשיקן פּראַיעקטן און פּלענער וועגן אָפּטיילן די יידן פון די נישט־יידן אין די גרעסערע שטעט, ווי אויך פּרטים, וועגן דער צאָל יידן און קריסטן, וועגן די געמויערטע און הילצערנע הייזער, ווי אויך, וועגן די נישט־פאַרבויטע פּלעצער".

צו דעם צוועק האָט די רעגירונג אויך געפאָדערט דורכצופירן נייע באַפעלקערונגס־רעגיסטערן און זיי איבערשיקן אין משך פון 3 וואָכן קיין וואַרשע. עס האָט זיך גערעדט בלויז וועגן די "נאַציאָנאַלע" שטעט דהיינו, "פאַוויאַטאָווע" און אַנדערע וויכטיקע שטעט אין וועלכע יידן וווינען שוין און אין וועלכע זיי וועלן וווינען, אויב דאָס איז נישט קעגן די פאַרשריפטן וועלכע פאַרפליכטן די דאָזיקע שטעט.

דאָס האָט אויך נוגע געווען טשענסטאָכאָוו.

גלייכצייטיק האָט מען פאַרקלענערט די צאָל דערלויבענישן פאַר נייע יידן זיך צובאַזעצן אין טשענסטאָכאָוו.

דער בירגערמייסטער און דער מוניציפּאַל־אַמט האָבן זיך נישט געאַיילט צו ענטפערן. ערשט נאָך אַ שאַרפער דערמאָנונג פון 11־טן יוני 1821 אין וועלכער מען האָט געפאָדערט אַ תשובה אין משך פון 8 טעג, האָבן די אויבן־דערמאָנטע אַמטן אַרויסגעשיקט די געפאָדערטע תשובה, וועלכע האָט באַטאָנט, אַז די מוניציפּאַלע אינסטאַנצן האָבן בכלל נישט קיין גענויע ציפערן וועגן דעם, וויפל יידן און קריסטן זענען דאָ אין טשענסטאָכאָוו, באַצייכנדיק, אַז יידן זענען דאָרט דאָ מער ווי קריסטן, זיי פאַרנעמען די בעסטע הייזער וואָס זיי האָבן אין מאַרק און אין אַנדערע גאַסן, אָט־די הייזער האָבן זיי בירושה אָדער זיי באַקומען פאַר די נישט־באַצאָלטע היפּאָטעק־הלוואות. אין זיין תשובה האָט דער בירגער־מייסטער פאָרגעלייגט אז די יידן וועלכע וועלן מסכים זיין זיך "ציוויליזירן", זאָל מען דערלויבן ווייטער וווינען צווישן קריסטן. די אַנדערע, וועלכע וועלן דאָס נישט טון, זאָלן מוזן וווינען אין אַן אָפּגעזונדערטן קוואַרטאַל ("געטאָ") אויף דער נאַדרזשעטשנא גאַס, אויף וועלכע זיי האָבן אויך זייער שול (בית־כנסת).

פון דער ווייטערדיקער קאָרעספּאָנדענץ ווייזט זיך אַרויס, אז די ר. ק., וויסנדיק, אַז יידן זענען אַריינגעדרונגען אין די ערטער מיט דער דערלויבעניש פון דער פריערדיקער (פרייסישער) רעגירונג, ווי אויך פון געוויסע מאכט־אָרגאַנען פון וואַרשעווער פירשטנטום, האָט זי געפאָדערט מען זאָל איר מעלדן וועגן דער צאָל יידישע משפחות וועלכע וווינען אין דער שטאָט און איר שיקן קאָפּיעס פון זייערע דערלויבנישן דאָרט צו וווינען, ווי אויך אַ פּראָיעקט וועגן דעם רעוויר ווו מען וועט אָפּזונדערן יידן פון קריסטן.

דאָס איז געווען אַ פועל־יוצא פונעם בריוו, וואָס טשענסטאָכאָווער קריסטן האָבן געשריבן צו דער ר. ק. דעם 21־טן אויגוסט 1821 און אין וועלכען זיי האָבן געבעטן הילף, כדי צו רעגולירן די ענינים פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. דעם 15־טן מאי 1822 האָט דער מוניציפּאַל־אַמט — פאַררופנדיק זיך אויף אַ פאַראָרדנונג פון די העכערע אינסטאַנצן — רעקאָמענדירט דער קהלה־פאַרוואַלטונג (דאזאר־בוזשניטשי), אז ער זאָל אויסרופן אין דער שטאָט־שול, אז יעדער ייד איז מחויב אין משך פון 3 טעג פאַרצולייגן אינעם ביוראָ פון שטאָט־אַמט יורידישע באַווייזן, וועלכע באַשטעטיקן זיינע רעכט צו וווינען אין דער שטאָט, פאַר נישט אויספירן דעם דאָזיקן באַפעל אין דעם באַשטימטן טערמין, דראָט אַ שטראָף אפילו ביזן אַרויסטרייבן פון דער שטאָט.

אויך דער הויפּט־פּראָקוראַטאָר האָט דעם 15 אַפּריל 1823 פאַראָרדנט דורכצופירן דאָס ארויסטרייבן די יידן פון "אַלט־טשענסטאָכאָוו".

אָבער, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט, האָט מען אויך אין אַלט־טשענסטאָכאָוו נישט פאַרווירקלעכט די פאַראָרדענונגען בנוגע אַרויסטרייבן די יידן פון דאָרט. אַ חודש נאָכן פאַראייניקן אַלע טיילן פון שטאָט (דעם 19־טן סעפּטעמבער 1826) האָבן יידן, וועלכע עס האָט געדראָט דער גירוש, אַפּעלירט צום קאָמיסאַר, וואָס וואַרשע האָט דעלעגירט אין וויעלונער ראַיאָן, וועגן דעם ענין. אָט־די יידן, האָבן געטענהט, אז זיי האָבן די גאַנצע צייט געטראָגן די קריגס־לאַסטן, עטלעכע פון זיי האָבן אפילו דאָ אומבאַוועגלעך פאַרמעגן, אַנדערע פון זיי, האָבן באַקומען פאַרשידענע קאָנצעסיעס און זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויפן מוניציפּאַל־אַמט, פאַרוואָס ער פאָדערט, אז זיי זאָלן אַרויס פון דער שטאָט, צוזאַמען מיט די ניי־אָנגעקומענע.

דער דעלעגירטער קאָמיסאַר האָט אָפּגעשטעלט דעם גירוש פון די דאָזיקע יידן, מאָטיווירנדיק זיין באַשלוס

דערמיט, אז אַט־די יידן צאָלן דאָך שטייערן סיי — פאַר דער צענטראַל־רעגירונג און סיי פאַר דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. ער האָט דעם ענין אַריבערגעשיקט צו די העכערע אינסטאַנצן, כדי זיי זאָלן ענטגילטיק באַשליסן וועגן דעם ענין. דער ווייטערדיקער פאַרלויף פון דער זאַך איז נישט באַקאַנט, אַבער, עס דאַכט זיך, אַז טשענסטאָכאָווער יידן האָבן בכלל נישט פאַרלאָזט מאסנווייז די שטאָט.

פון דער צווייטער זייט איז שפּעטער אינגאַנצן אפּגעשטעלט געוואָרן די מעגלעכקייט פון אַריינדרינגען פון יידן קיין טשענסטאָכאָוו, אַ סימן דערצו איז, אז אַפילו בורשטינסקי — אַ לערער און שפּעטער אויך סעקרעטאר פון דער קהלה, ווי אויך איצעק (בצען) — אַ געבוירענער אין טשענסטאָכאָוו, וועלכער איז אין דער צייט פון די גירושים געווען אין פראשקע, אָדער, אברהם ראַמאָווער, וועלכן מען האָט אַרויסגעטריבן פון דער גמינע וויטשערפּי — אָט די אַלע און אויך אַנדערע, האָבן אין דאָזיקן יאָר נישט באַקומען קיין דערלויבעניש זיך צו באַזעצן אין טשענסטאָכאָוו.

נאָכן דורכשטודירן די לאַגע ווייזט זיך אַרויס, אז "אין די גאַסן (איבערן טייך) וועלכע נעמען אַרום אַ העלפט פון דער שטאָט, האָבן זיך געפינען בלויז פאַבריקאַנטן און בעלי־מלאָכות וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין אַ סך וואַסער צו זייער אַרבעט, למשל; גאַרבער, פאַבריקאַנטן פון לעפלען, שמידן און "טעפּער". עס איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן אז אין יידישן קוואַרטאַל (געטאָ) האָבן געפעלט פרייע פּלעצער צום ווייטערדיקן בוי.

היות עס איז שווער געווען אַריינצושטופּן אַלע יידן אין תחום פון דעם פאַר זיי באַשטימטן קוואַרטאַל, האָט דער מאַגיסטראָט פאַרגעלייגט, אז מען זאָל פאַרגרעסערן דעם תחום פון דעם געטאָ אויך אויף אָט־דעם טייל שטאָט וועלכער הייסט "ניי טשענסטאָכאָוו", אויסשליסנדיק פון אים בלויז די "מאַריא־אַלעע", ווי אויך דעם נייעם מאַרק (נעבן דער אַלעע). דער מאַגיסטראַט האָט אויך דאַן פעסטגעשטעלט אז די נאדרזשעטשנע־גאַס, טויג נישט צום בוי, ווייל דער באָדן איז דאָרט נידעריק און בלאטיק, דאָקעגן די גאַסן טארגאווא און וואַרשאַווסקא זענען נאָך אינגאַנצן פּוסט.

היות אַלע פּראָיעקטן וועגן "יידישע געטאָס" זענען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, האָט מען דערלויבט יידן אין אַלע שטעט פון פּוילן (דאַרונטער, אויך אין טשענסטאָכאָוו) צו וווינען אומעטום, אָבער, נאָכן אָפּהיטן געוויסע באַדינגונגען.

מחוץ דעם געטאָ מעגן יידן־הויז־באַזיצער, וווינען, בלויז, אין הילצערנע הייזער אין משך פון 5 יאָר, אָנהויבנדיק פון 1־טן יולי 1829, אין זייערע הייזער. אויב זיי האָבן ברוחדיקע הייזער, מעגן אין זיי וווינען אויך קריסטן, הילצערנע הייזער האָט מען געמוזט צעלייגן. אַ ייד וואָס האָט אויפגעבויט אַ הויז האָט — לויט דעם באַשלוס פון די באַטרעפנדיקע אינסטאַנצן — געהאַט דאָס רעכט דאָרטן צו וווינען, אָט־דער באַשלוס איז געווען אַ שטויס־קראָפט פאַרן אויפבוי פון דער שטאָט.

דער פּראָיעקט האָט געדאַרפט רעאַליזירט ווערן, שפּעטסטנס אין זומער 1834, אָבער, דערווייל, האָבן זיך די זאַכן געענדערט, עס איז אויסגעבראָכן דער נאַציאָנאַלער־אויפשטאַנד אין 1831 וועלכער האָט דערנאָך געענדערט די פּאָליטיש —ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען אין לאַנד. דער ענין האָט זיך ווידער אפּגעשלעפּט אויך מצד די יידן וואָס האָבן געהאַט אַ סך ספיקות. דעם 13־טן יאַנואַר 1833 האָבן צוויי יידן, מענדל האַראָוויטש און יאָאַכים בריל, אויסגעדריקט זייערע ספיקות צו די סטארא־קראַקאָווסקא גאָס איז אויסגעשלאָסן פונעם געטאָ. דער שטאָט־ראט האָט דעם ענין קאָנטראָלירט און פעסטגעשטעלט, אז די אויבנדערמאָנטע גאָס גייט נישט אַריין אין געטאָ־רעוויר, די צוויי דאָזיקע יידן האָבן אַ פּנים מיט זייער אָפּעלאַציע ארויסגערוקט אן אַלגעמיין־יידישע פראַגע און נישט בלויז אַ זאַך, וואָס איז נוגע בלויז זיי פּערזענלעך.

אויך די כאָליערע־עפּידעמיע וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט אין גאַנץ פּוילן (און באַזונדערס — אין די יידישע קוואַרטאַלן) איז אויך געווען אַ גורם מבטל צו מאַכן דעם פּלאַן. די קריסטלעכע שטאָט־פירער האָבן פאַרשטאַנען, אז אויב מען וועט די יידן ווייטער האַלטן אין זייערע ענגע שמוציקע קוואַרטאַלן, וועט זיך די מגיפה נאָך מער פאַרשפּרייטן. חוץ דעם האָבן די קריסטלעכע בעלי־בתים אין פאַרגעשלאגענעם רעוויר פאַר דער געטאָ געטענהט, אז זיי וועלן רואינירט ווערן, אויב מען וועט פאַרווירקלעכן דעם פּראָיעקט, ווייל די פּרייזן פון זייערע אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס אין אַלט־טשענסטאָכאָוו זענען געפאַלן מיט אַ דריטל פון פריערדיקן פּרייז. זיי האָבן זייער ווענדונג געמאַכט דעם 24־טן יאנואר 1833. אַפּאַר וואָכן שפּעטער, האָט זיך דער זעלבער ר. ק. אין וואַרשע, געווענדעט צו דער קהלה־פאַרוואַלטונג און גלייך ווי די קריסטליכע בעלי־בתים, האָט זי אויך געפאָדערט אָפּצולייגן דעם איבערפירונגס־טערמין אויף נאָך 6 יאָר, מאטי־

ווירנדיק דערמיט, אַז דער אויפשטאַנד פון 1831 האָט פאַר־האַלטן די צוגרייטונגס־אַרבעטן.

די שוועריקייטן צו פאַרווירקלעכן דעם געטאָ־פּלאַן איז נישט געווען אַ באַזונדערע דערשיינונג פאַר טשענסטאָכאָוו אַליין. דאָס איז געווען אַ טיפּישע דערשיינונג פאַר גאַנץ פּוילן. די יידישע און די נישט־יידישע אַרגומענטן זענען געווען געגנוג איבערצייגנדיק און דערפאַר האָט די ר. ק. אפגעשטעלט דאָס אויספירן פון "געטאָ"־באַשלוס.

וועגן דער דאָזיקער גזירה האָט זיך "דערמאָנט", דער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער. דעם 7־טן (19) סעפּטעמבער **1848 האָט ער דערלויבט יידן צו וווינען צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג נאָר בתנאַי, אַז יעדער פון זיי מוז פאַרמאָגן לפחות 1500 רובל, ער דאַרף קענען לייענען און שרייבן (פּויליש אָדער אין אַן אַנדער לשון), ער מוז שיקן זיינע קינדער לערנען אין עפנטלעכע שולן און טאָר נישט טראָגן קיין יידישע מלבושים אָדער באַזונדערע אָפּצייכונגען. די באַנקירן און די גרויסע יידישע סוחרים האָט דער צאַר ניקאָלאַי דערלויבט וווינען אויך אין די הויפּט־גאַסן פון אַלע שטעט.**

ווי באַוווּסט האָט מען דעם "יידישן" רעוויר פ אַ ר מ ע ל איינגעפירט דעם 23־טן אַפּריל 1828.

פאַרן איינפירן דעם געטאָ האָט די "סעקציא־פאַבריטש־נא" (פאַבריקן־סעקציע) פון אַדמיניסטראַטיוון דעפּאַרטאַ־מענט פון דער קאַלישער וואיעוואַדישער קאָמיסיע באַ־האַנדלט דעם פּראָיעקט און האָט איבערגעשיקט, דעם ערשטן מאַרס 1828, צו דער ר. ק. אין וואַרשע אירע פאַרשלאָגן.

אין וואיעוואדישן מעמאָראַנדום דערמאָנט מען, אז אין דער שטאָט האָבן שוין דעמאָלט געוווינט געגנוג יידן.

נישט רעכענענדיק זיך מיט די באַגרענעצונגען פון יאָר 1849, האָבן קריסטלעכע און יידישע מייסטער געבעטן ביי דער מאַכט זיי צודערלויבן זיך באַזעצן אין טשענסטאָכאָוו דעם וויעלונער טאָקער, שאַיאַ מאָסקאָוו (ער איז געווען דער ערשטער טאָקער אין טשענסטאָכאָוו און איינער פון די גרינדער פון דער שפּילצייג־אינדוסטריע אין שטאָט).

יידן און נישט־יידן האָבן זיך זער באַמיט פאַר אים; ווייל ער האָט געלערנט טאָקעריי אין דייטשלאַנד און איז געווען אַ גרויסער מומחה און די אַנדערע מייסטערס האָבן אים נויטיק געהאַט, כדי זיך ביי אים לערנען דאָס פאַך.

שיקאַנירט און באַקעמפט דורך די פּוילישע "מיעשטשאַ־נעס" האָבן יידן זיך געקלאַמערט מיט די נעגל אין דעם פּראָספּערירנדיקן שטח פון טשענסטאָכאָוו, זיי האָבן גע־בויט פאַבריקן, גרויסע און קליינע וואַרשטאַטן און קליינע וואַרשטאַטלעך, זיי האָבן געקויפט פּלעצער, עס האָט זיי דערצו באַוויגן דער אַלטער טיפי־שער יידישער בטחון און זיי האָבן טאַקע גוט געטון וואָס זיי האָבן אויך געקויפט פּלעצער, די שטאָט האָט זיך שטורמיש אַנטוויקלט און די פּלעצער זענען געשטיגן אין זייער ווערט. אויך די הכנסות פון קאַפּיטאַל וואָס איז אינוועסטירט געוואָרן אין די פאַבריקן האָט געבראַכט גרויסע רווחים, וואָס אַמאָל מער.

וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי און האַנדל זענען דאָ די פּרטים אין "ווירטשאַפטלעכן מדור" פון אונדזער ספר.

יידן האָבן זיך געריסן צו דער גאַרנצאַרסקאַ גאַס, נאָך דעם צו דער סענאַטאָרסקאַ און צו דעם מאַרק (אַלטער מאַרק אין דער אַלט־שטאָט) אַמווייניקסטן "באַליבט" זענען געווען די גאַסן: קאַזשיאַ, מאַסטאַוואַ, און טאַרגאַוואַ אין משך פון דער צייט זענען אָבער אויך די גאַסן געוואָקסן אין זייער ווערט.

פריער האָבן יידן געקויפט באָדן אויף דער סענאַטאָרסקאַ גאַס — דערנאָך אויך אויף די גאַסן מאָסטאָוואַ, מאַרק, נאַדר־זשעטשנאַ און אין די שכנותדיקע גאַסן... בעת יידן האָבן געקויפט פּלעצער פון קריסטן האָבן זיי באַצאָלט בילִיקע פּרייזן, ווייל די קריסטלעכע אייגנטימער האָבן געוואָלט פּטור ווערן פאַר יעדן פּרייז פון די פּלעצער, צוליב די קלאַנגען, אַז אָט־אָט פירט מען אַרויס די קריסטן בכוח פון זייערע הייזער וועלכע געפינען זיך אין פּלא־נירטע אָרט פאַר די יידן און דאָך דאָרט איינפירן דאָס שוין פון לאַנג באַשטימטע יידישע געטאָ.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז אין די 60־קער יאָרן, אויפסניי, אויפגעשווימען די פּראָגע וועגן אַ "יידישן געטאָ" באַזונדערס, אַ קורצע צייט פאַרן אויסברוך פון אויפשטאַנד אין יאַנואַר 1863.

די ביוראָקראַטישע מאַשין, וועלכע האָט כסדר געאַרבעט פּאַמעלעך־פּאַמעלעך האָט זיך אויך אַ ריר געטון...

אין יאָר 1860 האָט זיך דער "נאַטשעלניק־פּאוויאַטו" דער־מאָנט אין דעם ענין און שטיצנדיק זיך אויף די פריערדיקע פאַראָרדנונגען, האָט ער אָנגעהויבן ווייטער זאַמלען מאַטע־ריאַלן בנוגע פאַרגרעסערן דעם רעוויר פון "יידישן געטאָ"; די קהלה־פאַרוואַלטונג אין טשענסטאָכאָוו האָט זיך צוליב דעם געוואַנדן, דעם 16־טן (22) יאַנואַר 1860, צו דער

וואַרשעווער רעגירונג מיט אַ פּעטיציע איך וועלכער זי האָט געשריבן: ״דער היגער מאַגיסטראַט רודפט שוין זינט עטלעכע הדשים 84 יידישע משפחות (וועלכע ציילן מער ווי 500 נפשות), אז זיי זאָלן פאַרלאָזן זייערע דירות, פּלעצער און אריבערגיין אין געטאָ־רעוויר, דער מאַגיסטראַט איז פעסט איבערגעצייגט, אז דאָרט איז נישטאָ קיין שום פריי אומפאַרבויט ווינקל און ער ווייסט, אז אַלע פרייע פּלעצער זענען שוין זינט יאָרן פאַרבויט און אז דאָס אריינשטופן אָט די 84 משפחות אין דאָזיקן ענגן שטח איז איבער די מענטשלעכע מעגלעכקייטן״...

ווייטער — באַצייכנט די קהלה־פאַרוואַלטונג — ״אז די פאַראָרדנונג פון יאָר 1829 אין די פראַגע פון אַ באַזונדערן רעוויר פאַר יידן וואָס דאַרף אַרומנעמען אַ פּאָר גאַסן און אַ טייל פון ״אַלטן מאַרק״ איז קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווייל מען האָט דאָס דורכפירן — אין זיינער צייט — אפּגעלייגט. אחוץ דעם האָט מען אין יאָר 1853 דערלויבט דעם ייד סאָלאָמאָן רייכער עפענען אַ געוועלב — אפילו ביי דער מאַריאַ־גאַס, ווו עס האָט ביז דעמאָלט קיין שום ייד נישט געוווינט — ווייטער ווייזט דער ׳דאזאר־בוזשניטשי׳ אַן ״אויף דער טרויעריקער מאַטעריעלער און מאָראַלישער ירידה פון איבער 100 יידישע און קריסטלעכע משפחות, וואָס וווינען דאָרט, ווי אויך אויף דער סכנה פון פאַרברייטערן זיך עפּידעמישע קראַנקהייטן (טיפוס און כאָלירע), אויב מען וועט פאַרווירקלעכן די פאַראָרדנונג פון מאַגיסטראַט״.

עס זענען נישטאָ קיין דאָקומענטן וועגן ווייטערדיקן פאַרלויף פון ענין, אָבער עס ווייזט אויס, אז מען האָט די ״גזירה״ ווידער אָפּגעלייגט...

ש. ספּיוואַק

א בלעטל געשיכטע וועגן דער טשענסטאכאווער קהילה אין פו״טן יאר הונדערט

יידישע פרנסות אין יענער צייט

דאָס לעבן פון דער טשענסטאָכאָווער קהילה אין יענער צייט האָט זיך געפירט אָן באַזונדער מכשולים. די צאַרישע מאַכט האָט — ווי איר שטייגער — געדריקט און געמאַכט פאַרשידענע שוועריקייטן, אָבער אחינו בני ישראל האָבן תמיד געפונען כל־מיני עצות שוואַכער צו מאַכן די גזירות און פאַרזיכערן זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ. צווישן זיי זענען אויך געווען עטלעכע יידן וועלכע האָבן זיך געעפנט מאַגאַזינען צום פאַרקויפן נאַפט, הגם, דערצו איז נויטיק געווען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, זיי האָבן געפונען שתדלנים פאַר דער זאַך סיי אין פּיעטריקאָוו און אַנגעשפּאַרט אַזש ביז וואַרשע, ווו עס האָט זיך געפונען די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען, אָבער זיי האָבן זייערס אויסגעפירט און די נויטיקע דערלויבעניש באַקומען.

״פּריזיוו״ צרות

באַזונדערס גרויס זענען אין יענער צייט געווען די צרות מיט די יידישע יונגעלייט, וועלכע, האָבן זיך נישט געשטעלט צום ״פּריזיוו״ (איבערהויפּט אין די יאָרן 1896—1898), די יידן האָבן נישט געהאַט קיין איבעריק חשק צו דינען ״פאָניען״ און אָפּגעריסן ווערן פון זייערע פאַמיליעס אויף עטלעכע יאָר.

די רוסישע מאַכט האָט אויף די משפחות פון די דאָזיקע ״מיליטער־פליכטיקע״ וואָס האָבן זיך נישט צוגעשטעלט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף פו 300 רובל — דאָס איז דעמאָלט געווען אַ גענוג גרויסע סומע, וואָס אַסך פון זיי, זענען, בכלל, נישט געווען אומשטאַנד צו באַצאָלן.

אַ רשימה פון באַשטראָפטע יידן

צווישן די געזוכטע און באַשטראַפטע (פון יאָר 1898) געפינען מיר די נעמען: אלטמאַן, בונשטיין, אמסטערדאַמער, הויפּטמאַן, קארפּעל, סאלניצקי, גאָלדבערג, ניימאַן, טשענסטאָכאָווסקי, לעווקאָוויטש, בעסער, פרענקל, גרינשטיין, ליקיערניק, פּאַסטערנאַק, פורמאַן, זשימנא־וואָדא,

קאַלינאַז, קאַלין, בוכמאַן, ראַטנער (דער ערשטער — פון גראַבאָווקא און דער צווייטער — פון זשדזשעבאַוו), בראַון, ריקמאַן, באַכנעק, מורשטיין, מילשטיין, פריימאַן, ראָזנצווייג, ניימאַן (פון בוקאָוונאָ) און נאָך אַנדערע.

צי די דערמאָנטע האָבן זיך צום סוף געשטעלט צום פּריזיוו, אָדער, צו זיי האָבן באַצאָלט די אַרויפגעלייגטע אויף זיי שטראָף קאָן מען זיך נישט דערוויסן פון די דאָקומענטן. איינס איז אָבער באַוווּסט, אַז אַ סך פון זיי האָבן געבראַכט "אָרעמקייטס־צייגנישן" און האָבן די שטראָף נישט באַצאָלט.

איינער, אַ געוויסער שטיקגאָלד, האָט שריפטלעך פּראָטעסטירט און געטענהט: סטייטש? פאַרוואָס זאָל איך צאָלן פאַרן ברודער? צי קאָן איך אים היטן און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין נישט שטעלן זיך צום פּריזיוו?

דאָס לעבן האָט זיך ווייטער געפירט ווי געוועזן.

די ערשטע מייסדים פון דעם בית הכנסת

אין יאָר 1787 האָבן 5 יידן מיט די נעמען מאַרקוס, געניק גראַנדשטיין, קאָן און בערמאַן געבעטן אַ דערלויבעניש צו בויען אַ שול (בית הכנסת) אין טשענסטאָכאָוו אין רייכערס הויז פאַר 300 מתפללים פון 65 משפחות. זיי האָבן זייער ביטע מאָטיווירט מיט דעם אין די ימים נוראים פעלן פלעצער פאַר זייערע מתפללים אין די איבעריקע בתי תפילה. ווען און צי אַז זייער ביטע דערפילט געוואָרן איז אין די געפונענע דאָקומענטן נישטאָ קיין צייכן.

אַ רשימה פון די קהלה מיטגלידער פון יאָר 1836

אין די אַרכיוון, וואָס זענען פאַרבליבן פון אַמאָליקע צייטן, האָבן מיר געפונען פאָלגנדיקע רשימה פון טשענסטאָכאָווער מתפללים פון יאָר 1836.

מיר האַלטן אַז עס איז כדאי די דאָזיקע רשימה אָפּצודרוקן אין אונדזער "ספר־הזכרון"! עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז צווישן דער שארית־הפליטה פון טשענסטאָכאָווער יידן געפינען זיך אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון די דאָזיקע מתפללים.

עס איז אַ רשימה פון מענטשן וועלכע האָבן אין יאָר 1836 געהאַט שול־פּלעצער ("שטעט") אין בית הכנסת און מיר גיבן זי, אָן שום ענדערונגען:

שטראַנבערגער־געזעל (טשעלאַדניק), מיכטער ליפּמאַן, געזעל, פאַלעטשענגער לעוועק, טוראַמיטש יעקב, קאַמינסקי אברהם (פון רענדזשיני), מרוווקא יצחק, געק וואָלף (פון רובאַנקא), בראַניאַטאָווסקי מענדל, קראַקאָווער בירד, גראָמאַן הערש, מינטקיעוויטש אַברהם, מאַרטאַניטש אָסקאַר (איסר), שפּיעוואַק חנא, שוואַגיער, שלאַסבערגער, בערמאַן (וועבער), ווינער, וואָלף, ספר שמעון (פון רענדזשיני), טשישעווסקי לעוועק, אבטאַן משה, ווייסבלום העגנעך, אייזן לייזער, ביעגון לעוועק, האַמבורגער יאָאַכים, טשאַמסטין לעוועק א.א.וו.

וועגן דעם, האָבן אין יאָר 1842, געמאָלדן די דאַזאַרעס ברעשל, צינא ווינער, זיידעמאַן (עס איז אונטערגעשריבן אויך דער סעקרעטאַר בורשטינסקי).

ביי דער ליציטאַציע וועגן פאַרקויפן שול־פּלעצער ("שטעט") האָבן זיך באַטייליקט: י. זילבערשטיין, א. מ. ליבערמאַן, יוסף אַלטמאַן, יוסף־לייב יונגערמאַן, ריפּסט, טונדער, ס. קאַלכי. דער מינימום פון דער ליציטאַציע איז געוועזן 250 רובל. באַקומען האָט זיך 310 רובל מיט 25 קאָפּיקעס.

איינער, יחיאל גאָלדבערג פון רענדזשיני, האָט אַריינגעטראָגן אַ "פּרעטענסיע" וועגן דעם וואָס מען האָט אים איבערגעפירט אויף אַן אַנדער "שטאָט".


אונטערגעשריבן אויפן דאָקומענט זענען, חוץ דעם טשענסטאָכאָווער שטאָט־פּרעזידענט, ה. טשאַפּקין, אברהם טשאַפּקין, י. טורנבערג, מ. זאַלמענאָוויטש, ז. פּרעסנא, י. פעלץ, צ. מיענטקעוויטש, י. קויפּמאַן, יענקל קויפּמאַן, אברהם קאַזאַק, יאַנקל רייוואַ(?), א. קרומף(?), פ. זיידמאַן, ח. גרינפעלד, י. גלאַזסזאַן, א. גראַבינער, י. ווינדמאַן, מ. בירנגאַזש, מאיר באַם, קאַץ, משה קילא, א. בערפלער (בעל־פער?), אברהם גאָלדשטיין, ה. העלמאַן, י. הערץ, איצקאָוויץ, ק. שטשופּאַק, י. עלמאַן, א. ל. געלער, ק. געלער, א. ניוויעלע, גאַטווינער, ד. זעליקאָוויטש, וו. קאַפּניצקי, נ. נאַמאַן, ט. ווייזנבאַרטער, יאָרעצט, מ. פייגנבוים, מ. איסר, י.ל. שין, א. וואַרשאָווער, ל. כרמי, ג. וועלגראַם, ל. קאַש, ד. קאַפּינסטער, ז. שווידערסקי, ד. בראַקמאַן, ב. גלינסמאַן, ד. מאַשקאַווסקי, י. מאַיאַרעס, אהרן אלטער, מ. בראַקמאַן, ק. כ״ץ, ח. ראַנעצקי, קאַניעצפּאָלסקי, י. הערץ, ד. יערקאָוויטש, העלד, קאַלמעס, רעבקאָוויטש, פּערן, מ. קאַמיניכאַק, אהרן גאָלדשטיין, ק. לעווענקאָפּ, מ. טאָלער, מאַריץ עפּשטיין, ח. זשעלאַנקע, ה. זשעלאַנקע, י. מ. ליינטאָפּ, נ. קייזער, י. שיינפעלד, ח. פּאַדעמביץ, ר. ווישליצקי, ג. וויינגלעס, אליהו נאַזעאַן, ח. ג. מאַנוטאָווסקי, יעקב גאָלדמאַן, ל. לעדערמאַן, טיינפּוס, פּירענפּלעכט, ס. טענענבוים, ה. זעלינמאַן, עזרא

קליסער, מענדל אבראַמאָוויטש, העינריק זאמסקי, ט. טעפּער, פּרץ ליפּא, מינצער, שלמה וועלער, מענדל רעוואליא, דוד גרעשל, י. טשענסטאָכאָווסקי, דיאמאנט, לערשטאל, ריט־ניצקי, זארגער, לערנער, ד. שטיין, ל. לאנדוי, נ. נינבערג, מ. פּאטאשעוויץ, ס. לוסעק, ט. רעפּוק, ע. בירמאן, פּערוועט אַלטער, מיכאל פראן, י. שטאך, מ. יאסקין, זעליק ליכטער, ישראל מארינאָוו, אלטהעלף, מ. שפּיעוואק, אלתר קארנבוש, אהרן טראיאקאָווסקי, ג. יאפּאָוויטש, א. לעווקאָוויטש, סלא־מקא, סלאדין, ח. שאניטשעשיא, יוסף בעהם, פייסבערג, א. י. גאָלד, וואָלף שפּיגלמאן, ה. שטייניץ, מ. טשענסטאָ־כאָווסקי, אַלטער גרינבוים, ס. וועלער, י. שוואַרצבוים, ח. שדכן, איזידאָר ריכטער, וואָלף שייקעוויטש, מ. לודאָוויעץ, ה. בירמאן, ס. ווינאָווער, מ. העניג, דוד פּענצער, י. גלא־זילעד, נ. שייקעוויטש, מ. ראזנזאפט, י. בורשטין, ה. גרינ־בוים, ד. ביבער, ל. העלקאן, מ. רוזשעוויטש, ד. הערש, צ. פּאטאשעווסקי, ר. פיינטאל, מ. פרענקל, ל. בלומענטאל, אלקסנדר דרעער, אדערבערג, וואָלף שאַיאַ, ה. זאלץ, ה. העלפּער, שמואל וויערזשביצקי, ס. מאטישויק, מארקוס גראדשטיין, מ. מאלינעק, א. גאנזווא, ג. בריגל, יעקב באַ־כענענעק, יענקל דודאָוויטש, נ. פרייערמאַן, י. ראַפאַלאָ־וויטש, חיים ווייסמאן, שמואל טאנץ, מענדל אַלטער, ר. ה. טרוסקילאסקי, יעקב גאטיינער, ב. בעטקער, מ. פלאוונער, יצחק שור, מנחם שיין, אלי פויערספוס, בערמאן, לאנדוי, י. טשענסטאָכאָווסקי, קאַקעל, זשעלאָווע, שמואל עזריאל, יאַסקע קאלין, א. טרייבוים, פ. טרייבוים, מ. יאַשקאָוויטשער, ל. קאלץ, מ. ש. קאלין, דוד קאן, ד. באדערם, יעקב קליין, גרילאק, משה רעשוויטש, שמעון פינסקער, ז. עפּריטיטש, מ. יזראעלאָוו, טרעמסקי, ענזעס, ד. לאנדוי, ד. ראוך, מ. עפראַן, י. ל. קלאץ, מ. ראגאַטש, מ. איסעוועק, האַכערמאַן, יעקב בענציגנבערג, יוסף ווייסמאַן, יוסף לעוו, מ. ריפּשטיין, מ. האַמבורגער, איזידאָר שוואַרץ, אבא ריפּטיין, א. יונגער־מאַן, מ. קאלעצקי, באלאבאן, פּאטאַמעק, אברהם נויפעלד, א. געלנער, מ. טענענבוים, צ. פראנק, ז. לוואָוו, מ. אבר־האמס, הערצל ראַזנבלאַט, ט. האַבערמאן, מ. פראזערע, ז. יאַסעלעוויטש, יעקב אַלטמאַן, נ. בערסוכטארק(?), איציק גאָלדמאַן, ב. מילערשטיין.

ו. ה.

בניית בית מדרש הישן

(פרק היסטורי)



בית המדרש אחרי חורבן עירנו

באחד הגליונות מה״טשענסטאָכאָווער צייטונג״ שהגיע לידינו (מחוסר תאריך הופעתו) מצאנו את הפרטים האלה, שהננו מפרסמים אותם ככתבם וכלשונם, בגלל הפרטים החשובים שבהם.

בשנת 1834 היו לצ׳נסטוחוב — הקהילה הצעירה — רק בית־כנסת אחד ובית מדרש קטן, שבו היו מתפללים בחדשי החורף, כי בבית־הכנסת היה קר למדי. במשך הזמן גדלה האוכלוסיה והורגש חסרון בבית־מדרש גדול לקהילה.

בראש חודש אדר תקצ״ד נקראה אסיפה בבית הפרנס דאז, מר גרשון לנדוי, ביזמת ראש־הקהל, לייבל כהן, שבה הוחלט: להקים בית־מדרש גדול עם ״עזרת־נשים״.

לשם ביצוע התכנית נבחר ועד כדלהלן: גרשון סג״ל לנדוי

(גרשון ״הקטן״), יצחק לייב ברמנסקי, יהודה לייב טננבוים, אייזיק־שמעון גינסברג ומאיר מייזל.

באותו יום יצא קול־קורא מטעם בית־הדין הצ׳נסטוחובאי, שהיה מורכב מן הדיינים: ר׳ משה מייזל (הרב מדירנפורט), ר׳ נתן אודרברג ור׳ יעקב אליהו רוזן, שעל כל היהודים להתאסף, בז׳ אדר, בבית־המדרש לאספה בדבר הקמת בית־מדרש חדש.

השמש השני, ליפמן פוקאטש, — כנהוג באותם הימים, — הלך על פני העיר ודפק בפטיש בית הכנסת על כל הפתחים והחלונות של היהודים, בהזכירו להם — לבצע את כרוז הבי״ד. האספה בערב הנועד היתה נהדרת. כל יהודי צ׳נסטוחוב התאספו. הדיינים וכן הלמדן והגביר הנודע אז (הרב משציקוצין) ר׳ יונה לנדוי, נשאו דרשות חמות וכל היהודים נדרשו לנדב למטרה, ככל אשר יכלה ידם. הדרשות השאירו רושם נמרץ על הנאספים. מספר גדול של יהודים נרשמו כחברים בבית המדרש ותרומות רבות נתקבלו. במשך זמן קצר נאסף הסכום הדרוש והקימו את בנין בית המדרש.

בשנת תרצ״ו נבנה בית המדרש מחדש ונקרא בשם ״אוהל־נחום״ לזכר רבנו הרב ר׳ נחום אַש ז״ל.

(הנאצים הרסו בימי שלטונם האכזרי את הבנין ביחד עם בית הכנסת העירוני).

י. ה.

טשענסטאָכאָווער ייִדן קעמפֿן פֿאַר זייערע רעכט

ווי באַקאַנט איז טשענסטאָכאָוו אַמאָל געווען אַ ״טייל״ פֿון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע.

ביי דער ״חלוקה״ פֿון פּוילן, האָט רוסלאַנד ״גע׳ירשנט״, אַ גרויסן שטח (אַזש 10 גובערניעס!) וועלכע זי האָט גע־קרוינט מיטן שיינעם נאָמען ״פּריוויסלינסקי קראַי״ — ד. ה. ״דאָס לאַנד ביי דער ווייכסל״ און דאָרט באַשטימט אירע געזעצן און אַהינגעשיקט אירע מושלים, אמת׳ע געטרייע ״פּאַניעס״, וועלכע האָבן דאָרט געהאַט די גאַנצע ממשלה.

די ״פּאַליאַקן״ האָבן געקריצט מיט די ציין און זיך געמוזט אונטערוואַרפֿן אַלע רוסישע גזירות.

אָבער, אין אָנהויב פֿון 20־טן יאָר־הונדערט, ווען עס איז אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע — שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס, — זענען די פּאָליאַקן און באַזונדערס, זייערע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, אויך צוגעש־טאַנען צום קאַמף פֿאַר באַפֿרייונג פֿון צאַרישן יאָך און אויך טשענסטאָכאָוו האָט זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג.

דער רוסישער צאַר — ניקאָליי דער צווייטער — האָט, דענסטמאָל, אַרויסגעלאָזט, זיינס אַ ״מאַניפֿעסט״ אין וועלכן ער האָט געמאָלדן, אַז ער גיט ״פֿרייהייט״ דעם — פֿאָלק צו ווײלן אַ פֿאָלקס־פֿאַרטרעטונג, וועלכע, וועט באַשטימען דעם גורל פֿון דער אימפּעריע און אויסאַרבעטן איר קאָנס־טיטוציע.

אָבער מורא האָבנדיק פֿאַרן ״געפֿערליכן״ נאָמען ״פּאַר־לאַמענט״, האָט ער די דאָזיקע פֿאָלקס־פֿאַרטרעטונג ״געק־רוינט״ מיט אַ ספּעציפֿישן רוסישן נאָמען ״גאָסודאַרסט־ווענאַיאַ דומאַ״ (יידיש: — מלוכה־דומע).

די רוסישע מאַכט האָט, אָבער, געזאָרגט פֿאַר אַזאַ וואַל־אָרדינאַציע, לויט וועלכער די פֿאָלקס־מאַסן זאָלן אין דער ״דומאַ״, כמעט נישט זיין פֿאַרטרעטן.

די וואַלן זענען נישט געווען קיין ״דירעקטע״, נאָר פֿאַר יעדער ״קלאַס״ פֿון דער באַפֿעלקערונג, איז באַשטימט געוואָרן באַזונדערע ״קוריעס״ און די ״קוריעס״ זענען אַזוי ״גאונות׳דיק״ צוגעשניטן געוואָרן, אַז עטליכע הונדערט ״פּריצים״, אָדער, אנדערע ״יחסנים״ האָבן געוויילט די זעלבע צאָל ״וויבאָרשציקעס״ ווי 100,000 ווײלער פֿון דער שטאָט (אַזוי האָבן געהייסן די ״דעלעגאַטן״, וואָס זענען געוויילט געוואָרן אין די שטעט און דערפֿער, כדי שפּעטער, צו וויילן די 3—4 דעפּוטאַטן פֿון יעדער גובערניע).

די כוונה איז געווען אַ פּשוטע — אין די שטעט זענען

דאָך דער רוב ווײלער, יידן און אַרבעטער, זאָלן זיי טאַקי האָבן, אַ וואָס קלענערע השפעה אויפן רעזולטאַט פון די וואַלן...

אונדזער טשענסטאָכאָוו (צו וועלכענס וואַל־קרייז האָבן געהערט אויך אַלע אַרומיקע שטעטלעך פון גאַנצן פּאָוויאַט), האָט געהאַט בסך־הכל 8 "וויבאַרשציקעס!".

די פּוילישע "ענדעקעס", וועלכע זענען שוין דענסטמאָל געווען גרויסע אַנטיסעמיטן, האָבן געוואָלט אויסנוצן די אונדעמאָקראַטישע וואַל־אָרדינאַציע כדי צו פאַרכאַפּן אַלע מאַנדאַטען און אומעטום צוזאַמענגעשטעלט זייערע קאַנדי־דאַטן־ליסטעס פאַר "וויבאַרשציקעס", נישט אַריינשטעלנדיק אַפילו אויף אַ "רפואה"... קיין שום יידישן קאַנדידאַט. זיי האָבן דעם דאָזיקן כבוד אַפילו נישט פאַרגינען אַזעלכע פּאָליאַקן, וואָס מאַכן נישט מיט דעם שדים־טאַנץ פון זייער זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם...

די פּוילישע פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָבן דערפאַר באַשלאָסן, אַרויסצושטעלן אַ בשותפות׳דיקע ליסטע מיט די טשענסטאָכאָווער יידן און אַזוי, האָבן צו די וואַלן צו דער ערשטער רוסישער דומע פיגורירט צוזאַמען, יידן און פּראָגרעסיווע פּאָליאַקן.

די קאַנדידאַטן זענען געווען 4 יידן און 4 פּאָליאַקן: 1) ד״ר פראַנצישעק בעללאָן; 2) אַדוואָקאַט יאַן גליקסאָן; 3) יאַן גראַסמאַן; 4) ד״ר עדוואַרד קאָהן; 5) ד״ר יוזעף מאַרטשעווסקי; 6) הענריק מאַרקוספעלד; 7) ד״ר סטאַניס־לאַוו נאָוואַק און 8) אינזשיניער קאַז׳מיערז׳ רעקלעווסקי.

עס איז אונדז געלונגען אויפצוזוכן צוויי דאָקומענטן פון יענער צייט:


1) אַ "אויפרוף אַן די יודען פון טשענסטאָכאָווער פּאָוו־יאַט" פון דעם 17 אַפּריל 1906, אסרו חג פסח, תרס״ו, אונטערגעשריבן: "יודישער בירגער וואַהל־קאָמיטעט אין טשענסטאָכאָוו"; און 2) אַ מעלדונג פון דעם זעלבן וואַל־קאָמיטעט, וועלכע איז באַצייכנט אַלס "זעהר וויכטיג!!!" פון וועלכער מיר דערוויסן זיך — צווישן אַנדערן — "אַז די וואַהלען זעלבסט ווערדען זיין, אַם דינסטאַג, פרשת תזריע ומצורע אין טעאַטראַלנע גאַסס 7, הויז לאַמפּאַרסקע".

מיר גיבן דאָ אַ "קלישע" פון אַ לאַנגן "אויפרוף" וואָס איז געשריבן מיט דער האַנט, מיט אַ וווּנדערבאַרער קאַליגראַ־פישער שריפט, כדי צו כאַראַקטעריזירן ווי אַזוי אונדזערע עלטערן און זיידעס "האָבן געפירט וואַלן מיט 60 יאָר צוריק".

צום עצם הענין — איז די מי געווען אומזיסט. די ענדעקעס האָבן, אומעטום, געהאַט אַ נצחון און פאַרכאַפּט אַלע מאַנדאַטען.

אינטערעסאַנט איז צו דערמאָנען, אַז בשעת די דומע האָט באַהאַנדלט דעם פּראָיעקט וועגן ענדערן די וואַל־אָרדינאַציע, האָט זייער פּירער, דער קיעלצער אַדוואָקאַט יאַראָנסקי, (וועלכער האָט, בעיקר, געלעבט פון זיינע יידי־שע קליענטן) געפאָדערט צו באַגרעניצן די בירגער־רעכט פון די יידישע ווײלער...!

תזכורת על זמן ומקום הבחירות



תצלום של כרוז מקורי

על הבחירות ל״דומה״ הרוסית הראשונה

1/ Doktór Franciszek Gellon
2/ Adwokat Jan Gliksohn
3/ Jan Grossman
4/ Doktór Edward Kohn
5/ Doktór Józef Marczewski
6/ Henryk Markusfeld
7/ Doktór Hamstaw Nowak
8/ Inżynier Kazimierz Rzeulewski

הקהלה היהודית
והמוסדות המוניציפאליים

דוד קוניצפולר

קהלתנו ומוסדותיה בדור האחרון שלפני חורבנה



על קורות הקהלה היהודית בצ׳נסטוחוב מזמן היווסדה כבר כתבו אחרים. במאמרי זה אדון, איפוא, בענינים של התקופה — מתחילת המאה העשרים ועד לחורבן האיום, שבו הושמדה יהדות צ׳נסטוחוב ומוסדותיה.

א. החוה החקלאית

בשנת 1900 רכשה הקהלה היהודית (״די יידישע גמינע״ — כפי שנקראה —) 11 ״מורגות״ אדמה (וכעבור זמן — עוד 6 מורגות נוספות) והקימה עליה חוה חקלאית שהתפרסמה לשם ולתפארת בכל רחבי פולין. היא גם הקציבה לאחזקתה — 3,000 רובל לשנה, — סכום עצום בערכו בשנים הללו. יתר ההוצאות של החוה, כיסתה חברת ״י.ק.א.״ (יידישע קאָלאָניזאַציע אָרגאַניזאַציע), שעסקה בהתיישבות יהודית בארצות שונות, מקרן העזבון של הבארון מוריץ הירש.

בבית־הספר החקלאי למדו — לפי תכנית־הלימודים שנקבעה — עשרות צעירים וקיבלו בו הכשרה מקיפה בתורת החקלאות והגננות וכמובן, גם השכלה כללית.


רבים מהם, עלו ארצה, בתור חלוצים, ובידיעותיהם המקצועיות ונסיונותיהם בעבודת האדמה הביאו ברכה להתיישבות החקלאית בארץ.

עד היכן הגיעו ידיעותיהם של חניכי בית־הספר, תעיד העובדה, שבשנת 1907, כאשר התקיימה בפולין תערוכה כלל־ארצית לגננות, זכתה החוה בפרס השני של התערוכה, דבר שעורר מצד הפולנים כעס וחימה נגד השופטים הישרים, שנאה וקנאה על שהסכימו, שה״ז׳ידים״ יזכו לכבוד גדול שכזה...


ב. בית הספר למלאכה

בשנת 1910, הקים הנדבן הנודע הנריק מארקוספלד ומשפחתו בכספם, את בית־הספר הגדול למלאכה, שצויד בכל הדרוש לבית־ספר מסוג זה. בתור מנהלי בית־הספר ומוריו, לכל מחלקותיו, הוזמנו מטובי בעלי המקצועות, שניתן למצוא באותם הימים.


מאות בחורים יהודים מבני־העיר וסביבתה, שלמדו בבית־ספר זה, יצאו ממנו כשהם מומחים מקצועיים בכל ענפי הטכניקה והמלאכה ומצאו את פרנסתם במקצועות שונים לתועלת העיר והמדינה כולה.



ציורים אמנותיים מפוארים בקירות ותקרת בית־הכנסת הישן
פרי־עמלו של פרופ׳ וילנברג



בית־הכנסת החדש בשעת חגיגת יובל ה־150 לעצמאות ארצות־הברית בשנת 1926.
החזן פישל עורך את התפילה



תמונת בית־הכנסת הישן, כפי שצויר על־ידי ל. קושניר מתוך זכרונו

ג. בית־הכנסת "הישן־החדש"

בשנים 1928/1929 שופץ מחדש בית־הכנסת הישן (שהוקם עוד בשנת 1855).

לפי התכנית שנערכה על ידי הפרופ׳ ווילנברג ושהצטיינה באופי יהודי מקורי ובעיטורים אמנותיים נפלאים של האות־יות, המהוללים בפי כל.

(בית־כנסת זה, שקהילתנו כל־כך התגאה בו, נהרס בידי הפראים הנאצים בראשית המלחמה — בשנת 1939).

ד. בית־הכנסת החדש לנאורים

בתחילת המאה העשרים החליטו כמה עסקנים מן החוגים המתקדמים, לבנות להם בית־כנסת מיוחד, כדוגמת אחיהם המשכילים שבמערב־אירופה.

נבחרה ועדת־בנין, שבראשה עמד הנריק מארקוספלד ואתו יחד הניך, טמפל ועוד שתרמו סכומים גדולים וגם התרימו נדבנים אחרים והקימו בנין לתפארת עירנו.

בתחילה היה הבנין רשום, מבחינה משפטית, על שם העסקנים. אבל, לפי הצעת ה׳ מארקוספלד, בחרו נדבני ומתפללי בית־הכנסת — "ועד בית־הכנסת" שאליו הועברה גם הבעלות המשפטית של הבנין. מארקוספלד נימק את צעדו זה בכך: א) אין כל בטחון, שבניהם של "הבעלים" המדומים, לא יראו — במשך הזמן — את הבנין של בית־הכנסת, כרכושם הפרטי, והם גם יהיו עלולים, למסרו למטרה אחרת, שלא לפי רצון הוריהם.

ב) אי־אפשר להעביר את בית־הכנסת המודרני לבעלותה של הקהלה היהודית, היכולה גם היא — ביום מן הימים — להתנגד לכך, שמתפלליו יבחרו להם מדריכים ומנהיגים כרצונם, לפני רוח הזמן ולא לפי רוחם ודעתם של ראשי־הקהלה שייסדוהו. ואמנם, כך היה — המתפללים, חיפשו ומצאו להם מנהיגים רוחניים מן החשובים באנשי־המדע היהודיים בפולין (ההיסטוריון הנודע, פרופ׳ מאיר בלבן ואחריו — את הד"ר ח. ז. הירשברג).

יצויין, שד"ר הירשברג הניח — בימי שבתו בצ׳נסטוחוב — גם את היסודות למכון המדעי היהודי, הקים ספריה עשירה למדעי היהדות. אירגן הרצאות בהם הרצו גם, הפרופ׳ משה שור, ד"ר מ. ברוידא ועוד.



לאחר חגיגת יובל ה־150 לעצמאות ארצות־הברית עומדים על יד שער בית הכנסת החדש הרב נ. אש ועל ידו נראים:
ש. גולדשטיין, ח. וכסלר, מ. אש, מ. סודוביץ, ד. פיליפוביץ, י. ש. קובלנץ, ב. בוציאן, י. קופין, א. סיגמן ואורחים מארצות הברית.

ה. בית־הספר לחזנות של ר׳ א. ב. בירנבוים

ליד בית־הכנסת החדש הקים החזן המפורסם ואיש־התורה והחכמה, ר׳ אברהם בר בירנבוים, את בית־הספר לחזנות וכאחד מיוצרי נוסח־התפלה היהודי המקורי, הרביץ את תורתו והעמיד חזנים ידועי־שם שתפסו מקומות מכובדים לא רק בפולין ורוסיה, אלא גם בשאר תפוצות ישראל. בשנים האחרונות שלפני פרוץ מלחמת־העולם השניה, עמדה קהלתנו להעביר גם את בית־הכנסת החדש לרכושה, לאחר שתמכה בו הרבה מתקציב הקהלה. (ביום 24 לדצמבר 1939, שרפו הנאצים את הבנין המפואר וכל אשר בו היה למאכולת־אש, ורק הקירות המפויחים נשארו לפליטה.

על חורבות בית־הכנסת עברו אחר כך גלגולים שונים: בראשונה — שמשו כמחסן לגרוטאות לברזל, אח״כ — היה מקום־ריכוז לרכוש יהודי שדוד (לבנים, בגדים, נעלים וכדומה), ולבסוף — בשנת 1955 — נתעוררו ״רחמיה״ של מועצת העיר, שהשתחררה מ״יהודיה״ והתאימה את שארית בית־הכנסת השומם ל״פילהרמוניה העירונית״...).

ו. בית המרחץ וה״מקוה״

באותו הזמן שנבנה בית־הכנסת החדש, הקימה הקהלה היהודית — לפי יוזמת הרב ר׳ נחום אַש — גם בית־מרחץ ומקווה־טהרה.

הבנין נבנה באמת־מדה גדולה ובסידורים סניטריים והי־גיינים שלא היו כדוגמתם בכל פולין.

ז. מוסדות צדקה וחסד

עירנו הצטיינה גם במוסדות לעזרה סוציאלית. ידיהם הנדי־בות ורחבת־לבם של נדבניה לצרכי צדקה, איפשרו לה להקים מוסדות חשובים ולהעמידם על גובה ראוי למופת.

ביום 27 במארס 1899 נוסדה חברה בשם ״דוברוטשינו־טשט״. מוסד זה — שאושר על־ידי השלטונות בשם הפולני (שפירושו, למעשה, ״מעשים־טובים״) היה ראוי לשמו זה, שבו החל ובו גמר את פעולותיו המבורכות למען דלת־העם ומחוסרי־הישע בכל שטחי העזרה הסוציאלית.

ח. בית־החולים היהודי

אחד התפקידים הראשונים והחשובים ביותר של הקהלה היה — בנין בית חולים יהודי, שבו ירגישו החולים את עצמם כבתוך שלהם ובו יקבלו עזרה רפואית מידי רופאים יהודיים ואחיות־רחמניות וסניטרים יהודיים.

המגרש נרכש עוד ב־5 בדצמבר 1900 — מסיבות שונות — נדחה רשיון־הבניה עד ל־28 בספטמבר 1908.

תכנית־הבנין הוכנה על ידי המהנדס מאנקובסקי, במגמה שתאפשר גם את הרחבתו.

ל״ועדת הבנין״ נבחרו ה״ה: ד״ר יוזף מארקוספלד, ד״ר באטאביה, ד״ר אלכסנדר וולברג, הרמן גינזבורג, מארקוס גראדשטיין, אינג׳נר קארפ, איזידור פריינד, לודוויג טעמפל, סטאניסלב הערץ וליאופולד ווערדה.

״ועדת הבנין״ דאגה לאיסוף הכספים הדרושים לצרכי הבנין וריהוטו ובעיקר, לרכישת כל התכשירים הרפואיים והכירורגיים, המשובחים ביותר.

הוקמו 4 מחלקות, שהכילו חדרי־קבלה ומיון, מרפאה, בית־מרקחת, שני אולמות לניתוחים, 4 חדרי־אישפוז: לחו־לים במחלות פנימיות, למחלות מתדבקות ולחולי־עצבים. מטבח ומכבסה וגם דירות לעובדי בית־החולים, שהיו חייבים להמצא תמיד, בקרבת בית־החולים.

בתור מנהל בית־החולים מונה הד״ר באטאביה, למחלקת הניתוחים — הד״ר ברוניאטובסקי. כרופאים פנימיים — הד״ר: אדוארד קאַן, וואצלב קאַן, סטעפאַן קאַן (מחלות־נשים) וגב׳ ד״ר אטינגר. החובשים הראשונים היו: ה״ה טורבצ׳קו וס. זעלטן.

במשך השנים פעלו בבית החולים גם רופאים אחרים, אבל ברשימתנו נזכרים רק הראשונים, בתקופת ייסודו.

ט. ״מושב־זקנים״ ו״בית־יתומים״

ליאופולד וורדה, אחד מגדולי הנדבנים שבעירנו, הקים בכספו בנינים גדולים שבהם אושפזו לעת זקנה עשרות זקנים וזקנות, תוך דאגה אבהית לכל צרכיהם.

הוא אף דאג ליתומים ויתומות מחוסרי־בית.

בין העסקניות שעסקו במסירות בעלובי־חיים אלה, הצ־טיינה הגב׳ סלומיאה שטארקה.

י. ״בית־הילדים״

הנדבן ליאופולד וורדה, לא הסתפק בפעולתו הנדיבה והר־אויה למופת, אלא הוסיף ובנה בכספו בנין רחב־ידים שהיה ל״בית־ילדים״ יהודי.

עשרות ילדים וילדות הוצאו ממשכנות־העוני בבתים המטים לנפול וממרתפי־הזוועה, שבהם נולדו וחיו והעברו לחדרים הגדולים והיפים שב״בית־הילדים״, מקום שם זרחה להם שמש־מרפא שחיממה את לבותיהם הרכים ובו יכלו לשאוף אויר צח בגן המטופח למופת.

מורים ומורות בעלי־נסיון פדגוגי רב לימדו את הילדים ודאגו להכשרתם לחיים טובים ומועילים יותר מאשר בבית הוריהם העניים...

במסירותם למוסד הצטיינו ביחוד הגב׳ וויערז׳ביצקה ומר וו. גוסטינסקי.

יא. ״הכנסת־אורחים״

ביוזמת אנשים פשוטים, בני ״עמך״, ובעזרתו של רבנו, ר׳ נחום אַש, נבנה בית ל״הכנסת־אורחים״, שבו נמצאו 20 מיטות — מקומות־לינה לעוברי־אורח עניים.

באותו הבית נמצא גם בית־תפלה ו״תלמוד־תורה״ בש־ביל בני העניים, מחוגים של שומרי־דת.

יב. מוסדות־חינוך יהודיים

לאחר מלחמת־העולם הראשונה נפתח — בסיועם החומרי של אחינו שבארצות־הברית, — בית־הספר ע״ש י. ל. פרץ ובתי־הילדים לבני העמלים. בו בזמן נוסדה ונפתחה גם הגימנסיה העברית הציבורית שריכזה את מיטב האינטל־גנציה היהודית ואפילו תלמידים מחוגי המתבוללים.

הנהלת הגימנסיה נמצאה בידי עסקנים ציונים כמו ה״ה מ. נויפלד, חבר־העיריה פליקס שפירא, ליאון קופינסקי, ד״ר מרינג ועוד.

המנהל הפדגוגי הראשון היה ד״ר שמעון בריש ולאחר שעזב את עבודתו בגלל מחלה, בא במקומו פרופ׳ מאיר בלבן, שהזמין חבר מורים ממדרגה ראשונה וגם דאג להרחבת לימודי תנ״ך והשפה העברית. הגימנסיה היתה מצוידת במיטב האביזרים שבבתי־הספר התיכוניים המודרניים ש־באירופה ושמעה הטוב הגיע למרחקים.

יג. שיפוץ ״בית המדרש״

ביוזמתו של הרב ר׳ נ. אש ובסיוע של הקהלה היהודית וחבר עסקנים ונדבנים נבנה בית־המדרש מחדש והצטיין ביפיו ובגדלו.

כעבור שנים — לאחר פטירתו של רבנו — הוחלט לקרוא את בית־המדרש על שם הנפטר הגדול — ״אהל נחום״, הוכנסו בו שיפורים נוספים שהוסיפו לו תפארת.

(בצער רב ובחרון אנו מזכירים כאן את התנהגותם המח־פירה של ״שכנינו״ — הפולניים הטובים: לאחר שבית־התפלה ניצל בנס מידיהם הטמאות של הנאצים הארורים ונשאר לפליטה, החליטו ״השליטים הפולניים״ (כבר אחרי המלחמה) להרוס את הבנין הנהדר מטעמים ״אורבניס־טיים״...).

יד. ועד הקהלה היהודי

בדרך כלל נמנו בהנהלת הקהלה טובי וחשובי תושביה, וכמובן, ה״ה הנריק מארקוספלד ישב בראשה. אבל, חסר היה לועד הקהלה האופי הדימוקרטי וסביבה התרכזו עשירי העיר, מחוגי המתבוללים או המתבוללים למחצה.

רק אחרי מלחמת־העולם הראשונה ותחיית פולין העצ־מאית, הוצאה גם פקודתו של המרשל יוזף פילסודסקי בדבר ייסוד הקהלות היהודיות על יסודות דמוקרטיים.

אז התקיימו לראשונה, גם בצ׳נסטוחוב הבחירות לקה־הלה ומר שמואל גולדשטיין — אחד העסקנים הבולטים של המזרחי — נבחר כיו״ר ועד־הקהלה, וכיו״ר מועצת הקהלה נבחר חיים וכסלר, אף הוא אחד העסקנים המר־כזיים של ״המזרחי״. שניהם מלאו את תפקידיהם במשך שמונה־עשרה שנה.

בכל אותה תקופה היו מיוצגים בקהלה כל המפלגות האז־רחיות, מפלגות הפועלים ״בונד״ ו״פועלי ציון״, וכן נציגי כל הארגונים הכלכליים.

כיושב־ראש הקהלה — לאחר שה״ה גולדשטיין עזב את תפקידו — נבחר ה״ה יעקב רוזנברג, שכיהן בתפקיד זה עד לשואה.

כמה וכמה סיבות גרמו לכך, שפעולות הקהלות הצטמצמו בעשרות השנים האחרונות לקיומן במסגרת הצרה של עניני ״כלי־קודש״: שאלות רבנים, דיינים, שוחטים וגם בעניני ״בתי־הקברות״ ובמקצת — גם בשאלות החד־רים ו״תלמודי־התורה״ למיניהם ולא ניתנה להן האפשרות לצאת למרחב ולהיות לנציגות אוטונומית ממש של המוני ישראל.

אפשר לציין שלש סיבות לכך, והן:

א) קודם־כל: נתמעט, וכמעט שעבר מן העולם היהודי הטיפוס הנהדר של בעלי־צדקה, ששאפו להנציח את זכר הוריהם במעשי־חסד כבירים כגון: הקמת בתי־חולים, מו־שבי־זקנים, בתי־יתומים וכדומה;

ב) ריבוי ״הנציגים״ של כל מיני זרמים, מפלגות ואר־גונים בשפע רב, ועמידתם על כל ״קוצו של יוד״ בדרישו־תיהם והצעותיהם ״גזלו״ את כל הזמן בוויכוחי־סרק ומנעו עבודה של ממש ותועלתית.

ג) וזה העיקר — השלטונות הפולניים, שלא רצו בפי־תוח השלטון העצמי היהודי עד לכדי תביעת אוטונומיה של

מיעוט לאומי, שמחו בראותם כיצד "היהודים הפקחיים" מתווכחים ביניהם על דברים של מה־בכך ומסתגרים בעניניהם הדתיים המצומצמים.

עמדה לה לצ'נסטוחוב עירנו הזכות הגדולה, שעוד מ־"הימים הטובים" שבעבר הוקמו בה כל המפעלים הציבוריים ההכרחיים שהיו בהם הנהלות צבוריות עצמאיות, מחוץ למסגרת הקהילה היהודית.

(אכן, לא עמדה לה זכותה בשעת צרה וכאשר הנאצים באו להשמיד את יהדות פולין ומוסדותיה עלה הכורת גם עלינו ועל מוסדותינו שעליהם היתה תפארתנו.



בית הקהילה היהודית המקושט לכבוד ביקורו של נשיא מדינת פולין הפרופיסור מושציצקי כשעל המרפסת ה"ה וין, בלומנקרנץ, זליגפלד, גב' פוטרקו ויוסף קלרמן.



הרב נ. אַש (כשספר־תורה בידו), יו"ר הקהילה ש. גולדשטיין ויו"ר המועצה ח. וכסלר ועל ידם מפקד הצבא, מקבלים את פני הנשיא.

33,000 יהודים היו תושביה הקבועים והחרוצים של צ׳נסטוחוב — עוד 20 אלף מאחינו, שגורשו מבתיהם, התרכזו בעירנו, מתוך תקוה, שעוד יזכו לראות במפלתו של אותו רשע.

אבל האשמדאי הגדול שבכל הדורות — ימח שמו וזכרו — התגבר גם עליהם, כעל יתר ששת המליונים של אחינו ואחיותינו הקדושים הי״ד וחגג את חג נצחונו השטני.


הם אינם כבר. גם צ׳נסטוחוב היפה והיקרה לנו כל כך — איננה!

אנא השם! נקום את נקמת דם עבדיך השפוך!)

עזריאל בן־משה

פרטים על הבחירות האחרונות למועצת העיר

(לפני מלחמת העולם השניה)



בחודש מאי 1939 — חדשים מספר לפני פרוץ מלחמת העולם השניה — התקיימו בצ׳נסטוחוב הבחירות למועצת העיר, שהן היו גם האחרונות שיהודי עירנו, השתתפו בהן...

המפלגות האנטישמיות — ה״אנדקים״ וה״כדקים״ — ניהלו אז תעמולה בלתי מרוסנת נגד היהודים באסיפותיהם וביחוד — בעלי הסתה שהדפיסו ושהופצו ברבים ובעיקר — בשכונות היהודיות.

בחומר־התעמולה שלהם העיזו שונאינו אלה לאיים על ה״ז׳ידים״, שלא יעיזו להשתתף בבחירות העירוניות ושאין להם כ״זרים״ — ל״חוות דעה״ בענינים שאינם שייכים להם... וכי אחרת — מרה תהיה אחריתם.

לשמחתנו הרבה, לא נבהלו המוני ישראל מאיומים אלה להיפך — הרגש הלאומי והאחריות האזרחית גברו והם נהרו בהמוניהם לקלפיות. הדבר הגיע לידי כך, כי בשעה שהפולנים השתתפו בבחירות רק כ־60%, הגיעו מספר הבוחרים היהודים שמלאו את חובתם עד ל־98%.

יצוין, כי בועדות־הבחירות, — שבהן ישבו, כמובן, בעיקר פולנים — הציקו לבוחרים היהודים בכל הדרכים הכשרות והבלתי־כשרות כאחת, מבחינה פורמלית, בכדי להרחיקם מתא־הבוחרים, אבל היהודים עמדו במבחן ולא עזבו את מקומות־הבחירה, מבלי למלא מקודם את חובתם האזרחית־היהודית.

אם כי היהודים לא הופיעו לבחירות הללו כגוף אחד והתנהלה ביניהם גם מלחמת־בחירות חריפה (בין ה״גוש האזרחי״ ו״אנשי־השמאל״), עלה בידי שני הזרמים, שנלחמו ברחוב היהודי, להכניס למועצת־העיר 10 חברים מהם: שמונה מחוגי האזרחים ושנים כנציגי הפועלים. מהגוש האזרחי שהיה מורכב מנציגי כל המפלגות הציוניות והאגודות הכלליות שבעיר, נבחרו:

1. העו״ד יואכים מרקוביץ, משפטן מובהק ועסקן צבורי ידוע — כנציג המוסדות הכלכליים;
2. העו״ד ד״ר ליב אש, בן רבנו ר׳ נחום אש, יו״ר כמה הסתדרויות צבוריות ולוחם על זכויות היהודים, שלא יקופחו;
3. חיים וכסלר, אחד ממייסדי הסתדרות ה״מזרחי״ ויושב־ראש שלה, עסקן ציוני ותיק ונציגם בכל המוסדות הציוניים;
4. ד״ר ארנולד בראם, יושב־ראש ההסתדרות הציונית;
5. דוד בורז׳יקובסקי, יושב־ראש התאחדות בעלי התעשיה והסוחרים, אחד העסקנים הבולטים בשדה הכלכלה;

6. ד"ר מרינג, מחשובי המורים והמחנכים שבגימנסיה העברית ואחד העסקנים המצטיינים ביותר בפעולות למען הקרנות הלאומיות "קרן הקימת לישראל" ו"קרן־היסוד" ועורך השבועון הציוני "דרכנו" (אונדזער וועג);

7. יוסף גולדברג, מפעילי העסקנים שבאגודת "בעלי־המלאכה", יהודי גא ואמיץ־לב בכל המובנים;

8. ד"ר תנחום לבקוביץ, עסקן צבורי חביב ואיש־מדע חשוב..

הרשימה השניה — שאליה הצטרפו מפלגת־הפועלים "בונד" ו"פועלי־ציון (שמאל) — זכתה בשני נציגים והם:

1. ישראל יארונובסקי, מראשי ה"בונד" ולוחם אמיץ לדעותיו;

2. אברהם ברום, ממנהיגי "פועלי ציון" (שמאל), שפעל ועשה הרבה להפיץ רעיונות מפלגתו בין חוגי הפועלים שבעיר. (אגב, אברהם ברום הנהו היחידי מבין הנציגים היהודים שנבחרו אז, שנשאר בחיים אחרי השואה. עלה ארצה והוא מתגורר כיום בירושלים).


כדאי גם להזכיר עובדה אופיינית דלקמן:

ד"ר מיקולסקי, — פולני מבטן ולידה — שהופיע ברשימה הפולנית של "אוזון" זכה להיבחר כחבר המועצה העירונית באיזור בחירות שכולו יהודי ובקולותיהם, בתור הכרת־תודה ליחסו האנושי ואהדתו ליהודים.

עד כמה התפשטה האנטישמיות אז בפולין תעיד גם העובדה הזאת: מפלגת פ.פ.ס. (המפלגה הסוציאליסטית הפולנית), שזכתה בבחירות הקודמות לרוב במועצת־העיר, קיבלה הפעם מספר זעום של קולות וה"אנדקים" וה"כדקים" הם שזכו לרוב ניכר והשתלטו על העיר ומוסדותיה. גם מפלגת ה"אוזון" — שהיתה בעלת השקפות ליברליות מסוימות — ירדה אז מהשטח הפוליטי.

גרמו לכך — רוח השנאה ליהודים שהלכה וגברה משנה לשנה ושאיפתה העיקרית היתה — השמדת היהודים.

(שאיפה שטנית זו — הוגשמה בעזרת האשמדאי הגרמני ימח שמו וזכרו והיא התחילה בשנת־הבחירות הזאת — בשנת 1939).



סמל העיר צ'נסטוחוב

מ. ח. טיברג

ה"חברה קדישא"

גם בטרם הגיעו החיים הציבוריים היהודיים לידי התארגנות קהילתית, כבר לא פסח מלאך־המות על היהודים הראשונים שהתיישבו בצ'נסטוחוב ולכן היו מובילים את הנפטרים ליאנוב הסמוכה, שהיו בה מוסדות ציבוריים, לרבות "בית־עלמין".

משהתחילו בני יאנוב וראשיה להכביד על אנשי צ'נסטוחוב, בדרשם מהם תשלומים מופרזים או שהיו משהים את קבורתם של מתיהם, החליטו בני עירנו על ייסוד "בית־עלמין" משלהם ואז קמה גם ה"חברה קדישא".

יתכן מאד, שהליברליות המיוחדת והגישה הנוחה מצד ה"חברה הקדישא" המקומית ביחס לנזקקים לעזרתה נעוצה בעובדה, שרצתה להוכיח שלא היה כל מקום לקשיים שבהם נתקלו בעבר בני צ'נסטוחוב, מצד שליטי הקהלה והחברה־קדישא שביאנוב.

אחת הסיבות ש"זירזה" את דבר הקמת "בית עלמין" משלה היה גם — ריחוק המקום ושיבוש הדרכים בעונת הסתו והחורף ובעיקר, המקרה המוזר שקרה פעם בשעת הובלת מת לקבורה ביאנוב וזהו סיפור המעשה, כפי שסו־

פר על ידי אנשי ה״חברה קדישא״. אחד הנפטרים נקשר, לשם בטיחות בזמן הנסיעה, בחגורה לעגלה שבה הובילוהו למקום קבורתו ביאנוב. לאחר שמלוויו לא הקפידו ולא הכניסו לתוך העגלה את קצות החגורה, היא נכרכה בזמן הנסיעה באחד הגלגלים ומשכה איתה גם את המת שכאילו ״התיישב״ בעגלה. המלוים נפחדו וברחו ממנה... ורק לאחר שאחד מהם התאושש וחזר לעגלה, נוכחו כולם, שהנפטר לא קם לתחיה והמשיכו בדרכם...

ב״חברה קדישא״ שהוקמה, נהגו, כי כשנתקבלה ידיעה מעציבה על גסיסתו של חולה, נשלחה אליו מיד משמרת שהיתה מקפידה, להימצא שם בשעת ״יציאת־הנשמה״, תוך אמירת פרקי תהלים ותפילות המקובלות.

נקנתה עגלה שחורה בשביל ה״ארון״ ושני סוסים עטופי בד־שחור הובילוה לבית הנפטר. גם שני העגלונים היו לבושים בגדי שרד שחורים וצילינדרים על ראשיהם והם צעדו ברגל לפני העגלה.

ב״ארון״ זה היו מובילים כל נפטר, כעשיר כעני, פרט במקרים יוצאים מן הכלל, כשנפטר אדמו״ר, רב או תלמיד־חכם מובהק, היו נושאים את הנפטרים החשובים האלה על הכתף. כמובן, נמנעו מלעבור עם המתים על יד כל כנסיה שהיא...

המלווים הלכו תמיד, לאט לאט, ברגל עד לגשר שעל הנהר ״ווארטא״ שעל יד בית־הכנסת הישן ובית־המדרש ושם נעצרה ה״עגלה״ וכל הקהל ניגש לארון לבקש סליחה ומחילה מאת הנפטר.

ב״חברה־קדישא״ היו מיוצגים מאז ומתמיד אנשים חשובים ודגולים, כ״אשכנזים״ וכחסידים. ״מתנגדים״ לא היו כלל בצ׳נסטוחוב.

פעם בשנה, בט״ו בשבט, נהגו להתאסף על מנת לקבוע ״תקנות״ ולפקח על ענייני החברה קדישא.

כן היה מקובל בעירנו, לערוך פעמיים בשנה, ״קידוש״ בביתו של אחד הגבאים ולדרוש מעניני דיומא, בחג של ״שמיני־עצרת״ ובשבת בראשית. ב״שמיני־עצרת״ היו מתאספים החברים ל״מנין״ בביתו של הגבאי, שם היו מתפללים ואחרי התפילה נערך ה־״קידוש״ והדרשה. חובה היתה על כל החברים לבוא בשבת ״בראשית״ להתפלל בבית־הכנסת הישן, שם התפלל גם הרב דמתא. בשביל החסידים שבתוך ה״חברה״, שהיו רגילים להתפלל ב״שטיבלך״ ולא בנוסח ״אשכנז״, היה זה ענין בלתי נוח. אז היו קוראים לעליה לתורה רק את חברי הח״ק. והיו מסיימים את ה־״עליה״ בקריאה של כמה פסוקים, ואפילו בסיום של המלה ״וימת״, ישנם הרבה פסוקים כאלה בפרשת בראשית ולא בהם מסיימים כרגיל את הקריאה. אחרי התפילה, הלכו כולם בצוותא לביתו של הגבאי ל־״קידוש״.

התאספות מיוחדת היתה ביום הקדשת מקום חדש להרחבת תחום ״בית־העלמין״. בתקופתנו, היה זה, ביום א׳ כ״ח לחודש סיון שנת תרפ״א (1921). אז נתאסף ב״בית־העלמין״ קהל רב מתושבי עירנו, יחד עם חברי ה־״חברה״, ובראשם הגבאים והקיפו שבע פעמים את כברת הארץ המיועדת ל־״בית־החיים״ החדש, תוך כדי אמירת מזמורי תהילים ו־״תיקונים״. הרב ר׳ נחום אש ז״ל, הרב דמתא וכן ר׳ יוסף שמעון קובלנץ ז״ל (המגיד) ור׳ משה האלטר ז״ל נשאו נאומים מתאימים לענין זה.

(את ״בית־החיים״ שבקצלין בצ׳נסטוחוב, בו טמונים היהודים מדורי־דורות עד היום, — כולל הקדושים מהשואה האיומה, שהעבירום לשם — מתכוונים כעת הפולנים להפוך לגן עירוני או לספח את אדמתו לאזור התעשיה הקרוב שבסביבה. הרבה מצבות נעקרו וקברים נהרסו, ומי יודע איך יפול דבר. אנו תפילה שיקוים בנו ״בלע המות לנצח ומחה ה׳ דמעה מעל כל פנים״ ו״ה׳ ינקום לעינינו את נקמת דם עבדיו השפוך״).

*

רשימה חלקית של החברים ב״חברה־קדישא־גחש״א״ (גמילות חסד של אמת) בצ׳נסטוחוב מתחילת המאה הנוכחית עד לשואה).

הגבאים שמלפני מלחמת־העולם הראשונה:

ר׳ אברהם המבורג, ר׳ יעקב דוידוביץ (קוילנהנדלר), ר׳ יעקב גרילק, ר׳ מרדכי מרקוביץ, ר׳ נתן גריכטר ור׳ פישל ויידנפלד.

חברים:

ר׳ ראובן אימיך, אפטר, באומץ, מאיר (ביצ׳נר) בוים, ר׳ דוד בורנשטיין, ר׳ יוסף בעהם, ר׳ שמואל גולדשטיין, ר׳ חיים לייב גולדברג, ר׳ מאיר לייב הלמן, ר׳ משה לייב האברפלד, ר׳ שמעון ווזניצה (דער געלער שמעון), ר׳ אנטשל וורשבסקי, ר׳ חיים וקסלר, ר׳ חיים לייב וינדמן, ר׳ ישעיה וינדמן, ר׳ איטשע (פורפר), ר׳ בעריש ז׳ריקר, ר׳ בעריש טיברג, ר׳ מיכאל ליפסקי, ר׳ שלמה יוסף פיינשטט, ר׳ פסח (גרעבער) פערסיק, ר׳ פישעלע (קליין פישעלע), ר׳ שמואל ציגלר, ר׳ ישראלקה צ׳נסטוחובסקי, ר׳ בעריש צ׳נסטוחובסקי, ר׳ יוסף שמעון קובלנץ, קופינסקי, ר׳ יעקב רובנשטיין, ור׳ יחזקאל רויזנוין.

חברות:
גברת רודל אפרים, גברת חנה חסקל״ס גרשנוביץ, גברת פרל (די געלע) סמוש, גברת פייגע מינצה צינסטוחובסקי, גב׳ מלכה ראובנ׳ס שוורצבוים.

הגבאים שכיהנו עד השואה:
ר׳ משה האלטר, ר׳ חיים דן ליפשיץ, ר׳ מרדכי סודביץ, ר׳ ברל פוטשביץ, ר׳ קלמן שטאהל, ועוד חברים ששמו־תיהם לא זכורים לנו.

ד״ר וו. גליקסמאן

די יידישע קהלה אין טשענסטאכאוו אין יאר 1856*

קיין גאַנץ גענויע ציפערן וועגן יידישן יישוב אין דעם דאָזיקן יאָר זענען נישט פאַראַן, אָבער אויפן סמך פון דער צאָל נפשות אין יאָר 1857, וואָס האָבן באַטראָפן 2.976 [1], קאָן מען מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז אין יאָר 1856 איז די צאָל יידן געווען די זעלביקע ווי אין 1857, על־כל־פנים נישט קיין סך קלענערע.

עס זיינען אויך נישטאָ קיין ארכיוו־מאַטעריאַלן, וועלכע זאָלן אונדז קאָנען געבן אַ בילד וועגן דעם לעבן און שאַפן פון דער דאָזיקער קליינער קהילה. בכלל איז דער ארכיוו פון דער יידישער קהילה אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען גענוג אפּגעהיט און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער לגמרי געוואָרן פאַרניכטעט. דערפאַר זענען יעדע געראַטוועטע געשריבענע דאָקומענטן וועגן אונדזער קהי־לה אַ וויכטיקער צושטייער צו איר געשיכטע. דער דאָקו־מענט וועגן יידישן טשענסטאָכאָוו איז אַן עטאַט־ליסטע וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1856 [2]. דער דאָזיקער רעקאָרד גיט אַ בילד וועגן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן צוזאַמענשטעל פון די עטאַט־צאָלער און בזעיר־אנפּין אויך וועגן דעמאָלטיקן יידישן יישוב בכלל.

לויט דער דאָזיקער ליסטע האָט טשענסטאָכאָוו דענסט־מאָל געהאָט 438 משפחות פון וועלכע נאָר 340 זענען געווען עטאַט־צאָלער. זיי זענען געווען איינגעטיילט אין 5 קאַטעגאָריעס.

די ערשטע קאַטעגאָריע האָט געצאָלט 2 רובל מיט 50 קאָפּיקעס אַ קוואַרטל (ד. ה. 10 רובל אַ יאָר). אַ זעלכע צאָלערס זענען געווען 4: אייזיק גינזבורג, יצחק קעללער, אבא לאַנדוי און יוסף זאנד.

די צווייטע קאַטעגאָריע האָט געצאָלט בלויז פון 1 רובל מיט 25 קאָפּיקעס ביז 1 רובל מיט 50 קאָפּיקעס אַ קוואַר־טל. צו דער קאַטעגאָריע האָבן געהערט בסך־הכל 11 צאָלערס, ואלה הם:

איזאַק (יצחק) פייגנבלאַט [3], מאיר גינזבורג, דוד גאָלד־מאַן, הערץ קאַהן [4], יוסף קאַהן, בער קאַהן [5], ישעיהו־יאנאס לאַנדוי, מ. ב. מאשקאָווסקי, שמואל ניימאַן, איזידאָר פּאָזנאַנסקי און איסר רוס.

די דריטע קאַטעגאָריע איז באַשטאַנען פון 57 צאָלערס, וואָס האָבן געצאָלט פון 25 קאָפּיקעס אַ קוואַרטל ביז 1 רובל מיט 12 און אַ האַלבע קאָפּיקע. צו דער דאָזיקער גרופּע

---

* מיר גיבן דאָ די פרטים וועגן יאָר 1856, ווייל דאָס איז דער איינציקער גענויער סטאַטיסטישער מאַטעריאַל, וועלכער, איז געפונען געוואָרן און דורך דעם מחבר זעט גוט בעאַרבעט גע־וואָרן און מען קען פון אים באַקומען אַ באַגריף וועגן דער טשענסטאכאווער יידישער קהלה אין יענער צייט.

די באַמערקונגען זיינען פון מחבר.

ד י ר ע ד א ק צ י ע

1 זע: י. שאצקי זיין אַרטיקל ״די יידן אין טשענסטאָכאָוו ביז צו דער ערשטער וועלט מלחמה״ אין ״טשענסטאכאווער אידן״, ניו־יארק, 1947 זייט 16 (דאס ארטיקל גיבן מיר אויך אין אונדזער ספר, אין העברעאיש).

2 באארבעט אויפ׳ן סמך פון אן ארטיקל אין ״אונדזער וועג״ נומער 37 (פון 15־טן סעפּטעמבער, 1933).

3 איינער פון די 4 פארטרעטער פון ראטמאן בער קאהן (זע, שאצקי, דארטן).

4 ראש־הקהל: זע, שאצקי, דאָרטן, ז. 19.

5 ראטמאן פון טשענסטאכאווער שטאטראט, שאצקי, דארטן.

האָבן אויך געהערט משפחות, וועלכע האָבן באמת געדארפט געהערן צו דער פערטער קאַטעגאָריע, וואָס האָט געצאָלט בלויז 25 קאָפּיקעס אַ קוואַרטל. היות אָבער עס האָבן זיך צווישן זיי געפונען אנשים חשובים וועלכע מען האָט נישט געוואָלט מבזה זיין, האָט מען זיי אריינגעשטעלט אין דער דריטער קאַטעגאָריע.

די פערטע קאַטעגאָריע: צו איר האָבן געהערט 81 צאָלערס, וואָס האָבן געצאָלט פון 15 קאָפּיקעס אַ קוואַרטל ביז 37 און אַ האַלבע קאָפּיקע.

די פינפטע קאַטעגאָריע האָט געהאַט די גרעסטע צאָל עטאַט־צאָלערס — גאַנצע 187 משפחות. זיי האָבן געצאָלט פון 4 קאָפּיקעס אַ קוואַרטל ביז 22 און אַ האַלבע קאָפּיקע.

די דאָזיקע 340 עטאַט־צאָלערס האָבן געדעקט דעם גאַנצן בודזשעט פון דער דעמאָלטיקער קהילה, וועלכער האָט באַטראָפן 445 רובל און 58 קאָפּיקעס.

דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער צוזאַמענשטעל פון די צאָלערס

די עטאַט־צאָלערס האָבן זיך איינגעטיילט לויט זייער פּראָפעסיע פאָלגענדיק:

22 שניידער, 12 גאַרבער, 1 דיסטריביוטאָר[6], 4 פורמאַנעס, 2 וואַציאַרזשעס[6*], 2 קאָמיסיאָנערן[7], 18 וועבער, 11 בעקער, 1 רעסטאָראַטאָר, 13 גאָלדשמידן, 6 היטלמאַכער, 2 שוסטער, 37 קרעמער, 3 קצבים, 81 הענדלער, 3 ביטע־שרייבער, 1 פּאָרטיער[8], 2 פאַרבער, 1 באַקאַלאַזש[9], 1 זשאַקעטניק, 7 מעקלערס, 4 בלאַכאַרזשעס, 18 אויפקויפערס, 2 סטאָלער, 6 מעקלער, 1 טאָקער, 15 גרויסע סוחרים, 10 קלענערע סוחרים, 3 גלעזער, 2 זייגערמאַכער, 25 שפּעקולאַנטן[10], 1 זאַטלמאַכער, 2 קאָלעקטאָרן[11], 3 מוזיקאַנטן, 2 פעלדשערס, 1 מעשגיסער, 10 קבלנים[12], 1 זייפענזידער, 2 סובקאָלעקטאָרן, 1 לערער[13], 1 סופר.

נישט געצאָלט קיין עטאַט האָבן 98 מענטשן. אין דער צאָל גייען אַריין אויך די פיר דעמאָלטיקע דיינים ר' יעקב ראָזען, ר' נחמן אדערבערג, ר' שלמה שטענצל און ר' נחמיה לאַנדוי[14]. אויך די צוויי שוחטים אלכסנדר קויפמאַן און זאב טאוב האָבן נישט געצאָלט קיין עטאַט־שטייער. אַ חוץ דעם האָבן נישט געצאָלט אויך דער חזן, שמשים, מלמדים, בעהעלפערס, טרעגערס, פעלדשערס[15] און סתם קבצנים.

די קהילה האָט אַרויפגעלייגט שטייערן אַ חוץ אויף די טשענסטאָכאָווער איינוואוינערס אויך אויף די פאָלגנדיקע אַרומיקע יישובים:

אַמסטאָוו (אַזש 8 רובל און 50 קאָפּיקעס אַ יאָר) און קאַמיעניעץ, שעוויעזש, קאַמיען, קעדזשין, פּאַטשעסנאַ, נאָוואַ־וויעש, קאָסשעקעץ, ראַדאָסטקאָוו, וויקליוו, וויט־שערפי, בלעשנאַ, רענדזין און ווזשאָסאָווע, די חלוקה צווישן די יישובים איז נישט באַצייכנט, חוץ אַז אין די דאָזיקע אַלע ישובים האָבן געצאָלט דעם עטאַט־שטייער 27 מענטשן, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט בסך־הכל דעם סכום פון 23 רובל מיט 15 קאָפּיקעס אַ יאָר.

בזה האופן האָבן די 340 צאָלערס פון טשענסטאָכאָוו גופא און די 27 פון די אַרומיקע ישובים געדעקט דעם גאַנצן בודזשעט פון דער דעמאָלטיקער יידישער קהילה אין טשענסטאָכאָוו.

---

6 אַן אייגנטימער פון אַ טאַבאַק־געשעפט.

6א וואַטע־מאַכער.

7 מענטשן וואָס האָבן גענומען סחורות צום פאַרקויף פון סוחרים אָדער פאַבריקאַנטן.

8 אַ באַדינער אין האָטעל.

9 אַ מלמד. זע: רפאל מאהלער אין "יידן אין אַ מאַליקן פוילן אין ליכט פון ציפערן", וואַרשע, 1958, ז. 143.

10 שווער צו זאָגן גענוי וואָסער "פּראָפעסיע" עס איז געווען "שפּעקולאַנטן", סיידן מען זאָל אָננעמען דעם קאָנווענציאָנעלן אויסטייטש פון וואָרט...

11 די, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָנצעסיע אויפן פאַרקויף פון שפּיל־צעטלען.

12 מענטשן וואָס האָבן געהאַט אונטערנעמונגען ווי בויער, קאַנאַליזאַטאָרן און מסתמא אויך פאַבריקאַנטן.

13 אַ פנים דאָס האָט אַ שייכות צו דניאל נייפלד. זע: שאַצקי, דאָרטן, ז. 22.

14 דאָס וואָס עס איז נישט דערמאָנט געוואָרן קיין רב צווישן די ניט־צאָלערס, מיינט ניט, אַז טשענסטאָכאָוו האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין רב, לויט שאַצקי (דאָרטן, ז, 29) איז אַזאַ רב געווען. זיין נאָמען איז געווען ר' יצחק ראַבינאָוויטש, אינטערעסאַנט איז וואָס צווישן די יאָ צאָלערס און ניט־צאָלערס איז נישט פאַראַן קיין איין דאָקטאָר.

15 עס איז שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס עס געפינען זיך צווישן די נישט־צאָלערס פעלדשער'ס, בשעת עס איז בפירוש אויסגערעכנט, אַז צווישן די עטאַט־צאָלערס זענען יאָ געווען צוויי פעלדשער'ס. סיידן, אַז מען זאָל אָננעמען, אַז די ניט־צאָלערס זענען נישט געווען אימשטאַנד צו צאָלן, אָדער, זיי זענען געווען אָנגעשטעלטע פון קהל, עס איז אָבער פאַר דער דאָזיקער השערה ניטאָ קיין שום יסוד.

טש. צ.

דער טשענסטאַכאָווער רב מאַכט שלום

ס'איז כדאי צו דערציילן עפּיזאָדן פון דער אַמאַליקערווירקליכקייט אין די יידישע קהלות, צווישן זיי אויך פון אונדזער טשענסטאָכאָוו:

אין די יאָרן 1888—1891, איז אין שפּיץ פון אונדזער קהילה געשטאַנען — קאַרל גינסבערג, ווייזט אויס, אַ ייד אַ שטיקל עקשן, מיט זיינע פּרינציפּן, פון וועלכע ער האָט נישט "געוואָלט, אַדער, נישט געקאָנט מוותר זיין, אפילו, אויף אַ "קוצו של יוד"...

האָט זיך דעם דאָזיקן ראש־הקהל פאַרגלוסט "מאָדערני־זירן" דאָס יידישע לעבן אין טשענסטאָכאָוו און אָנגעהויבן האָט ער מיט פאָלגענדיקע "רעפאָרמען":

ער האָט באַפוילן, אז מהיום והלאה, זאָל מען די עולים־לתורה נישט אויפרופן "לויטן טראַדיציאָנעלן יעמוד ר' יעקב ב"ר ברוך הכהן" למשל, נאָר פּראָסט־פשוט, קורץ און שאַרף: "יעמוד כהן", "יעמוד לוי", "יעמוד שלישי", א.ז.וו. און דער שמש וועט פריער צו טיילן "מעשענע טעוועלעך", לויט די קרואים פון דער פּרשת השבוע.

די צווייטע גזירה איז געווען, אז אין דער "תלמוד תורה" זאָל מען די קינדער נישט "פאַרטייטשן" דעם "חומש" אין זשאַרגאָן (מאַמע־לשון) נאָר אויף "דייטש" — לויט משה מענדעלסאָנ'ס "ביאור".

און די דריטע און לעצטע גזירה איז שוין נוגע געווען, נישט די לעבעדיקע, נאָר די טויטע, — ער האָט באַשטימט, אז העכסטענס, ביז אַ יאָר — זאָל מען אויפהערן קובר זיין מתים אויפן בית־הקברות אין קעצעלין — נאָר די "חברה קדישא", צוזאַמען מיט דער קהילה, זאָלן זוכן אַ נייעם פּלאַץ פאַר אַ "בית־הקברות" מיט אַ בעסערן צוגאַנג צו אים.

דער פּלאַן פון אָט די אַלע גזירות האָט געשטאַמט פון אַ געוויסן ייד, משה ראובן טענדלער, אַנ'אַמאַליקער חסיד, וואָס איז געווען אַ "שנה ופירש" און געוואָרן אַ גרויסער משכיל און אויך — די העכסטע רעליגיעזע אויטאָריטעט ביי' די פאַרגעשריטענע יידן.

עס פאַרשטייט זיך, אז די פרומע און חסידישע יידן האָבן געמאַכט "ויצעקו" און זיך גענומען מבטל מאַכן די גזירות.

דער ראש־הקהל גינסבערג האָט געקויפט די נויטיקע מעשענע בלעכלעך, מיט די דערמאָנטע אויפשריפטן און די חסידים האָבן זיך מאָביליזירט און זענען אַלע געקומען שבת אין שול אַריין, כדי נישט צו דערלאָזן מבטל צו מאַכן דעם אַלטן יידישן מנהג פון אויפרופן צו דער תורה ביים נאָמען און טאַטנ'ס נאָמען...

דער שטאָט־חזן, לאַנדינסקי ז"ל, האָט זיך אַנטזאָגט אויפ־צורופן צו קריאת התורה בנוסח "דייטשן" און די דאָזיקע מיסיע האָט דערפילט דער שטאָט־שמש ר' אבא פעלץ. אָבער, די חסידים האָבן אויך געטון זייער'ס — זיי האָבן זיך "פאַרבאַראַקירט" נעבן "כהן" און אים נישט געלאָזט "עולה לתורה" זיין... און אזויער נאָך מעכב געווען די קריאה...

דאָס דאָזיקע האָט נושא־חן געווען ביי אַ געוויסן טייל פון די מתפללים און די גבאים מיטן דאזאר גינסבערגן בראש האָבן דערפאַר מיט כעס פאַרלאָזן די שול... זיי האָבן באַלד געדינגען אַ דירה, אויף דער אַלעע נומער 10, און דאָרט איינגעאָרדנט אַ מקום־תפילה פאַר די פאַרגעש־

באַמערקונג פון רעדאַקציע:

דער דאָזיקער ענין — וועגן ענדערן דעם אַלטן מנהג ביים אויפרופן צו דער תורה — האָט געפונען אַנ'אָפּקלאַנג אויך ביים גרויסן וועלט־גאון ר' יהושע'לע קוטנער זצ"ל אין זיין ספר שאלות־ותשובות "ישועות מלכו", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין פּיעטריקאָוו אין יאָר תרפ"ז אין חלק "אורח חיים", תשובה י"ב (פון י"ב ניסן, תרמ"ג) אַפּעלירט דער קוטנער גאון ז"ל צו די "נכבדים און אפרתים יקרים" אין טשענסטאָכאָוו, נישט צו ענדערן דעם מנהג ישראל אויפצורופן יעדן עולה לתורה ביי זיין און זיין פאָטערס נאָמען.

ריטענע יידן און פון דאָרט זיך גענומען דורכפירן אין לעבן די דערמאָנטע רעפאָרם־מעשים.

דערווייל האָבן געדאַרפט פּאַרקומען נייע וואַלן פון דאַ־זאַרעס, די חסידים האָבן זיך פאַראייניקט מיט די "נישט־מאָדערנע" בעלי־בתים און מיט פאַראייניקטע כוחות גע־פייערט דעם נצחון איבער די "רעפאָרם־לייט".

אַלס נייע דאזארעס זענען געוויילט געוואָרן:

מצד די חסידים — ר׳ דניאל בעם; די בעלי־בתים — ר׳ יצחק קרוק און דער כלומרשט "נייטראַלער" מיכאל הערץ, וועלכער איז געבליבן ווייטער דאַווענען אין שול, בעת די "פאַרגעשריטענע" זענען אַריבער אין דער געדינגענער שול.

מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך מ. הערץ, וויל דורכאויס, אַז מען זאָל די עולים־לתורה נישט רופן ביי די נעמען, נאָר טאָקע דורך די "מעשענע בלעכלעך" — די ירושה פון פריערדיקן ראש־הקהל...

ס׳איז אויסגעבראָכן אין שול אַ גרויסע מחלוקת צווישן די מתפללים און באַזונדערס צווישן די דאזארעס — הערץ און בעם.

אין יענער צייט — אין יאָר 1894 — איז קיין טשענסטאָ־כאָוו אָנגעקומען דער נייער רב, רבי נחום אַש.

ווייזט אויס, אַז אויך די דאזארעס האָבן געוואָלט מאַכן אַ סוף צו די שטענדיקע סכסוכים און זיי זענען געקומען צו אונדזער נייעם רב און געבעטן ער זאָל דעצידירן אין די אַלע ענינים לויט זיין פאַרשטאַנד, אפּזאָגענדיק זיך דערביי פון זייערע מאַנדאַטן אַלס דאזארעס, כדי צו וויילן אַנדערע.

דער רב האָט צוזאַמענגערופן עטלעכע צענדליק עסקנים און מתפללים פון אַלע ריכטונגען און אויסגעהערט אַלע־מענ׳ס טענות.

דער ראש־המדברים פון די "פאַרגעשריטענע" איז גע־ווען, דער שוין דערמאָנטער, געוועזענער חסיד משה ראובן טענדלער, וועלכער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אין תורת משה געפינען זיך נישט קיין איסורים אויף די רעפאָרמען, וואָס מען וויל איינפירן אין דער שול און תלמוד־תורה, פונ־דעסטוועגן — האָט ער צום סוף דערקלערט, אַז דער פּסק פון רב, וועט אויך מחייב זיין די פאַרגעשריטענע.

אונדזער קלוגער רב האָט באַלד מסביר געווען די סיבה פאַרוואָס אין געוויסע שולן אין מעריב־אייראָפּע, איז מען זיך נוהג נישט אויפרופן "פלוני בן פלוני" נאָר "יעמוד כהן" א.ז.וו.

דאָס יידישע פאַמיליען־לעבן איז דאָרט מאָדערניזירט — האָט דער רב דערקלערט — און עס קאָן זיין אַ יסוד אַ מאָל חושד זיין — ווי עס ברענגט דער תלמוד — "דלמא לאו אביו הוא"... (טאָמער, איז ער נישט זיין פאָטער...) צוליב דעם רופט מען קיינעם נישט צו דער תורה אויך מיט זיין טאַטענ׳ס נאָמען... אָבער, היות, די טשענסטאָכאָווער יידן פירן תמיד אַ צניעותדיק־כשר פאַמיליען־לעבן, איז, אַזאַ חשש, חלילה, נישטאָ און עס איז דערפאַר אויך נישטאָ קיין שום יסוד צו ענדערן דעם מנהג פון דורי־דורות...

אויך אין דער פראַגע וועגן לימודי־קודש אין דער "תל־מוד־תורה" אויך "דייטש", איז דער רב געווען אין דער מיינונג, אַז מען דאַרף דאָרט איינפירן דאָס לערנען אויך די דייטשע שפּראַך, אָבער, נישט אויפן חשבון פון אונדזער מאַמע־לשון — יידיש, וועלכע דאַרף זיין טייער פאַר אַלע יידן. ער האָט דערפאַר פאַרגעלייגט צו מאַכן אַזאַ פּרווו אויף אַ יאָר און נאָכדעם, וועט מען זען, אַז דאָס שטעלט צופרידן ביידע צדדים, ווייל די קינדער וועלן קענען יידיש און דייטש.

אין דער בית־הקברות פראַגע — האָט דער רב פאַרגע־לייגט צו שאַפן אַ קאָמיסיע מיטן אָנטייל פון די דאזארעס, חברה קדישא און אַנדערע פאַראינטערעסירטע, וועלכע זאָל געפונען אַ פּאַסיק אָרט פאַר אַ נייע בית־הקברות, אָבער, ביז דעמאָלט, זאָל מען ווייטער קובר זיין אויפן אַלטן בית־הקברות.

ביידע צדדים האָבן מסכים געווען אויף דעם רב׳ס פּסק־דין.

נאָכדעם האָבן די פאַרשטייער פון די חסידים ר׳ נאָטל־נתן פאַנקאָווסקי און ר׳ אברהם־שלום וועקסלער דער־קלערט, אַז, מפני דרכי־שלום, זענען זיי מסכים, אַז די אַלע דריי דאַזאַרעס, זאָלן זיין פאַרשטייער פון די פאַרגעשריטענע, בתנאי, אַז אַלע רעליגיעזע ענינים זאָלן דעצידירט ווערן, דורכן רב אַליין.

דער צווייטער צד האָט אויף דערצו מסכים געווען און ביי די נאָענטע דאַזאַר־וואַלן, זענען טאַקע געוויילט געוואָרן די ה"ה: אַדוואָקאַט גליקסאָן, מארקוס העניג און מארקוס ראַטשילד, וועלכע, האָבן אַלע רעליגיעזע ענינים איבער־געגעבן דער קאָמפּעטענץ פון רב זעלבסט.

די נייע קהלה־פאַרוואַלטונג האָט מיט דער מיטהילף פון רב געזאַמעלט בערך צוואַנציק טויזנט רובל, פאַר וועלכע מ׳האָט געבויט אַ שאָסיי צום אַלטן בית־הקברות און אויך צוגעקויפט פלעצער אַרום, כדי צו פאַרגרעסערן דאָס בית־

הקברות און מען האָט זיך מער נישט גענויטיקט עס אי־בערפירן אויף אַ ניי אָרט.

(ליידער, האָט היטלער מיט זיינע באַנדעס, ימח שמו וזכרו, שפּעטער פאַרוואַנדלט דאָס גאַנצע יידישע טשענס־טאָכאָוו אין איין בית־הקברות!...

זאָלן די פּרטים וועגן דעם, ווי אַזוי הרב אַש האָט אַ דאַנק זיין חכמה און טאַקט באַוויזן איינצושטעלן אַ שאַרפע מחלוקת און ברענגען צו אַ שלום צווישן טשענסטאָכאָווער עסקנים, פאַרצייכענט ווערן לזכרון־עולם אין אונדזער ״ספר צ׳נסטוחוב״!).

(ציטירט פון ״טשענסטאָכאָווער צייטונג״ נומ. 20 פון 20.5.1938)

א. ג־ב


אונדזער נייע מקווה

טשענסטאָכאָוו האָט געשמ׳ט אין גאַנץ פּוילן אַלס אַ שטאָט וואָס מעג שטאָלצירן מיט אירע געזעלשאַפטלעכע אינס־טיטוציעס אפילו לגבי די גרעסטע פּויליש — יידישע שטעט.

איינע פון אירע אַנשטאַלטן, וואָס זענען כדאי צו דערמאָ־נען, איז געווען די נייע באַד און מקווה.

אָבער, כדי צו פאַרגלייכן צו דעם וואָס איז געווען אַ מאָל, מוז מען דערמאָנען אויך די אַלטע מקווה, אויף דער פראסטא־גאַס, נאָענט צום טייך וואַרטאַ.

זי האָט זיך געפונען צווישן בית־מדרש און דער אַלטער שול אין שעכט־שטיבל פאַר עופות. זי האָט אַפילו געהאַט צוויי אפּטיילונגן, אָבער, אַלץ איז געווען אַלט און פּרי־מיטיוו, אַזוי אז עס האָט ממש פאַרטריבן פון זיך...



די נייע מקווה — איצט דער ״רעליגיעזער ראַט״

גאַנץ אַנדערש איז געווען די נייע באַד און מקווה, עס איז געווען אַ צוויי־שטאָטיקע געביידע, געבויט און אַריי־נערן אין בעסערן טייל פון שטאָט. שיין אויסערליך און נאָך מער אינעווייניג, אַלץ איז געווען מאָדערן און לויטן לעצטן וואָרט פון די סאַניטאַרע און היגיענישע פאָדערונגען. די אמבטיות (וואַנעס) ציכטיק — ריין, באַזאָרגט מיט 2 קראַנען, פאַר וואַרם און קאַלט וואַסער.

חוץ דעם אַלגעמיינער מקווה (וועלכע, איז אויך געווען פאַרזאָרגט, זי זאָל תמיד זיין ריין) זענען דאָרט אויך געווען באַזונדערע מקוואות פאַר יחידים, פון וועלכע מען האָט געטוישט דאָס וואַסער נאָך יעדער טבילה, וואָס עס האָט מעגליך געמאַכט פאַר אַלע קרייזן פון דער יידישער באַ־פעלקערונג זיך מיט איר באַנוצן.

די מקווה, איז געבויט געוואָרן אין די יאָרן 5—1904 אונטער דער אויפזיכט פון מרדכי נחמיה קויפמאַן — אַ זון פון דעם באַקאַנטן ר׳ אבא׳לע שוחט.

די מקווה, וועלכע, איז געווען אויף גאַריבאַלדי־גאַס (ספּאַדעק) האָט זיך געפונען אויסער דער ״יידישער געטאָ״ און איז נישט חרוב געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג.

נאָך דער מלחמה האָבן זיך דאָרט קאָנצענטרירט אַלע יידישע אינסטיטוציעס, (אַ ״בית־תפלה״, די יידישע רע־ליגיעזע פאַרוואַלטונג, דער יידישער קולטור־קאָמיטעט ווי אויך — אַ ״קינדער־היים״ און אַ שולע פאַר יידישע קינדער).

ישראל בוכמאַן

מיינע זכרונות פון די שטאָט־ראַט וואַלן אין יאָר 1935

אויב פוילן איז אין יענע יאָרן געווען געבענטשט מיט די "ענדעקעס" (נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי) — די גרעסטע געגנער פון פּילסודסקיס "סאַנאַציע"־פּאַרטיי און דערצו די פאַרביסנסטע שונאים פון יידן, וועלכע זיי זענען געווען גרייט זיי צו דערטרינקען, אפילו אין אַ "לעפל וואַסער", האָט זיך די דאָזיקע "מגיפה" באַזונדערס פאַרשטאַרקט אין אונדזער טשענסטאָכאָוו.

עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די "קדושה" מיט וועלכער די קאַטוילישע קירכע האָט מזכה־געווען אונדזער שטאָט, צוליבן "הייליקן־בילד" פון דער "מאַמע", האָט אויך פיל משפיע געווען, אַז די "ענדעקעס" זאָלן קאָנען פאַרוואַנדלען טשענסטאָכאָוו אין איינער פון זייערע גרעסטע און שטאַרקסטע פעסטונגען.

איך האָב געהאַט דעם כבוד דעלעגירט צו ווערן צו דער וואַל־אורנע אויף זאַוואַדזיע, אַלס פאַרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דעם "חלוץ־בעלי־מלאכה", וועלכער איז אויך געווען איינגעשלאָסן אין דער דערמאָנטער אָרגאַניזאַציע.

צו דעם וואַל־באַצירק זענען צוגעטיילט געוואָרן די גאַסן נאַדרזשעטשנאַ, גאַרנציאַרסקאַ, מאַסטאַווע, טאַרגאָווע און די איבעריקע געסלעך פון דער יידישער אָרעמקייט. דאָס איז געמאַכט געוואָרן מיט דער בולטער כונה "אַפּצו־ציען" די יידישע שטימען פון אַ ריין יידישן וואַל־באַצירק, כדי דאָרט צו פאַרגרעסערן די מעגלעכקייט פון די ענדעקעס צו פאַרכאַפּן אויך יידישע מאַנדאַטן...

עס איז איטערעסאַנט צו דערציילן, אַז הגם, אין דעם וואַל־לאָקאַל ווו איך בין דעלעגירט געוואָרן זענען געווען 2 טירן, איינע אַ ברייטע און די צווייטע אַ שמאָלע און די ווײַלער האָבן געדאַרפט — לויט די פאַרשריפטן — אַריין דורך דער **ב ר י י ט ע ר** טיר און אַרויס דורך דער **ש מ אָ ל ע ר**, האָט מען די יידישע ווײַלער בכלל **נ י ש ט** דערלויבט זיך צו באַניצן מיט דער **ב ר י י ט ע ר** טיר און זיי האָבן זיך געמוזט שטופּן אין דער ענגשאַפט דורך דער שמאָלער טיר... אָדער אין גאַנצן מוותר זיין און זיך נישט באַטייליקן אין די וואַלן...

אַדוואָקאַט קאָניאַרסקי, וועלכער איז געווען דער פאַרטרויונגס מאַן פון דער אַלגעמיינער יידישער ליסטע, איז געלאָפן פון איין וואַל־ראַיאָן צום צווייטן כדי צו פאַרמיידן שיקאַנעס קעגן יידישע ווײַלער, אָבער דאָס איז אים ווייניק געלונגען. די יידישע כלל־טוער האָבן דערפאַר באַשלאָסן פאָדערן פון דער מאַכט פסלען די וואַלן. עס איז באַשטימט געוואָרן אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע האָט אָנגע־הויבן איר אַרבעט דעם 31־טן מאַי 1935, גראָדע, אין אַ טאָג וואָס האָט פאַר מיר געהאַט אַ באַזונדערע היסטאָרישע באַדייטונג — דאָס איז געווען דער גליקלעכער טאָג אין וועלכן מיר האָבן זוכה־געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל.

איך האָב נאָך באַוויזן אָפּגעבן מיין עדות פאַר דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פאַרשטייער פון וואַרשעווער אינערן־מיניסטעריום, קיעלצער־וואָיעוואָדסטווע און פון דער טשענסטאָכאָווער סטאַראָסטווע, ווי אויך פון דער אָרטיקער פּאָליציי־קאָמענדאַטור.

אין נאָמען פון די יידן זענען אַרויסגעטרעטן מיט זייערע טענות: אַדוואָקאַט, **ל. אַ ש**, **ש מ ו א ל פ ר א נ ק**, קהי־לה־פרעזעס יעקב ראָזנבערג און אַדוואָקאַט קאָניאַרסקי.

מיך האָט די קאָמיסיע אויסגעפאָרשט אַ לענגערע צייט און זי האָט זיך געענדיקט מיט אַ שטיקל אינצידענט:

דער 31־טער מאַי 1935 איז געווען שבת און איך האָב זיך אַנטזאָגט אונטער־צושרייבן דעם פּראָטאָקאָל, ווייל איך האָב נישט געוואָלט מחלל־שבת־זיין.

דאָס איז געווען מיין לעצטע פּעולה ביי די דאָזיקע וואַלן.

ד"ר וו. גליקסמאן

די קהלה אין אירע אויפגאבן

דאָס אינערליכע לעבן פון די יידן אין פּוילן, האָט זיך אין משך פון זייער גאַנצער געשיכטע אָפּגעשפּיגלט על פּי רוב אויפן געביט פון די קהילות. פון די באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון די קהילות, האָט מען געקאָנט באַקומען אַ באַגריף וועגן די טאָג־טעגלעכע דאגות און באַדערפענישן פון אַן עדה יידן. זייערע קאָנפליקטן אין פּריוואַטע און אין אַלגעמיינע אינטערעסן, זייערע עליות און ירידות זענען בולט געוואָרן, צום גרעסטן טייל, אויף די זיצונגען און אַלגעמיינע אסיפות פון די קהילה־אָרגאַנען. די טעטיקייטן פון יחיד און כלל זיינען רעקאָרדירט געוואָרן אין די באַריכטן פון די קהילה־ראַטן, קהילה־פאַרוואַלטונגען און אין די שייכות'דיקע אינסטיטוציעס.

✶

צווישן ביידע וועלט מלחמות, האָט אין פּוילן דאָס רייכקייט און אָרעמקייט, דאָס בשותפותדיקע און דאָס אינדיווידועלע אינעם יידישן לעבן פון איין זייט, און די אַנטי־יידישע רעגירונגס־פּאָליטיק פון דער צווייטער זייט, געפאָדערט אַ ברייט אַרבעטס געביט פאַר דער קהילה און נויטווענדיק געמאַכט איר עקסיסטענץ. ביידע אַספּעקטן האָבן געגעבן אינהאַלט דער קהילה־אָרגאַניזאַציע און באַשטימט איר אויטאָנאָמישן כאַראַקטער.

✶

במשך הזמן עזבו מספר חברים את התנועה וחזרו לחיק המשפחה. הם לא רצו למרוד בדרך שבה הלכו אבא־אמא. לעומת זאת, יצאה קבוצת חברים אחרת להכשרה לסוס־



הנהלת הקן של תנועת־הנוער ״גורדוניה״

נוביץ. קבוצה שניה — בוגרי הגימנסיה היהודית — יצאה לזדונסקה־ווליה קבוצה שלישית והצטרפה לארגון ״העתיד״ ויצאה לפאביאניץ, והקבוצה הצעירה ביותר יצאה לטומאשוב־מזובייצק. היה זה פרי עמל של שנים רבות!״

בינתיים ננעלו שערי העליה, ו״סרטיפיקט״ נעשה לדבר שהחברים צריכים היו להמתין לו שנה־שנתיים. התנאים בגולה היו ללא נשוא, ושמיה של ארץ־ישראל הקדירו בעננים: הגיעה שנת 1936, ימי המאורעות בארץ. ב״מעלה״ יצאו חמישה חברים לעבודה ונהרגו באש האויב. הוכרז אבל בתנועה, זכרם הועלה בשירים שהוקדשו להם והמקום נקרא ״מעלה החמישה״. אלה שעמדו עלה משמר לא הרפו מן הרעיון, האמינו ושרו:

״זה גורלנו, זהו הצו
זוהי הדרך, זהו הקו״.

שוב לוינו חברים שעלו ארצה טפין־טפין, אחרי שהייה ארוכה בפלוגות ההכשרה.

בוגרי התנועה שעזבוה נהפכו לתומכיה: תרמו למען הקרן הקיימת לישראל, למען המפלגה, שקלו את השקל והצביעו בעד ארץ־ישראל העובדת.

מחוסר תקציב נאלצנו אז לעזוב את המעון ברחוב קרוטקא ולנהל את פעולתנו במעונה של ״המפלגה״ בתנאים קשים. בכל־זאת, לפי הוראות ההנהגה הראשית, המשכנו. שליחים מורשא וגם מן הארץ שפקדו אותנו לעתים מזומנות, הפיחו בנו רוח־אמונה. דיברו על ״אפשרויות״ של ״עליה ב׳״, ללא הכשרה.

התקרבה שנת 1938. שוב עלו חברים בודדים ארצה בסרטיפיקטים ובלי סרטיפיקטים. מגרמניה הגיעו בשורות רעות. נפגשנו פנים אל פנים עם הנוער החלוצי שעזב את גרמניה, הצטרף לפלוגות ההכשרה שלנו ומצא מקלט בתנועה החלוצית. הרגשנו, שגורל דומה צפוי גם לנו, שהרי צ׳נסטוחוב מרוחקת שלושים ק״מ בלבד מן הגבול הגרמני. תחנת־השידור הגרמנית הסיתה, והסכנה התקרבה ובאה. יהודי זבונשין שגורשו מצאו מקלט גם בעירנו, והנוער שלהם מצא את מקומו ב״גורדוניה״ ובחוה החקלאית של צ׳נסטוחוב. החיים זרמו להם כמי־הנהר ווארטה העובר בעיר — עד שבאה שנת הפורענויות — 1939.

(ביום ששי, באחד לספטמבר, שמענו את היריה הראשונה. היה ברור לנו שמפנה מכריע חל בחיינו. באותו יום, ולמחרתו בשבת, התאספו שארית החברים של ״גורדוניה״, ״השומר הצעיר״, ״פרייהייט״ וחלק מחברי ״פועלי־ציון״ ו״התאחדות״, כדי לטכס עצה מה עלינו לעשות. על אף הבדלי ההשקפות, היינו מאוחדים בדאגה שאפפה את כולנו. נתנסינו בהתרחשות חדשה — פלישת הגרמנים. היינו אובדי עצות. הפקרנו את המעון על הארכיון והדגלים שבו.

נסתיימה תקופה יפה של עבודה חינוכית בכוחו של א. ד. גורדון, שעל שמו נקראה תנועתנו: ״גורדוניה״).

נח אדליסט

"אגודת ישראל" בצ'נסטוחוב

לחיזוק הדת והאמונה אחרי ההרס הרב ברוח ובנשמה שבא כתוצאה ממלחמת־העולם הראשונה, הוקמה מפלגת "אגודת ישראל" העולמית ואז נוסד סניף שלה גם בצ'נסטוחוב.

הסניף הציב לו כמטרותיו העיקריות — לאחד את כל החרדים, שלומי אמוני ישראל, בכדי להילחם שכם אחד בפרצות שבאו ממזרח וממערב ושסיכנו את קיום היהדות המסורתית, החיה לפי חוקי התורה.

עניני חינוך

הסתדרות "אגודת ישראל" בצ'נסטוחוב יסדה בראשית פעולותיה חדרי "בית־יעקב" וישיבות וגם בתי־ספר לבנות ישראל. כן היא דאגה להקמת מוסדות צדקה וחסד על מנת לסייע לנצרכים ובעיקר לחניכי וחניכות בתי־ספריה ולהו־ריהם מחוסרי־הפרנסה.

שיטתה זו של "אגודת ישראל" עזרה במידה מסויימת גם לבלימת ההתבוללות שהתפשטה ולחיזוקה של היהדות.

משלחת לארץ־ישראל

בשנת תרפ"ד יצאה מטעם "אגודת ישראל" בעירנו משל־חת לארץ־ישראל לשם רכישת אדמה וייסוד מושבה של חרדים לדבר ד' בארץ־ישראל, אולם המשבר הכלכלי שפרץ אז בפולין וכמו כן בגלל מאורעות הדמים בארץ־ישראל לא הצליחה המשלחת להגשים את הדבר וחברי "אגודת ישראל" בעירנו שהשקיעו מכספיהם בקניות אלו, הפסידום.

עמדת הנציגות בעיריה ובמוסדות ציבוריים

נציגי "אגודת ישראל" במוסדות המוניציפליים וביתר המוס־דות הציבוריים הכלליים נלחמו שכם אחד עם נציגי המפ־לגות היהודיות האחרות נגד קיפוחם של היהודים וזכויותיהם ותבעו את השתתפותה של העיריה בהחזקת המוסדות היהו־דיים וכמו כן בהטלת־מסים צודקת על היהודים לצרכי המדינה והעיר.

בחיי הכלכלה

"אגודת ישראל" לא הצטמצמה בפעולותיה בעניני רוח בלבד, אלא, דאגה גם לצרכיהם החומריים של חבריה ואוהדיה.

לשם כך יסדה בנק משלה בשם "בנק קופיצקי", שמטרתו היתה לעזור — עד כמה שאפשר — לביסוס עסקיהם וענפי פרנסתם של אלה הזקוקים לכך למען ימצאו טרף למשפ־חותיהם.

בראש הבנק עמדו טובי אנשי המעשה והכלכלה שבחוגים הדתיים שהקדישו הרבה מזמנם ומרצם לפיתוח הבנק והר־חבת תחום פעולותיו.

פרטים על הנהלת ה"אגודה" וחבריה הפעילים

בעתון "דער יוד", מפ' שמיני תרע"ט, פורסמה כתבה על אסיפה כללית של "אגודת ישראל" בצ'נסטוחוב, שממנה אנו מצטטים את הפרטים האלה:

ביום א' פ' שמיני התקיימה האסיפה הכללית של "אגודת שלומי אמוני ישראל".

פתח ר' שמואל זעלוועד ואתו ישבו בנשיאות: ר' יצחק מאיר יוסטמאן, ר' יוסף דזיובאס, ר' מיכל ליב מינדיק. את הפרוטוקול ניהל ר' יצחק קאפלאן.

נאמו: ר' יעקב אדליסט ור' יהושע זעליגמאן, שהדגישו את חשיבות הענינים שעמדו לדיון וכמה מן הנאספים הוסיפו לדבריהם ואחרי כן נתקבלו החלטות מתאימות.

לועד החדש נבחרו ה"ה: אברהם נפתלי הארוויץ, יצחק קאפלאן, זאב בארענשטיין, נחמן קרימאן, קלמן רייכער, שמואל זעלוועד, יצחק מאיר יוסטמאן, יוסף סילמאן, יהושע זעליגמאן, פלטיאל בארז'יקובסקי, של־מה גאלד, בצלאל פיטאסעוויץ, יצחק דזיובאס, מנחם

פאגעל, מנשה מרגלית, יעקב צבי פייערמאן, דוב געווירצמאן, יוסף דזיובאס, יצחק פיאטרקאָווסקי, דוד זעלוועהר, פייבל ריפשטיין, דוב גאָלדרייך, דוד שמואל ווארשאווסקי, יוסף בארז׳יקובסקי, זינדל לעווענהאָף, משה בארז׳יקאָווסקי, שלמה רוזשעוויץ, נתן דוד — חתן האדמו״ר ר׳ שלום, זישא לינצפעלד ואברהם עפשטיין.

כ״מועמדים״ נבחרו: אברהם זומפער, אלחנן גאָלד, חיים דן ליפשיץ, ליפמן דוד קליינמאן, שמחה פערלע־גער, שלמה טשענסטאָכאָווסקי, יעקב מאיר פרייס, זלמן שמולעוויץ, מנחם זעלוועהר, צבי סטאביעצקי, אלעזר האַראָוויץ, דוד סטאָביעצקי, לוי ווארגאן, שמו־אל פייבל רובינשטיין, מאיר שצעקאץ ואברהם פייבל טאביאש.

ועד צעירי ״אגודת ישראל״

לועד הנזכר נבחרו: יוסף אדעליסט, אבא בוימאץ, י. קויפמאן, אנטשל באַרז׳יקאָווסקי, אהרן יוסטמאן, אברהם ראשיצקי, מ. ברום, משה בראמבערג וזליג שאכער.

ליפמן רייכר

ארגון ״פועלי אגודת ישראל״

בשנת תרפ״ד — 1924 — שנתיים אחרי שנוסד ארגון פועלי אגודת ישראל בוורשה ובלודז׳, — הוקם סניף גם בצ׳נסטו־חוב, ע״י זלמן קליינברג, יוסף זולטוברוצקי, בונם רבינוביץ, אהרון יוסטמן, פייבל לנדסמן, צבי צימברקנופ וליפמן רייכער. היו בארגון כארבע מאות חברים, פועלים דתיים מכל השכבות.

באותן השנים הטילה ממשלת פולין מסים כבדים על הסוחרים והחנוונים הזעירים ורבים מהם הגיעו ממש עד לפשיטת רגל. הם התחילו, איפוא, לחפש מקורות פרנסה חדשים, בעיקר, כפועלים. אולם בשטח זה נתקלו היהודים בקשיים רבים. התעשיה הכבדה שנמצאה אז בשלבי הת־פתחותה הראשונים, היתה כמעט סגורה בפני היהודים, ולא כל שכן למשרות ממשלתיות, שלא היתה בהן דריסת רגל ליהודים. מבחינה זו קשה היה שבעתיים מצבו של הפועל הדתי, בלבוש המסורתי. הוא היה נחשב כבלתי־מוכשר ובלתי־מסוגל לשום עבודה גופנית. גם שמירת השבת על ידי הפועל הדתי היוותה קושי נוסף, כי כמעט בכל בתי־החרושת, ואפילו של יהודים חרדים, עבדו בשבת, על פי היתרי ״שטרי־מכירה״. היה דרוש הרבה אומץ־לב לפועל הדתי, כאשר היה הכרח ללחום לפעמים אפילו נגד ״אנשי שלומו״.

ארגון ״פועלי אגודת ישראל״, שנוסד אז ושסיסמתו היתה צדק סוציאלי על פי התורה, בא לעזרתו של הפועל הדתי והוקיע את התנהגותם הבלתי הוגנת של בעלי בתי־החרושת הדתיים כלפי עובדיהם.

בשטח הרוחני, אירגנה הסתדרות ״פועלי אגודת ישראל״ שיעורי ערב לגמרא, משניות, תנ״ך, ספריה בת אלפי ספרים בעברית, באידיש ופולנית, ברוח היהדות החרדית.

בתחום הכלכלי דאגה לארגון מקומות עבודה מתאימים וקופת גמילות־חסד להלוואות קטנות.

בפעילותה הציבורית השתתפה בבחירות ל״סיים״ ולעי־ריות, יחד עם הסתדרות־האם שלה ״אגודת ישראל״ ופרט לבחירות לועד הקהילה היהודית, שבהן מותר היה לכל חבר להצביע לפי רצונו.

כאשר גברה הזיקה לארץ־ישראל והצעירים שבארגון דרשו יתר פעילות בשטחי ההכשרה והעליה, מצאה דרישה זו הד רחב גם בצ׳נסטוחוב, וכמה מהם נשלחו להכשרה ללודז׳.

(רעיון העליה חדר לארגון ועשרות חברים עלו בשנות השלושים, בדרכים שונות, ארצה. מהם אף הצליחו להעלות במשך הזמן את בני משפחותיהם, ובדרך זו ניצלו מצפרני הנאצים).

ליפמן רייכר

"בנות אגודת ישראל"

כשלוחה של "אגודת ישראל" קם ארגון "בנות אגודת ישראל" גם בצ'נסטוחוב, בשנות העשרים האחרונות, שחברותיו באו ממשפחות חרדיות ואפילו חילוניות, כולן בוגרות בית־הספר הדתי "בית יעקב".

השכבה הצעירה נקראה בשם "בתיה" והודרכה על ידי חברות צעירות מבין ה"בנות".

פעולות התנועה נעשו בעיקר בתחום הרעיוני־תרבותי: שיחות אידיאולוגיות ופוליטיות (ביהדות, בעולם ובארץ־ישראל) ובתחום ההשכלה: דת, מסורת, ספריה, הווי תנועתי עזרה פעילה ל"בית יעקב".



שיעור בארגון "בנות אגודת ישראל"

הפעולות הסוציאליות התבטאו בהושטת עזרה לארגוני הסעד שבעיר, בעבודה קבועה למען קרן "ישיבת חכמי לובלין" ו"קרן היישוב".

כשהחלה רדיפת היהודים בגרמניה, נעשתה פעולה נמ־רצה להחרמת תוצרת גרמניה.

הסניף עמד בקשר עם המרכז שבלודז', שהוציא לאור ירחון בשם "בית יעקב", שיגר מרצים, אירגן כנוסים וקורסים למדריכות וגם הכשרה חלוצית לבנות העתידות לעלות לארץ־ישראל ("אהל־שרה").

מבחינה אירגונית נתחלקה התנועה לקבוצות, שפעלו בהדרכת בוגרות התנועה ומורות "בית־יעקב".

בין המדריכות הפעילות היו טובה גליבטר, הדסה גולד ורבקה גולדבאום ורבות אחרות ששמותיהן נשכחו ממני.

(בפרוץ מלחמת־העולם השניה הגיע זרם בלתי פוסק של פליטים לצ'נסטוחוב, הוחרמו דירת־התנועה ו"בית יעקב" למען הפליטים. כעבור זמן נאסר, בגזירת הכובש הנאצי, קיומם של אירגונים וכל בתי־הספר היהודיים נסגרו. הת־כנסותן של ה"בנות" בבתי־הוריהן היתה בחזקת סכנת־נפשות, אם כי הוגשה בכל זאת עזרה ל"בנות" פליטות בבתים פרטיים וכן דאגו לסעודות של שבת לפליטים חרדים.

ימי השואה שמו קץ גם לבנות ישראל היקרות, שכל כך הצטיינו בצניעותן ומדותיהן הטובות. ד' ינקום דמן!).

ו. ה.

טשענסטאכאוו בעת דער דערעפענונג פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים

דער 1 אַפּריל 1925 (ז׳ ניסן, תרפ״ה) אין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב פאַרן צוזייטן און צו־שפּרייטן יידענטום איבער דער גאַנצער וועלט — דאָס איז געווען דער גרויסער טאָג, ווען אויפן הר־הצופים אין ירושלים, איז געעפנט געוואָרן די ערשטע העברעאישע אוניווערסיטעט.

דעם דאָזיקן יום־טוב האָט מען אין אונדזער שטאָט געפייערט אויף פאָלגענדיקן אופן:

די ספּעציעלע צייטונג

באַלד אין דער פרי, האָט זיך אין שטאָט באַוויזן די איינ־מאָליקע צייטונג וועלכע דער פייערונגס־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אין דריי שפּראַכן (העברעאיש, יידיש און פויליש) און איז געווען געווידמעט דעם דאָזיקן גרויסן יום־טוב.

די צייטונג האָט געהאַט אַ רייכן אינהאַלט, געווען פיין רעדאַגירט און שיין אילוסטרירט און איז ממש צוכאַפּט געוואָרן דורך די שפּאַצירנדיקע יידישע איינוואוינער, וואָס האָבן זיך פון גאַנץ פרי אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן, אין זייערע יום־טוב׳דיקע מלבושים.

אין דער אַלטער שול

אונדזער גרויסע שול איז געווען פול געפּאַקט מיט אַ פאַר־שידנאַרטיקן עולם יונג און אַלט, מענער און פרויען.

די פייערליכע פאַרזאַמלונג איז געעפנט גיוואָרן דורך נתן גערייכטער, וועלכער האָט געשילדערט די גרויסע באַדייטונג פון דעם היסטאָרישן מאָמענט, ווען דאָס יידישע פאָלק האָט זוכה געווען, צו עפענען זיין ע ר ש ט ע אוני־ווערסיטעט אין זיין א ל ט ע ר היים און אין זיין אַלט־נייער העברעאישער שפּראַך.

דער שטאָט־חזן, ה׳ ראָזענטאַל, — באַגלייט מיט אַ מוזי־קאַלישן אָרקעסטער — האָט געזונגען פאַרשידענע מזמורי־תהלים — צוגעפּאַסטע צום דאָזיקן פייערליכן מאָמענט.

דער באַוווּסטער מטיף און מזרחי־עסקן ר׳ יוסף שמעון קאַבלענץ און דער מזרחי־טוער ר׳ משה האלטער האָבן באַגייסטערט דעם עולם מיט זייערע אינהאַלטס־רייכע רעדעס מעניני דיומא און האָבן געענדיקט מיט דער האָ־פנונג, אַז ארץ־ישראל וועט געבויט ווערן על פי התורה והמסורה.

אין דער נייער שול

די פייערונג אין דער נייער שול האָט געטראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. קודם־כל, איז דער אַריינגאַנג אין שול געווען באַגרענעצט נאָר פאַר איינגעלאַדענע געסט — פאַרשטייער פון אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס און פאַראיינען און פאַר דער שול־יוגנט.

דער פּרעכטיקער מאַרש פון די שילער און שילערינס מיט זייערע פענער איבער די טשענסטאָכאָווער גאַסן צו דער נייער שול האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק.

די שול איז געווען שיין דעקאָרירט מיט בלוי־ווייסע פענער ווי אויך מיט די פענער פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס.

ס׳זענען אויך געקומען דעלעגאַטן פון נישט־יידישע אַנשטאַלטן, מיטן שטאָט־פּרעזידענט ד״ר מארטשעווסקי אין דער שפּיץ.

פאַר דער שול האָט זיך געפונען אַן אָפּטיילונג פון פוס און רייטער־פּאָליציי, אָבער, דער גרויסער קהל האָט אַליין אָפּגעהיט די מוסטערהאַפטע אָרדנונג.

דער קאַנטאָר ה׳ פישעל מיטן שול־כאָר, — באַגלייט פון אַ פיס־האַרמאָניע — האָט געזונגען עטליכע מזמורים און פזמונים, צווישן זיי אויך אַ ספּעציעלן פאַרפאַסטן אוני־ווערסיטעטס המנון. נאָכדעם האָט אונדזער רב, רבי נחום אַש גערעדט אין אַ פיינעם העברעאיש וועגן דער גרויסער

באַדייטונג פון דעם וויכטיקן יום־טוב אינם יידישן לעבן.

נאָך אים האָט גערעדט ד״ר שוויג פון לאָדז, וועלכער איז דורכן פייערונגס־קאָמיטעט איינגעלאַדן געוואָרן צו דער פייערונג. אויך ד״ר שוויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער גרויסער נאַציאָנאַלער און דערציערישער באַדייטונג פון אַ העברעאישע אוניווערסיטעט אין ירושלים.

נאָכדעם האָט דער כאָר געזונגען דעם פוילישן נאַציאָנאַלן הימנון און די ״התקוה״, וועלכע איז באַגלייט געוואָרן מיטן התלהבות׳דיקן געזאַנג פון גאַנצן עולם.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט מיטן הילכדיקן געזאַנג פון העברעאישע ארץ ישראל שירים, געזונגען דורך די ״שומרים״, וועלכע זענען געקומען צו דער פייערונג אין שול אין זייערע אוניפאָרמען מיט זייערע פענער.

אַ גרויסע אקאַדעמיע אין טעאַטער ״נאַוואָשצי״

טשענסטאָכאָווער יידן האָבן זייער פרייד צוליב דער דערעפנונג פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט געפייערט, נישט בלויז אין זייער אַלטער און נייער שול, נאָר אויך איינגעאָרדענט, אין זעלבן אָוונט, אַ גרויסע פייערליכע אַקאַדעמיע אין שטאָט טעאַטער ״נאַוואָשצי״.

דאָס טעאַטער איז געווען פול־געפּאַקט. די אַקאַדעמיע האָט געעפנט דער פאָרזיצער פון פייערונגס־קאָמיטעט א. א. שיינפלד, וועלכער האָט איבערגעגעבן דעם פאָרזיץ דעם לאָדז׳ער גאַסט ד״ר שוויג.

ביים פרעזידיום־טיש זענען געזעסן די פרעזעסן פון דער קהלה פאַרוואַלטונג און איר ראַט: שמואל גאָלדשטיין און חיים וועקסלער; פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — ב. געריכטער, פון סוחרים־פאַראיין — ה׳ שטילער. צוזאַמען מיט זיי זענען אויך געווען פאַרשטייער פון אַלע שטאָטישע געזעלשאַפטליכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

די אקאַדעמיע איז געעפנט געוואָרן מיטן זינגען דעם פוילישן נאַציאָנאַלן הימנון, נאָכדעם האָבן געהאַלטן באַגריסונגס־רעדעס: ה׳ וועקסלער — אין נאָמען פון דער קהלה; ה׳ יאַנאָווסקי — אגודת הציונים; ה׳ האלטער — ״מזרחי״; ה׳ קאָהן — ״תרבות״; ה׳ גיטלער — ״השומר־הצעיר״; ה׳ בלום — ״אַקאַדעמישע יוגנט״; ה׳ נתן קאָהן — ״קרן־היסוד״ און ה׳ נתן געריכטער — ״קרן הקימת לישראל״.

דער פאָרזיצער פון אַקאַדעמיע האָט געליינט אַ וואַרעמע באַגריסונג פון שטאָט־ראַט, צו דער דאָזיקער וויכטיקער פייערונג.

נאָכדעם, באַגריסן ווייטער:

ה׳ בראַנדעס אין נאָמען פון ״צעירי־מזרחי״, ה׳ דאנציגער — ״החלוץ־המזרחי״; ה׳ קאהן — געזעלשאַפט ״דאַב־ראַטשינאַשטש״; ה׳ שטילער — סוחרים און פאַבריקאַנטן־פאַראיין; ה׳ פיליפּאָוויטש — ״קליינהענדלער־פאַראיין״; ה׳ לאַנגער — האַנדווערקער־פאַראיין; פרוי וועקסלער — געזעלשאַפט ״עזרה״; דירעקטאָר ה׳ פּזשיסוסקער — האַנטווערקער שולע; ה׳ קריגער — ספּאָרט און טורן־פאַראיין.

שריפטלעכע באַגריסונגען האָבן צוגעשיקט: דער ספּאָרט־קלוב ״וואַרטאַ״, די גערטנער־פערמע, ״הכנסת־אורחים״, און ״בית־לחם״.

צום סוף האָט ד״ר שוויג געהאַלטן אַ זער אינהאַלטסרייכן רעפעראַט אין וועלכן ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף פאַרשידענע עפּאָכעס אינם לעבן פון יידישן פאָלק, אָנהויבענדיק פון די צייטן פון זיין עקזיסטענץ אַלס זעלבסטשטענדיקע מלוכה און אין די פאַרשידענע תקופות פון זיין גלות־לעבן, ביז צום מאָמענט ווען דער חלום פון שיבת־ציון הויבט זיך אָן צו פאַרווירקליכן און אָנגעוויזן, אַז די העברעאישע אוניווערסיטעט אין ירושלים איז אַ וויכטיקער עטאַפּ אויף דעם וועג צו גאולת הארץ ובנינה.

ד״ר שוויג האָט פאַרענדיקט זיין התלהבות׳דיקע רעדע מיטן רוף ״לאָמיר ערן דעם כבוד פון אונדזער גרויסן מנהיג, ד״ר הערצל ז״ל, וועלכער האָט אונדז אַרויסגעפירט אויפן ריכטיקן וועג צו אונדזער גאולה״.

אַלע פאַרזאַמלטע זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער און מיט יראת־הכבוד באַערט דעם אָנדענק פון אונדזער יונג־פאַרשטאָרבענעם מנהיג.

נאָכדעם איז אויך פאָרגעקומען אַ דעקלאַמאַציע־טייל:

פרל׳ וויינבערג האָט דעקלאַמירט די נבואה פון יחזקאל הנביא וועגן די ״העצמות היבשות״; ה׳ שמידט האָט געזונגען דאָס באַקאַנטע פאָלקס־ליד ״אין חדר״, פרל׳ פרידריך — ״והיה באחרית הימים״ און פרל׳ מוסקא — ״בדרך שבי״.

די אַקאַדעמיע האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער ״התקוה״, געשפּילט דורך ה׳ שמולעוויץ אין זיין אָרקעסטער.

אַזוי האָט דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו אַ מאָל געפייערט דעם היסטאָרישן טאָג פון 1 אַפּריל 1925.

הרב נחום אש ז״ל

״כי מציון תצא תורה״ *)

דאָס האַרץ פרעהט זיך, דאָס יודישע האַרץ.

דאָס דאָזיגע האַרץ, וואָס וועהטאָגט און בלוטיגט צוליעב יודישע ליידען און פרעהט זיך ביי אַ יודישער שמחה; וואָס שעצט זיינע הייליגטימער און שטאָלצירט מיט זיין געשיכטע, וועלכע איז רייך אין טרויעריגע איבערלעבונגען און אין וואונדערליכע נסים. דאָס האַרץ, וואָס פיהלט אַז אַ חוץ דעם, וואָס מיר רעכענען זיך אַלס מיטגליעדער פון דער אַלגעמיינער מענשען־משפחה, געהערען מיר בעזונדער צום יודישען שטאַם; אַז אויסער, וואָס מיר נעהמען אַנטייל אין אַלע וועלט־געשעהענישען בכלל, ליעגט אויף אונדז דער חוב זיך צו בעטייליגען אין אַלעם, וואָס איז אונז נוגע אַלס יודען בפּרט.

דאָס דאָזיגע האַרץ וועט זיך פרעהען מיט דער הערליכער ערשיינונג, וואָס יעצט, ווען איבער דעם יודישען האָריזאַנט שוועבען שווערע וואָלקענס און אין פיעל גלות־לענדער ווערט אונדזער לאַגע כסדר ערגער, די זון פון מערב געהט פאַר אונדז וואָס אַ מאָל מעהר אונטער — אין דער זעלבער צייט דערגרייכען צו אונדז די שטראַהלען פון דער זון, וואָס שיינט אויף אין מזרח, אין לאַנד פון אונדזערע אבות.

דאָרט אויף די שפיצען פון הר־הצופים אין אונדזער הייליגען ירושלים קומט פאָר היינט די פייערליכע ערעפנונג פון אַ פּראַכטפולען בנין פאַר דער אויפלעבונג פון אונדזער פאָלק, אַ אוניווערזיטעט פאַר העכערע יודישע וויסענשאַפט און אַלגעמיינע בילדונג, וועמעס טויערן עס וועלען זיין אָפען פאַר אַלעמען, וואָס דורשטען נאָך תורה און חכמה.

דאָרט ווערט אויפגעבויט אַ ריעזען־ווערק, וועלכעס וועט נוצען ברענגען דער גאַנצער מענשהייט; דאָרט ווערט געוואָרפען דער זאַמען פאַר דער צוריקאויפלעבענדער אַלטער יודישער קולטור; דאָרט וועט דער יוד האָבען אַ מעגליכקייט צו שאַפען און צו ענטוויקלען די גרויסע גייסטיגע ווערטען, וואָס זענען ביז יעצט אין די גלות־לענדער נישט געקומען צום אויסדרוק, צוליעב די שטיינער, וועלכע זענען געלעגט געוואָרן אויף זיין וועג, כדי אין איהם די פעהיגקייטן און ענערגיע צו דערשטיקען.

---

* ווי מיר האָבן שוין געמאָלדן אינעם אַרטיקל ״טשענסטאָכאָוו בעת דערעפענונג פון דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים״ האָט דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פייערונג אַרויסגעגעבן אַן׳איינמאָליקע אויסגאַבע, געווידמעט דער דאָזיקער היסטאָרישער געשעעניש.

אין דער דאָזיקער אויסגאַבע האָט אונדזער רב, הגאון רבי נחום אש ז״ל, פאַרעפנטליכט זיין אַרטיקל ״כי מציון תצא תורה״, אין וועלכן ער האָט באַצייכנט דאָס גרויסע חשיבות פון דער־עצם זאַך, פון נאַציאָנאַלן און היסטאָרישן שטאַנדפונקט.

אויב די געדאַנקען פון אונדזער גרויסן גייסטיקן מנהיג, וועלכער האָט כמעט אַ גאַנצן דור געדינט דער טשענסטאָכאָווער יידישע קהילה און איר פאַרשאַפן כבוד אין דער גאַנצער יידישער וועלט, דאַרפן פאַראייביקט ווערן אין ״ספר צ׳נסטוחוב״, וואָס פאַרייביקט איר לעבן און איר אומקום, פאַרדינט דאָס דאָזיקע אַרטיקל אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, צוליב פאָלגנדיקע שורות:

״. . . דאָס דאָזיקע האַרץ וועט זיך פרעהען מיט דער הערליכער ערשיינונג, וואָס יעצט, ווען איבער דעם יידישען האָריזאַנט שוועבען שווערע וואָלקענעס און אין פיעל גלות־לענדער ווערט אונדזער לאַגע כסדר ערגער, די זון פון מערב געהט פאַר אונדז וואָס אַ מאָל מער אונטער — אין דער זעלבער צייט דערגרייכן צו אונדז די שטראַלען פון דער זון, וואָס שיינט אויף אין מזרח, — אין דעם לאַנד פון אונדזערע אבות״.

אין די דאָזיקע ווערטער וועגן ״דער זון פון מערב, וועלכע, געהט פאַר אונדז וואָס אַ מאָל מער אונטער״ וואָס אונדזער חשוב׳ער רב האָט געשריבן אַכט יאָר פאַרן אויפקומען פון היטלער ימח שמו און זיינע באַנדעס, שטעקט דאָך ממש ווי אַ רוח־נבואה!

עס איז מעגליך, אַז ווען די וועלט־פירער בכלל און אונדזערע מנהיגים בפרט, וואָלטן אין יענע צייט געזען דאָס זעלבע, וואָס הרב אש האָט פאָראויס געזען, וואָלט דאָס יידישע פאָלק ניצול געוואָרן פון זיין גרויסן אומגליק, אָדער, עס וואָלט וויניגסטן נישט געקומען צום אומקום פון אַזויפיל קדושים וטהורים און דאַרונטער אויך פון אונדזער טשענסטאָכאָווער קהילה.

רעדאַקציע

דאָרט אָבער וועט זיך פאַר איהם עפענען אַ גרויסער און ברייטער האָריזאָנט, אום זיינע כחות געהעריג צו ענטוויקלען, אַזוי אַז די יודישע ענערגיע און אונטערנעהמונגסגייסט וועט מאַכען שטוינען אַ וועלט.

שוין דאָס, וואָס איז ביז יעצט דאָרט געשאַפען געוואָרן, רופט אויך אַרויס אַ גרויס פערוואונדערונג.

די עפענונג פון אוניווערזיטעט אין דער העברעאישער שפּראַך אויף אונזער היסטאָרישער ערד וועט זיין אַ געשעניש פון אונגעהויערער וויכטיגקייט, וועלכע וועט זיין בכח להשיב בנים אל אבותם — אומצוקעהרען קינדער צו זייערע עלטערן, צו דערנענטערן די פון אונז דערווייטערטע ברידער און צו שטאַרקען די הערצער פון אַזעלכע, וואָס געפונען זיך אויפ׳ן שיידע־וועג; אַריינצוגעבען אַנ׳אידעאַל און אַ יודיש־וועלטליכע בילדונג פאַר די יוגענד, וועלכע שטרעבט און דורשט דערצו, נאָר געפונט די טויערן פון אַנדערע אוניווערזיטעטען פאַר זיי געשלאָסען, צוליעב וואָס פיעל פון זיי געהען אויף פרעמדע וועגען.

דאָס ערשטע מאָל אין אונזער לאַנגער גלות־געשיכטע וועט אַלזאָ די יודישע יוגענד האָבען די געלעגענהייט זיך צו געפונען אין דער שויס פון אונזער אַלטער היים, וועט זיך פיהלען פריי און זעלבסטשטענדיג און נישט זיין אָבהענגיג פון די פערשידענע פינף אָדער צעהן פּראָצענטיגע נאָרמעס. דאָרט וועט אונדזער יוגענד שעפּען בילדונג אין אונזער אַלט־אויפלעבענדער יידישע שפּראַך, אויף וועלכער עס האָבען אַ מאָל געפּרעדיגט אונזערע נביאים. דאָרט וועלען זיי קענען לערנען די גרויסע יודישע היסטאָריע, כדי מיט איהר צו שטאָלצירען; דאָרט וועט דער יודישער שילער נישט זיין קיין פיסען־בענקעל, וואָס מען טרעט דערויף און איז אונטערגעוואָרפען אַלערליי פיין און ערנידערונגען; דאָרט וועט ערצויגען ווערען אַ דור פון גייסטרייכע יודען, וועלכע וועלען גלויבען אין זייער פאָלק און דאָס פאָלק אין זיי, וועלכע וועלען ליעבען דאָס פאָלק און שטאָלצירען מיט איהם; דאָרט וועלען אונזערע קינדער געפינען אַ טרייסט פאַר זייערע ליידען און דאָס בעוואוסטזיין, אַז — עוד לא אבדה תקותנו!

די דאָזיגע ערשיינונג וועט אונז געבען די מאָראַלישע האָפנונג און זיכערהייט, אַז די דאָזיקע יונגערע קולטור וועט אָבגעבען דעם געהעריגען כבוד דער אור־אַלטער — דער תורה — וועט איהר נישט משיג גבול זיין, וועט נישט איבערטרעטען דעם דת, נאָר וועט ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדים פון אהבת ד׳ און תורה און וועט מיטהעלפען צום דערהויבען איהר פּרעסטיזש דורך בויען אַ ספּעציעלען אינסטיטוט פון תורה אין ארץ־ישראל אַלס וועלט־ישיבה פאַר די יודען אין די גלות־לענדער, וואוהין ס׳זאָלען ציהען אַלע די, וואָס גאַרען נאָך תורה און שעפּען פון איהרע רייכע קוואַלען.

ומראש מרומים תקרא — פון די שפּיצען פון די בערג פון ציון וועט ווידער־אַמאָל געהערט ווערען גאָטסשטימע, די שטימע פון דער תורה, די תורה, וואָס איז ווייט פון פעלקער און ראַסען־האַס, וועמעס לאָזונג איז מענשען־ליבע, גלייכהייט און גערעכטיגקייט פאַר אַלע אַהן אויסנאַהם.

ומרחובות תתן קולה — פון די גאַסען פון ירושלים וועט ווידער אָבהילכען דער רוף פון די נביאים, פון אונזערע מלאכי־השלום, וועמעס קול האָט אין יענע אור־אַלטע שטורם־צייטען געדונערט: לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי — נישט פויסט־קראַפט, נאָר גייסט־קראַפט! דאָס שטאַרקסטע פאָלק איז נישט דאָס בעוואָפענטע, וואָס טרעט אַלעמען מיט די פיס, נאָר דאָס פריעדליכע, וואָס זוכט אמת, פרייהייט און גערעכטיגקייט.

טויזענדער יאָהרן טראָגען זיך יענע קולות פון אונזערע נביאים איבער פעלקער און לענדער, נאָר צוליעב׳ן קאַמפּס־לוסט פון די פעלקער, האָט מען זיך צו זיי נישט צוגעהערט, עס קומען יעצט אָבער אַן צייטען, ווען מענשען זענען מיעד פון דער מלחמה און אויסגעניכטערט פון שנאה און קנאה, רויב און רציחות און די בעסערע פון זיי הויבען שוין אויף די אויגען צום קלאָרען הימעל און הערען זיך צו, צו יענע קלאַנגען פון דער הויך, קלאַנגען פון שלום און ליעבע, וואַרהייט און גערעכטיגקייט.

כי מציון תצא תורה — פון ציון וועט פאַרווירקליכט ווערען דער געדאַנק, וועלכער איז דאָרט ענטשטאַנען און הויבט זיך אָן מיט דעם וואָרט תורה: **תורה אחת ומשפט אחד יהיה לכם ולגר הגר אתכם** — איין געזעץ און איין רעכט זאָל הערשען פאַר אייך און פאַר דעם פרעמדען **ודבר ד׳ מירושלים** — עס זאָל אויך פערווירקליכט ווערן דער לאָזונג, וועלכער האָט די יודען אויפגעהאַלטען אין זייער לאַנגער גלות־געשיכטע; **לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ד׳** — נישט דורך פויסט און נישט דורך קראַפט, נאָר דורך גייסט האָט גאָט געזאָגט.

אָט די דאָזיגע גאָטס ווערטער וועלען יעצט נאָכאַמאָל אַראָבקלינגען פון די בערג פון ירושלים צו די אויערן פון אַלע פעלקער און לענדער!



ציור של פרופ. ווילנברג, לרגל פתיחת האוניברסיטה העברית בירושלים
ואגרת־הברכה חתומה על־ידי עסקני התנועה הציונית בצ׳נסטוחוב

אנחנו, שחינוכו של הדור הצעיר נמסר לידינו ושאיפתנו העיקרית היא, להכשיר את הנוער להיים טבעיים, בריאים ושלמים באדמת אבותינו, מקדמים בברכה את פתיחת המכללה העברית שבהר הצופים, אשר תהיה לבית היוצר החדש לנשמת העם הנגאל ולמקדש לתורה ודעת בשביל חניכינו, שבהכשרתם אנו יגעים ועמלים בכל כוחותינו.

אשרינו שזכינו ליום שקוינו לו ושבו נתמלאה אחת המשאלות שנשא עמנו בחבו זה שנות אלפים.

טשענסטוחוב (פולניה), בירח האביב, התרפ״ה

חברי הועד של האגודה לייסוד בתי־ספר תיכוניים עבריים

שמואל גולדשטיין (יו״ר), אברהם אלעזר שיינפלד (סגן), ישעיהו בן נפתלי ליברוביץ, נתן גריכטר, אשר ווין, צבי וויערניק, ישראל ווידיסלבסקי, דוד שלמה זנדברג, זאב ז׳עריקער, משה בן ישראל הלוי לנדא, משה דוד שלזינגר, יוסף שלזינגר, יהודה בן זאב קופינסקי

הנהלת הגימנסיות לנערים ולנערות

המנהלים: יעקב באלטט, ד״ר אברהם קרנצברג

חבר המורים: פרץ ווילנברג, שאול וויצברג הלוי, ישראל לובעראוועג, דוד ישכר בלא״א מרדכי יהודה ינובסקי, שמחה רובינשטיין, יהודה סוקר, ד״ר גרשון שפר, ש. ב. ל., ד״ר מנשה פרידלר, ג. בראקמאן, ד״ר ברוך אליהו גינצבורג, ר. כץ

ו. ה.

ציוניסטישע נייעס פון אַמאָליקע יאָרן *)

פאַרטיילטע סערטיפיקאַטן

פון דער צאָל סערטיפיקאַטן וואָס דער פּאַלעסטינע־אַמט אין וואַרשע האָט באַקומען, אין נאָוועמבער 1924, האָט דער טשענסטאָכאָווער פּאַלעסטינא־אַמט פאַרטיילט פון זיי פאַר די פאָלגענדיקע חלוצים: ש. זשאַלאָנדזש ריכער, א. כהן, נ. שטשעקאָטש, י. בער־קאָוויטש און ה. פיינשטאַט, בסך הכל 6 סערטי־פיקאַטן.

פון דער "קרן היסוד" ארבעט

יחיאל יאַכימאָוויטש, יושב ראש פון "קרן היסוד" אין טשענסטאָכאָוו איז מודיע אַז די אַקציע אין טשענסטאָ־כאָוו האָט געהאַט אַ דערפאָלג; מ'האָט געזאַמלט אַן ערך 23 טויזנט זלאָטעס, מיט 8 טויזנט זלאָטעס מער ווי פאַר אַ יאָר, מ'האָפט, אַז פון די 80 תורמים וואָס מ'דאַרף נאָך באַ־זוכן, וועט מען באַקומען אַ סכום פון 5 טויזנט זלאָטעס.

פון "קרן קימת לישראל"

אין משך פון די חדשים תשרי־אדר 1936 זענען די הכנסות פון "קרן קימת" אין טשענסטאָכאָוו געוועז: 3742.65 זלאָטעס (פון דעם האָט דער "הנוער הציוני" אַליין גע־זאַמלט 631.51 זל.).

וואַלן צום ציוניסטישן־קאָנגרעס"

די וואַלן צום 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן געגעבן אין טשענסטאָכאָוו פאָלגענדיקע רעזולטאַטן:

פון דער אַלגעמיינער צאָל 3321 שוקלים האָבן געשטימט בלויז 2391, אַן ערך פון זיבציק פּראָצענט. די שטימען האָבן זיך פאַרטיילט:

"על המשמר" — 227 שטימען, וועלט־פאַרבאַנד — 62, "מזרחי" — 606, "יודנשטאַטס־פאַרטיי" — 78, "ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל" — 1120, לינקע "פועלי־ציון" — 204, "הנוער הציוני" — 94 שטימען — צוזאַמען: 2391.

דער וואָליער רב פאָרט קיין ארץ־ישראל

ר' מאיר חנוך ישעיעוויטש, וועלכער איז גע־ווען מורה־הוראה אין טשענסטאָכאָוו 23 יאָר און געווען זייער טעטיק אויפן געביט פון חינוך, האָט זיך קונה־שם־געווען אַלס גוטער און פעאיקער פּעדאַגאָג.

אין די מלחמה־יאָרן 1914—1919 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבען אַן אָריגינעלן לוח (קאַלענדאַר), וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פּינקטלעכקייט און איז פאַר־שפּרייט געוואָרן אין אַ גרויסער צאָל אין פּוילן, ווי אויך אין אויסלאַנד.

ווען דער רב ישעיעוויטש איז מיט זיין משפחה — נאָך צוויי יאָר גרייטן זיך — אַפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זיך ביי דער באַן־סטאַציע פאַרזאַמלט זייער אַ סך פון זיינע פריינט און באַקאַנטע בראש מיט היגן רב און די פאָרשטעער פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג.

אונטער די קלאַנגען פון "התקוה", וועלכע איז געזונגען געוואָרן פון דער יוגנט וועלכע איז זיך געקומען געזעגענען מיטן רב און זיינע קינדער, איז דער צוג אַוועק ווייטער.

א חבר פון "עקיבא" אוועק אין א קיבוץ

אין קן פון דער יונגט־אָרגאַניזאַציע "עקיבא" איז פאַרגע־קומען אַ געזעגענונגס־אָוונט צוליבן אָפּפאָר אין אַ קיבוץ פון חבר בראָט.

באַמערקונג פון רעדאַקציע:
די אינפאָרמאַציעס זענען געזאַמלט פון טשענסטאָכאָווער צייטונגען פון יענער צייט.

אין אַ פייערלעכער שטימונג איז אויך פאַרגעקומען דאָס איבערגעבן אים פון דער "עקיבא"-פאַן דורך דעם חבר דוב צימערמאַן, די חברים; פישמאַן, צימערמאַן און גאָלדמאַן האָבן געהאַלטן רעפעראַטן. רייזמאַן האָט פאַרגעלייענט אַ שיר וואָס ער האָט געווידמעט דעם חבר בראַט, צוליב זיין אָפּפאָר אין קיבוץ.

אַ אַקאַדעמיע צום 100-יאָריקן געבורטס-טאָג פון "מענדעלע מוכר ספרים"

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז פאַרגעקומען אין לאָקאַל פון "עקיבא" אַן אַקאַדעמיע, געווידמעט דעם הונדערט-יאָריקן יובילעי פון "מענדעלע מוכר ספרים".

ו. ה.

די גרויסע "קרן-היסוד"-אקציע אין טשענסטאכאוו אין יאר 1925

די "קרן-היסוד"-אַקציע אין טשענסטאָכאָוו, וואָס איז פּראַקלאַמירט געוואָרן דעם 16-טן יאַנואַר 1925 האָט געהאַט אַ באַזונדערע הצלחה, אַ דאַנק דעם אָנטייל פון גרויסן דיכטער און באַוווּסטן ציוניסטישן טוער לייב יפה, דער שפּעטערדיקער מיטגליד פון "קרן-היסוד"-דירעקטאָריום אין ירושלים.

אַ טויזנט-קעפּיקער עולם, וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט דעלעגאַציעס פון אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, האָבן דעם חשובֿן ארץ-ישראל-גאַסט מקבל-פנים געווען ביי דער באַן-סטאַציע.

באַלד דעם זעלבן אָוונט איז פאַרגעקומען אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע אין גרעסטן זאַל פון שטאָט — אין זאַל פון די



די פייערליכע "קרן היסוד" אַקאַדעמיע אין יאָר 1925, מיט'ן אָנטייל פון לייב יפה


פייער־לעשער — וועלכער איז געוועזן פול געפּאַקט און אַ גרויסער טייל פון פאַרזאַמלטן עולם איז דאָרט נישט אַריין.

די דערעפנונג פון דער פייערלעכער אַקאַדעמיע איז געמאָלדן געוואָרן דורך אַ שומרישן טראָמייט־סיגנאַל, נאָך וועלכן עס האָבן אַריינמאַרשירט די יוגנטלעכע פון "השו־מר־הצעיר" אין זייער יום־טובדיקער הלבשה.

אין שפּיץ פון זיי זענען געגאַנגען די מפקדים, וועלכע האָבן געטראָגן פלאַטערנדיקע בלוי־ווייסע פענער, ווי אויך די פוילישע נאַציאָנאַלע פאָן.

אונטערן קלאַנג פון דעם פוילישן נאַציאָנאַלן הימנון און די "התקוה", געשפּילט דורך אַן אָרקעסטער, האָט דער יושב־ראש פון "קרן־היסוד", נתן כהן, געעפנט די אַקאַדעמיע.

הרב נחום אַש האָט דער ערשטער באַגריסט דעם גרויסן גאַסט אין נאָמען פון פּרעזידיום. דערנאָך באַגריסן דעלע־גאַציעס פון אַלע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס לויט פאָלגנדיקן סדר:



דער "קרן היסוד" קאָמיטעט אין וועלכן עס זענען פאַרטרעטן אַלע ציוניסטישע פאַרטייען פון שטאָט.

חיים וועקסלער — אין נאָמען פון דער קהלה, העברעאיש, א. א. שיינפעלד — אגודת־הציונים (אויך העברעאיש), י. ש. קאָבלענץ — מזרחי, ש. ניעמי־ראָווסקי — קליינ־הענדלער־פאַראיין, נתן געריכ־טער — קרן־היסוד, סטאַווסקי — האַנטווערקער־קלו־בן, א. כהן — התאחדות, קאפּלאָוויטש — צ. ס. פּ. "צעירי־ציון", א. גאָטליב — פועלי ציון — רעכטע, מ. ח. טיבערג (העברעאיש) — צעירי־מזרחי, ב. אַלט־מאַן — צ.ס. — החלוץ, א. דאַנציגער — החלוץ המזרחי, יוסף גאָלדשטיין — "תרבות", פרוי וועקס־לער — "פרויען־פאראיין" "עזרה", לעוויט — יוגנט־אָרגאַניזאַציע "השחר", ד. שלעזינגער — פאַרוואַל־טונג פון די יידישע גימנאַזיעס, ד"ר שיפּער — אין נאָמען פון די לערער פון די יידישע גימנאַזיעס, ד"ר בראם — "טאז", נתן כהן — "דאבראָטשינאָשטש"־געזעלשאַפט, נ. גערשאָנאָוויטש — "גורדוניה", ווייסמאַן — "אביב", י. גיטלער — "השומר הצ־עיר", הערשליקאָוויטש — "טרומפּעלדאָר", שט־רויסבערג — "בית־לחם" און יורקעוויטש — "הכנסת־אורחים". אַלע פאַרפליכטן זיך מיטהעלפן ביי דער אַקציע פון "קרן־היסוד".

דער דיכטער לייב יפה דערציילט וועגן דעם לעבן אין ארץ־ישראל, וועגן די האָפענונגען פון די יידן אין ארץ־ישראל, וועגן זייערע פריידן און ליידן, וועגן אַרבעט און אויפבוי און וועגן די פליכטן פון יידישן פאָלק צו העלפן אויפבויען אַ נאַציאָנאַלע־היים אין זיין אַלטער היים.

צומאָרגנס איז אין דער נייער שול פאָרגעקומען אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג. דאָ האָט דער גאַסט איבערגעגעבן פּרטים וועגן די קאַמפּן אין ארץ־ישראל, דערציילט וועגן העלדישן טויט פון יוסף טרומפּעלדאָר, פון וועלכן דער עולם איז דערשיטערט געוואָרן ביז טרערן, שילדערנדיק די לאַגע פון די יידן אין די גלות־לענדער, האָט דער רעדנער אָנגעוויזן, אז דער איינציקער וועג און די איינ־ציקע רעטונג פאַר אונדזער פאָלק איז ארץ־ישראל.

ס׳איז אָנגענומען געוואָרן אַ פייערלעכער באַשלוס אין וועלכן די פאַרזאַמלטע האָבן זיך מתחייב־געווען מיטצו־

העלפן מיט אַלע כוחות צום אויפבוי פון ארץ־ישראל.

בשעת זיין באַזוך האָט דער גאַסט באַזוכט פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. אומעטום איז ער אויפגענומען געוואָרן זייער פריינטלעך און מיט יראת־הכבוד.

אין סוחרים און פאַבריקאַנטן־פאראיין איז פאַרגעקו־מען אונטערן פאַרזיץ פון ה׳ ש. ר א ד א ל אַ גרויסע פאַר־זאַמלונג אויף וועלכער אַלע האָבן זיך פאַרפליכטעט זיך אַקטיוו צו באַטייליקן אין דער אַקציע פון קרן היסוד. אויך ביי זיין אַוועקפאָרן האָט אַ גרויסער עולם באַגלייט דעם חשובן גאַסט, לייב יפה, צו דער באַן און דאָרט געזונגען די ״התקוה״ מיט גרויס התלהבות.

SŻANOWNY PANIE!

Zgodnie z uchwałą Naczelnego Komitetu uczczenia pamięci *Ś. P. Marszałka Józefa Piłsudskiego* przez ufundowanie lasu imienia Zmarłego w Palestynie, powstał w Częstochowie komitet miejscowy, reprezentujący wszystkie instytucje społeczne naszego miasta, celem współdziałania w akcji powyższej przez *utworzenie Alei Częstochowskiej w lesie imienia Piłsudskiego w Palestynie.* Aleja ta będzie chlubą Żydów częstochowskich i widomym znakiem Ich przywiązania do *Wielkiego Bojownika o wolność i niezależność Polski.*

Jako obywatele Państwa bierzemy udział w ogólno państwowej akcji pod przewodnictwen Pana Prezydenta Rzeczypospolitej. Jako Żydzi zaś, zbratani wspólnym losem, zmagań i cierpień o wolnośc i wyzwolenie, stawiamy wiekopomny monument Wielkiemu Bojownikowi o wolność, przez zasadzenie lasu imienia Marszałka Piłsudskiego w Palestynie, który to las stanie na ziemi *Żydowskiego Funduszu Narodowego* obok innych lasów powstałych ku czci wielkich mężów panstw i narodów, za ich zasługi w dziele odbudowy, lub w dowód przywiązania i uznania ze strony ludności żydowskiej w poszczególnych krajach.

Aleja częstochowska powstanie z ofiar na poszczególne drzewka (minimum 10 zł.), a nazwiska ofiarodawców umieszczone będą w specjalnej księdze, z której jeden egzemplarz wręczony zostanie uroczyście *Panu Prezydentowi Rzeczypospolitej, jako Prezesowi Naczelnego Komitetu uczczenia pamięci ś. p. Marszalka Józefa Pilsudskiego,* a drugi przechowany będzie po wsze czasy w muzeum narodowem w Jerozolimie. Ofiarodawcy zaś otrzymają odpowiednie dyplomy z centrali Żydowskiego Funduszu Narodowego.

W tym celu zgłosi sie do Sz. pana delegacja złożona z czlonków miejscowego komitetu i prosimy uprzejmie o możliwie hojną ofiarę na ten wzniosły cel.

Komitet uczczenia pamięci
MARSZ. JÓZEFA PIŁSUDSKIEGO
w Częstochowie

Asz Leon, Adw.	**Ickowicz E.**	**Michałowicz P.**
Berliner N. D.	**Janowski, Prof.**	**Neufeld M., prezes**
Blechsztajn J.	**Joachimowicz J.**	**Orliński Inż.**
Bram Arnold, Dr.	**Kijak Marjan, Dr.**	**Rosentalowa Prof.**
Częstochowski	**Kohn Jakób**	**Ruziewicz Michał**
Gajzler H., Dr.	**Kohn Adela, Inż.**	**Sigman A., Dyr.**
Gerichter H.	**Kohn Natan, Dyr.**	**Sigman St. Dyr.**
Gerszonowicz A.	**Kongrecki Adolf**	**Szenfeld A.**
Gitler J. Adw.	**Kopiński Leon**	**Szprio F., ławnik**
Goldsztajn Sz.	**Lewkowicz J.**	**Sztyler Z., prezes**
Grünbaum Z.	**Lilien H., Dyr.**	**Szwarcbaum M.**
Helman Bol., Dr.	**Lipiński Dr.**	**Torbeczko Dr.**
Hirszberg, Dr.	**Markowicz Z., Dyr.**	**Wajnsztok L.**
Horowicz Sz., Inż.	**Mering M., Dr.**	**Wienerówna**

ווען א וואלד אויפן באדן פון "קרן קיימת לישראל"

צום אנדענק פון מארשאל יוזעף פילסודסקי

מיר גיבן דאָ אַן׳איבערזעצונג אין יידיש פון אַן׳אויפרוף וואָס דער יידישער קאָמיטעט צו באַערן דעם אַנדענק פון מארשאלעק יוזעף פילסודסקי אין טשענסטאָכאָוו האָט אין זיינער צייט פאַרעפנטליכט.

(דעם אויפרוף דרוקן מיר אויך — לויט זיין אָרגינאַל — אין פויליש)

חשובער הערר,

אין הסכם מיט׳ן באַשלוס פונעם צענטראַל־קאמיטעט צו באערן דעם אנדענק פון מאַרשאלעק יוזעף פילסודסקי דורכן פלאנצן א וואלד אויף זיין נאמען אין ארץ־ישראל, איז אויך אין טשענסטאָכאָוו געשאַפן געוואָרן אַ אַרטיקער קאמיטעט אין וועלכן עס זענען פארטרעטן אלע געזעל־שאפטליכע אינסטיטוציעס פון אונדזער שטאט, וועלכער האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע מיטצוהעלפן אין דער דערמאַנטער אקציע, בכדי צו שאַפן אַ טשענסטאָכאָ־ווער אלעע, אינם וואַלד אויפן נאָמען פון פילסודסקי אין ארץ ישראל.

די דאזיקע אלעע וועט זיין א כבוד פאר די טשענס־טאכאווער יידן און א בולט׳ר צייכן פון זייער צוגעבונד־קייט צום גרויסען קעמפער פאר פוילנס פרייהייט און אפהעניגקייט.

אלס בירגער פון דער פוילישער מדינה נעמען מיר אנטייל אין דער אלגעמיינער מלוכה־אקציע, וואס ווערט געפירט אונטערן פארזיץ פון פוילישן מלוכה פרעזידענט און אַלס יידן, וואס זענען פאַרברודערט מיטן אלגעמיינעם גורל פון ליידן און שטרעבונגן צו פרייהייט און בעפ־רייונג שטעלן מיר אנ׳אייביקן מאנומענט דעם גרויסן קעמפער פאַר פרייהייט, דורכ׳ן פלאנצן אַ וואַלד אויפן נאָמען פון מארשאל פילסודסקי אין ארץ־ישראל אויפן באַדן פון יידישן נאַציאָנאַל־פאנד (קרן קימת לישראל), נעבן די גרויסע מלוכה־מענער פון די גרעסטע מלוכות און פעלקער, וואָס האָבן זיך דאָס פאַרדינט צוליב זייער אַרבעט פאַר דער אויפ־לעבונג פון זייערע לענדער און פעלקער, און האָבן דאָס באַקומען צוליב דער צוגעבונדנקייט און דאַנקבאַרקייט מצד דער יידישער באַפעלקערונג אין זייערע לענדער.

די טשענסטאָכאָווער זאַמעל־אקציע וועט פאַרוויקליכט ווערן דורכן פלאַנצן בוימער (יעדער בוים — קאסט 10 זלאטעס).

די נעמען פון מנדבים, וועלן פאַרשריבן ווערן אין אַ ספעציעלן בוך פון וועלכן דער ערשטער עקזעמפליאר, וועט פייערליך איבערגעגעבן ווערן דעם הער מלוכה־פרעזידענט, אַלס פרעזעס פון צענטראַל־קאַמיטעט צו באערן דעם אנדענק פון מארשאל יוזעף פילסודסקי און דער צווייטער עקזעמפליאר פון די רשימות המנדבים, וועט בעהאַלטן ווערן אויף דורי־דורות אין יידישן נאַציאנאלן מוזעאום אין ירושלים.

אַלע נדבנים וועלן באַקומען ענטשפּרעכנדע דיפלאמען פון הויפט־ביורא פון קרן־קימת־לישראל אין ירושלים.

די טעג וועלן אייך, חשובער הערר, באַזוכן דעלעגאַטן פון ארטיקן־קאמיטעט און מיר בעטן זער אייער ברייט־הארציקן אנטייל אין דעם אזוי וויכטיקן צוועק.

דער קאמיטעט צו ערן דעם אנדענק פון מארשאלעק יוזעף פילסודסקי אין טשענסטאַכאָוו

(אונטערשריפטן לויטן פוילישן אלפאבעט)

אדוו. לעאָן אש
נ. ד. בערלינער
י. בלעכשטיין
ד״ר ארנאלד בראם
ב. טשענסטאכאווסקי
ד״ר ה. גייזלער
ה. געריכטער
א. גערשאנאוויטש
אדוו. י. גיטלער
ש. גאלדשטיין
ז. גרינבוים
ד״ר באל. העלמאן
ד״ר הירשבערג
אינזש. ש. האראוויטש

ע. איצקאוויטש
פראפ. יאנאווסקי
יחיאל יאאכימאוויטש
ד״ר מאריאן קיאק
יעקב קאן
אינזש. אדעלא קאן
דיר. נאטאן קאן
אדאלף קאנגרעצקי
לעאָן קאפינסקי
י. לעווקאוויטש
דיר. ה. ליליען
ד״ר ליפינסקי
דיר. ז. מארקאוויטש
ד״ר מ. מערינג

פ. מיכאלאוויטש
פרעזעס מ. נויפעלד
אינזש. אָרלינסקי
פרוי פּראָפ. ראזענטאל
מיכאל רוזשעוויטש
דיר. א. סיגמאן
דיר. סט. סיגמאן
א. א. שיינפעלד
לאוויניק פעליקס שפירא
פרעזעס ז. שטילער
מ. שווארצבוים
ד״ר טארבעטשקא
ל. וויינשטאק
פרל. ווינער


אברהם שמעונוביץ

דער "חלוץ בעלי מלאכה" אין טשענסטאכאוו

נאָך אין יאָר 1933 איז אין ווילנע געגרינדעט געוואָרן די פאָלקס־חלוצישע באַוועגונג — "חלוץ בעלי־מלאכה", דורך דעם ציוניסטישן עסקן אברהם כ"ץ (וווינט איצט אין ארץ־ישראל) מיטן צוועק אַריינצודרינגען ציוניסטישע געדאַנקען אין די ברייטע קרייזן פון דער האַנטווערקער־משפחה.

אין טשענסטאַכאָוו איז דער סניף פון "חלוץ בעלי־מלאכה" געגרינדעט געוואָרן אין יולי 1934, לויט דער איניציאַטיוו פונעם באַקאַנטן כלל־טוער און ציוניסטישן עסקן אברהם אלעזר שיינפעלד און פון די האַנטווערקער־עסקנים: יעקב לעווקאָוויטש, אברהם גאָטליב, משה גאָלדבערג און ווילינגער. אויך די ציוניסטישע טוער ד"ר בראם און ד"ר מעסינג האָבן אַקטיוו מיטגעהאָלפן צו זיין אַנטוויקלונג.

צום "חלוץ בעלי־מלאכה" אין טשענסטאָכאָוו האָבן אויך געהערט עטלעכע טוער פונעם אַלגעמיינעם "האַנטווערקער־פאַרבאַנד". דער "חלוץ בעל־מלאכה" האָט געפירט אַן אינטענסיווע ציוניסטישע־חלוצישע אַרבעט צווישן די אַרבעטער־קרייזן. דאָס האָט אין דער ערשטער צייט ארויסגערופן אַ געוויסע קעגנערשאַפט צום "חלוץ בעל־מלאכה",



אבער נאך א קורצער צייט, ווען די קעגנער האבן זיך איבערצייגט, אז דער ״חלוץ בעל־מלאכה״ פארנעמט זיך בלויז מיט ציוניסטישער און קולטורעלער ארבעט האט זיך געשאפן אן הארמאנישע מיטארבעט און כמעט א העלפט פון די 200 האנטווערקער־מיטגלידער זענען געווען חברים איןביידע ארגאניזאציעס.

אינעם שיינעם לאקאל פון אונדזער ארגאניזאציע (אויף דער אלעע נומער 10), האט מען איינגעארדנט קורסן פון העברעאיש, געהאלטן פארלעזונגען וועגן יידישער גע־שיכטע, ציוניזם און אויך וועגן אלגעמיינע געזעלשאפט־לעכע און אנדערע יידישע פראבלעמען.

די ארגאניזאציע, ״חלוץ בעלי־מלאכה״ האט זיך באמיט, אז אויך די פרויען פון די חברים זאלן זיך גרייטן צו דער עליה, כדי זיי זאלן קאנען העלפן זייערע מענער אין זייערע ערשטע טריט אין ארץ־ישראל. די חברים האבן אויך זעלבסטפארשטענדלעך, געשיקט זייערע קינדער אין ציוניס־טישע דערציאונגס־אנשטאלטן.

צוליב זיין חשיבות איז דער טשענסטאכאווער סניף פון ״חלוץ בעלי־מלאכה״. געווען פארטרעטן אויך אין דער ווארשעווער צענטראלע.

זייט יאר 1935, האט דער טשענסטאכאווער סניף באקומען כמעט, ביי יעדער פארטיילונג פון סערטיפיקאטן, איין, אדער צוויי סערטיפיקאטן פאר זיינע חברים, וועלכע האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער טעטיקייט און זענען שוין גע־ווען גרייט צו זייער עליה. א דאנק דעם האבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין יענע יארן, די חברים: משה גאלדבערג, וואלף לאנדסמאן, אברהם גאטליב, הערצבערג, ישראל בוכמאן, לאסקי, שניאור און איינער פון די לעצטע — שוין קורץ פארן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — נחום שליאך. אלע זענען געווען גוטע בעלי־מלאכות און ס׳איז זיי געלונגען זיך גוט איינצוארדנען אין לאנד.

דער טשענסטאכאווער סניף האט אויך באקומען באזונ־דערע סערטיפיקאטן פאר די בעלי־מלאכות, וועלכע האבן פארמאגט 250 ענגלישע פונט. היות ווי אויף יעדן סער־טיפיקאט האט געקאנט עולה־זיין די גאנצע משפחה (מיט קינדער ביזן עלטער פון 18 יאר) האט אונדזער סניף אין משך פון זיין קורצער עקזיסטענץ, געראטעוועט עטלעכע צענדליק נפשות און פאר זיי אויסגעמיטן דעם ביטערן גורל וואס האט אזוי טראגיש געמאכט א סוף צום גאנצן טשענסטאכאווער יידנטום.

(זאל דאס זיין א שטיקל טרייסט פאר די לעבן־געבלי־בענע!)

יעקב אלחנן פלאי (פיליק)

אזוי איז געשאפן געווארן די נאציאנאל־רעליגיעזע באוועגונג אין טשענסטאכאוו

(בלעטלעך זכרונות)

די ״זקנים״, וואס לעבן צווישן אונדז, געדענקען נאך גוט מיט וואס עס האט געשמעקט געזעלשאפטליכע ארבעט בכלל און ציוניסטישע בפרט אין א מאליקן פוילן, וועל־כעס האט זיך ביז דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאר 1914, געפונען אונטער דעם צארישן רעזשים, וואס האט זיינע שווערע לאפעס ארויפגעלעגט אויף דעם אזוי גערופענעם ״פריוויסלינסקי קראי״ (דאס לאנד — ביי דער ווייסל) וועלכער האט ארומגענומען, אזש צען גובערניעס, צווישן זיי, די פיאטרקאווער, צו וועלכער אויך טשענסטאכאוו, האט אדמיניסטראטיוו געהע־ערט.

יעדער ציוניסטישער ארבעט איז דענסטמאל געווען שטרענג פארבאטן און געמוזט געפירט ווערן אומלעגאל און זער געהיים...

באזונדערס שטרענג האט די הערשענדע רוסישע מאכט זיך באציגן, נאך די רעוואלוציאנערער יארן 1904—1905,

נאָכדעם ווי די יידישע יוגנט האָט גענומען אַ גאַנץ באַדיי־טענדיקן אַנטייל. עס זענען דענסטמאָל אַנטשטאַנען אויף דער יידישער גאַס, די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען "בונד" און "פּועלי־ציון", וועלכע, זי האָט זער גערודפט און דרך־אגב, אויך גערודפט די נישט־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — די הסתדרות־הציונית און דעם "מזרחי". אַלץ איז געווען פּאַרבאָטן... און אפילו, אַזאַ "אונשול־דיקע" אַרבעט, ווי פאַרשפּרייטן שקלים, אָדער זאַמלען געלט פאַרן "קרן הקימת לישראל" איז געווען פון די האַרבסטע חטאים געגן געזעץ און געגן דער "הערשענדע מאַכט"...

די דאָזיקע מעשים האָבן נישט מוצא־חן געווען, נישט נאָר ביי דער רוסישער מאַכט, נאָר אויך, ביי די חסידים, פאַר וועלכער דער ציוניסטישער געדאַנק איז געווען ענג פאַרבינדן מיט פריקת **עול תורה ומצוות**.

זיי האָבן געשטרעבט, אַז זייערע קינדער — די בית־מדרש בחורים — זאָלן חלילה נישט פאַרכאַפּט ווערן דורך די מסיתים ומדיחים און זיי האָבן בודק געווען אויף יעדן טריט און שריט וואָס די בחורים טוען און צי זיי לייענען חלילה נישט די טריף־פּסולדיקע בראַשורן און פלוג־בלעטלעך, וואָס פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן און מזרחי׳־סטישן געדאַנק.

די קליינע צאָל ציוניסטן און מזרחי׳סטן, וואָס האָבן געוואָלט עפּעס טון פאַרן ציוניזם און פאַר ארץ־ישראל, האָבן דאָס געמוזט מאַכן אויף אַ קאָנספּיראַטיווו אופן — "ממש בחדרי חדרים"...

די עטליכע משכילים פון שטאָט האָבן זייערע ידיעות וועגן ציוניזם געשעפּט פון דער העברעאישער פּרעסע, זיי האָבן אויך, צווישן זיך, צוטיילט דאָס ביסל השכלה־ספרים, וואָס זיי האָבן מיט שווערער מיה זיך פאַרשאַפט. אַזויערנאָך, איז צו זיי צוגעקומען אויך אָפּקלאַנגען פון ציוניסטישן קאָנגרעס און זיי האָבן זיך אויך דערוווּסט, אַז אין אים האָבן זיך באַטייליקט באַוווּסטע גרויסע רב־נים, אמת׳ע חובבי־ציון, וועלכע האָבן דענסטמאָל געשאַפן דעם "מזרחי", אַרום וועלכן עס האָבן זיך געדאַרפט קאָנ־צענטרירן די רעליגיעזע יידן, וואָס שטרעבן צו גאולת ובנין הארץ ברוח התורה והמסורה.

די דאָזיקע אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע, ווייל אין יענער צייט זענען אַלע חסידישע אדמו״רים געווען געגן דעם ציוניסטישן און מזרחיסטישן געדאַנק און זיי האָבן אויפגעפאָדערט אַלע זייערע חסידים זיך דערווייטערן פון די "דוחקי־הקץ", כאָטש זיי זענען געווען יראים ושלמים וועלכע האָבן אָפּגעהיט אַלע מצוות התורה און אַפילו קובע געווען עתים־לתורה, אָבער, אָט די יחידי־סגולה האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט אהבת־ישראל אַליין און אין זייערע הערצער האָט אויך געברענט אהבת ארץ־ישראל און זיי האָבן גע׳חלום׳ט צו ווערן די נאָכפאָלגער פון דער תקופת עזרא ונחמיה.

איך גיי פאַרביי די פּרטים וועגן דער אַנטשטייאונג פון "צעירי־מזרחי" ווייל וועגן דעם האָבן שוין אַנדערע געש־ריבן פאַרן "ספר צ׳נסטוחוב". כ׳וועל דאַרום אַריבער און דערציילן מיינע זכרונות וועגן די אַנדערע שטחים פון דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער אַרבעט אין אונדזער טייערן טשענס־טאָכאָוו.

✶

די דערמאָנטע רעפּרעסיעס געגן די געזעלשאַפטליכע און איבערהויפּט געגן ציוניסטישער און נאַציאָנאַלער טע־טיקייט אין טשענסטאָכאָוו האָבן זיך געענדיקט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דעם אויפקום פון דער באַפריי־טער אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה.

די דאַמאָלסדיקע דייטשן האָבן אין איינעם פון זייערע ערשטע אויפרופן, וואָס זיי האָבן געוואָרפן פון זייערע עראָפּלאַנען וועלכע זענען געווען אַדרעסירט "צו די יידן אין פּוילן" באַלד פאַרשפּראָכן גלייכבאַר־קונג, עפנטליכע אָרגאַניזירונג און פולשטענדיקע באַפריי־אונג פון רוסישן־יאָך.

הגם די אָקופּאַציע־מאַכט האָט זיך נישט אָריענטירט אויפן ציוניזם, — וועלכער האָט זיך דענסטמאָל באַזירט אויף דער ענגלישער אָריענטאַציע — און האָט צוליב דעם געב־ראַכט קיין פּוילן די דייטשע אָרטאָדאָקסישע דאָקטוירים־ראַבינער — כהן און קאַרלעבאַך — כדי זיי זאָלן אָפּציען די ברייטע יידישע מאַסן פון ציוניזם און אָרגאַניזירן די רעליגיעזע עלעמענטן פון פּוילן אין די רייען פון "אגודת־ישראל", וועלכע איז — ווי באַוווּסט — געווען געגן דעם ציוניזם, האָט זי פונדעסטוועגן מעגליך געמאַכט אויך די ציוניסטישע פּאַרטייען פון אַלע שאַטירונגען ברייט צו אַנטוויקלען זייערע אידעען און פירן אַנ׳אָפּענע, לעגאַלע און אומגעשטערטע ציוניסטישע אַרבעט.

אָבער, גלייכצייטיק, האָבן זיך זער געשטאַרקט און באַקומען פרייע הענט אויך די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן, וועלכע, האָבן אָנגעהויבן אַ שאַרפן קאַמף מיט די ציוניסטן

און באַזונדערס מיטן ״מזרחי״ און זיי האָבן אים געשטערט אין זיין אַרבעט.

אָבער, דער פאַקט, וואָס בראַש פון ״מזרחי״ האָט זיך געשטעלט אונדזער באַליבטער און דורך אלעמען געשעצ־טער רב, רבי נחום אַש און צוזאַמען מיט אים — די אָנגע־זעענסטע עסקנים, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שיינער התנהגות, אהבת התורה ומפיציה ווי דער ״מגיד״, הרב ר׳ יוסף שמעון קאבלענץ, ר׳ משה האלטער, ר׳ אברהם מענדל ליפסקי און ר׳ אברהם העניך פינקלשטיין און נאָכדעם, ווי די ראשי הקהלה זענען געווען די אַקטיווע ״מזרחי״ טוער ר׳ שמואל גאלדשטיין, ר׳ חיים וועקסלער און ר׳ ישראל מענדל זילבערבערג איז נאָך דאָס אלץ נישט געווען גענוג כדי מענטשן זאָלן נישט מורא האָבן פאַר רדיפות און זאָלן זיך פראָקלאַמירען אַלס ״מזר־חיסטן״...

שווערער איז געווען די לאַגע פון דער רעליגיעז־נאַציאָ־נאַלער ייגנט, וועלכע האָט זיך ממש געריסן צום ״מזרחי״. זיי האָבן פשוט געמוזט קומען אין קאָנפליקטן מיט זייערע עלטערן און זייערע גייסטיקע דערציער און ווייל זיי זענען נאָך געווען — ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט — ״בית־מדרש־ניקעס״ און אַזוי גערופענע ״טאַטענס־קינדער״ האָבן זיי אַפילו נישט געהאַט ביי זיך די ״פאַר גראַשן״, כדי צו באַצאָלן זייער באַשיידענעם תרומת־חבר.

אָבער דער חסידישער ברען, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט אין אַ גרויסן מאָס האָט געשטאַרקט זייער רצון און אין זייער רייכער פאַנטאַזיע האָבן זיי פאַר זיך געזען די שיינע היסטאָרישע געשטאַלטן פון אונדזערע נאַציאָנאַלן העלדן — די תלמידים פון גרויסן תנא ר׳ עקיבא, די מיליטערישע לעגיאָנען פון ״בר־כוכבא״, די ״חשמונאים״ און די גרויסע גיבורים פון מצדה, וועלכע האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט געגן די פרעמדע הערשער, פאַר דער פרייהייט פון יידישן פאָלק אין זייער לאַנד און אויך געגן די אינערליכע שונאים וואָס זענען אַוועק פון טראַדיציאָנעלן יידנטום, די דאָזיקע יונגע־לייט האָבן אין זיך געזען די יורשים פון יענע גיבורים, וועלכע דאַרפן דערפירן צו גאולת העם והארץ.

חנוכה, תרע״ז, ווען דער טשענסטאָכאָווער ״מזרחי״ האָט איינגעאָרדנט אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, מיטן אָנטייל פון גאָמבינער רב, הרב ר׳ יהודה ליב זלאטניק און הרב יצחק ניסענבוים. נאָכדעם, ווי די צוויי חשובע געסט האָבן מיט זייערע גייסטרייכע רעדעס ממש עלעקטריזירט דעם באַגייסטערטן עולם לטובת ״מזרחי״ און ציוניזם, האָט



דער ועד פון ״צעירי מזרחי״ (לויטן בילד פון י״ח סיון תרע״ח)
זיצן (פון רעכטס צו לינקס) : זאב וועוויארקא, יצחק ריבקינד (דעלעגאַט פון ז׳ער הנהגה הראשית), אלחנן פלאי און א. ענזל
שטייען (ווי אויבן) : צבי מינץ, אבערמאַן, צבי גראנעק, שמואל קאָבלענץ און מרדכי גאָלד.

אַ גרופּע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע ייגנט, — וואָס האָט שוין פון לאַנג געטראָגן טיף באַגראָבן אין זייערע הערצער דעם "מזרחי"־אידעאַל — זיך דעצעדירט און אין "מזרחי"־לאָקאַל אויף אגראַדאווע גאַס 14 פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון דער "צעירי־מזרחי" באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו.

די ערשטע גרינדער זענען געווען: מרדכי גאָלד־זהבי, די ברידער יעקב און שמואל קאבלענץ, אברהם ביגעלמאַן, צבי גראנעק, זאב וועוויארקא, א. נ. שטענצל, אברהם ענזעל, דוב גאלדבערג און יעקב אלחנן פיליק (פלאי).

שפּעטער זענען צו זיי צוגעטרעטן — אַלס אַקטיווע טוער — די חברים יעקב לעסלוי, יעקב לעווענהאָף, מ. דאנציגער, מ. ח. טיבערג, חיים פיינשטאט, א. ז. ראזן, די ברידער בערקאוויטש (ברקאי), יעקב יהושע כהן, ש. ד. קאמינסקי און יצחק כץ.

דער צייטווייליקער ועד איז באַלד צוגעטרעטן צו זיין אָרגאַניזאַטאָרישער און קולטורעלער אַרבעט. ער האָט איינגעאָרדנט קורסן צו לערנען תנ"ך און העברעאיש, ווי אויך אַ שיעור אין גמרא, וועלכן מען האָט געלערנט טאָג־טעגליך, באַלד נאָכן דאַווענען.

ביים ועד זענען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע קאָמיסיעס: פאַרן שקל, "קרן קימת לישראל".

עס איז געעפנט געוואָרן אַ לעז־זאַל, ביבליאָטעק און עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אָפטע פאַרלעזונגען אויף ציוניסטישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע פראַגן, אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט זיך פאַרנומען מיט ווערבירן חברים פאַר "צעירי־מזרחי". די "צעירי־מזרחי" האָבן זיך אויך באַטייליקט אין די פאַרשידענע לאַנדס — און ראַיאָן — קאָנפערענצן, (אין דער ערשטער לאַנדס־קאָנפערענץ פון "צעירי־מזרחי" אין לאָדז׳ האָבן זיך באַטייליקט דריי טשענסטאָכאָווער דעלעגאַטן: זהבי־גאָלד, קאבלענץ און דער שרייבער פון די שורות).

אונדזער אַרבעט האָט זיך געפירט נאָרמאַל ביז דער פּויליש באָלשעוויסטישער־ מלחמה וועלכע האָט אין אָנהויב אָפּגעשטעלט יעדע געזעלשאַפטליכע אַרבעט ווייל די מערהייט פון דער יידישער־יונגט איז מאָביליזירט געוואָרן אין פּוילישן מיליטער, אָדער, פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

נאָך דעם אויפקום פון דער פּוילישער אומאָפּהעניקטער מלוכה און נאָכן באַשטעטיקן דעם מאַנדאַט אויף ארץ־ישראל, האָט זיך אָנגעהויבן אַן׳ענערגישע אינטענסיווע אַרבעט, וועלכע איז, בעיקר, געפירט געוואָרן דורך די חברים: יעקב לעסלוי, דוב גאלדבערג־אחיהו און י. א. פיליק (פלאי).

חוץ זיי האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעט אויך פיל פון די שוין דערמאָנטע חברים, וועלכע האָבן זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און דאָרטן מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דעם "הפועל־המזרחי" און זיינע אינסטיטוציעס.

צו דער דאָזיקער עליה האָט פיל מיטגעהאָלפן דער משרד ארצישראלי (דער אַזוי גערופענער פּאַלעסטינא־אַמט) וועלכער האָט אין יעדער שטאָט געעפנט זיינע אָרטיקע משרדים אין וועלכע אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען זענען געווען פאַרטרעטן, דאַרונטער אויך די "צעירי־מזרחי". עס איז דורך זיי געשאַפן געוואָרן אין טשענסטאָכאָוו אַ לאַנדווירטשאַפטליכע פערמע, ווי אונדזערע חברים און חברות האָבן דורכגעמאַכט זייער הכשרה.

מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט קורסן פאַר סטאָלעריי און בעטאָן־אַרבעט. אין יענע צייט איז צו אונדז געקומען, אויף אַ געוויסער צייט, ה׳ ש. ז. שרגאי (דער איצטיקער לייטער פון דער עליה אָפּטיילונג פון דער יידישער אַגענץ אין ירושלים) און ער האָט אונדז אויך פיל געהאָלפן אין דער אַרבעט. עס איז דענסטמאָל אויך געשאַפן געוואָרן דער "החלוץ־המזרחי".

טשענסטאָכאָוו האָט אויך זוכה געווען, פון צייט צו צייט, צו זיין דאָס פּאַסענדסטע אָרט אויף פאַרשידענע פּאַרטייאישע ראַיאָן־קאָנפערענצן, נישט בלויז פון אונדזער פּאַרטיי, ווייל דאָס ציוניסטישע און געזעלשאַפטליכע לעבן האָט דאָ אַמשטאַרקסטן פּולסירט און דאָס איז אויסגענוצט געוואָרן דורך די צענטראַל קאָמיטעטן פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען.

(ליידער, האָט נאָר אַ טייל פון די דאָזיקע אַקטיווע טוער און איבערגעבעבענע חברים זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. די איבעריקע — און דאָס איז געווען דער ג ר ע ס ט ע ר טייל — זענען אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע מערדערס, ד׳ ינקום דמם!

דער "ספר צ׳נסטוחוב" איז אַ באַשיידענע לעבעדיקע מצבה פאַר אונדזערע קדושים).

י. ה.

טשענסטאכאוו געזעגנט זיך מיט אירע חלוצים

(אַ בילדל פון נאָוועמבער 1924)

עס איז שוין איבער 40 יאָר פון יענעם גרויסן טאָג אין וועלכן דאָס יידישע און ציוניסטישע טשענסטאָכאָוו, האָט באַגלייט אירע ערשטע 4 חלוצים קיין ארץ־ישראל און דאָך לעבט נאָך די דאָזיקע געשעעניש אינם זכרון פון די, וואָס האָבן זוכה געווען צו בלייבן לעבן ביז היינטיקן טאָג.

די גליקליכע חלוצים זענען געווען די אַקטיווסטע און פירנדיקע חברים פון ״צעירי־מזרחי״: אברהם בערלינסקי, יעקב לעסלוי, ש. ז. שרגאי און דוב גאלדבערג (אחיהו).

דער צ. ק. פון ״מזרחי״ אין פוילן האָט דעלעגירט צום פייערליכן געזעגנונגס־באַנקעט לכבוד די דאָזיקע חברים, דעם רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט ״המזרחי״ ש. ח. לאַנדוי (דער שפּעטער׳דיקער אידעאָלאָג פון תנועת ״תורה־ועבודה״ און איינער פון די אַקטיווסטע בויער פון די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע ישובים אין ארץ־ישראל).

דעם באַנקעט האָט געעפנט — אין נאָמען פון ״צעירי־מזרחי״ דער חבר א. דאנציגער וועלכער האָט באַצייכנט די וויכטיגקייט, וואָס אַלס די ערשטע חלוצים פון דער באַוועגונג, פאָרן קיין ארץ־ישראל פון די שענסטע און בעסטע חברים פון דער טשענסטאָכאָווער הסתדרות ״צעירי־מזרחי״ און אויסגעדרוקט זיין האָפנונג, אַז די פאַרבליבענע חברים וועלן פאַרשטאַרקן זייער טעטיקייט, כדי ממלא צו זיין דעם חלל וואָס בלייבט נאָכן אָפּפאָר פון די בעסטע חברים.

נאָך דער פייערליכער סעודת־מצוה, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכבוד די חשובע חברים, האָבן געהאַלטן זער האַרציקע געזעגנונגס־רעדעס: ר׳ משה האלטער — אין נאָמען פון ״מזרחי״; ש. ד. קאמינסקי — ״צעירי־מזרחי״; יצחק כץ — ״החלוץ־המזרחי״; י. ברקאי — קבוצת עובדי האדמה; גוטה וואזשניצא — קבוצת החלוצות; ר׳ לוי יונגסטער — ״המזרחי״ און הסתדרות הציונית אין סאסנאוויץ; ה׳ הערמאן — ״מזרחי״ און הסתדרות הציונית אין וולאשצאווא; נתן געריכטער — הסתדרות הציונית אין טשענסטאָכאָוו; יוסף גאלדשטיין — ״התאחדות״; אברהם גערשאנאוויטש — ״תרבות״; ה׳ בארענשטיין — ״המזרחי״, אין זאווערטשע; ה׳ אלטמאן — ״צעירי־המזרחי״ אין בענדין; ה׳ עפשטיין — ״הרצליה״; ה׳ בראט — ״קרן הקימת לישראל״; ה׳ גרינבוים — הועד המחוזי הציוני; ה׳ ווינדמאן — ההסתדרות הציונית אין זאוויערטשע.

שמואל גאלדשטיין — דער פרעזעס פון דער יידישע קהלה — האָט אַלס לעצטער רעדנער געמאַכט אַ סך־הכל פון די גרויסע פאַרדינסטן פון די 4 חלוצים פאַר דעם פאַרשטאַרקונג פון ציוניסטיש־מזרחיסטישן געדאַנק צווישן טשענסטאָכאָווער יידן און זיי געווונטשן, אַז אויך אין ארץ־ישראל זאָלן זיי מצליח זיין אין זעלבן גייסט ביים בויען דאָס לאַנד ברוח התורה והמסורה.

דער גאַסט־דעלעגירטער פון צ. ק. און חבר פון ועד־הפועל ר׳ ש. ח. לאנדוי האָט אין אַ גייסטרייכע רעדע געשילדערט די אויפגאַבן פון ״המזרחי״ און ״הפועל־המזרחי״ אין יעצטיקן מאָמענט, ווען עס ווערן געלייגט די יסודות פאַרן גרויסן נאַציאָנאַלן בנין, וואָס פירט צו דער פאַרווירקליכונג פון בויען אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל...

דער רעדנער האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף דער גרויסער באַדייטונג פון דעם, אַז די ״צעירי־מזרחי״ שיקן אַלס ע ר ש ט ע — זייערע ב ע ס ט ע חברים.

דערביי האָט ער באַטאָנט, אַז די רייען פון ״צעירי־מזרחי״ טאָרן נישט אָבגעשוואַכט ווערן און דאַרפן פאַרשטאַרקט ווערן דורך אַקטיווער און פיל שטאַרקערער אַרבעט פון ז׳י חברים, וואָס פאַרבלייבן נאָך אין גלות. זיין אַפּעל צו די אַנוועזנדע חברים האָט אַרויסגערופן גרויסע באַגייסטערונג און אַלע האָבן אים הייס אַפּלאַדירט און אַלס פועל־יוצא באַלד אָנגעהויבן זינגען שירי־ציון וירוש־

לים, באַגלייט מיט התלהבות׳דיקע טענץ, וועלכע האָבן זיך פאַרצויגן כמעט ביז אין דער פרי.

פאַרן ענדיקן דעם באַנקעט האָבן די אָפּפאָרנדיקע חלוצים געהאַלטן זייערע האַרציקע געזעגנונגס־רעדע פון וועלכע עס האָט געמאַכט אַ באַזונדערן איינדרוק די קורצע רעדעס פון חבר יעקב לעסלוי, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

אויף די האַרציקע ברכות פון ״צאתכם לשלום״ האָבן מיר איין תשובה ״בואכם לשלום״ ויהי רצון מיר זאָלן זוכה זיין אייך אַלע זעען בקרוב אין ארץ־ישראל — בארצנו הקדושה הבנויה!

צו מאָרגנס האָבן הונדערטער חברים און קרובים געקומען צו דער באַן באַגלייטן אודזערע 4 חלוצים. ווען דער צוג איז אָנגעקומען האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָרט געפונען זיך נאָך 80 חלוצים, דאָס האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג — דער פאַרזאַמעלטער עולם האָט געכאַפּט אַ ריקודל און נאָכדעם מיטן געזאַנג פון ״התקוה״ באַגלייט דעם צוג.



אַ גרופּע חלוצים ביים קבר פון ד״ר ט. הערצל אויפן וועג קיין ארץ ישראל אין יאָר תרפ״ד (צווישן זיי ד. גאָלדבערג (אחיהו), י. לעסלוי און ש. ז. שרגאי)

ע. בן-משה


די גערטנער־פערמע אין טשענסטאָכאָוו

די גערטנער־פערמע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1902, דורך די באַקאַנטע פילאַנטראָפּן און כלל־טוער; לעאָ־פּאָלד ווערדע, העגריק מאַרקוספעלד, ה׳ גראָסמאַן, און סטאַניסלאַו הערץ. זיי האָבן געקויפט אַ גרויסן שטח באָדן הינטער דער שטאָט און דאָרט געגרינדעט אַ גערטנער־שול, כדי יידישע בחו־רים זאָלן לערנען און זיך קוואַליפיצירן אין ערד־אַרבעט.

צווישן אַנדערע האָבן די ברידער אהרן און אבר־הם פינקלער (חברים פון ״פועלי־ציון״), געענדיקט די דאָזיקע שול אין יאָר 1908. אברהם פינקלער איז באַלד אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און אהרן פינקלער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, אַלס אַקטיווער ״פּועלי־ציוניסט״. נאָכדעם, ווי ער האָט געמאָלדן, אַז ער איז גרייט צו גיין פרייוויליק דינען אין מיליטער פאַר דער צייט, איז ער באַפרייט געוואָרן פון טורמע און מען האָט אים אַוועק געשיקט אַלס סאָלדאַט קיין טורקעסטאַן.

אין יאָר 1912 איז ער באַפרייט געוואָרן פון דעם מילי־טער דינסט און איז צוריקגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו. ער האָט דאָ געפלאַנצט אַ גאָרטן, נעבן דער אַלטער שול (פון דער צווייטער זייט טייך ווארטע) און דערנאָך איז אויך ער אַוועק קיין ארץ־ישראל. ער איז אַריין אין דער קבוצה פון ״מרחביה״ און זיך דאָרט באַשעפטיקט מיט אַגריקולטור, צוליב דער מאַלאַריע קראַנקהייט האָט ער געמוזט אַוועק פון ״מרחביה״ און זיך באַזעצן אין גליל־העליון. ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער, אַלס טערקישער אונטערטאַן, מאָביליזירט געוואָרן. אויך זיין ברודער אברהם, האָט זיך באַטייליקט אין דער מלחמה, ביידע זענען זיי געוועזן אין תל־עריש (קאַנטאַראַ).


מיר האָבן וועגן זיי דערציילט בפרטות, ווייל זיי זענען געווען די ערשטע טשענסטאָכאָווער בחורים וואָס האָבן געלערנט אין דער פערמע.



אַנ׳אַלגעמיין בילד פון דער גערטנער־פערמע אין טשענסטאָכאָוו

איצט וועגן דער עצם פערמע; אין די דרייסיקער יאָרן איז דאָ געווען אַ חלוצים־פערמע אויף וועלכער עס האָבן געאַרבעט ביז 130 בחורים און בחורות, די פערמע האָט געהאַט אירע אייגענע 21 מאָרגעס פעלד וועלכע זענען זייער אינטענסיוו באַאַרבעט געוואָרן; בעיקר זענען גע־וואָרן געפלעגט די פּאָמידאָרן־פּלאַנטאַציעס, ווייל די חלו־צים האָבן זיך איבערצייגט אז די דאָזיקע תוצרת ברענגט די בעסטע הכנסות. די פערמע האָט אויך געהאַט אַ גוט־אַנטוויקלטן לול פון עופות, ווי אויך בהמות און האָבן די מילך געפירט אין שטאָט און גוט פאַרקויפט.

ווען די פערמע איז אַריבער צום ״השומר הצעיר״ האָבן זיינע חלוצים די פערמע וואָס מער און בעסער אַנטווי־קלט. אַ קורצע צייט פאַרן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָבן זיי צוגעבויט געביידעס פאַר נייע צווייגן פון דער אַגריקולטור. אַזוי האָבן זיי זער אַנטוויקלט די גערטנער פאַר פרוכטן און זיי האָבן אַליין אויפגעבויט די



אַ גרופּע חלוצים ביי דער אַרבעט אין דער גערטנער־פערמע

וואָרעם אויוונס פאַר זייערע פלאַנטאַציעס ווי אויך נייע אַרבעטס־וואַרשטאַטן פאַר שוסטעריי, שניידעריי פאַר קליידער און אפילו אַ שניידעריי פון וועש, סיי פאַר אייגענעם געברויך ווי אויך צום פאַרקויף, זיי האָבן אויך געהאַט אַן אייגענע בעקעריי און די פערמע איז געוואָרן באַזאָרגט מיט אַ שיינעם חדר־אוכל און אַן לייען־זאַל. די שלאָף־צימערן פאַר די חברים — זענען געווען ריין, לופטיק און באַקוועם. זיי האָבן געשאַפן אויך אַ רייכע ביבליאָטעק מיט ווערטפולע ביכער און זעלבסטפאַרשטענדלעך אַ סעפּעראַטן צימער פאַר קראַנקע חברים פון קיבוץ.

פון די 130 מיטגלידער פון ״השומר הצעיר״ האָבן 85 געאַרבעט אין שטאָט און 45 זענען געווען באַשעפטיקט אין קיבוץ.

(דאָס אַלץ איז געווען ביזן חורבן, אַלץ האָט געברויזט מיט לעבן און אידעאַליזם ביז די היטלעריסטישע מערדער האָבן געמאַכט אַ סוף צום פּוילישן יידנטום. אויך די וווּנדערשיינע פערמע מיט איר אידעאַליסטישער יוגנט זענען חרוב געוואָרן דורך די באַרבאַרן!..)

אברהם גאָטליב

די ״פּועלי־ציון״־פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו



די ״פּועלי־ציון״ טעטיקקייט אין טשענסטאָכאָוו האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין יאָר 1904, ז׳ איז געגרינדעט געוואָרן דורך די ציוניסטיש־גימנאַזיע־שילער און איז געפירט געוואָרן דורך יהושע פרידמאַן — אַ זון פונעם רעדאַקטאָר פון ״הצפירה״, וועלכע איז דענסטמאָל דערשינען אין וואַרשע.

דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער געדאַנק, ווי אויך די השפעה פון נחמן סירקין, וועלכער האָט געוואָלט פאַראייניקן ציוניזם מיט סאָציאַליזם, איז אַריינגעדרונגען אויך קיין טשענסטאָכאָוו. אויך דאָ האָט מען דיסקוטירט וועגן יידיש און העברעאיש.

נאָך דער שפּאַלטונג אין בירגערלעכן ציוניזם צוליב דער אוגאַנדע־פראַגע, איז דאָס זעלבע געשען אויך אין די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע קרייזן, עס האָבן זיך געבילדעט צוויי פּאַרטייען, די ס.ס. (סאָציאַליסטן־ציוניסטן) און די ״פּועלי־ציון״. די שפּאַלטונג איז דורכגעפירט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ אין קראָקע.

אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון די ״פּועלי־ציון״ אין וואַרשע — אין 1904 — איז געשאַפן געוואָרן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד — ״פּועלי־ציון״ און אין זיין צענטראַל־קאָמיטעט איז פון די טשענסטאָכאָווער חברים געווײלט געוואָרן שמעון פּרושיצקי.

די אָנפירנדע און אַקטיווע חברים זענען אין יענער צייט געווען (לויט א״ב): אליהו איצקאָוויטש, דוד באַרזשיקאָוו־

סקי, אַלכסנדר בעהם, אברהם וועוויאַרקאַ, וואָלף לעווענהאָף, ישראל פיימאַן און שמעון פרושיצקי.

לויט דער אינציאַטיוו פון י. פיימאַן זענען געעפנט גע־וואָרן אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער און אַרבעטאָרינס, די קורסן פאַר מיידלעך האָט געפירט גוטאַ זילבערמינץ און די לערערס זענען געווען: פרוי ווייזער, לעדער, מאַיורטשיק און זיין פרוי, קעלים און נאָך עטלעכע.

אַ דאַנק דער דערציערישעד און אָרגאַניזיר־אַרבעט האָט די פּאַרטיי זיך דערוואָרבן טיכטיקע אַגיטאַטאָרן און אָרגאַ־ניזאַטאָרן, צווישן וועלכע עס איז כדאַי צו דערמאָנען: יודל דאַנציקער, שמעון וואַלדפּאָגעל, ישראל וואַרשאַווסקי, מאיר פּייוולאָוויטש, משה צעשינסקי און יעקב קאַפּינסקי.

אין אַלע פּאָליטישע שטרייקן און מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וועלכע זענען דענסטמאָל פאָרגעקומען און באַזונדערס פון יאָר 1905, האָבן הונדערטער יידישע אַרבעטער מאַרשירט אונטער דער פאָן פון ״פּועלי־ציון״.

דאָס באַרימטע טיי־הויז פון ״מרים־לאה״, ווו די חברים פלעגן זיך טרעפן, איז אָפט ״באַזוכט״ געוואָרן דורך דער פּאָליציי וועלכע האָט גאַנץ־אָפט דאָרט אַרעסטירט פאַרדעכ־טיקע ״טיי־טרינקער״...

די ״פּועלי־ציון״ אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו האָט אויך אָרגאַניזירט אַ זעלבסט־שוץ־גרופּע און זי באַוואָרגט מיט געווער.

פון צייט צו צייט איז טשענסטאָכאָוו באַזוכט געוואָרן דורך פירער פון דער פּאַרטיי, צווישן זיי אויך בער באָראָ־כאָוו און מאַרק יאַרבלום.

נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905, האָט די צאַרישע מאַכט אָנגעהויבן שטאַרקער רודפן די אַרבע־טער־באַוועגונג, אַ טייל פון דער אינטעליגענץ האָט זיך אָפּגערוקט פון דער באַוועגונג, אַנדערע האָבן זיך באַהאַלטן אָדער אָוועק קיין אויסלאַנד, עס זענען אָבער אויך געווען געגנוג אַרעסטירטע און פאַרשיקטע קיין סיביר.

פון די טשענסטאָכאָווער ״פּועלי־ציון״ זענען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן די חברים: דוד באַרזשיקאָווסקי, יודל דאַנציקער, ישראל וואַרשאַווסקי און מאיר פּייוולאָ־וויטש. שמעון וואַלדפּאָגעל איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. צוליב דעם וואָס טשענסטאָכאָוו איז געווען נאָענט צו דער דייטשער גרענעץ זענען אַ סך אונדזערע חברים געקומען אַהערצו פון ווייטן רוסלאַנד און זיך דאָ אַרויסגעשמוגלט קיין אויסלאַנד, די פּאַרטיי האָט פיל זיי געהאָלפן.

אין יאָר 1906 האָט מאַרק יאַרבלום (וועלכער האָט גע־טראָגן דעם פּסעוודאָנים חבר סאָלאָמאָן) געוווינט אין טשענסטאָכאָוו און רעדאַגירט דעם ״פּועלי־ציוניסטישן ראַיאָן־וואָכנבלאַט ״דאָס יידישע אַרבייטער וואָרט״, וועל־כער קאָט זיך געדרוקט אין קראָקע.

עס איז כדאַי צו פאַרצייכנען, אַז חברים פון ״פּועלי־ציון״ זענען געפאָרן קיין ארץ־ישראל אַ סך פריער פון דער גרויסער עליה. אַזוי איז נאָך אין יאָר 1907 אָוועק קיין ישראל דער טיכטיקער ״פּועלי־ציוניסט״ — יוסף קאַלוז־שינסקי — אַ דרוקער־אַרבעטער, וועלכער איז באַקאַנט גע־וועזן אַלס י. אריאלי, אינהאָבער פון אַ גרויסער דרוקעריי אין תל־אביב.

שפּעטער — אין יאָר 1909 האָבן עולה געווען די ברידער פינקלער (פון די ערשטע תלמידים פון דער טשענסטאָ־כאָווער גערטנער־פערמע) ווי אויך גרשון איצקאָוויטש, חיים בעהם, האַנדעלסמאַן, בלומע רובינשטיין און נאָך אַנדערע.

ליידער זענען נישט אַלע געבליבן אין ישראל.

כאָטש די אַרבעט איז אין די יאָרן 1908—1907 געווען זער באַגרענעצט און שטרענג קאָנספּיראַטיוו, האָט די פּאַר־טיי געטון אַלץ כדי צו ראַטעווען איר עקזיסטענץ.

אין יאָר 1909 איז דער שרייבער פון די שורות, אָוועק קיין וואַרשאַ און דאָרט איז אים געלונגען צו באַנייען דעם קאָנטאַקט מיטן ״פּועלי־ציוניסטישן״ צ.ק. און אַ דאַנק אים האָבן די טשענסטאָכאָווער חברים אויך באַקומען דאָס אינ־פאָרמאַציע־בלעטל״ וואָס דער צ.ק. האָט געדרוקט אַלע צוויי וואָכן אויף אַ העקטאָגראַף.

אַ סך מאָל זענען אויך געפירט געוואָרן בשותפות׳דיקע פּאָליטישע אַקציעס מיט פאַרשידענע אַרבעטער־פּאַרטייען. ווען ס׳זענען אין יאָר 1912 פאָרגעקומען אין דער גאַנצער רוסישע אימפּעריע פּראָטעסט־שטרייקן קעגן דער אכזריות־דיקער און בלוטיקער אונטערדריקונג פונעם שטרייק פון די אַרבעטער אין די גאָלד־גרובן ביים טייך ״לענאַ״, אין סיביר, האָבן אויך די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין טשענסטאָכאָוו אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־שטרייק.

דער זער געלונגענער שטרייק האָט באַוויזן, אַז אויך די יידישע אַרבעטער האָבן אין זיך אַ גרויסן אחריות־און סאָלידאַריטעט־געפיל.

דער שרייבער פון די שורות האָט פאַרטרעטן די ״פּועלי־ציון״ פּאַרטיי אין דער פאַראייניקטער קאָמיסיע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט דעם אַזוי געלונגענעם פּראָטעסט־שטרייק.

קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען צוריק־

געקומען פון פאַרשיקונג די ״פועלי־ציון״־חברים דוד באַר־זשיקאָווסקי, יודל דאַנציקער און ישראל וואַרשאַווסקי און פון אויסלאַנד ש. וואַלדפאָגעל און די פאַרטיי־אַרבעט האָט אָנגענומען אַ גרעסערן פאַרנעם. אָבער באַלד ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז אויך טשענסטאָכאָוו באַזעצט געוואָרן פון דער דייטשער אַרמיי און דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן איז אָפּגעשטעלט געוואָרן צוליב די כסדרדיקע רעק־וויזיציעס און ווייל טשענסטאָכאָוו איז אָפּגעריסן געוואָרן פון איר גרויסן רוסישן מאַרק און עס איז לגמרי פאַראַליזירט געוואָרן דערמיט אויך די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

די דייטשן האָבן מודיע געווען, אַז מ׳קאָן זיך פרייוויליק פאַרשרייבן צו אַרבעט אין דייטשע פאַבריקן און אין קוילן־גרובן. אַ סך אַרבעטער — צווישן זיי אויך הונדערטער יידן — זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

די ערשטע דרינגנדיקע באַדערפעניש איז געווען צו לינ־דערן, אויף וויפיל עס איז מעגליך, די נויט צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן וועלכע איז געווען זער גרויס, די אַרבעטער־פאַרטייען האָבן אָרגאַניזירט אַ ביליקע קיך און אַן אומזיסטע טיי־האַלע, ס׳איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַן ״אַרבעטער־היים״, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די אַרבעטער. דורך דער באַטייליגונג פון אונדזער פאַרטיי ביי די פאַרשידענע סאָציאַלע אַקציעס, איז זי זיך צעוואַקסן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער מאַסן־אָרגאַניזאַציע.

שפעטער איז מיט געמיינזאַמע כוחות פון די אַרבעטער פאַרטייען געגרינדעט געוואָרן אַ קאָאָפּעראַטיווע־בעקעריי, ביים אָרגאַניזירן האָט אַ. גאָטליב פאַרטרעטן אונדזער פאַרטיי.

די דייטשן האָבן אין סוף פון יאָר 1916 אָרגאַניזירט וואַלן צום שטאָט־ראַט, לויט אַ רעאַקציאָנערן וואַל־סיסטעם האָט די ״פועלי־ציון״־פאַרטיי, גערופן אַ גרויסע מאַסן־פאַר־זאַמלונג און דאָרט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם דאָזיקן וואַל־סיסטעם.

ווען די בלוטיקע מלחמה, האָט זיך פאַרענדיקט אין 1918 און די דייטשע אַרמיי איז זיך צופאַלן און זיך געלאָזט אַנטלויפן דורך דער ציווילער באַפעלקערונג, האָט די פ. פ. ס. אין טשענסטאָכאָוו איבערגענומען די מאַכט. זי האָט זיי אַנטוואָפנט און געשאַפן אַ ״פאָלקס־מיליץ״, אויך די ״פועלי־ציון״ האָבן אַנטייל גענומען אין דער אַנטוואָפע־נונג. די רעגירונג פונעם אומאָפּהענגיקן פוילן אין לובלין האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די ציוויל־באַפעלקערונג זאָל אָפּגעבן דאָס געווער די מאַכט־אָרגאַנען.

די פריש־אָרגאַניזירטע פ.פ.ס.ישע מיליץ איז אַריין און באַפאַלן דעם ״אַרבעטער־היים״ און אויך דאָרט געזוכט געווער און אַרעסטירט אַלע אַנוועזנדיקע.

ביים איבערפירן דאָס רעקוויזירטע געווער ביי די ״פועלי־ציון״, איז אויף דער טשענסטאָכאָווער באַן־סטאַנציע אַרעס־טירט געוואָרן איציק ראָזנצווייג מיט שווערע מי איז דער פאַרטיי געלונגען אים צו באַפרייען.

די ״צייטווייליקע פוילישע רעגירונג״ — וועלכע איז געווען בעיקר אַ סאָציאַליסטישע — האָט זיך דערוואָרבן דעם צוטרוי פון די אַרבעטער־קלאַסן און אין 1919 זענען אין די



אַ גרופּע חברים פון ״פועלי ציון״

געשאַפענע אַרבעטער־ראַטן געווײלט געוואָרן אויך זעקס פאַרטרעטער פון ״פועלי־ציון״.


אויך ביי די שטאָט־ראַט־וואַלן זענען אויסגעווײלט געוואָרן צוויי מיטגלידער פון ״פועלי־ציון״ אַלס ראטמענער: אלכסנדר בעם און שמעון וואלדפאָגעל (נאָכן טויט פון לעצטן, דעם 20 פעברואר 1920, איז אויף זיין אָרט אַריין יהודה דאַנציגער, וועלכער איז געשטאָרבן אין ישראל).

אין יענער צייט האָט טשענסטאָכאָוו דורכגעמאַכט אַ סך ווירטשאפטליכע שוועריקייטן. אונדזער פאַרטיי האָט דענסטמאָל געעפנט אין שטאָט אַ שפייז־קאָאָפּעראַטיוו און עטלעכע אָפּטיילונגן, ווי אויך אַן אייגענע בעקעריי, כדי אַזויערנאָך פאַרלייכטערן דעם שווערן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג.

נאָכדעם ווי די פאַרטיי האָט געקאָנט פירן איר טעטיקייט אויף אַ לעגאַלן אופן, האָט זי אָרגאַניזירט, פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען מיטן אַנטייל פון פירנדיקע פערזענלעכקייטן; ווי יעקב זרובבל, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, מאַרק יאַרבלום און א. רעוואוצקי.

נאָך דער ״פועלי־ציון״־קאָנפערענץ אין קראָקע, איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער פאַרטיי און עס זענען געשאַפן געוואָרן ״פועלי־ציון״ רעכטע און לינקע. די שפּאַלטונג האָט אַרויסגערופן אַ מחלוקת צווישן די צוטיילאָבער צום סוף איז די ״אַרבעטער־היים״ מיט די ווירטטע חברים וועגן פאַרמעגן פון דער צושפּאָלטענער פאַרטיי. שאַפטלעכע אינסטיטוציעס, געבליבן ביים לינקן פליגל.

די רייבונגען האָבן נישט אפגעשוואכט די ״פועלי־ציון״־באוועגונג נאָר פון זיי געשאַפן צוויי קעגנערישע פאַרטייען; לינקע און רעכטע ״פועלי־ציון״.



אַ גרופּע אַקטיווע עסקנים פון דער פאַראייניקטע אַרבעטער־פאַרטיי פועלי ציון (אין צענטער דער פאַרטיי־פירער מאַרק יארבלום) אויפן בילד געפינען זיך (לויט א״ב) א. בעם, איטא בערמאן, אברהם גאָטליב, חוה גאָטליב, ח. ש. גאָטליב, י. גאָטליב, צוויי געלבער׳ס, דאַנציגער, וואַרשאַווסקי, וויינרייך, א. ווייס, וויערז׳ביצקי, וואָלף, לעאָן, מרדכי און רפאל זיידמאן, דריי טורנער׳ס, טריימאן, מארק יארבלום, ליפמאן מאָנטאָג, מאָטל נודעלמאן, ד. פיליפּאָוויטש, פעלדמאָן ג, פרייטאָג, ג. פרענטקי, קאזיבאדא, קאָטלאַרזש, לאה קאָניעצפּאָלער, קאָנסענס, קארלסברום, ראָזענצווייג, ש. און לאה רייך, רייכער, שאיא און שוואַרצבוים

אברהם ברום

א בינטל זכרונות וועגן די לינקע "פועלי-ציון" אין טשענסטאכאוו


כ׳בין געקומען קיין טשענסטאכאוו שוין נאכדעם ווי דער "פועלי־ציוניסטישער" צענטראל־קאמיטעט האט איבער־גענומען די ירושה פון דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער פארטיי "פאראייניקטע" (ד״ר יוסף קרוקס פארטיי), וואס איז באשטאנען פון א רייע קאנסום־קאאפעראטיוון און אן אייגענע קאאפעראטיווע בעקריי.

אלס פירער פון די קאאפעראטיוון איז באשטימט גע־ווארן דער חבר לעאן זיידמאן, דער פארטיי־לאקאל האט זיך דענסטמאל געפונען אויף אלעע נומער 12. די לאגע אין דער פארטיי איז געווען אן אומדערטרעגלעכע. דער לאקאל האט פארמאגט א צעבראכענע צעווארפענע שאפע, די פארטיי־אינטעליגענץ האט זיך דערווייטערט. אביסל געטרייע פארטיי־חברים האבן אליין געשלעפט דעם שווערן יאך פון דער אינערלעכע פארטיי־ארבעט.

דער "אקטיוו" פון דער פארטיי איז באשטאנען פון די חברים: רפאל זיידמאן, ראזנצווייג, פרענ־טקי, בארמהערציק, קויפמאן און טענענ־בוים. זיי האבן מיט עקשנות און איבערגעגעבנקייט אנ־געפירט מיט דער פארטיי־ארבעט אין דעם לאקאל פון דער געזעלשאפט "ארבעטער־היים" וועלכער איז תמיד אבסער־ווירט און באוואכט געווארן דורך די פאליצייאישע געהיים־אגענטן פון דער דעמאלטדיקער ענדעקישער מאכט אין פוילן.

אין יענער צייט זענען אומעטום בכלל ליקווידירט גע־ווארן די לאקאלן וועלכע האבן געארבעט כלומרשט אונטערן נאמען "ארבעטער־היים".

אין גאנץ פוילן זענען געבליבן נישט מער ווי אין צוויי שטעט: לאדזש און טשענסטאכאוו די לאקאלן פון אונדזער פארטיי אונטערן נאמען, "ארבעטער־היים". ביי דעם אלעמען זענען אפילו אין טשענסטאכאוו די זיצונ־גען פון פארטיי־קאמיטעט פארגעקומען, נישט אין לאקאל,



א גרופע פון די ערשטע "פועלי־ציון" חברים

נאר ביי חברים אין זייערע פריוואטע דירות. אפט זענען איבערגעטראגן געווארן אלע דאקומענטן אין לאקאל פון דעם קאאפעראטיוו, בכדי אויסצומיידן די קאנטראל מצד די מאכט־ארגאנען.

אין יאר 1930 האט די מאכט ליקווידירט די "ארבעטער־היים". נישט האבנדיק א לאנגע צייט קיין שום לאקאל ווו צו פירן אונדזער פארטיי־ארבעט איז דאך געשטיגן אונד־זער אקטיווע פאליטישע און געזעלשאפטלעכע ארבעט אין א גאנצער רייע פראפעסיאנאלע און קולטורעלע ארגאני־זאציעס. אונדזערע חברים זענען געווען טעטיק אין פרא־פעסיאנעלן שניידער־פאראיין און האבן דארט אנגעפירט מיט ז׳י קעמערלעך און געהאט א גרויסע השפעה אויף דעם ארבעטער קלאס, באזונדערס האט זיך פארשפרייט אונדזער השפעה אין די פראפעסיאנעלע פאראיינען פון די לעדער און בעקער ארבעטער.

מיר האבן אויך אפגעגעבן זיך פון צייט צו צייט כדי צו באקומען אן השפעה אויפן שול־געביט אויף דער יוגנט באוועגונג און באזונדערס אין דעם "ספארט־פאראיין, "גוויאזדא", מיר האבן דערביי מצליח געווען און עס

זענען צוגעקומען אין אונדזערע רייען נייע יונגע כוחות וועלכע האָבן מיט התלהבות געאַרבעט לטובת אונדזער פּאַרטיי.

אין יאָר 1932 האָבן מיר געדונגען אַ לאָקאַל אויף דער וואַרשעווער־גאַס נומער 5, מיר האָבן לעגאַליזירט דעם לאָקאַל ביי דער מאַכט אַלס "געזעלשאַפט, אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער", אין נייעם לאָקאַל האָט די פּאַרטיי אַקטי־וויזירט איר אַרבעט און באַשטימט איר פאַרשטעטערשאַפט אין אַלע פראָפ. פאַראיינען און קולטור־אינסטיטוציעס.

אונדזערע חברים: שימאַנאָוויטש, יעקובאָוויטש האָבן אָנגעפירט מיט אונדזערע סעקציעס, "נאָדל־אַרבעטער, ביי די לעדער־אַרבעטער האָבן מיט אונדזער סעקציע אָנגעפירט די חברים באַרעמהערציג, דויטשמאַן, שוואַרץ און יוזעפאָוויטש. אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די בעקער־אַרבעטער, וועלכער איז שטענדיק געווען אונטער דער השפעה פון "בונד", איז אין דער פאַרוואַלטונג ווי אויך אין פּרעזידיום אַריין אונדזער חבר אברהם ברום.

אין שווערע באַדינגונגען איז אויסגעקומען צו פייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב ביי דעם ענ־דעקיש־סאַנאַטאַרישן רעזשים באַזונדערס אין טשענסטאָ־כאָוו. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר זיך באַגנוגנט מיט איינאַר־דענען אינערלעכע מאַי־פייערונגען און מאַי־אַקאַדעמיעס אָבער מיטן וווּקס פון דער גרויסער פּאַרטיי־אַרבעט צווישן יוגנט און ספּאָרט־פאַראיינען, האָבן מיר אין די לעצטע יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, כמעט יעדעס יאָר אָרגאַניזירט גרויסע מאַי־דעמאָנסטראַ־ציעס און מאַרשירט מיט אונדזער פּאַרטיי־פאָן איבער דער שטאָט. אונדזער פאָן האָט געפלאַטערט צווישן די טראַנס־פּעראַנטן מיט אַלגעמיין־פּאָליטישע לאָזונגען, אויך אונ־דזערע פּאַרטייאישע לאָזונגען. צוליב דער אָנגעזעענער מאַי־דעמאָנסטראַציע האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, די מאַכט דאָס נישט געקאָנט סובל־זיין און האָט אונדז באַשרענקט דעם שטח פון אונדזער מאַרשרוט, נאָר פון דער ערשטער אַלעע צו דער בריק און צוריק.

באַוואַכט דורך רייטער־פּאָליציי און געהיים־אַגענטן האָבן אונדזערע חברים שטענדיק שטאָלץ אויסגערופן אונ־דזערע לאָזונגען אויף יידיש און אויף פּויליש, אונדזערע דעמאָנסטראַציעס האָבן איבערגעלאָזט אַ רושם, דאָס מאַר־שירן פון ספּאָרט־קלוב, "גוויאזדא" (שטערן) אין זייערע אוניפאָרמען, ווי אויך די פּרעכטיקע יוגנט פון די עלטערע חברים פון אונדזער קינדער־באַוועגונג, "יונגבאָרוכאָוו".

(אַן ערלעך בלאַט אין דער געשיכטע פון "פועלי־ציון" אין טשענסטאָכאָוו האָט אָנגעשריבן די יוגנט וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַ יוגנט־קאָמיטעט, צווישן זיי חבר שימאַנאָוויטש וועלכער איז אומגעקומען אַלס העלד בעת דער נאַצי־הערשאַפט, שוין נאָך זיין באַפרייאונג פון לאַגער, אויפן וועג פון שטאָט־האָף).

צום יוגנט־קאָמיטעט האָבן אויך געהערט די חברים און חברות: ישראל דיאַמאַנט און צפורה גאָטליב (איצט אין ישראל), דויטשמאַן, באַרעמהערציג, האַלבערג, גאָלדבערג, שוואַרץ און געלדבאַרד, די אַלע האָבן געפירט די לעגאַלע און אומלעגאַלע, פּאָליטישע אַרבעט אָרגאַניזירט מאַי־דעמאָנסטראַציעס, באָרוכאָוו־אַקאַדעמיעס, פייערונגען צום אָנדענק פון אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־קעמפער. זיי זענען עס געווען די שאַפער פון דער "יונגבאָרוכאָוו"־אָרגאַניזאַציע און געזאָרגט פאַר זייער פּרעכטיקע אוני־פאָרמען. זיי האָבן אויך איינגעאָרדנט צוזאַמענטרעפן און צוזאַמענפליען פון דער "פּועלי־ציון" יוגנט, פון גאַנצן ראַיאָן, אויך דער גלענצנדיקער צוזאַמענפלי וואָס איז פאָר־געקומען אין יאָר 1932 אין אלקוש מיטן אָנטייל פון 1500 יוגנטלעכע פון 10 שטעט האָט זיך אָנגעזען אין זייער אַקטיווער אַרבעט.

די יוגנט האָט זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך אַקטיוו באַ־טייליקט אין אַלע עפנטלעכע אונטערנעמונגען פון דער פּאַרטיי, באַזונדערס אין דער גאָר גרויסער אַקציע פון דער פּאַרטיי פאַרן פּראָ־פּאַלעסטינער אַרבעטער־קאָנגרעס. זיי האָבן אויך אָנטייל גענומען אין די געמיינזאַמע דיס־קוסיעס און "קעסטל־אוונטן", וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען, ווי "בונד" "צוקונפט" און די קאָמוניסטן, זיי האָבן זיך אויך באַטייליקט אין אָפטע צוזאַמענטרעפן מיטן "השומר־הצעיר".

די קינדער אָרגאַניזאַציע, "יונג־באָר" (יונגע־באָרוכאָ־וויסטן) איז געווען מערסטנטייל פון קינדער וועלכע האָבן געלערנט אין דער י. ל. פּרץ־שול, קינדער פון דער אָרע־מער יידישער באַפעלקערונג פון שטאָט.

צוגעהאָלפן ביי דער שאַפונג פון דער קינדער־ אָר־גאַניזאַציע האָט דער לערער, ח. גרשון כיינוביץ וועלכער געפינט זיך אין ישראל אין קיבוץ "חפצי־בה". אָנגעפירט מיטן "יונג־באָר" — קאָמיטעט, האָבן די חברים שלום האָל־בערג, גאָלדבערג, צעשא (צפורה) גאָטליב, שוואַרץ און מרדכי באַרמהערציג. זיינע יונגע מיטגלידער האָבן זיך באַטייליקט אין "רינגען", אויספלוגן, קינדער־שפּילן און



אַ גרופּע חברים פון לינקען ״פּועלי ציון״ סניף
פּאַרוואַלטונג פון דער ״פּועלי־ציון״ פּאַרטיי (לינקע)

אויך מיטגעהאָלפן ביים פאַרשפּרייטן די יוגנט־פּרעסע, זיי האָבן זיך אויך באַטייליקט אין ספּאָרט־פאַרמעסטונגען.

די קולטור־אַרבעט פון דער לינקער ״פּועלי־ציון״ איז געווען פאַרטיילט אין אינערלעכע און אין עפנטלעכע געביטן, אין דער אינערלעכע אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט די חברים: לעאָן זיידמאַן, גרשון פּרענטקי, דער פאַרשטאַרבענער חבר, ווייס, אברהם ברום א. א. אַ חוץ פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען וואָס עס איז געווען זייער שווער איינצוּאָרדענען ביי דעם רעזשים איז די פּאַרטיי פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אויף ענגע קרייזן דאָס זעלבע איז אויך געווען ביי דער יוגנט, ווו מיט דער אַרבעט האָבן אָנגעפירט די חברים, ברום, קופּמאַן, טענענבוים און אברהם באַרעמהערציג.

אונדזערע חברים זענען אויך געווען פאַרטראָטן אין אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע אינסטיטוציעס: ווי שולן, אַלגעמיינע ביבליאָטעק. אין דער פאַרוואַלטונג פון דער שול־אָרגאַניזאַציע האָבן פאַרטרעטן אונדזער פּאַרטיי די חברים קופּמאַן און לייבוש טענענבוים.

אַלע אונדזערע עפנטלעכע און קולטורעלע־ליטעראַרישע אונטערנעמונגען האָבן געהאַט דערפאָלג מצד די פאָלקס־מאַסן, איבערהויפּט די באַזוכן פון די חברים: זרובבל, בוקסבוים, לעוו, בעת אונדזערע אַרטיקע וואַל־קאַמפּאַניעס האָבן אונדז פיל געהאָלפן די לאָדזשער חברים: מיעטעק, סטאַליאַרסקי, געניע לעווי און ציטרינאַווסקי.

אין אונדזערע קולטורעלע ליטעראַרישע פאַראַנשטאַלטונגען האָבן זיך אויך באַטייליקט די חברים: ד״ר רפאל מאַהלער, ד״ר עמנואל רינגעלבלום, ד״ר אייזנשטאַדט, מינע אבעלמאַן און לייבעל פון קראָקע.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רדיפות אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַר דער מלחמה, ווען עס זענען אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן חברים פון אונדזער פּאַרטיי און פון אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, האָבן זיך אונדזערע חברים באַטייליקט אין דער הילפס־אַקציע פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע און איינגעאָרדנט היימישע מסיבות און געלט־זאַמלונגען, אָרגאַניזירט פּאַטראָנאַטן איבער די שמאַכטנדיקע אין די תפיסות און זיי געהאָלפן מיט געלט און שפּייז פּעקלעך.

אין יאָר 1937 האָט זיך אונדזער פּאַרטיי מיט גרויס דערפאָלג באַטייליקט אין די וואַלן צום ציוניסטישן־ קאָנגרעס, פאַרקויפט פיל שקלים און ענערגיש געאַרבעט ביי דער וואַל־קאַמפּאַניע.

די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, האָבן די פּוילישע פאַשיסטן, די ענדעקעס, ווי די סאַנאַציע־לייט, געוואָרן וואָס מער אַנגרייפעריש, די שנאה צו יידן אַלץ שטאַרקער, דאָס

געזעץ וועגן שחיטה־פאַרבאָט, די באַרימטע "אָוושעם־דערקלערונג", אָנפאַלן אויף יידישע געלערנטע נאָך דעם פאָגראָם אין פשיטיק, האָט נישט אויסגעמיטן טשענסטאָכאָוו.

שבת דעם 19־טן יוני 1937, 10 אַזייגער אין דערפרי איז דער פליישער־ארבעטער יוסף פענדראק, מיטגליד אין דערנערונגס־פאַראיין באַפאַלן געוואָרן דורך אַ פוילישן כוליגאַן, סטעפאַן באַראַן, היות יוסף פענדראק האָט געהאַט אַ דערלויבעניש צו טראָגן געווער, האָט ער כדי זיך צו שיצן פון אָנפאַל, אויסגעשאָסן עטלעכע מאָל, פאַרוווּנדעט דעם אָנפאַלער, וועלכער אין אויפן וועג צום שפּיטאָל געשטאָרבן, דער טראַגישער פאַל האָט באַלד אַרויסגערופן אין שטאָט אַ שטאַרקע מהומה וועלכע די אַנטיסעמיטן האָבן עס באַלד אויסגענוצט און אָנגעהויבן באַפאַלן די שפּאַצירנדיקע יידן אין די גאַסן, אונדזער פאַרטיי־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן די זעלבסט־שוץ: עס זענען שנעל אָרגאַניזירט געוואָרן הויז־קאָמיטעטן אין אַלע יידישע הייזער, די יוגנט איז מאָביליזירט געוואָרן אין זעלבן מאַסשטאַב ווי אין מלחמה־צייט, פאַר זעלבסט־פאַרטיידיגונג: עס איז באַשטימט געוואָרן אַ טעלעפאָן־צענטער צו שנעלער פאַרבינדונג מיט אַלע שטאָט־טיילן, מען האָט אויך געזאָרגט וועגן שאַפן די נויטיקע מכשירים אָפּצושטויסן דעם איבערפאַל.

שבת נאָך מיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענער פאָגראָם און זונטיק נאָך מיטאָג בעת די תפילות אין קלויסטערס — האָט זיך פון דער זייט פון וואַרשעווער־מאַרק געלאָזט אַ מאַסע אויפגעהעצטע פויערים מיט סטודענטן אין דער שפּיץ און דאָס געשריי: "שלאָגט יידן" האָט פאַרטויבט די גאַסן.

אָבער לויט אַ סיגנאַל זענען פון יעדען הויז פון די גאַסן: נאַדזשעטשנאַ, גאַרנצאַרסקאַ, סענאַטאַרסקאַ און קאַזשאַ אַרויס אונדזערע חברים צוזאַמען מיט נאָך יידן וואָס זענען דורך אונדז גערופן געוואָרן צום אָנטייל אין דער זעלבסט־פאַרטיידיקונג און האָבן געשטעלט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. די אויפגעהעצטע פאָגראָמטשיקעס האָבן זיך נעביך בחרפה צוריקגעצויגן און אַזוי איז אויסגעמיטן געוואָרן דער אכזריותדיקער איבערפאַל אויף דער שטאַרק באַוווינטער יידישער געגנט אין שטאָט, וועלכע אונדזערע שונאים האָבן געפּלאַנט.

די פאַרטיי האָט געליטן אַסך פון אַן אַפּפלוס פון חברים וועלכע זענען אַוועק פון טשענסטאָכאָוו.

אונדזער פאַרטיי האָט זיך שטענדיק באַטייליקט אין די וואַל־קאַמפּאַניעס צום שטאָט־ראַט, געפירט אַגיטאַציע, יעדעס מאָל באַקומען עטלעכע הונדערט שטימען, אָבער ליידער האָט עס ביז צום באַקומען אַ מאַנדאַט נישט דערגרייכט. אַזוי איז געווען אין די יאָרן 1925—1927. דאָס זעלבע אויך ביי די וואַלן צום ערשטן פוילישן סיים.

נאָר פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה איז דורך אַ בלאָק מיט אַן אַנדער אַרבעטער־פאַרטיי געלונגען אַריינצופירן אין שטאָט ראָט אַלס פאַרשטייער פון די "פּועלי־ציון" דעם שרייבער פון די שורות, ליידער איז זיין טעטיקייט געווען אַ קורצע. (די בלוטיקע וועלט־מלחמה האָט אַלץ פאַרענדיקט).

משה אַדערבערג

טשענסטאָכאָוו נעמט אויף פּאַרטיי־מנהיגים

פּונקט ווי אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן אויך די „פּועלי ציון" געהאַט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע וואָס האָט באַזאָרגט „אויסלענדישע" פּעסער פֿאַר אַנפּירנדיקע חברים פֿון פּוילן און רוסלאַנד, וואָס האָבן געמוזט עוקר־זיין, כּדי זיי זאָלן קאָנען איבערפֿאָרן דורך דער מערב־גרענעץ אָדער אַנדערע אויסלענדישע גרענעצן, עס זענען געווען אויך פֿאַלן ווו עס איז נישט געלונגען צו פֿאַרשאַפֿן פּעסער, האָט מען געמוזט זאָרגן זיי זאָלן קאָנען שוואַרצן די גרענעץ, דורך געניטע, „שוואַרצערס".

די אויפֿגאַבע פֿון דער קאָמיסיע איז אויך געווען: אָפּצוּוואַרטן די געסט ביים וואָקזאַל פֿון דער וואַרשע־ווינער באַן און זיי „איינאָרדענען" ביי אַ חבר אָדער, אין אַ זייטיקן האָטעל, ווו די פּאָליציי איז נישט פֿון זיינע אָפּטע געסט...

פֿאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין אַזאַ קאָמיסיע, איז מיר צווישן אַנדערע, אויסגעקומען אָפּצוּוואָרטן אויך אַזעלכע חשובֿע חברים ווי יצחק זאַר, לעאָן כאַזאַנאָוויטש און א. רעוווּצקי.

מילא, לעאָן כאַזאַנאָוויטש, וועלכער איז דעמאָלט געפֿאָרן קיין אַרגענטינע איז נאָך געווען מער־ווייניקער מענטשלעך אָנגעטון און עס האָט זיך געקאָנט שאַפֿן דער איינדרוק אַז ער איז עפּעס אַ פֿאַרמעגלעכער קרובֿ, דאַקעגן האָט זיך א. רעוווּצקי אויפֿגעפֿירט פּשוט ווי אַ קליין־שטעטלדיקער ישיבֿה־בחור און פֿון זיינע אויגן האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען זיין שרעק, אַז אָט אָט וועט מיט אים עפּעס פּאַסירן און עס וועט אים שווער זיין זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון די פּאָליציייִשע שמעקהינט. די פֿאַרשטעלטע פּאָליציאַנטן און געהיים־אַגענטן, וועלכע וועלן געוויס „דערשמעקן", אַז ער פֿאָרט קיין לעמבערג צו אַ „פּועלי־ציון"־קאָנפֿערענץ.

אָבער דער ערגסטער „פּאַסאַזשיר" פֿאַר מיר איז געווען יצחק זאַר. אמת, אין זיינע שפּעטערע יאָרן, ווען ער האָט שוין געלעבט אין אַמעריקע און איז געוואָרן אַ רעדאַקציע־מיטאַרבעטער אין „טאָג", האָט ער זיך געקליידט און אויפֿגעפֿירט ווי אַן אמתער אייראָפּעער, אָבער ווען איך האָב אים אין אַ זומערדיקן פֿרימאָרגן אָפּגעוואַרט אויפֿן וואָקזאַל פֿון דער וואַרשע־ווינער־באַן אין טשענסטאָכאָוו בין איך פּשוט נבֿהל און נשתומם געוואָרן; דערזעענדיק פֿאַר זיך אַ יונגן מאַן מיט זייער לאַנגע האָר און אין אַ לאַנגער „פּעלערינע" וואָס האַלט אין די הענט אַ פּעקל בראַשורן און פֿאַרשידענע געשריבענע העפֿטן. עס האָט בלויז געפֿעלט אַ קלייניקייט. עמיצער זאָל אים צופֿעליק אַ שטופּ טון און די באַן־פּלאַטפֿאָרמע וועט פֿאַרפֿלייצט ווערן מיט אַלערליי פּאַרטיי־ליטעראַטור, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַלץ אומלעגאַלע...

זעלטן האָבן די „פּועלי ציון" געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצוניצן עמיצן פֿון די דורכפֿאָרנדיקע גדולים פֿון אונדזער וועלט־באַוועגונג כּדי איינצואָרדענען זייערע רעפֿעראַטן. נאָר איינמאָל האָט זיך געמאַכט, ווען לעאָן כאַזאַנאָוויטש איז געבליבן נעכטיקן אין טשענסטאָכאָוו און ווייל אים ברענגען אין האָטעל איז געווען אַ גרויסע סכּנה, סיי פֿאַר אים און סיי פֿאַר די אָרטיקע חברים, האָב איך אויסגענוצט דאָס געלעגנהייט וואָס מיין אַ שוועסטער מיט איר מאַן זענען געווען אויף דאַטשע און מיר האָבן בליץ־שנעל אָרגאַניזירט אַ „סכאָדקע" און אויך אַוועק געשטעלט „שומרים" אַזש ביז צו דער „דייטשער־שול" און שפּעט אין אָוונט האָבן מיר דעם גאַסט געבעטן ער זאָל רעדן אויף דער ברענענדיקער טעמע, „ציוניזם או טעריטאָריאַליזם".

מיר — די 30 יונגע חבֿרה, יינגלעך און מיידלעך — האָבן זיך צוגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, איבערגעלאָזט ברענען אַ קליין לעמפּל און מיר האָבן במשך צוויי שעה געשלונגען די אינטערעסאַנטע תּורה פֿון אונדזער גרויסן טעאָרעטיקער.

אַרום 11 אַזייגער ביינאַכט האָבן מיר שטיל און איינ־ציקווייז פאַרלאָזט די וווינונג כדי נישט ארויסצורופן קיין שום חשד ביי די נאַכט־שומרים פון דער רוס׳ישער פּאָליציי. עס איז אינטערעסאַנט צו דערציילן, אז מיר זענען געווען אַזוי קאָנספּיראַטיוו, אז נישט מיינע עלטערן און נישט דאָס יונגע פּאָרל האָבן זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט וועגן דעם גרויסן פאַרברעך וואָס מיר זענען באַגאַנגען אין זייער דירה, אָן זייער וויסן און אָן זייער הסכמה!

משה אדערבערג

פּאַרטיי־דיסציפּלין און מיינע איבערלעבענישן אין די יונגע יאָרן

(א ביסל זכרונות)


ווי אין אַנדערע שטעט אין פּוילן איז אויך אין טשענסטאָ־כאָוו איינגעטיילט געוואָרן די השפּעה אויף פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער פאַראיינען צווישן די פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, אַזוי האָבן די "פּועלי־ציון" וועלכע איז געווען די קלענסטע צווישן די דריי יידישע אַרבעטער פּאַרטייען, באַקומען די שליטה אויפן שניידער־פאַך.

אמת, אז צווישן די שניידער־בעלי־מלאכות אין אונד־זער שטאָט איז געווען אַ גאַנץ קליינע צאָל וואָס האָבן אין זייערע וואַרשטאַטן באַשעפטיקט געזעלן, אָבער דאָך, איז געשאַפן געוואָרן זייערס אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון "אַרבעטער פון שניידער־פאַך".

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָט דער "שניידער־קאָמיטעט" דערקלערט אַ שטרייק, נאָכדעם ווי די שניידערישע "גבי־רים" האָבן זיך אפּגעזאָגט מסכים צו זיין אויף דער פאָ־דערונג וועגן פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־טאָג מיט אַ **גאַנצער** שעה און דערביי העכערן די שכירות מיט **אַ גאַנצן** רובל אַ וואָך.

די שניידערס האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן אויך איצט פּרנסה בצמצום און קאָנען די פאָדערונגען נישט אָננעמען. צווישן די שניידער זענען געווען אַזעלכע, וועלכע פלעגן נייען "טאַנדייט־מלבושים", דינגען אַ פויערישע פור און פאָרן מיט זייערע מענערישע שניידערישע אַרבעטן אויף די "ירידים" אין די שטעט און שטעטלעך אַרום טשענס־טאָכאָוו. זיי זענען דאָרט געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג געוואָרט אויף פויערישע קונים און ווען עס איז שוין געוואָרן שטאַרק פינצטער זענען זיי אַהיימגעפאָרן מיט דער נישט־פאַר־קויפטער סחורה.

אַמאָל האָב איך באַקומען אַ באַפעל פון מיין "פּאַרטיי־קאָמיטעט", אז איך זאָל זיך אין אַ געוויסן דינסטיק פאַרטאָגס געפינען אויף דער וואַרשעווער־גאַס, נעבן די "דריי־צלמים" און וואַרטן אויף אַ ווייטערן באַפעל.



זיצן: ווייס, פּרענטקאַ, דאַנציגער, יוריסטאַ און זיידמאַן
שטייען: ראָזענצווייג, ראַפּאַרט און זיידמאַן

ווען איך בין פאַרטאָגס געקומען צום באַשטימטן פּלאַץ, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן נאָך דריי חברים פון די יוגנטלעכע "פּועלי־ציון", איינער איז געווען באַוואָפנט מיט אַ פאַרזשאַווערטן, בלעכענעם עמער פול מיט עפּעס אַ פליסיקייט, די אַנדערע צוויי האָבן געהאַט מיט זיך שטע־קנס. זיי האָבן אויך מיר איבערגעגעבן אַ שטעקן און געגעבן אַן אינסטרוקציע: ווען דער שניידער מיט זיין פויער וועלן דורכפאָרן זאָל איך דעם פויער דערלאַנגען אַ זעץ מיט מיין שטעקן אַזוי שטאַרק אַז ער זאָל פאַר ווייטיק ארויסלאָזן די לייצעס פון די הענט.

אַ האַלבע שעה שפּעטער איז אָנגעקומען דער עקשנות־דיקער שניידער מיט זיין פויערישן וואָגן. אונדזער חברה־מאַן האָט שנעל באַגאָסן די גאַנצע סחורה מיט דער שאַרפער פליסיקייט און דער דעשראָקענער פויער האָט במילא אַרויסגעלאָזט די לייצעס פון די הענט, אַזוי אַז מיין קלאַפּ מיטן שטעקן איז שוין געווען גאַנץ איבעריק... ס׳האָבן אַנגעהויבןביידע — דער שניידער און זיין פויער — שרייען, גראַדע איז אויפן וואָגן אויך געפאָרן אַ "פּאַליציאַנט", וועלכער איז זיך געשמאַק געשלאָפן און האָט זיך נאָכדעם אויפגעכאַפּט פון די קולות און אָנגעהויבן פייפן. עס זענען באַלד אָנגעקומען נאָך צוויי סטראָזשניקעס און זיי האָבן זיך געלאָזט יאָגן נאָך אונדז. אַזוי ווי מיר זענען געווען יונגע חברה־לייט און די פּאָליציי־לייט זענען שוין נישט געווען קיין גאַנץ יונגע האָבן זיי אונדז נישט באַוויזן צו כאַפּן. לויט די אינסטרוקציעס וואָס כ׳האָב באַקומען בין איך נישט אַהיימגעגאַנגען נאָר אַוועק זיך באַהאַלטן אין אַ קליין געסל נעבן דער גאַרנצאַרסקע־גאַס, ווו עס האָבן געוווינט שטרייקנדיקע אַרבעטער און דאָרט איבערגענעכטיקט.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָט דער שניידער דערקענט איינעם פון די פיר "אַנפאַלער" און דאָס איבערגעגעבן דער פּאָליציי; עס איז געווען אַ געפאַר אַז מ׳וועט אונדז אַלע אַרעסטירן. איך האָב לאַנג נישט געטראַכט נאָר אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעקלערט אַ גוטן תירוץ פאַר מיינע עלטערן, בין איך אַריבער די גרענעץ און אָנגעהויבן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פריער קיין קאַטאָוויץ נאָכדעם ברעסלוי און צום סוף קעלן־אַם־ריין און פון דאָרט אַוועק ווייטער אין דער גרויסער וועלט אַריין.

די פּאָליציי אין טשענסטאָכאָוו האָט מיך געזוכט און האָט אַרעסטירט מיין עלטערן ברודער נתן אָדערבערג, אַלס "ערובניק" און דערביי געוואַרנט מיינע עלטערן, אַז זיי מוזן מיך צושטעלן, נישט שפּעטער, ווי אין צוויי וואָכן אַרום.

זעלבסטפאַרשטענדלעך בין איך שוין מער קיין טשענסטאָכאָוו נישט געקומען און נאָך גרויס מי און מיט אַ שיין ביסל "כאבאר" איז סוף כל סוף אויך מיין ברודער, נתן, באַפרייט געוואָרן.

(מיין "פּאַרטיי־דיסציפּלין" פון די יונגע יאָרן האָט געראַטעוועט מיין לעבן פון די היטלעריסטישע מערדער.)

מאיר פיינרייך

רענעסאַנס פון יידישן אַרבעטער אין טשענסטאָכאָוו

דאָס יאָר 1903, קאָן באַצייכנט ווערן אַלס דאָס יאָר פון דערוואַכונג פאַר די יידישע אַרבעטער אין טשענסטאָכאָוו. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן יונגע אַרבעטער און עס האָט זיך דערהערט נייע לאָזונגען אויף דער יידישער גאַס, אַ מין נייע תורה: דער אַרבעטער מוז זיין אָרגאַניזירט, דאַרף זיך בילדן און דער עיקר — זיין פאַראייניקט, כדי זיך צו דערשלאָגן צו מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען.

★

אין די צייטונגען האָבן זיך באַוויזן נאָטיצן וועגן דער לאָדזשער אַרבעטערשאַפט, וועלכע באַנוצט זיך שוין מיט מיטלען וואָס זענען ביי אונדז אין טשענסטאָכאָוו נאָך געווען לגמרי פרעמד. זיי דראָען מיט "שטרייקן", די שיטה האָט ביי אונדז נושא־חן געווען.

ווייל קיין יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך אין שטאָט נישט געווען האָט זיך אַ געוויסע צאָל יידישע אַרבעטער אָנגעשלאָסן אין דער "ס.ד." און "פּ.פּ.ס.", הגם דאָס האָט געשמעקט פאַרן יידישן אַרבעטער מיט אַסימי־לאַציע...

ערשט אין די יאָרן 1904—1905 האָט זיך אין טשענס־טאָכאָוו אָרגאַניזירט די ערשטע יידישע פּאַרטיי, דאָס איז געווען די "פּועלי־ציון"־פּאַרטיי. אַביסל שפּעטער — איז געשאַפן געוואָרן דער "בונד" און נאָך שפּעטער — די "ציו־

ניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי", וועלכע האָט זיך גערופן מיט די ראשי תיבות, "ס.ס.". די "ס.ס." איז מיט דער צייט געוואָרן די גרעסטע פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו און האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אויף אַלע געביטן פון יידישן אַרבעטער־לעבן אין שטאָט.

די ערשטע פּיאָנערן פון דער "ס.ס."־פּאַרטיי זענען געווען: דוד מאַלאַרסקי, וועלכער איז געווען אַ מומחה אין דער טעאָריע פון סאָציאַליזם און גלייכצייטיק אויך אַן ענערגישער קעמפער און איז געווען מסוגל, מיט געווער אין דער האַנט באַשיצן די אַרבעטער־אינטערעסן, אויב מען האָט דאָס געדאַרפט.

דער צווייטער איז געווען — מענדל שוסטער אַ באַגאַבטער אַגיטאַטאָר פאַר די ברייטע מאַסן, ער האָט געשטאַמט פון זער אַן אָרעמע משפחה, געהאַט אַ פייער־דיקן קאָפּ און מיט אייגענע כוחות און ביי די שווערסטע באַדינגונגען, געלערנט און זיך אַנטוויקלט.

אָבער זיי ביידע האָבן אין אָנהויב פון די רעאַקציע־יאָרן — סוף 1905, פאַרלאָזט טשענסטאָכאָוו און עמיגרירט קיין אַמעריקע. אין יענער צייט האָבן זיך אויף דער יידישער גאַס באַוויזן יונגע בחורים, קינדער פון בעל־ביתישע, כמעט פון די "רייכערע" קרייזן און האָבן זיך דערנענטערט צו די אַרבעטער, באַזוכט די אַרבעטער־לאָקאַלן. אַלס אינטעלעקטועלע עלעמענטן האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף אַרבעטער און מיט דער צייט געוואָרן זייערע אָרגאַניזאַטאָרן און פאַרשטעער און זיי האָבן מיט התלהבות פאַרשפּרייט רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע טעאָריעס. דאָס ערשטע אָרט צווישן זיי האָט פאַרנומען דער חבר יוסף, דער היינט־באַקאַנטער ד"ר יוסף קרוק פון ירושלים, וועלכער איז געווען אַ זון פון אַ רייכן ייד פון די אַסימילירטע קרייזן און יצחק גורסקי (וווינט אין אַמעריקע), גרינבוים, הערשל גאַטיינער, מענדל אַש, דעם רבס זון, דודעק שלעזינגער, מיכאש אַלטער און אַסך אַנדערע, וועמענס נעמען איך קאָן זיך נישט דערמאָנען.

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך כסדר צעוואַקסן און באַקומען אַ גרויסע השפּעה כמעט אויף אַלע געביטן פון יידישן פאָלקס־לעבן אין אונדזער שטאָט. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט דאָס נישט מוצא־חן געווען ביי דער רוסישער פּאָליציי, אָבער אויך די אַזוי גערופענע, "באַנדע ווילע־יינגען", וואָס אויך טשענסטאָכאָוו איז לייי־דער נישט געווען פריי פון זיי, האָבן געזעען אין דער פּאַרטיי אַ געפאַר פאַר זייער "אַליין־הערשאַפט" און זיי האָבן אָנגעהויבן העלפן דער פּאָליציי ביים כאַפּן און אַרעסטירן וועמען עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט...

אַ דאַנק זייער הילף און מסירות איז אַרעסטירט געוואָרן דער קאָמיטעט פון "בעקער־פאַראיין" און אַלע זיינע מיטגלידער זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו זעקס חדשים טורמע.

די פּאַרטיי האָט בהתחלה געפּרוּווט צו קעמפן מיט די דאָזיקע "ווילע־יונגען" דורך אויפקלערונגס־אַגיטאַציע און איר איז אפילו געלונגען צו באַאיינפלוסן צוויי פון דער דאָזיקער באַנדע און זיי זענען אפילו שפּעטער געוואָרן "חוזרים־בתשובה" און גוטע חברים פון דער פּאַרטיי.

אָבער דאָס האָט די גנבים זייער אויפגעבראַכט קעגן דער פּאַרטיי און צוזאַמען מיט דער פּאָליציי, זענען זיי באַפאַלן די פּלעצער ווו די אַרבעטער פלעגן זיך צוזאַמענקומען און אויך אָנגעוויזן דער פּאָליציי וועמען זי זאָל אַרעסטירן.

די פּאַרטיי איז געווען געצוווּנגען אָנצונעמען ענערגישע און דראַסטישע מיטלען.

אין אַ געוויסן טאָג פון חודש מאי 1905 האָט זי אָרגאַניזירט אַ געגן־אַטאַקע אויף די חברה "ווילע־יונגען", וועלכע האָט כסדר אַפּערירט אויפן אַלטן מאַרק צווישן די פּרוכטן־הענדלער און איז זיי באַפאַלן פון אַלע זייטן און נאָך אַ "מלחמה", וואָס האָט געדויערט בערך אַנדער־האַלבן שעה, זענען זיי זיך צעלאָפן, איבערלאָזנדיק דאָרט זייער אַ שווער־פאַרוווּנדעטן "חבר"...

זייט דעמאָלס האָבן אויפגעלעבט, נישט נאָר די אַרבעטער־קרייזן, נאָר אויך די אָרעמע פּרוכטן־הענדלער האָבן פריי אָפּגעאָטעמט.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט זיך געפונען אין ווילנע האָט פון צייט צו צייט געשיקט פּראָפעסיאָנעלע אַגיטאַטאָרן, וועלכע האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן און פירן די פּאַרטיי־אַרבעט אין שטאָט. צווישן די געסט וואָס האָבן באַזוכט טשענסטאָכאָוו איז כדאי צו דערמאָנען: לייבוש לערער, דוד־לעווין פון האמעל, איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער יידישער זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד, יעקב רובינשטיין (געפינט זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד), ד"ר אהרן סינגאַלאָווסקי, אַן ערשט־קלאַסיקער אַגיטאַטאָר, וועלכער איז און די שפּעטערע יאָרן געוואָרן פירער פון דעם באַרימטן "אָרט" (געזעלשאַפט, צו פאַרשפּרייטן אַרבעט און מלאָכה איבער דער גאַנצער יידישער וועלט).

די טעאָרעטיקער פון דער "ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער פּאַרטיי" אין יענער צייט זענען געווען: ד״ר לאַצקי-בערטאָלדי, ש. ניגער, יעקב לעשטשינסקי ווי אויך, משה און יוסף לעשטשינסקי.

נאָך דעם צאַרישן מאַניפעסט פון אָקטאָבער 1905 האָבן זיך אָנגעהויבן די רעאַקציע-יאָרן. פיל פון אונדזערע חברים האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד: אַ טייל זענען אַוועק קיין אַמעריקע און קאַנאַדע און אַ קלענער טייל איז אַריבער קיין דייטשלאַנד און עסטרייך, צווישן זיי זענען געווען די חברים: יצחק גורסקי, הערשל גאַטיינער, מאַקס דאַנקעוויטש (קאַניאַרסקיס איידעם) און אַ סך אַנדערע, וועמענס נעמען כ׳געדענק שוין נישט.

די איבערגעבליבענע חברים האָבן זיך געווידמעט דער קולטור-אַרבעט, אין יענער צייט איז אין פּעטערבורג געגרינדעט געוואָרן די "יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט". לויט דער איניציאַטיוו פון אונדזערע חברים איז געעפנט געוואָרן אַן אָפּטיילונג אויך אין טשענסטאָכאָוו. די חברים רפאל פעדערמאַן, אלקנה כראבאלאווסקי, שמואל פראנק, פייטל שמולעוויטש, משה וועקסלער (ביידע לעצטע — געשטאָרבן אין תל-אביב), האָבן אַקטיוו געאַרבעט פאַר דער געזעלשאַפט. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַרלעזונגען וועגן די יידישע קלאַסיקער: מענדעלע מוכר ספרים, י. ל. פרץ, שלום-עליכם א.א..

די "דראַמאַטישע-סעקציע" האָט אויפגעפירט פאָרשטעלונגען ווי די "וועבער" פון געהאַרד הויפּטמאַן, "זשאַן און מאַדלען" פון אָקטאַוו מירבאָ, די "יודן" פון טשיריקאָוו און נאָך פיל איינאַקטערס פון י.ל. פרץ, "דאָס אייביקע ליד" פון מארק אַרנשטיין, די "בחורים" פון יצחק קאַצנעלסאָן.

אין דער טעריטאָריאַליסטישער וועלט-קאָנפערענץ אין ווין האָבן זיך פון טשענסטאָכאָוו באַטייליקט אַלס דעלעגאַטן די חברים רפאל פעדערמאַן און דער דרוק-אַרבעטער שמחה קולקע, וועלכער האָט זיין לעבן פאַרענדיקט אין ניו-יאָרק — זיין לעצט וווינונגס-אָרט.

(דער אויסברוך פון דער וועלט-קריג האָט אונדז ווידער צעזייט און צעשפּרייט, די ס.ס.-פּאַרטיי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין "פאַראייניקטע" ביז זי איז אין גאַנצן ליקווידירט געוואָרן).

אלקנה כראבאלאווסקי ז״ל

די "ס.ס." (ציוניסטיש סאציאליסטישע פארטיי) אין טשענסטאכאוו

(פון מיינע זכרונות)

די "ס.ס." (ציוניסטן-סאָציאַליסטן) אין טשענסטאָכאָוו האָבן, גלייך ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך, דורכגעמאַכט אַזש פיר גלגולים. זיי האָבן געהייסן:

(1) "ס.ס.", (2) "פאַראייניקטע", (3) "אומאָפּהענגיקע" און צום סוף — די "פריילאַנד-ליגע" — וועגן וועלכער איך שרייב נישט אין מיינע זכרונות.

דער אָנהויב פון "ס.ס." אין טשענסטאָכאָוו איז דאָס יאָר 1902, ווען אין מינסק איז אַנטשטאַנען די ערשטע גרופּע אַרבעטער-ציוניסטן, וועלכע האָבן נישט געגלויבט אין דער צוקונפט פון יידישן פאָלק אין צאַרישן רוסלאַנד און זענען געווען אַ פּאָליטיש.

ד״ר נחמן סירקין האָט אין יענער צייט געגרינדעט אין אויסלאַנד די ערשטע ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע גרופּע אונטערן העברעאישן נאָמען "חירות".

אין יענער צייט זענען אין טשענסטאָכאָוו געשטאַנען בראש פון "ס.ס.": יוסף קרוק, אהרן סינגאַלאָווסקי און יצחק גורסקי, וועלכער האָט פאַרמאָגט ספּעציעלע פעיקייטן ביים אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן און אין די קליינע פאַבריקלעך.

זיי האָבן צוגעהאָלפן די חברים און חברות:

אַלעקס טעמפּעל, העלא בוכמאַן-גורסקי, בראַניא און מענדל קאַניאַרסקי, מאַקס דאַנקאָוויטש, מאַטווי דאַווידאָ-

וויטש (אַ אינזשיניער אויף דער הערבי־קיעלצער באַן־ליניע), ישעיהו לעווענהאַף, יעקב גאָלדשטיין, דוד שייקע־וויטש און ד. אַקערמאַן.

אַביסל שפּעטער איז צו זיי צוגעקומען אויך נחום סינגאַ־לאָווסקי — אַ שילער פון דער האַנדלס־שולע.

די אַלע אויבנדערמאָנטע האָבן געשטאַמט פון די אינ־טעליגענטע קרייזן און זענען געווען בעלי־בתי'שע קינ־דער און זיי האָבן עס אַנגעפירט מיט דער פּאַרטיי־אַרבעט.

צו דער צווייטער ריי טוער קאָנען פאַר'רעכנט ווערן:

הערשל גאַטיינער, מיכאל אַלטער, קובא גאָלדבערג, נאַטעק און אניא בארנשטיין (ביידע פון זאווערטשע), יוזשעק פינקלשטיין און ח. קאַץ. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען שילער פון דער האַנדלס־שולע, וועלכע איז געווען אָפּן אויך פאַר יידן.

עס איז אויך געווען — אַ מין דריטע קאַטעגאָריע — וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון אַרבעטער און אַרבעטערינס און די אַקטיווסטע צווישן זיי זענען געווען: מענדל שיכטער, קאַפּל געריכטער, משה וועקסלער, פייטל שמולעוויטש (געשטאָרבן אין ישראל, אין יאָר 1963), יעקב יצחק זשאַר־נאָוויעצקי, ישעיה יעקב (דער שפּעטערדיקער — ש. מינ־קאָוו אין אַמעריקא), מאַקס און יאָסל בערלינער, דוד לעווענהאַף, פראַדל בראַט, זכריה לעווענשטיין, מרדכי אַלטמאַן־"קאַסטעק", איצעק דער שלאָסער, שמואל אייז־נער און אוויעטשקאַ.

אַ וויכטיק אָרט אין דער פּאַרטיי האָבן אויך פאַרנומען דוד גוטערמאַן (יאיציארזש) און נטע שוואַרצבוים.

די אַלע אויסגערעכנטע זענען געווען די אַגיטאַטאָרן אין די אַרבעטס־פּלעצער (ווארשטאַטן און קליינע פאַבריק־לעך) און אנפירער פון די אַקטיווסטע קרייזן פון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער דער אמת'ער הויפּט־כוח פון דער פּאַרטיי זענען געווען די ברייטע נאָמען־לאָזע מאַסן, וועל־כע זענען דיסציפּלינירט נאָכגעגאַנגען זייערע פירער.

אין יאָר 1906 זענען פון וואַרשע דעלעגירט געוואָרן אנצופירן מיט דער פּאַרטיי, די חברים: אַלעקסאַנדער" (לייבוש לערער) און "בעניאַמין" (יענקיל לעווין) פון מאַהילעוו, דעם לעצטן, האָבן די באָלשעוויקעס אומגעבראַכט אין בירא־בידזשאַן.

אַזוי איז געווען דער מצב נאָך דער שפּאַלטונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אויף "צעירי־ציון" און "אוגאַנ־דיסטן" — די פאַרטרעטער פון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג.

נאָך דער קאָנפערענץ אין שווידער (ביי וואַרשע) און אין אַדעס האָט די טעריטאָריאַליסטישע אַרבעטער־גרופּע אָנגענומען דעם נאָמען "ס.ס." און אַריינגעשטעלט אין איר פּראָגראַם אויך דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף געגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, אַ זאַך — וואָס איז געשטאַ־נען אין סתירה צו די באַשלוסן פון די "פּועלי־ציון" אין מינסק.

אין דער זעלבער צייט האָט די "ס.ס." אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו אָנגעהויבן אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר דער גרינדונג פון אַ יידישער זעלבסט־שוץ. דאָס איז געווען נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם און נאָכן פאַר'עפנטליכן ביאַ־ליק'ס פּאָעמע "די שחיטה־שטאָט".

אויך די "פּועלי־ציון" און דער "בונד" האָבן דענסטמאָל אָרגאַניזירט זייערע חברים צום זעלבן צוועק.

אין יענער צייט האָבן זיך זער אָפט פאַרשפּרייט קלאַנגן וועגן די פאַרברייטונגן צו מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן. די זעלבסט־שוץ איז געשטאַנען אויף דער וואַך און אפּטמאָל אויך ארויסגעשיקט זייערע גרופּן אין די אַרומיקע שטעט־לעך, ווו עס האָט געהערשט אַ פחד פאַר פּאָגראָמען.

ליידער, האָט די יידישע זעלבסט־שוץ געמוזט זיך אַ מאָל באַנוצן מיט אירע כוחות אפילו געגן . . . יידן.

אין טשענסטאָכאָוו האָט גראַסירט אַ גרופּע "ווילע־יונגען", וואָס האָבן טעראָריזירט די אָרעמע הענדלער און געפּאַדערט פון זיי פאַרשידענע אָפּצאָלונגען. נאָך אַנ'ענער־גישן קאַמף מיט די דאָזיקע ארויסוואורפן זענען זיי ליקווי־דירט געוואָרן.

אין יענער צייט האָט אויך די רעאַקציע זיך געשטאַרקט און האָט אָנגעהויבן רודפן די אַרבעטער־פּאַרטייען און זייערע פירער.

אויך אונדזער פּאַרטיי איז נישט געשאַנעוועט געוואָרן. אהרן סינגאַלאָווסקי, יוסף קרוק און יצחק גורסקי האָבן געמוזט פאַרלאָזן טשענסטאָכאָוו. די פּאַרטיי־אַרבעט האָט זיך באַגרעניצט אויף "סכאדקעס", אָן עפנטלעכע ארויס־טריטן.

אין יאָר 1912 איז אין ווין פאָרגעקומען אַ טעריטאָריאַ־ליסטישע קאָנפערענץ אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אַלס טשענסטאָכאָווער דעלעגאַטן: רפאל פעדערמאַן און שמחה קאַלקע.

אין די שווערע רעאַקציע־יאָרן פון 1912 ביז 1914 איז די פּאָליטישע טעטיקייט פון דער "ס.ס."־אָרגאַניזאַציע געווען זער באַגרענעצט, זי האָט זיך אָבער זער אַקטיוו

באַטייליקט אין פאַרשידענע קולטור־אַרבעטן: פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט ״לירא״ אין וועלכער עס האָבן אין יענער צייט געאַרבעט מיטגלידער פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען ווי אויך פון דער ציוניסטישער יוגנט. עס זענען אפּגעווישט געוואָרן אַלע דיפערענצן צווישן זיי.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס — הגם אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע — צוריק אויפגעלעבט און זיך אָרגאַניזירט אונטער פאַרשידענע נעמען. די ״ס.ס.״, איז ווידער געוואָרן די גרעסטע מאסן־פּאַרטיי, זייענדיק אָרגאַניזירט אַרום דעם ״בילדונגס־פאַראיין״.

אין יענער צייט זענען דורך די ״ס. ס.״, אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרויסע צאָל פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען — פאַראייניקט אין אַ צענטראַלע פאַרוואַלטונג — געשאַפן אַן אַרבעטער־קוך, קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי און דאָס שענסטע — די ״קינדער־היים״ אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ!

דער קלוב פון ״ס.ס.״ האָט זיך געפונט אויף דער צווייטער אַלעע 43 (אין ליבערמאַנס הויז).

צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין טשענסטאָכאָוו געווען כמעט אַ גאַנצע ״ס.ס.״ישע מלוכה מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט רפאל פעדערמאַן, אַלס פאָרזיצער.

אין דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך אויך געפונען די חברים:

הערשל גאַטיינער, יהושע און העניך נירנבערג, מיכאל אַלטער, א. וועגנער און יעקב יצחק זשאַרנאַוויעצקי.

✶

שבת, דעם 4־טן יאַנואַר 1919 איז פאַרגעקומען אַ פייערליכע פאַרזאַמלונג אויף וועלכער די ״ס. ס.״ האָט פּראָקלאַמירט, אַז אין הסכם מיט די באַשלוסן פון דער וואַרשעווער קאָנפערענץ, ענדערט זי איר נאָמען אויף ״פאַראייניקטע״. צוליב איר פאַראייניקן זיך מיט די, אַזוי גערופענע, ״סיימאווצעס״ און געמאָלדן, אַז חוץ איר ווייטער׳דיקן פּראָגראַם פון טעריטאָריאַליזם, וועט זי זיך אויפן באָדן, מער שטיצן אויף דעם יסוד פון די כוחות פון די אָרטיקע יידישע מאסן.

אין שייכות מיט דער מלחמה וואָס די פּוילישע לעגיאָנען האָבן דענסטמאָל געפירט מיט די אוקראַאינער און ליטווינער און די פּאָגראָמען אין לעמבערג און אין ווילנע, איז דעם 20 מאַי 1919 פאַרגעקומען אַ פּאָגראָם, אויך אין טשענסטאָכאָוו, בעת וועלכן עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן פינף יידן.

דאָס זעלבע יאָר זענען אויך אין טשענסטאָכאָוו פאַרגעקומען דרייערליי וואַלן: צום אַרבעטער־ראַט, צום שטאָט־ראַט, און צו דער פּוילישער קאָנסטיטואַנטע. צום אַרבעטער ראַט האָבן די ״פאַראייניקטע״ פון דער אַלגעמיינער צאָל אָפּגעגעבענע 1786 יידישע שטימען באַקומען 941 און 19 מאַנדאַטן, קאָמוניסטן 312 שטימען און 6 מאַנדאַטן, ״בונד״ 277 שטימען און 5 מאַנדאַטן און ״פּועלי־ציון״ 256 שטימען און 6 מנדאַטן.

צום שטאָט־ראַט האָבן די ״פאַראייניקטע״ פון די 6417 יידישע שטימען באַקומען — 2259 שטימען און דורכגעפירט 4 ראַטמענער, די חברים: רפאל פעדערמאַן, יהושע נירנבערג, הערשל גאַטיינער און מיכאל אַלטער.

די ״פּועלי־ציון״ האָבן דורכגעפירט נאָר צוויי ראַטמענער אַלעקסאַנדער בעם און שמעון וואַלדפאָגל, נאָך זיין טויט — אין יאָר 1920 — איז אויף זיין אָרט אַריין יודל דאַנציגער.

דער ״בונד״ האָט דורכגעפירט בלויז 1 ראַטמאַן, יוסף אַראָנאָוויטש.

צו סיים (קאָנסטיטואַנטע) האָט אונדזער קאַנדידאַט, יוסף קרוק, נישט באַקומען די נויטיקע צאָל שטימען, אויך זיין געגן־קאַנדידאַט — אַרום וועלכן עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און אַלע בירגערליכע עלעמענטן — איז דורכגעפאַלן. די וואַל־אָרדינאַציע צום סיים איז אַזוי ״צוגעשניטן״ געוואָרן, אַז די יידישע וויילער זאָלן האָבן גאַנץ שוואַכע אויססיכטן דורכצופירן אייגענע קאַנדידאַטן...

רפאל פעדערמאַן האָט אָנגעפירט מיט דער ״פאַראייניקטע״ פראַקציע אין שטאָט־ראַט און איז תמיד שאַרף אַרויסגעטרעטן און באַקעמפט די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער ענדעקישער מערהייט געגן די יידישע בירגער.

אונדזער פראַקציע, צוזאַמען מיט די ״פּ. פּ. ס.״־ראַטמענער, האָבן ענערגיש פּראָטעסטירט געגן דעם אַרעסט פון בונדישן ראַטמאַן יוסף אַראָנאָוויטש בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה און געבראַכט צו זיין באַפרייאונג.

די ענערגישע האַלטונג פון אונדזערע ראַטמענער האָט אַרויסגערופן אַ ריי רדיפות געגן אונדזער פּאַרטיי.

אין 1920 האָט די פּאָליציי רעקווירירט אונדזער פּאַרטיי־לאָקאַל און נאָכדעם אים אויך ליקווידירט. שפּעטער האָט

זי אויך רעקוויזירט די לאָקאַלן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די פּוילישע מאַכט האָט איבערגענומען אַן חרפה, די שענדלעכע דרכים פון די צאַרישע פאַרשקלאַפער. געמאַכט גרויסע שטערונגן ביים איינאָרדענען פאַרזאַמלונגען און קאָנצערטן, נישט דערלויבט, רעדן אָדער זינגען יידיש.

די טשענסטאָכאָווער אָרגאַניזאַציע האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו באַקעמפן די שטערונגן.

אָבער אין יאָר 1922 האָט זיך, ליידער, אָנגעהויבן די ירידה פון די ״פאַראייניקטע״ אין טשענסטאָכאָוו, צוליב פאַרשידענע סיבות.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע עמיגראַציע, וואָס האָט ביי איר צוגענומען די אַקטיווסטע כוחות. דער עקאָנאָמישער קריזיס, האָט אין דער ערשטער ריי געטראָפן די אַרבעטנדיקע מאַסן, דאָס האָט אויך גורם געווען צו שפּאַלטונגען — בעיקר אין צענטר — אין וואַרשע, אַ טייל פון די אָנפירער זענען אַריבער צו אַנדערע פאַרטייען — צום ״בונד״ און צו די קאָמוניסטן, אַ סך פון די לעצטע האָבן זיך געלאָזט קיין רוסלאַנד און זענען דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן, אַלס פּוילישע שפּיאָנען...

סוף זומער 1922 איז אין טשענסטאָכאָוו אין זאַל ״נייע וועלט״ (פריערדיקע אַרבעטער־קוך) פאַרגעקומען די פאַראייניגונגס־קאָנפערענץ מיט באַלעסלאָוו דראַבנער׳ס גרופּע (געוועזענע ״פּ.פּ.ס.״ אונטערן נאָמען ״אומאָפּהענגיקע־סאָציאַליסטישע פאַרטיי״). די יידישע אַרבעטער אין דער דאָזיקער פאַרטיי האָבן זיך קאָנסטיטואירט אין אַ באַזונדערע סעקציע. די פאַרטיי אַלס גאַנצע, האָט אנערקענט די נויטיקייט פון קאָנצענטרירטער עמיגראַציע, אינדוסטריאַליזאַציע און אַגראַריזאַציע פון יידישע אַרבעטער.

מיט אַ צייט פריער האָבן אייניקע אָנפירנדיקע חברים געוואָלט די פאַרטיי זאָל זיך פאַראייניקן מיטן ״בונד״, בתנאי, אַז דער ״בונד״ זאָל אָננעמען דעם עמיגראַציע פּראָגראַם פון די ״פאַראייניקטע״. פאַרשטייט זיך, אַז די פירער פון ״בונד״ האָבן דערצו נישט מסכים געווען.

אין יאָר 1923, ווען כ׳בין דאָס ערשטע מאָל געפאָרן קיין אַמעריקא, האָב איך דאָרט געזאָרגט אַז דער ״טשענסטאָכאָווער רעליף״ זאָל פאַרזיכערן די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון אונדזערע שולן.

דודעק שלעזינגער האָט איבערגענומען די פירונג פון דער אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען זער פּאָפּולער, סיי ביי די פּוילישע און סיי ביי די יידישע אַרבעטער. אים האָבן געהאָלפן די אַקטיווע חברים.

יהושע נירנבערג, וואָלף פייגע, אברהם בראַט, לייבוש בערקאָוויטש, און מאַטעק פּליוואַטש.

סוף זומער 1925 בין איך צו׳ריקגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו און דאָרט פאַרבליבן 2 יאָר.

די טשענסטאָכאָווער אָרגאַניזאַציע ״אומאָפּהענגיקע״ האָט נאָך אַ ריי יאָרן געפירט אַ לעבעדיקע אינטענסיווע טעטיקייט צווישן פּוילישע און יידישע אַרבעטער. אין זאַל ״נייע וועלט״ זענען איינגעאָרדנט געוואָרן מאַסן־פאַרזאַמלונגען און פאַרלעזונגען אויף יידיש און פּויליש.

אונטער דער ״לעגאַלער״ שוץ פון דער פאַרטיי האָבן זיך אין איר אַריינגעכאַפּט אַ סך קאָמוניסטן. די געהיים־פּאָליציי האָט עס, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, באַלד ״דערשמעקט״ און אָנגעהויבן מיט רעפּרעסיעס. עס זענען פאָרגעקומען אָפטע רעוויזיעס און קאָנפיסקאַציעס, נישט נאָר אין די לאָקאַלן נאָר אויך אין די פּריוואַטע וווינונגען. אַפילו פּריוואַטע בריוו זענען פאַרכאַפּט און קאָנטראָלירט געוואָרן.

ד״ר יוסף קרוק, וועלכער, פלעגט אפט קומען קיין טשענסטאָכאָוו און דאָרט רעפערירן איז אַרעסטירט געוואָרן און איז אפגעזעסן אַ צייט אין די פּיאָטרקאָווער און טשענסטאָכאָווער טורמעס.

אויך איך האָב פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון טורמע אין באַפרייטן פּוילן.

נאָך מיין צוריק קומען פון אַמעריקא האָב איך אפגעדרוקט אַנ׳אַרטיקל אונטער דעם נאָמען ״דער שטילער מאָרד״, וועלכעס כ׳האָב געשריבן אונטערן איינדרוק פונעם שליסן, דורך דער פּוילישער רעגירונג, די שולן פון דער בונדישער געזעלשאַפט ״אונדזערע קינדער״.

די רעאַקציע אין פּוילן איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג.

פאַרן אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די פּוילישע רעגירונג ליקווידירט די פאַרטיי און ד״ר יוסף קרוק איז פאַרשיקט געוואָרן אין דעם טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער ״קאַרטוז־בערעזא״ פון וואַנעט מען האָט אים — נאָך גרויסע באַמיונגען, איבערהויפּט, פון זיינע אויסלענדישע פריינט — אַרויסגעקריגן קוים אַ לעבעדיקן.

ווען ד״ר קרוק איז אַריינגעטרעטן אין ״קאָמיטעט פאַרן אַרבעטנדן פּאַלעסטינא״ איז אהין אויך אַריבער, דער אַלטער ״ס.ס.״ אוויעץ — וואָס האָט מיטגעמאַכט אַלע גלגולים פון אונדזער פאַרטיי — יעקב יצחק זשאַרנאַוויעצקי, איינער

פון די ערשטע מארטירער וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים.

(זיין טויט, ווי דער טויט פון הונדערטער ווי ער און די טויזנטער מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען דורך די בלוט־דורשטיקע מערדער און זייערע מיטהעלפער אומגעבראַכט געוואָרן אין טשענסטאָכאָוו גופא און אין די קרעמאַטאָריעס פון די טויט־לאַגערן, די אויסראָטונג און פאַרוויסטונג פון דעם יידישן טשענסטאָכאָוו, וואָס דורות־יידן, האָבן געבויט און געשאַפן, זאָל די רוצחים קיינמאָל נישט געשענקט ווערן און קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן!)

אברהם גאָטליב

די יידישע ארבעטער־פּארטיי "בונד" *

די דאָזיקע פּאַרטיי — וועלכע איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין די לעצטע יאָרן פון 19־טן יאָר־הונדערט — האָט איר אַרבעט אין פוילן — דאַרונטער אויך אין טשענסטאָכאָוו — אָנגעהויבן אין ערשטע צענדלינק פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט — קורץ פאַר די רעוואָלוציע־יאָרן 1905—1904.

דער "בונד" איז געקומען אין באַרירונג מיט טשענסטאָכאָוו שוין אין יאָר 1902 — נאָכן פּאָגראָם, וואָס איז דעמאָלט פאַרגעקומען אין אונדזער שטאָט.

די דאָזיקע פּאַרטיי האָט צו אונדז דעלעגירט איינעם פון אירע טיכטיקסטע טוער, מאַקס ליבער, וועלכער איז שפּעטער — אין יאָר 1917 — באַרימט געוואָרן אַלס איינער פון די אָנפירנדיקע פערזענליכקייטן פון "בונד", דורך זיין אַקטיוון אנטייל ביים אָרגאַניזירן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

מאַקס ליבער האָט בפרטות אויסגעפאָרשט די סיבות פון פּאָגראָם און זיינע טרויריקע רעזולטאַטן און האָם פאַרעפנטליכט אַ גענויע שילדערונג אין דעם אויסלענדישן אומלעגאַלן אָרגאַן פון "בונד", "פּאסלעדניא נאוואסטי" (לעצטע נייעס, נומער 92, פון 30 אָקטאָבער 1902).

די צאַרישע רעגירונג, וועלכע האָט זיך באַמיט צו באַהאַלטן פון דער ברייטער עפענטליכקייט דעם אמת וועגן טשענסטאָכאָווער פּאָגראָם. איבערהויפּט פאַר א ו י ס ל אַ נ ד, איז געוואָרן זייער אויפגעבראַכט צוליב דער גרויסער "חוצפּה" פון "בונד".

אָבער אין די קרייזן פון די טשענסטאָכאָווער יידישע אַרבעטער איז צוליב דעם דוקא געוואָקסן די סימפּאַטיע צו דער פּאַרטיי.

אין יענער צייט איז די לאַגע פון די יידישע אַרבעטער געווען אַ שרעקליכע. אַלע גרויסע פאַבריקן — אַפילו פון די יידישע פאַבריקאַנטן — זענען פאַר זיי געווען פאַרשלאָסן. זיי האָבן געמוזט אַרבעטן אַליין, אַלס זעלבסטשטענדיקע בעלי־מלאָכות, אָדער, אַלס "געזעלן" **ביי די** קליינע יידישע אונטערנעמער, וועלכע, האָבן זייערע קליינע און אָרעמע ווארשטאטן געפירט, פשוט, אין זייערע ענגע דירות, באַשעפטיקט זייערע אַרבעטער 12—10 שעה אַ טאָג און דאָס — ביי אַ זער נידעריקן אַרבעטס־לוין. עס איז דאַריבער נישט קיין ווונדער וואָס די אַגיטאַציע וועגן איינפירן אַ־8 שעה־דיקן אַרבעטס־טאָג האָט געהאַט גרויס דערפאלג ביי די אַרבעטער.

דער "בונד" האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם אָרגאַניזירן אַ דרייטאָגיקן פּאָליטישן שטרייק, וועלכער איז אַ דורך מיט דערפאָלג. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן חלק אינעם דורכפירן די גראַנדיעזע לויה פון די 7 יידישע קרבנות (5 אַרבעטערינס און 2 אַרבעטער) וועלכע זענען טראַגיש אומגעקומען בעת דער גרויסער שריפה אין סעווערין לאנדוי׳ס "צעלאָלויד"־פאַבריק.

דער "בונד" האָט דענסטמאָל פאַר׳עפענטליכט אַ אומלעגאַלן אויפרוף אין וועלכן, ער האָט אויפגעפאָדערט די

---

* דאָס מאַטעריאַל צו דעם אַרטיקל שטאַמט פון בוך "טשענסטאָכאָווער יידן", וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק און איז **באַרבעט** געוואָרן פאַר אונדזער בוך, דורך א ב ר ה ם ג אָ ט ל י ב.
ר ע ד א ק צ י ע

אַרבעטער צו שטרייקן אינעם טאָג פון דער לוויה און זיך אין איר מאַסנהאַפט באַטייליקן.

טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך טאַקי באַטייליקט אין דער לוויה, וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה. אַלע רעדנער האָבן אין זייערע הספדים אַנגעוויזן, ווי ווייט דער אַרבעטער־קלאַס איז נישט געהעריק באַשיצט פון אַ זעלכע אומגליקן צוליב דעם, וואָס די פאַבריקאַנטן זאָרגן נישט, אַז אין יעדן אַרבעטס־פּלאַץ זאָלן איינגעאָרדנט ווערן די נויטיקע באַשיצונגס־מיטלען.

דער טשענסטאָכאָווער קאָמיטעט האָט זיך אויך איינגעשלאָסן אין פּוילישן ראַיאָן קאָמיטעט פון ״בונד״, כדי מיט בשותפות׳דיקע כוחות שטייען אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן.

אין יענער צייט האָט זיך פאַרשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע העצע און עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די פינסטערע עלעמענטן אָרגאַניזירן אַ פּאָגראָם אויף יידן.

דער ״בונד״, וואָס האָט נאָך גוט געדענקט דעם ביטערן טעם פון פּאָגראָם אין יאָר 1902, האָט באַשלאָסן — צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען — אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־שוץ, וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען: ״באָיאָוואָי אָטריאַד״ (קאַמף־גרופּן), דער צ.ק. פון ״בונד״ האָט דעלעגירט קיין טשענסטאָכאָוו דעם חבר דוד קאַץ, וועלכער האָט אָרגאַניזירט און באַוואָפנט דעם זעלבסט־שוץ.

ליידער, האָבן די אָרגאַניזירטע גרופּן פון זעלבס־שוץ געמוזט דערפילן נאָך אַנ׳אויפגאַבע — באַשיצן די אָרעמע הענדלער פון יידישע כוליגאַנעס, פון די אַזוי גערופענע ״ווילדע יונגען״, וועלכע פלעגן באַפאַלן די קרעמערס אין מאַרק און פאָדערן פון זיי געלט אָדער פּראָדוקטן פון זייערע אָרעמע ״סטראַגאַנעס״ און דערביי שלאָגן מכות־רצח, די, וואָס האָבן זיך אַנטזאָגט זיי צו צאָלן דעם ״לעבנס־שטייער״. זיי פלעגן אויך — לויט דער אָנווייזונג פון דער פּאָליציי — באַפאַלן און שלאָגן די סאָציאַליסטישע טוער. די באַוואָפנטע יידישער אַרבעטער האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער דאָזיקער אַנאַרכיע און דורך אַ גוט־אָרגאַניזירטן איבערפאַל ליקווידירט די דאָזיקע פאַרברעכער און די יידישע הענדלער האָבן פריי אָפּ׳געעטעמט...

דעם 8 אָקטאָבער 1905 איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון בונדיסטן אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט איבער 200 חברים און חברות צוליב דער 8 יעריקער עקזיסטענץ פון ״בונד״. דאָרט איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט אויסגעדרוקט צופרידענקייט פון דעם דערפאָלגרייכן קאַמף און טעטיקייט פון ״בונד״.

סוף 1905 זענען אין דעם קאָמיטעט פון ״בונד״ אין טשענסטאָכאָוו געווען די חברים און חברות: אברהם ליפּניק, אַלעקסאַנדער גאָלדע, אוריאל פליישער, אסתר אַלטער, העניא גאַרעליק און די חברה ״אַניוטע״.

גלייכצייטיק האָט די פאַרזאַמלונג אויסגעדרוקט אַ דאַנק דער 6־טער קאָנפערענץ פון ״בונד״ פאַר זיין באַשלוס צו גרינדן אַ פּוילישן ראַיאָן־קאָמיטעט און אויפגעפאָדערט דעם דאָזיקן באַשלוס וואָס שנעלער דורכצופירן אין לעבן.

די בונדישע פּאַרטיי האָט פון צייט צו צייט אויך איינגעאָרדנט פאַרשידענע פּאַרטיי פאַרזאַמלונגען.

פון אַ באַזונדער וויכטיקער באַדייטונג איז געווען די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, זומער 1906, ווען אין אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן זיך צוריק פאַראייניקן מיט דער רוסלענדישער ס.ד. אַרבעטער פּאַרטיי.

עס האָבן זיך קריסטאַליזירט צוויי מיינונגען מסכים זיין דערצו אָדער נישט.

די טשענסטאָכאָווער אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן — נישט נאָכגעבן!

די אָרגאַניזאַציע איז אויך געווען פאַרטרעטן אין דער וואַל־קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָט געוויילט דעלעגאַטן צום 5־טן צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו האָט אויך עקזיסטירט אַ ״קליינער־בונד״, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין תמימות׳דיקער און מסירות־נפש־דיקער אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי.

צווישן אַנדערע זענען אין אים געווען אַקטיוו דער שפּעטער באַוווסטער אַדוואָקאַט סטאַניסלאַוו נויפעלד און שלאַמעק בירנבוים, דער זון פון באַרימטן חזן ר׳ אברהם בער.

דער ״בונד״ האָט אין טשענסטאָכאָוו זיך נישט מצטמצם געווען בלויז אין פּאָליטישע אויפקלערונגס־אַרבעט נאָר אויך געפירט אַנ׳ענערגישן קאַמף פאַרן פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטס־מענטשן, ער האָט אָרגאַניזירט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די פאַרשידענע בראַנזשעס צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַרטייען און געזאָרגט אַז ער זאָל זיין פאַרטרעטן אין די פאַרוואַלטונגען פון די פאַראיינען ער האָט אויך געפירט אַפּערמאַנענטע אויפקלערונגס־אַרבעט קעגן עקאָנאָמישן טעראָר און דראָאונגען מצד בעלי־בתים,

ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָר אַזוי־ערנאָך, **קאָן מען** דערגרייכן צו געוווּנטשענע און דויערהאַפטיקע דערפאָלגן.

די צאַרישע מאַכט האָט דאָס אַלץ — פאַרשטייט זיך — נישט געשמעקט און זי האָט מאָביליזירט אירע פינסטערע כוחות בכדי צו דערשטיקן **דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט. זי** האָט אָנגעהויבן מיט רעפּרעסיעס און ארעסטן און איבער־פולט די טורמעס, מיט די בעסטע און אַקטיווסטע אַרבע־טער־טוער פון אַלע ריכטונגען.

די ברייטע מאַסן האָט באַהערשט אַנ׳אַפּאַטיע, אַ גרויסער טייל האָט געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד.

טשענסטאָכאָוו — וואָס איז געווען נאָענט צו דער דייט־שער גרענעץ — איז געוואָרן דער אַנטלויף פּונקט פאַר פּאָ־ליטישע עמיגראַנטן, וועלכע, האָבן געמוזט אַריבער די גרענעץ אויף פאַלשע דאָקומענטן, אָדער זיך ״שוואַרצן״, מיט דער הילף פון די אַזוי גערופענע ״פּולפּאסקעס״. עס זענען קיין טשענסטאָכאָוו כסדר געקומען אַ זעלבע עמיג־ראַנטן, אָן געלט מיטלען, וועלכע האָבן זיך געריסן וואָס שנעלער אַריבערכאַפּן די גרענעץ.

די אָרגאַניזאַציע האָט נישט געהאַט קיין געלט־מיטלען כדי זיי צו העלפן, זי האָט פּראָקלאַמירט אַ זאַמל־אַקציע צווישן אירע חברים צו דעם צוועק.

ווי ווייט דער פינאַנציעלער מצב איז געווען שלעכט איז גענוג צו דערמאָנען, אַז די ״געלט־אַקציע״ האָט אַריינ־געבראַכט נישט מער ווי 28 רובל און 50 קאָפּיקעס! די אַרבעטער מאַסן האָבן געוואָלט העלפן, אָבער פּשוט נישט געהאַט... דער ״בונד״ האָט, ווייניגס־טענס, געזאָרגט דערפאַר אַז די עמיגראַנטן זאָלן נישט אַריינ־פאַלן אין די הענט פון ״שוואַרצערס־אַפּעריסטן״...

דער ״בונד״ איז פון דעסטוועגן נישט מיטגעריסן גע־וואָרן מיט דער אַלגעמיינער אַפּאַטיע און בעת די וואַלן צו דער ערשטער רוסישער פאַרלאַמענטאַרישער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג (די אַזויגערופענע — ״גאָסודאַרסטווענאיאַ־דומאַ״ (מלוכה־דומע) האָט ער פּראָקלאַמירט וועגן שאַפן אַ וואַל־פאָנד און אַלע זיינע אָרגאַניזירטע חברים האָבן זיך באַשטייערט מיט אַ טעגליכן אַרבעטס־לוין און אויך זיך רעגיסטרירט אין די וואַל־רשימות.

צום ערשטן מאַי 1907 האָט דער ״בונד״, גלייך מיט אַלע אַנדערע פּוילישע און יידישע פּאַרטייען, אַרויסגעלאָזט אַנ׳־אויפרוף לכבוד דעם אונטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב.

אין די יאָרן 1915—1908, ווען די רעאַקציע האָט אַזוי געבושעוועט און דער באַוווּסטזיניקער אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן באַהערשט מיט אַפּאַטיע, האָבן דאָך עקזיסטירט ״קעמערלעך״ פון איבערגעגעבענע פּאַרטיי־חברים, וועלכע האָבן זיך באַמיט שטאַרקן די אמונה און שטרעבונגען פון די יידישע־אַרבעטער.

✶

טשענסטאָכאָוו איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה באַלד אָקופּירט געוואָרן דורך דער דייטשער אַרמיי.

הגם דאָס דייטשע מיליטער איז אין אָנהויב פון דער מלחמה געווען גענוג ברוטאַל לגבי דער ציווילער באַפעל־קערונג, איז עס דאָך געווען אַסך בעסער און פיינער פון די רוסישע סאַטראַפּן...

אַ ביסל שפּעטער האָבן די דייטשע אָקופּאַנטן דערלויבט געזעלשאַפטליכע אַרבעט. אויך אין אונדזערע רייען האָט זיך באַוויזן אַנ׳אויפלעבונג, די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן אויפסנייַ זיך אָרגאַניזירן, זי האָט איינגעאָרדנט פאַרלעזונגען, וועלכע, זענען וואָס אַ מאָל, מער באַזוכט גע־וואָרן. אויך די וואָכנשריפט ״לעבענס־פראַגן״ — וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן דורך וולאַדימיר מעדעם — איז ביי אונדז פיל פאַרשפּרייט געוואָרן.

סוף יאָר 1916 האָבן די בונדיסטן געגרינדעט זייער אַר־בעטער־קלוב אויפן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם פירער סטאַניסלאַוו גראָסער — דער קלוב איז געוואָרן אַ היים פאַר בונדיסטן און זייערע סימפּאַטיקער און אַ צענטער פון קולטו־רעלע טעטיקייט.

אין יאָר 1917 האָט דער קלוב באַקומען אַ גרעסערע געלט־שטיצע פון זיינע אויסלענדישע חברים, וועלכע האָט מעגליך געמאַכט דער פּאַרטיי צו פאַרשטאַרקן איר אַרבעט אויף פאַרשידענע געביטן.

אין יענער צייט זענען אין קאָמיטעט געווען: יעקב ראָ־זענבערג — פּאַרזיצער, יוסף אַראָנאָוויטש — סעקרעטאַר, הערשל פריימאַן, אברהם ראַטבאַרט און נאָך עטליכע חברים, קאָמיטעטס־מיטגלידער. צווישן די אַקטיווסטע טוער איז געווען דער חבר שטרויס.

דאָס וויכטיקסטע אָרט אין דער פּאַרטיי האָט פאַרנומען יוסף אַראָנאָוויטש, וועלכער איז אויך געווען אַ טאַלאַנט־פולער רעדנער און מיט זיינע אַפּטע פאַרלעזונגען, האָט ער געהאָלפן ברעכן די השפּעה פון געוויסע אַסימילאַטאָרישע קרייזן אויפן געזעלשאַפטליכן לעבן אין שטאָט.

זעלבסטפאַרשטענדליך האָבן די 4 יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויפן יידישן פאָלקס־לעבן בכלל און פון די אַרבעטער־מאַסן בפרט.

דער איבערגאַנג פון דער שליטה פון די צאַרישע סאַטראַפּן צו אַ זעלבסטשטענדיקער אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה האָט געשאַפן אַ נייע תקופה, וואָס איז געווען די אינטענסיווסטע און פאַרבנרייכסטע אויך אין דער געשיכטע פון יידישן ישוב אין טשענסטאָכאָוו.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אויך אינעם געזעלשאַפטליכן לעבן פון די יידישע אַרבעטער פּאַרטייען.

אַ גאָר וויכטיקע באַדייטונג האָט געהאַט דער געשאַפענער אַרבעטער־ראַט אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט אַלע אַרבעטער ריכטונגען, פּוילישע און יידישע.

עס זענען דאָרט געווען פאַרטרעטן: די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.), קאָמוניסטישע פּאַרטיי, נאַראָדאווי זוויאַנזעק ראָבאָטניטשי (נ.ז.ר.), קריסטליכע דעמאָקראַטן (כ.ד.) און די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען: "בונד", פאַראייניקטע (ס.ס.) און "פּועלי־ציון".

די בונדישע פאַרשטייערשאַפט איז געווען: יוסף אַראָנאָוויטש, זלמן טענענבערג, מאַקס ברום און אברהם ראָזנבלאַט.

יוסף אַראָנאָוויטש האָט געהאַלטן אין אַרבעטער־ראַט אַן׳איינדרוקספולע רעדע קעגן דעם אַנטיסעמיטישן פאַרשלאַג פון די "כאַדעקעס", אַז יידן זאָלן נישט טאָרן געהערן צום אַרבעטער־ראַט און דער חוצפה׳דיקער פאַרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

ליידער האָבן סיי דער אַרבעטער־ראַט און סיי זיין מיליץ עקזיסטירט נאָר אַ קורצע צייט.

די טשענסטאָכאָווער באַפעלקערונג איז נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער זעלבסטשטענדיקער מלוכה, ווידער געשטעלט געוואָרן פאַר דער אויפגאַבע פון דערפילן איר בירגערליכן חוב — עס זענען באַשטימט געוואָרן די וואַלן צום ערשטן שטאָט־ראַט און הגם די וואַל־אָרדינאַנציע איז נאָך "צוגעשניטן" געוואָרן דורך די דייטשע אָקופּאַנטן און די רעכט פון דעם אַרבעטער־קלאַס בכלל איז געווען שטאַרק באַגרענעצט, האָבן דאָך די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען זיך אָרגאַניזירט צום וואַל־קאַמף און צום ע ר ש ט ן טשענסטאָכאָווער שטאָט־ראַט, האָט דער "בונד" דורכגעפירט אַלס זיין ראַטמאַן דעם חבר יוסף אַראָנאָוויטש.

ראַטמאַן יוסף אַראָנאָוויטש האָט אין זיינע פּרינציפּעלע דעקלאַראַציעס און רעדעס דערקלערט די שטעלונג פון "בונד" צו אַ ריי פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן פון דער שטאָט און לאַנד, ווי אויך קעגן דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה.


רפאל פעדערמאַן — דער ראַטמאַן פון די "פאַראייניקטע" אין שטאָט־ראַט, האָט אריינגעטראָגן אַ פאַרשלאַג, אַז דער שטאָט־ראַט זאָל פאָדערן די באַלדיקע באַפרייאונג פון ראַטמאַן יוסף אַראָנאָוויטש, כדי ער זאָל קאָנען דערפילן זיין פליכט לגבי זיינע וויילער, די פּ.פּ.ס.־ראַטמענער האָבן אויך געשטיצט דעם פאַרשלאַג וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן און אַראָנאָוויטש איז באַפרייט געוואָרן.

לויט דער פאָדערונג פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע (צ.י.ש.אָ.) אין פּוילן צו פאַראייניקן אַלע יידישע־וועלטליכע שולן, וואָס יעדער פּאַרטיי האָט געבויט פאַר זיך, איז אין יוני 1922 געשאַפן געוואָרן אויך אין טשענסטאָכאָוו אַ געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע פון אַלע דריי ריכטונגען: "פאַראייניקטע", "בונד" און לינקע "פּועלי־ציון".

ווען די "פאַראייניקטע" האָבן זיך אין יאָר 1922 פאַראייניקט מיט אַ קליינער אָפּגעשפּאָלטענער גרופּע פון די פּ.פּ.ס., וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך ד״ר באַלעסלאַוו דראַבנער און צוזאַמען מיט אים געגרינדעט די "אומאָפּהענגיק־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי" איז רפאל פעדערמאַן צוזאַמען מיט אַ גרעסערע גרופּע חברים אַריבער צום "בונד" און דאָס האָט משפּיע געווען צום פאַרברייטערן די השפּעה פון "בונד" אין טשענסטאָכאָוו.

אין פעברואַר 1923 האָט דער "בונד" אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַן׳אייגן וואָכנבלאַט "אַרבעטער וואָרט".

אין יאָר 1925 האָט די בונדישע פראַקציע אין שטאָט־ראַט



פאַרוואַלטונג פון "בונד" אין יאָר 1929

זיצן (פון רעכטס צו לינקס): פרוי פון ז. צינציגאטוס, ר. פעדערמאַן, ח. האלבערג־צינצינאַטוס, מ. לעדערמאַן און פרוי לעדערמאַן

שטייען (ווי הויבן): משה טוכמייער, ז. צינצינאטוס, ב. צינצינאטוס, ל. קאמינסקי, א. ראָזענבלאַט און זילבערבערג

אונטן: דאָס בילד פון ב מיכאלעוויטש; רעכט׳ס דערפון — שמשון יאַקובאָוויטש, לינקס — יצחק סטאָפּניצער

אַרויסגעשטעלט אַ פאָדערונג, אז די שטאָט־פאַרוואַלטונג זאָל סובסידירן די יידישע־וועלטליכע שולן. דער שטאָט־ראט האָט אין אָנהויב מסכים געווען צו אסיגנירן אַ סימבאָלישע שטיצע פון 1500 זלאָטעס, אָבער אין יאָר 1926 איז אויפן פאַרשלאָג פון בונדישן ראטמאן, רפאל פעדערמאַן, די סובסידיע געהעכערט געוואָרן ביז 4000 זלאָטעס.

דאָס פאַראייניקונג פון די דריי אַרבעטער־פאַרטייען אַרום די יידישע וועלטליכע שולן, איז געווען ווי אַ דארן אין די אויגן פון דער פוילישער מאַכט, וועלכע האָט געוואָלט אפשוואַכן די פאַראייניקטע כוחות. זי האָט געמוזט וואַרטן, אזש גאַנצע 12 יאָר ביז זי האָט אין יאָר 1936 פונאנדער־געלאָזט די טשענסטאָכאָווער אפטיילונג פון דער יידישער שול אָרגאַניזאַציע אין וועלכער די אויבנדערמאָנטע פאַר־טייען זענען געווען פאַרטרעטן און געמיינזאם געאַרבעט.

לויט דער איניציאַטיווע פון "בונד" איז אין יאָר 1938 צוריק געעפנט געוואָרן אַן׳אפטיילונג פון צ.י.ש.א. עס איז געווילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג לויט פאָלגענדיקן צוזאַמענשטעל:

א. פרץ, מ. בעקענשטאט, ו. יאַראַנאָווסקי, וו. פייגע, ש. יאַקובאָוויטש, א. בראט, ג. פרענטקי, י. קויפמאַן, און י. שימאַנאָוויטש, אַלע דריי יידישע אַרבעטער־פאַרטייען זענען געווען פארטרעטן.

אָנהויב 1939 האָט די נייע אָפטיילונג פון צ. י. ש. א. געעפנט אַ נאָכמיטאָג־שול פאַר קינדער פון די פוילישע מלוכה׳שע "פאוושעכנע" פאָלקס־שולן. מ׳האָט אין דער נאָכמיטאַג־שול געלערנט יידיש און די יידישע געשיכטע.

(עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער בלוט־דורשטיקער אַשמדאַי, היטלער ימח שמו וזכרו, האָט זיך געוואָרפן אויפן פוילישן יידנטום, חרוב געמאַכט אַלע זיינע גייסטיקע און מאַטעריעלע אוצרות.

דער גרעסטער טייל פון די פירער פון "בונד" און זיינע ברייטע מאַסן פון אַרבעטס־מענטשן און אידעאַליסטן זענען אומגעקומען אין דער שרעקליכן בלוט־מבול. נאָר יחידים זענען געבליבן לעבן און זענען צוזייט און צושפרייט איבער אַלע שבעה ימים איבער דער גארער וועלט, עטליכע פון זיי האָבן זוכה געווען צו קומען אויך קיין ישראל.)



די פאַרוואַלטונג פון פראָפעסיאָנעלען פאַראיין פון האָלץ אַרבעטער און אָנגעשטעלטע
אויפן בילד (לויט א״ב): א. בלום, א. בערקאָוויטש, מ. בראון, יאַקוב, א. פרייטאָג, ז. צינצ׳ינאטוס און ה. שקלארזש

אַדאַם שטיינבערכער

ייִדן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג

די קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויך אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו. עס האָבן דאָרט געקעמפט האַנט ביי האַנט, דער ייִדישער אינטעליגענט יערזשי פרידע צוזאַמען מיט דעם ייִדישן לעדער־אַרבעטער משה קאַנעמאַן.

קאַנעמאַן איז איין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ער איז געווען פאָרזיצער פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די לעדער־אַרבעטער, אויפן נייעם מאַרק נומער 2. ער איז געשטאָרבן נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, אין טשענסטאָכאָוו פון אַ טובערקולאָז־קראַנקהייט.

אין די רייען פון ס.ד.ק.פּ.ל. דער שטאַם־בוים פון קאָמוניזם, האָבן זיך געטראָפן ד״ר פרענקענבערג (צו יענער צייט נאָך אַ סטודענט), צוזאַמען מיט דעם ייִדישן שוסטער־אַרבעטער יעקב וואשילעוויטש, (וואשילעוויטש איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען טעטיק אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַנטי־נאַצישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו, אויך זיין אַ טאָכטער, האָט אַנטייל גענומען אין אַנטי־נאַצישן קאַמף און איז געפאַלן אויף איר פּאָסטן.)

אין דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט קאָן, (פון דער סטראַדאָמסקאַגאַס), וועלכער האָט שפּעטער פאַרנומען אַ צענטראַלן אָרט אין פּאָליטישן לעבן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, זיין ווייטערער גורל איז נישט באַקאַנט.

אין דער דערמאָנטער ״ס.ד.ק.פּ.ל.״ האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט מאַקס אַפּאַטאָווסקי. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, שוין אין דעם אומאָפּהענגיקן באַפרייטן פּוילן — איז מאַקס אַפּאַטאָווסקי געזעסן אין פאַרשידענע תפיסות פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, ער איז געווען סעקרעטאַר פון פראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון שניידער־אַרבעטער. (אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע, איז מאַקס אַפּאַטאָווסקי געווען צווישן די ע ר ש ט ע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אַנטי־נאַצישער אונטער־גרונט באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו. ער איז אומגעקומען אין טרעבלינקע.)

אין די זעלבע רייען האָט זיך געפינען אויך גוסטאַב זאַרסקי (ביז די צוואַנציקער יאָרן געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און שפּעטער איז ער אַריינגעטרעטן אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ״פּ.פּ.ס.״). אַ באַקאַנטע פּאָליטישע טוערין — פון פאַך אַן אַדוואָקאַט — מאַריאַ פּראַוווער — די פרוי פון דעם דערמאָנטן זאַרסקי איז געווען אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. (אויך אַדוואָקאַט קאַניאַרסקי, שלמה פרענקענבערג, האָבן געהערט צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אַנטי־נאַצישער קאַמפּס אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו, צוזאַמען מיט יצחק זשאַנשיסקי) זיינע ערשטע פּאָליטישע שריט אין די רייען פון דער ״ס.ד.ק.פּ.ל.״ האָט אויך געמאַכט דער באַקאַנטער, — נישט נאָר אין טשענסטאָכאָוו — דוד ריכטער, אַ זון פון אַן אָרעמער משפחה (געוווינט אויף דער וואַרשעווער גאַס — אין ״רויטן הויז״). דעם דאָזיקן נאָמען האָט דאָס הויז באַקומען צוליב דעם וואָס כמעט אַלע זיינע איינוווינער זענען געווען קאָמוניסטן: ווי טאַביאַש, יאַכימאָוויטש, שמולעוויטש א. א.) דאָס הויז איז געהערט צום מצבה־קריצער, פראַנק.

דוד ריכטער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ צענטראַלער פּאָזיציע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין דער תקופה ווען עס האָט עקזיסטירט דאָס ״ביוראָ פאַר ייִדישע ענינים ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי״, האָט דוד ריכטער געהערט צו דער דאָזיקער ביוראָ. לאַנגע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין פאַרשידענע פּוילישע תפיסות, ער איז אָפט געווען אין סאָוויעט־רוסלאַנד מיט אָפיציעלע

מיסיעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן. ריכטער איז אויך געווען אַ באַגאַבטער זשורנאַליסט און ער האָט געשריבן אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָנימס אין אַלע אויסגאַבן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

סטאַביל האָט ער זיך געפונען אין וואַרשע אָבער זיין פרוי, די „שוואַרצע פייגל", מיט זייערע צוויי קינדער (אַ זון מיט אַ טאָכטער) האָבן געוווינט, ביז דער לעצטער צייט אין טשענסטאָכאָוו.

(דער היטלעריסטישער איבערפאַל אויף פּוילן האָט געטראָפן דוד ריכטער אין וואַרשע פון וואַנען עס איז אים געלונגען אַריבערצוקומען קיין ביאַליסטאָק, וואָס איז שוין געווען באַזעצט דורך די סאָוויעטן. דאָרט איז דוד ריכטער צוגעטראָטן צו אַ שטאַרקע פּאָליטישע טעטיקייט און האָט אַרויסגעגעבן אַ צענטראַלע צייטונג. אין 1941, ווען היטלער איז באַפאַלן אויך סאָוויעט־רוסלאַנד, איז דוד ריכטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס, דוד ריכטערס זון, יערזשי איז געווען אַקטיוו אין דער אַנטי־נאַצישער קאַמפּס באַוועגונג און איז געפאַלן אין טשענסטאָכאָוו).

ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, האָט די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער באַפעלקערונג: זי האָט געפירט אַ שטאַרקע פּאָליטישע טעטיקייט און קאָנצענטרירט אין אירע רייען אַ גרויסע צאָל יידישע אַרבעטער. די גרעסטע אַקטיוויטעט פון די קאָמוניסטן איז אויסגעפאַלן אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען עס האָט עקזיסטירט דער צענטראַלער־פּונקט, — דער האַלב־לעגאַלער לאָקאַל אויף דעם נייעם מאַרק, נומער 2.

אין דעם דאָזיקן לאָקאַל האָבן זיך געפינען אַ גרויסע צאָל פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וועלכע זענען געווען אונטער דעם איינפלוס פון די קאָמוניסטן, דער דאָזיקער „האַלב־לעגאַלער" לאָקאַל האָט דערמעגלעכט אויך די קאָמוניסטן צו קאָנצענטרירן, א ו נ ט ע ר ן מ אַ נ ט ל פ ו ן פּ ר אָ פ ע ס י אָ נ ע ל ע פ אַ ר א י י נ ע ן, יידישע אַרבעטער פאַר פּאָליטישע צוועקן. אַ דאַנק די דאָזיקע פאַראיינען האָבן זיי אויך געהאַט די מעגלעכקייט ווייטער אויסצוהאַלטן פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן... איינער פון די שטאַרקסטע פּראָפעסיאָנאַלע פאַראיינען איז אין יענער צייט געווען דער פון די שניידער־אַרבעטער, דער אַזוי־גערופענער „נאָדל־פאַראיין", וועלכער האָט אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פון שניידער, ספּעציעל פאַר די פּריוואַט באַשטעלטע מענער און דאַמען־קליידער, ווי אויך די ביליקע קאָנפעקציע. דער סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין איז געווען זייער אָפּט, גלייכצייטיק, אויך דער פּאַרטיי־פונקציאָנאַר.


צווישן די סעקרעטאַרן האָבן זיך, צווישן אַנדערע, געפינען דער שוין דערמאָנטער מאַרק אַפּאַטאָווסקי, טאַביאַש, חיים דרעקסלער. (זיי האָבן אַלע געהערט צו די פּיאָנערן פון אָרגאַניזירן דעם אַנטי־נאַצישן קאַמף אין טשענסטאָכאָוו). עלעק לעווינשטיין (געזעסן לאַנגע יאָרן אין די תפיסות פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט), משה ריכטער (אַ יונגערער ברודער פון דוד ריכטער). ער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען פּאַרטיי־פונקציאָנאַר אויך אין וואַרשע. ער האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין מאָנטעווידעאָ (אורוגוויי) און דאָרט געהערט צו דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון איר הויפּט־אָרגאַן, ער איז דאָרט געשטאָרבן נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה.

פאָרזיצער פון נאָדל־פאַראיין איז געווען חיים יעקב פלאמענבוים. ער איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַלס ראַטמאַן אין טשענסטאָכאָווער שטאָט־ראָט, געווען אין די טורמעס דאָרט קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן אין טשענסטאָכאָוו.

דער צווייטער פאַראיין — לויט דער גרויסער צאָל מיטגלידער און זיין אַקטיוויטעט — איז געווען דער פאַראיין פון די „לעדער־אַרבעטער", וועלכע האָט אַרומגענומען אַלע קאַמאַשן־מאַכער, שוסטער און גאַרבעריי־אַרבעטער. פאָרזיצער פון לעדער־פאַראיין איז געווען משה קאַנעמאַן, וועגן וועלכן כ׳האָב שוין דערציילט.

די סעקרעטאַרן זענען געווען צווישן אַנדערע (אין פאַרשידענע צייטן), לעאָן טענענבערג, שמעון פּרענטקי (געזעסן אין תפיסה, אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, דאָרט אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן. נאָכדעם געוואָרן באַפרייט און אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט כדי צו שלאָגן די דייטשן. ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה און איז ווידער אַרעסטירט געוואָרן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, שפּעטער רעהאַביליטירט געוואָרן און צוריקגעקומען קיין פּוילן און לעבט איצט אין וואַרשע. אין 1963 האָט ער באַזוכט ישראל). ליפּמאַן בערלינער — געקומען צו דער פּאַרטיי גלייך פון דער ישיבה, ווו ער איז געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה, געוואָרן פאַרפאָלגט דורך דער פּאָליציי. (עמיגרירט קיין בעלגיע, ווו ער לעבט ביזן היינטיקן טאָג). פייטל וואַרשאַווסקי, בערעק יוריסטאַ, געשטאָרבן אין וואַרשע (נאָך דער מלחמה).

אין לאָקאַל פון נייעם מאַרק 2 האָט זיך אויך געפונען דער ״מאַלער־פאַראיין״, וועמענס פאַרזיצער איז געווען יעקב וויינרייך. אויך ער איז געקומען גלייך פון דער גמרא און ישיבה־באַנק. דאָס זעלבע איז געווען מיט דעם סעקרעטאַר פון מאַלער־פאַראיין. יאַש, וועלכער לעבט שוין זייט פיל יאָרן אין ישראל. אויך ער איז געקומען אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג גלייך פון דער ישיבה. צוזאַמען מיט זיי זענען נאָך געקומען: יידל קראקאווסקי, הענעק, (וויטאס), (וועלכער לעבט אין ישראל), פרידמאַן און פיל אַנדערע. (אויך יעקב וויינרייך האָט געהערט אין די מלחמה־יאָרן צו די ע ר ש ט ע גרופּע אָרגאַניזאַטאָרן פון אונטערגרונד־קאמפס־אָרגאַניזאַציע קעגן נאַציזם אין טשענסטאָכאָוו און ער איז אומגעקומען אין בוכענוואַלד).



אַ גרופּע קאָמוניסטישע טוער

זיצן (פון רעכטס צו לינקס): מאניא בזשאָסקאָ, יצחק גאָטליב און רחל פעפער

שטייען (ווי הויבן): אדאם שטיינברעכער, שמעון פרענטקי און פישל פעפער

אין דערמאָנטן לאָקאַל האָט זיך אויך געפונען דער ״מעטאַל־פאַראיין״. זיין פאַרזיצער איז געווען בערנאַרד בראקמאַן, סעקרעטאַרן: שמריהו יאכימאוויטש, (פסעוודאנים, סטאַק) און אדאם שטיינברעכער, יאכימאוויטש איז אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, צוליבן אויספירן אַן אטענטאַט אויף אַ פּראָוואָקאַטאָר. אין די דרייסיקער יאָרן, איז ער, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע קאָמוניסטן דאָרט אומגעקומען.

אין טשענסטאָכאָוו האָט יאכימאוויטש געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאר אין דער פאַך־שול אויף דער גארנצארסקא גאַס (אין דער שלאָסער־מעכאַנישער אָפּטיילונג) (אדאם שטיינברעכער, איז געווען צווישן די ערשטע פיאָנערן־גרופּע (צוזאַמען מיט די אויבן־דערמאָנטע), וואָס האָבן אָרגאַניזירט די אנטי־נאַציִשע ווידערשטאַנדס קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו. ער האָט אויך געהערט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אונטערגרונט־באַוועגונג קעגן נאַציזם אין בוכענוואַלד).

אין זעלבן לאָקאַל האָבן זיך אויך געפינען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון ״כעמיע־אַרבעטער״, ״האָלץ־אַרבעטער״, ״פריזירער־אַרבעטער״. די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך יידל קראקאווסקי, זיגמונט זילבערשטיין, פוקס, שמולעוויטש, שלמה גאלדבערג (אַ זון פון דעם באַקאַנטן טרעגער, מאיר ריז), ער האָט פאַרלאָזט פוילן און איז אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, נאָכן דערשיסן דעם קאָנפידענט, פסח הענעכאוויטש. ער איז דאָר אומגעקומען אין די דרייסיקער יאָרן.

די קאָמוניסטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך געפירט אַ שטאַרקן קאַמף אויף אויף דעם עקאָנאָמישן געביט: זיי האָבן געפאָדערט, אויסצובעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און האָבן דורכגעפירט שטרייקן אין די פאַבריקן און ווארשטאטן, אָבער די הויפּט טעטיקייט איז קאָנצענטרירט געוואָרן אויף דעם פּאָליטישן געביט; זיי האָבן אַנטייל גענומען אין אַלע צענטראַלע ווי אויך לאָקאַלע פּאָליטישע אַקציעס; איינגעאָרדנט מאַסן־מיטיגען, פונאַנדערגעטיילט אומלעגאַלע ליטעראַטור און צייטונגען, פאַרשפּרייט אומלעגאַלע אויפרופן איבער דער גאַנצער שטאָט, אויפגעהאָנגען קאָמוניסטישע טראַנספּאַראַנטן און אומלעגאַלע רויטע פענער אויף די עלעקטרישע דראָטן, פונאַנדערגעקלעפּט אויף אַלע ווענט אומלעגאַלע ליטעראַטור, איינגעאָרדנט געלעגנהייטליכע גאַסן־דעמאָנאַסטראַציעס; (דעם ערשטן מאַי און אין דעם יאָרטאָג פון דער קאָמוניסטישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד), אַנטי־מלחמה טאָג, אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־טאָג, אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט־טאָג, ווי אויך, אַרבעטסלאָזע־דעמאָנסטראַציעס, זיי האָבן אויך איינגעאָרדנט ״מאַסיוועקעס״ פאַר די אַרבעטער פון אַלע גרויסע פאַבריקן: ווי ״ווארטא״, טשענסטאכוויאנקא״, ״פעלצער״, ״סטראדאָם״ ״הוטא־ראַקווו״ און אַנדערע.

די קאָמוניסטן האָבן אויך געפירט אַ ברייטע קולטור־טעטיקייט, זיי האָבן אָרגאַניזירט אין זייער לאָקאַל אַ דראַמאַטישן קרייז, אונטער דער אָנפירונג פון אלחנן לעווינשטיין. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט לעווינשטיין געהערט צו דער ״ווילנער־טרופּע״ און נאָך דער מלחמה געווען אַ מיטגליד אין יידישן מלוכה־טעאַטער און אויפגעטרעטן

צוזאַמען מיט אידא קאַמינסקא. עס זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן קולטור־אָוונטן, פאַרלעזונגען, „לעבעדיקע־צייטונג" און פאַרשידענע קולטור־אימפּרעזעס.

אין יענער צייט האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דורכגעפירט אין טשענסטאָכאָווער שטאָט־ראַט אַריין, אַזש דריי ראַט־מענער, צווישן זיי דעם שניידער־אַרבעטער חיים יעקב פלאַמענבוים. פאַקטיש זענען די גרעסטע צאָל שטימען פאַר די קאָמוניסטן געווען יידישע. אַ גרויסער טייל פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, ווי אויך פון דער יידישער אינטעליגענץ און שטודירנדיקע יוגנט, האָבן געגלויבט אַז די קאָמוניסטן וועלן לעזן די בלוטיקע פראַגן פון די יידישע מאַסן.

נאָך דעם פאַרמאַכן דורך דער פּאָליציי דעם לאָקאַל אויפן נייען מאַרק נומער 2, האָט זיך עס שטאַרק געגעבן צו פילן אין טשענסטאָכאָוו, ספּעציעל פאַר די יידישע קאָמוניסטן; זייער טעטיקייט האָט זיך פאַרקלענערט, זיי האָבן איבערגעוואָרפן זייער טעטיקייט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון דער „פּ.פּ.ס.", „בונד", לינקע „פּועלי־ציון" און די „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן"; עס איז דאָרט פאַרשטאַרקט געוואָרן די טעטיקייט פון די „רויטע־פראַקציעס", „לינקע־ריכטונג", אַלס מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וועלכע האָבן זיך געפינען אין די דערמאָנטע לאָקאַלן. מען האָט אויך שטאַרק אויסגענוצט דעם לאָקאַל פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע (אויף דער צווייטער אלעע 20) ווו דער סעקרעטאַר איז געווען איזידאָר הערשליקאָוויטש — צו יענער צייט פּאַרטיי־פונקציאָנאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו.

איזידאָר הערשליקאָוויטש, איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערשאָסן געוואָרן אין וואַרשע דורך די קאָמוניסטן אַלס פּראָוואָקאַטאָר... די קאָמוניסטן האָבן דיספּאָנירט מיטן לאָקאַל אויף דער קרוטקא־גאַס, דאָס הויז האָט געהערט צו זילבערשאַצן. סעקרעטאַר פון דעם קלוב איז געווען אַדעק לאַנדוי, אונדזער אַ פּאַרטיי־פונקציאָנאָר (אומגעקומען אין סאָסנאָוויעץ דורך דער פּוילישער פּאָליטישער פּאָליציי וועלכע האָט אים בעת דער אויספאָרשונג פאַרפייניקט צום טויט). אין דעם זעלבן לאָקאַל זענען געווען אַקטיוו אַ גרופּע געוועזענע „השומר־הצעיר"ניקעס, וואָס זענען אַריינגעטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: יאָסעק דזיאַלאָווסקי און אַנדערע זיינע חברים. מער אינטעסיווער אין אויסגענוצט געוואָרן די ביבליאָטעק וואָס האָט זיך דאָרט געפינען, די „פּערמע־אַגראַדניטשע" אַ חלוצישער קיבוץ פאַר הכשרה און אויך פּריוואַטע וווינונגען, ספּעציעל די אין וועלכע קאָמוניסטישע מאָלער האָבן געאַרבעט. אַהינצו זענען איינגעאָרדנט געוואָרן „ספּעציעלע־אויספלוגן".

די יידישע קאָמוניסטן האָבן ממלא געווען דעם פאַרלוסט פון זייער לאָקאַל אויפן נייעם מאַרק 2 מיט אַ פאַרשטאַרקטער טעטיקייט אין די פאַבריקן ווו זיי האָבן געאַרבעט, זיי האָבן אָרגאַניזירט שטרייקן, עקאָנאָמישע ווי אויך פּאָליטישע.

אין די דרייסיקער יאָרן זענען פאָרגעקומען שטרייקן קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, קעגן פּשיטיקער־פּאָגראָם און אַנדערע צרות. אַזעלכע שטרייקן זענען פאָרגעקומען אין אַלע פאַבריקן ווו יידישע קאָמוניסטן האָבן געאַרבעט. אין דער פאַבריק פון פירמע האָראָוויטש און שותפים — „היס" האָט געדויערט אַ שטרייק דריי חדשים. עס האָבן אויך געשטרייקט די אַרבעטער און דער פאַבריק פון ברידער לאַנדוי, „ווולקאַן", „מעטראָס" „סטאַל", „אַלטמאַן", „זילבערשטיין" און אויך פיל אַנדערע קלענערע פאַבריקן. אַ באַזונדערע ראָלע האָבן געשפּילט די נעבן־אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך די קאָמוניסטן.

איינע פון די אַממערסטן פאַרצווייגטע נעבן־אָרגאַניזאַציעס איז געווען דער „מאפּר" (אינטערנאַציאָנאַלע הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר רעוואָלוציאָנערן). אויסער די פּאָליטישע אויפגאַבן וואָס די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט אויספירן, איז זי אויך געווען אַ מאַסן־באַוועגונג צו שאַפן געלט פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. די אָנפירונג פון דעם „מאפּר" איז באַשטימט געוואָרן דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צווישן זיי האָבן זיך געפינען: לייבוש פראַנק, וועלכער איז לאַנגע יאָרן געווען אין „השומר־הצעיר", נאַטקא ראָזנצווייג, דאַרקע בערלינער, יחיאל ראָזנצווייג און נאָך פיל אַנדערע. די אַלע דערמאָנטע זענען געקומען צום קאָמוניזם פון „השומר־הצעיר". דער „מאפּר" האָט בכלל געווירקט צווישן דער יידישער אינטעליגענץ ביי וועלכער די דאָזיקע טעטיקייט איז געווען שטאַרק פּאָפּולער.

עס האָט אויך דאָ עקזיסטירט אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „אָגראָיד", וואָס האָט זיך באַדאַרפט פאַרנעמען מיט אָגראָ קולטור־פּראָבלעמען, (— ספּעציעל פאַרבונדן מיט בירא־בידזשאַן). די אָרגאַניזאַציע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך יוסף היימאַן (אַמאָליקער חבר פון „השומר־הצעיר"), ער איז געווען פּאַרטיי־פונקציאָנאַר שפּעטער אויך אין

וואַרשע. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן פוילן און אַוועק אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט קיין פראַנקרייך. (אין דער צייט פון דער מלחמה האָט יוסף היימאַן אַנטייל גענומען אין דער פראַנצויזישער אונטער־ערדישער־באַוועגונג, קעגן די נאַציס און איז אומגעקומען אין אַשוויענטשים).

עס האָט אויך עקזיסטירט אַ געזעלשאַפט לייענער פון "פריינד", אַ טאָג־טעגלעכע צייטונג אַרויסגעגעבן אומלעגאַל אין וואַרשע (אין דער יידישער שפּראַך) דורך די קאָמוניסטן, (דוד ריכטער איז געווען איינער פון זיינע הויפּט־רעדאקטאָרן). די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט חוץ דער זאָרג פאַר פאַרשפּרייטן די צייטונג זיך אויך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיקייט.

עס האָט אויך עקזיסטירט אַ ספּאָרט־קלוב אונטערן נאָמען: "אגניווא", אַ שטאַרקע טעטיקייט האָבן די יידישע קאָמוניסטן געפירט צווישן דער שטודירנדיקער שול־יוגנט אין דער טשענסטאָכאָווער גימנאַזיע.

אַזוי זענען געווען קאָמוניסטישע קעמערלעך אין אַלע גימנאַזיעס פון דער שטאָט. אַפילו אין מלוכהשן גימנאַזיע איז אויך געווען אַ "קעמערל" צו וועלכן עס האָבן געהערט, צווישן אַנדערע, מיעטעק פּערעץ, אַ זון פון באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן טוער (דער דענטיסט פּערעץ פון נייעם מאַרק). מיעטעק לעבט און ער געפינט זיך אין וואַרשע. העניעק טענצער, שפּעטער געהערט צו די פּיאָנערן פון ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו (געפאַלן דורך די נאַציס), מיעטעק פּרושיצקי, פּאַוועל לעווקאָוויטש, אלעק בעם, מיעטעק וויינבערג, יאַנעק לעווקאָוויטש. פון יידישן גימנאַזיום: סימעק אבראמאָוויטש (אַ זון פון באַקאַנטן וואַרשטן־פאַבריקאַנט אויף דער ערשטער אלעע). (אויך ער האָט אַנטייל גענומען אין דער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו און איז געפאַלן אין קאַמף). אדזיק האַכערמאַן, איציק בראטמאַן, פאלא טענענבוים (אומגעקומען דורך די נאַציס), יערזשי קאפּינסקי (לעבט איצט אין וואַרשע). פון אַקסער־גימנאַזיע: עמא געשיכטער, (איצט אין וואַרשע), דארא אדערבערג (אומגעקומען דורך די נאציס), הערמאַן ליכטמאַן, מיעטעק בראון. כמעט די אלע זענען אין פאַרשידענע צייטן אַרעסטירט געוואָרן און מ׳האָט זיי באַזייטיקט פון זייערע גימנאַזיעס.

נישט נאָר די שול־יוגנט האָט מקריב געווען זייער צוקונפט אין קאַמף פאַר יידישע רעכט — אויך ד ע ר װ ו אַ ק ס ע נ ע רייפע מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַ גוט באַקוועם לעבן, נישט וועלנדיק מסכים זיין אויף באַדינגונגען וואָס זאָלן פוגע זיין אין דעם יידישן נאַציאָנאַלן כבוד.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די האַנדלונג פון עלעקטריק־אינזשיניער, ערנסט שטיינהארד (אַ מיטגליד פון שטאָטישן קאָמוניסטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט). די בעלגיש־פראַנצויזישע עלעקטרי־געזעלשאַפט האָט אים פאַרגעשלאָגן דעם אַמט פון הויפּט־אינזשיניער אָבער מיט אַ באַדינג אַז ער זאָל אָפיציעל אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן. כאָטש אינזשיניער שטיינהארד האָט זיך דענסטמאָל געפינען אין אַ שווערע מאַטעריעלע לאַגע, האָט ער דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן. אינזשיניער שטיינהארד איז געווען אַ וואַרשעווער און האָט לאַנגע יאָרן געלעבט אין טשענסטאָכאָוו ווו ער האָט חתונה געהאַט מיט גיזא פראסקיראווסקא, די טאָכטער פון אלטער פראסקיראווסקי (פון דער פּילסודסקי־גאַס).

יידישע קאָמוניסטן פון טשענסטאָכאָוו האָבן אויך געקעמפט אויף די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַניע, אויף דער זייט פון דעם "פּאָלקס־רעפּובליק", קעגן דעם פראַנקאָ־היטלער־מוסאליני־פאַשיזם.

אין די דאָזיקע פרייהייט־קאַמפן האָבן אַנטייל גענומען צווישן אַנדערע, פישל פעפער (פון אַלטן מאַרק). ער האָט געמוזט פאַרלאָזן טשענסטאָכאָוו צוליב פּאָליטישע רדיפות און אַוועק קיין פראַנקרייך אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט.

ביים אויסברוך פון בירגער־קריג אין שפּאַניע האָט זיך פישל פעפער פאַרשריבן אַלס פרייוויליקער אין קאַמף קעגן דעם פאַשיסטישן פראַנקא, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פישל פעפער האָט געקעמפט אין דער פראַנצויזישער אונטערערדישער־אַרמיי קעגן דעם נאַציזם. ער איז געפאַלן אין דער מיליטערישער ראַנגע פון אַן אָפיצער. ער האָט געלאָזט אַ פרוי מיט אַ זון. זיין פרוי, העלע (פון דער היים קאַנטאר) האָט אויך געהערט צו דער פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו, זי איז געשטאָרבן אין ישראל אין יאָר 1965 (זייער זון געפינט זיך אין ישראל). אין שפּאַניע האָט אויך געקעמפט אביגדור ראָזען (וויצעק). ער איז געשטאָרבן נאָך דער מלחמה אין שטשעטשין (פוילן). העניעק גוטערמאַן (איז געפאַלן אין שפּאַניע), אויך אינזעלשטיין איז דאָרט געפאַלן (אין ראַנגע פון אַן אָפיציר). (יעקב משה אינגליך פון קלאבוצק (ביי טשענסטאָכאָוו) האָט פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער פראַנצויזישער הינטערגרונד־אַרמיי אינעם קאַמף קעגן דעם נאַצישן אָקופּאַנט. ער האָט דאָרט געלעבט אונטערן

נאָמען פון זשאַק קאַמינסקי, ער לעבט היינט אין וואַרשע. יחזקאל ווירשטעל (פון דער גאַרנאַצאַרסקאַ-גאַס) האָט אויך אַנטיילגענומען אין דאָזיקן קאַמף קעגן דעם נאַצישן אקופּאַנט (לעבט איצט אין פּאַריז). פּאַוול יאַקובאָוויטש און מיעטעק בראַניאַטאָווסקי, זענען אויך געווען צווישן די קעמפּער׳.)

★

עס דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן דער גרויסער פּראָצעס קעגן די טשענסטאָכאָווער יידישע קאָמוניסטן וואָס איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1929 ביי וועלכן ס׳זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף זייער שווערע שטראָפן די פּאָלגנדיקע איבערגעגעבענע אַקטיווע חברים און חברות פון דער פּאַרטיי: שמחה הובערמאַן, הלל טאַביאַש, שאול ברזשאָסקי, אסתר שווערטשינסקי, שמואל לאַזאַראָוויטש, לאה קאָכמאַן, הירשל באַרזשיקאָווסקי, שלום בערלינסקי. לייב באַרזשיקאָווסקי, ישראל ראַפּאַפּאָרט, סאַלאָמאָן פּאָוולאָוויטש, האלא שפּיץ, איזידאָר הערשליקאָוויטש, חיים שטערן און לייב אינגלשטיין.

ווען מען שרייבט וועגן די יידישע קאָמוניסטן פון טשענסטאָכאָוו דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די קרבנות, וועלכע זענען געפאַלן אין די דרייסיקער יאָרן אין פּוילן און שפּעטער אין סאָוויעט-רוסלאַנד; עס זענען צווישן אנדערע, אומגעקומען אויך בראַנקאַ ליבערמאַן (פון דער קרוטקא גאַס), וועלכע איז טעטיק געווען אין טשענסטאָכאָוו און געמוזט אַוועק פון דער היים אַלס פּאָליטישע עמיגראַנטין. יהושע שטערן (אַ זון פון אַ בעקער אויף דער גאַרנצארסקאַ-גאַס). ער איז אַנטלאָפן פון טשענסטאָכאָוו קיין סאָוויעט-רוסלאַנד נאָכן אויספירן אַן אַטענטאַט אויף דעם קאָנפידענט שוכטער און דאָרט אומגעקומען. דעם זעלבן גורל האָט געהאַט יוסף מאַגער (״יאַסעלע״), וועלכער איז אַנטלאָפן קיין סאָוויעט-רוסלאַנד נאָכן דערמאָרדן אַ פּראָוואָקאַטאָר, בראָנקאַ טשוויערטשעווסקאַ פון קלאָבוצק, טעטיק געווען אין דער פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו, געזעסן אין פּיאָטריקאָווער תפיסה און פון דאָרט אַנטלאָפן קיין סאָוויעט-רוסלאַנד ווו זי איז טראַגיש אומגעקומען. יוסף און גיטא ראַפּאַפּאָרט, ביידע טעטיק געווען אין דער פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו און אין לאָדזש פיל יאָרן פאַרבראַכט אין פאַרשידענע טורמעס, באַקאַנט געווען אַלס ״פּ א - פּ י ע נ - ט ש״. זיי זענען אַנטלאָפן קיין סאָוויעט-רוסלאַנד אַלס פּאָליטישע עמיגראַנטן און דאָרט אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. צום גליק זענען זיי געבליבן לעבן. זייע זענען ״רעהאַבּיליטירט״ געוואָרן און צוריקגעקומען קיין פּוילן און לעבן איצט אין וואַרשע.

די אויסגערעכנטע נעמען פילן נאָך נישט אויס די רשימה פון די קרבנות פון די טשענסטאָכאָווער יידישע קאָמוניסטן!

★

(אין 1939, ווען די היטלערישע אַרמיי איז איבערגעפאַלן פּוילן, האָבן זיך די יידישע קאָמוניסטן געוואָנדן צו דער פּוילישער מאַכט און געבעטן געווער, בכדי צוזאַמען מיט דער פּוילישער אַרמיי קעמפן קעגן די נאַציס, אָבער די ווענדונג איז דורך דער פּוילישער מאַכט אָפּגעוואָרפן געוואָרן...

צוזאַמען מיט דער פּוילישער אַרמיי האָבן פיל יידישע קאָמוניסטן פאַרלאָזן די שטאָט: מענער און פרויען, צווישן זיי עלעק לעווינשטיין מיט זיין פרוי לעאשא, מאַשע קאָכמאַן, זיגמונט זילבערשטיין, פּייטל וואַרשאַווסקי, יוסף פרענקל ״דזשיאַדעק״ (באַפרייט פון תפיסה), לייב באַרזשיקאָווסקי, פּרץ סילמאַן, רעניע וואזשניצא און פיל אַנדערע. ליידער איז קיינער פון זיי כמעט נישט צוריקגעקומען.

שוין אין די ערשטע טעג ווען די היטלעריסטן זענען אַריין קיין טשענסטאָכאָוו, האָבן זיי אַרעסטירט און פאַרשיקט קיין אַשוויענטשים די באַקאַנטע יידישע קאָמוניסטן, וויטעק זלאַטניק (פון נייעם מאַרק), פּאַוולאָוויטש (אַ שוואָגער פון דודעק שלעזינגער), לייזער סילמאַן (באַקאַנט אַלס ״גאַנדי״). די ערשטע צוויי זענען אומגעקומען אין דעם גרויסן מאַסן-קבר, וואָס רופט זיך, אַשוויענטשים, דאַקעגן איז געלונגען אליעזר סילמאַן (פון דער פּילסודסקי-גאַס) צו בלייבן לעבן, ער איז געווען אַקטיוו אין דער ווידערשטאַנדס-באַוועגונג אין בוכענוואַלד, ווי אויך אין אַשוויענטשים. היינט לעבט ער אין וואַרשע אַלס, ״לעאָן שטאַשאַק״.

אַזוי האָבן די יידישע קאָמוניסטן אין טשענסטאָכאָוו צוגעטראָגן אַ באַדייטנדיקן צושטייער אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע רעכט קעגן דיסקרימינאַציע, אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם אַפילו אויסער זייער שטאָט און אויך אויסער די גרענעצן פון פּוילן.

די דאָזיקע פאַקטן האָבן געלייגט אַ חותם אויף די היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אין די שווערע ספּעציפישע לעבנס-באַדינגונגען פון די יידן און

וועלן אָן שום ספק אפגעשאַצט ווערן אַלס רעוואָלוציאָנערער אויסדרוק אין קאַמף פאַר יידישע רעכט. די אָפּשאַצונג וועט געוויס באַטראכט ווערן דורך דעם היסטאָרישן מהות פון די דערמאָנטע געשעענישן און עס וועט פאַרצייכנט ווערן לדורות ווי יידישע אַרבעטער און אינטעליגענץ, אַרבעטער־יוגנט און שול־יוגנט האָבן ריזיקירט זייערע לעבנס אינעם קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

העכסט הומאַניסטישע לאָזונגען זענען אין יענער צייט, אינעם פעריאָד פון ראָמאַנטישן אידעאַליזם פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, געווען אויסגעקריצט אויף די אומלעגאַלע רויטע־פענער, זיי האָבן ענטוזיאַסטיש מיטגעריסן מיט זיך פיל יידן צום קאַמף פאַר זייער רעאַליזירונג.

אָבער, ביי די געשאַפענע אַקטועלע באַדינגונגען זענען זיי ליידער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן —

די ״טרוימער״ זענען אַוועק צוזאַמען מיט זייערע זיסע חלומות!



אַרבעטער־פֿאָלקס־שול א. נ. פֿון ב. באָראָכאָוו אין טשענסטאָכאָוו.
יולי 1922



אַרבעטער־פֿאָלקס־שול „פֿאַראייניקטע״ (II־טע אָפּטיילונג) אין טשענסטאָכאָוו.
יוני 1922 יאָר.

מוסדות צדקה וחסד

פרופיסור ח. ז. הירשברג

מפנקס זכרונותי על גירוש זבונשין

הפרופיסור ח.ז. הירשברג, מי שכיהן בתור רבם של היהודים הנאורים בצ׳נסטוחוב בבית הכנסת החדש שלהם וראש המכון המדעי לחכמת ישראל ומטובי המורים בגימנסיה העברית, המציא לנו קטע מפנקס זכרונותיו על גירוש היהודים נתיני פולין מגבולות גרמניה ועל הפעולות שנעשו על ידי יהודי עירנו לטובת המגורשים האומללים, ואלה דבריו:

״הרדיפות נגד היהודים בגרמניה נעשו לפי שיטה מסוימת שעובדה בדייקנות ובקפדנות.

רצו להיפטר מן היהודים, בעלי נתינות זרה, ובראשם — נתיני פולין — והחלו בקטנות. חיפשו ומצאו יהודים שלא שלמו את מסיהם בזמן, או שעסקו במסחר ללא רשיון ומיד ניתן להם ״צו־גירוש״. הם נצטוו, תוך 14 יום, לחסל את עסקיהם למסור את דירותיהם ולעזוב את מקום מגוריהם, אם כי היו ביניהם כאלו, שגרו כבר בגרמניה אפילו עשרות בשנים.

מובן, שמצבם היה נורא, כי תוך ימים ספורים לא ניתן למכור שום דבר וכל מי שרצה להציל משהו מפרי עמלו — עמל שנים — מוכרח היה לקבל כמה ש״שכניו״ האדיבים הסכימו לשלם בעד רכושו.

לשבחם של יהודי גרמניה שהיו בעלי אזרחות גרמנית, ייאמר, שהם השתדלו בכל כוחותיהם לעזור לאחיהם הנרדפים ותמכו בהם בכל מה שאפשר והנה, לפתע פתאום, באה השואה על אלפי יהודים, יוצאי ונתיני פולין, שחיו חיי פחד ודאגה לאחר המקרים הבודדים של הגירושים. בליל שבת 4 לנובמבר 1938 הוצא צו־גירוש כללי וכל היהודים, מחוסרי הנתינות הגרמנית — ומספרם עלה לעשרות אלפים נפשות, אנשים נשים וטף הובאו לנקודת־הגבול זבונשין וגורשו לשטח ההפקר, מבלי כל אפשרות להתקדם לפולין, — כי הממשלה הפולנית חסמה בפניהם את הדרך ולא היתה גם ארץ אחרת שתסכים לקבל את הפליטים האלה.

צ׳נסטוחוב, שהיתה סמוכה לגבול גרמניה נחרדה ל־ידיעה שהגיעה מאת רבה של קטוביץ למנהל הבנק פרו־שיצקי, כי על גבולה של פולין עומדת רכבת־משא והיא מלאה יהודים אומללים והם סגורים בקרונות המיועדים להעברת בהמות וסוסים, ללא אוכל וללא תקוה.

מיד נתארגן ועד פעולה בראשותו של כותב הטורים האלה, שבו השתתפו גם ה״ה גאלסטר, גריכטר, ניפלד, צבי שפאלטן ופליקס שפירא.

משלחתנו הגיעה לקטוביץ הוברר לה, שגם על יד בויטן (ביתום) נמצאת רכבת שניה — מלאה פליטים יהודיים ושעל יד כל גבול הגובל עם פולין עומדות רכבות כאלו.

השלטונות המקומיים הודיעו, שלא ירשו לפתוח את הקרונות עד שיקבלו פקודה על כך מהשלטונות המרכזיים שבורשא.

נעשו מאמצים מרובים גם על ידי עסקני ורשא וכולם חיכו בכליון עיניים להוראה חיובית.

סוף־סוף באה הבשורה המשמחת על היתר הכניסה לאומללים האלה לפולין.

אין לתאר מה שנעשה שם כאשר נפתחו הקרונות ומהם התפרצו אנשים, נשים וילדים, חלקם ללא כל לבוש מחוץ לפיג׳מות לילה וחלקם בחליפות שחורות שנתפסו בבתי שעשועים שבהם ניגנו בתזמורות, או שבאו לשם בידור. ערבוביה של אנשים מחוגים שונים, שהוצאו מבתיהם וממטותיהם ללא רחמים והובאו לקרונות־המשא, ללא אוכל וללא שתיה. הפרידו בעלים מנשותיהם וילדים — וביניהם גם פעוטות מהוריהם.

אחרי שחברי ועדתנו הצליחו להרגיע את האומללים האלה, קיבלו על עצמם את הטיפול ב־600 נפשות שכבר

נרשמו והעברנום למוסדות צבוריים, שבהם הוכנו מקודם מיטות ואוכל חם.

למחרת עמדה בפנינו השאלה: ״ומה הלאה״? היה חשש — שגם התקיים — שמחר יגיע טרנספורט חדש. החלטנו, אפוא, להעביר מיד את האנשים לצ׳נסטוחוב בכדי לאכסן במקומות השיכון הזמניים אומללים אחרים אשר עוד יבואו.

לשבחם ותהלתם של יהודי צ׳נסטוחוב יש לציין, שמיד התגייסו טובי הציבור והנוער לפעולה נמרצת. נעשה רישום מפורט על מקום מגורי משפחותיהם בערי פולין ואלה שלא היה להם לאן ללכת, נשארו בצ׳נסטוחוב ויהודיה דאגו למקומות עבודה בשבילם ואלה מהם, שלא היו מסוגלים לעבודה, הוחזקו על חשבון ועד ההצלה.

המגורשים שהתאוששו על ידי עזרת האחים שניתנה להם ברוח נדיבה, מיהרו לבתי קרוביהם בערים שונות ולאט־לאט נקלטו בתוך הקהלות היהודיות שבפולין.

(אולם לא היתה להם אפילו שנת מנוחה שלימה, כי ב־1 לספטמבר 1939, פרצה מלחמת־העולם השניה וקלגסי הנאצים דאגו לכך שגורלם של המגורשים משנת 1938 יהיה כגורל כל יהודי פולין. תאי הגאזים ומעשי־השמדה אחרים שמו קץ לסבלם של עלובי החיים האלה!)


דוד ש. קמינסקי, ז״ל

מטבח לחיילים יהודים בצבא הפולני

ברצוני לציין, לזכרון־עולם, את אחת הפעולות המבורכות של בני עירנו.

בשלהי שנת 1918, בתום מלחמת־העולם הראשונה, כאשר פולין השתחררה מעול משעבדיה ולחמה על חירותה, היתה זקוקה לכוחות לוחמים צעירים. גם לגדוד חיל־הרגלים ה־17, שחנה אז בצ׳נסטוחוב גויסו מאות יהודים, בעיקר מערי־הספר. קשה מאד היתה לחיילים היהודיים האלה הסתגלותם למצבם החדש, אבל, יהודי צ׳נסטוחוב התענינו בגורלם והתאמצו להקל עליהם, ככל האפשר. ביחוד רבה היתה הדאגה לקראת ימי חג ומועד. בכדי לאפשר להם ליהנות מאוירת החג הם הוזמנו כאורחים בבתי היהודים שבעיר. גם אני הייתי אז בצבא ויחד אתם הרגשתי ששמחתם לא היתה שלימה. אף על פי שנתקבלו בכל בית בעדינות, נשארו בכל זאת, בדכאונם. רובם ככולם היו בני טובים וגומלי חסדים לכל דל ונדכא ולפתע פתאום גלו מעל שולחנות הוריהם והוכרחו ליהנות מחסדי אחרים. נפגשתי אז עם חברי יוסף אדליסט וטיכסנו עצה איך לשנות את המצב.

החלטנו להקים מטבח לחיילים יהודיים שבו הם ירגישו את עצמם כמו בבתיהם. צירפנו אלינו גם את מ. ח. טיברג והתחלנו יחד בפעולה נמרצת להגשמת הענין. ההצלחה האירה לנו פנים. ועד הקהילה היהודית ובראשו ר׳ שמואל גולדשטיין — תעשיין ידוע ומעמודי התוך של ה״מזרחי״ ונציג היהודים במועצת העיר, ר׳ חיים וכסלר — גם הוא יהודי יקר ונשוא פנים, ואתם — גם ר׳ ישראל מנדל זילברברג ויתר חברי ועד הקהלה נענו לנו ברצון. פנינו לשלטונות וכותב שורות אלו — בתור איש צבא שהשפה הפולנית היתה שגורה בפיו והמוכר גם לקציני הצבא, הצליח להשיג הרבה דברים למען המטבח. מפקדת הצבא ראתה אותי כאחראי מטעם החיילים וכדובר בשמם. יחד עם משה לבקוביץ — ממשוחררי הצבא — פנינו למפקד הדיביזיה השביעית, הגנרל פוגורז׳לסקי, שהיה ממש אחד מחסידי אומות העולם ושגדודנו נמצא בפקודתו. הזקיפים ששמרו על מקום מגוריו — ב״הוטל פולסקי״, נתנו בנו את עיניהם ותמהו: חיילים יהודים פונים לגנרל פולני והוא מקבלם מיד ובסבר פנים יפות? הרצינו לפניו על המשימה שלקחנו על עצמנו וביקשנו ממנו שיוציא פקודה בדבר העברת מנות־המזון, המיועדות לחיילים היהודים לימי החג, למטבח שלנו. הגנרל פוגורז׳לסקי הסכים והבטיח לתת פקודה מתאימה לשלטונות הצבא. ואמנם הועבר המזון לועד הקהילה. מיטב הנוער שלנו נחלץ לפעולה וביניהם: יוסף אדליסט, משה



המטבח הציבורי לחיילים יהודים שבצבא הפולני בצ׳נסטוחוב

בתמונה נראים העסקנים והעסקניות (מחוץ לאנשי הצבא) לפי הסדר דלהלן:
בשורה הראשונה (מלמעלה ומימין לשמאל): משה זידמן, אברהם דנציגר, ל. פלבנר, ק. גוטרמן. בשורה השניה (כנ״ל): מ. ח. טיברג, א. פוגל, ד. קמינסקי, יוסף אדליסט, מ. בומברג. ט. אלטמן. בשורה השלישית (כנ״ל): הראשונה — לא זכורה ואחריה הגברות זיטמן, היימן, ווינשטוק, אברמוביץ, קרומולובסקי, ה. אדליסט, ב. פלבנר וגב׳ גולדמינץ.

לבקוביץ, מ. ח. טיברג, ליאון פלבנר, ק. גוטרמן, אבוש פוגל, אברהם דנציגר, זילברשץ, הגב׳ גולדמינץ, זיטמן, הימן וינשטוק וב. פלבנר. ההכנות והבישול נעשו בהדרכת הגברות אברמוביץ וקרומולובסקי. לא קל היה לגברות הנזכרות לבצע את הדבר בעזרת בנות בלתי־מנוסות בעבודת מטבח, ברם, הודות למסירותן והרגשת האחריות מילאו את כל הדרוש. הנשים והבנות לא משכו את ידיהן משום עבודה. הן קילפו תפוחי־אדמה, סחבו סירים ודודים כבדים, שטפו את הכלים והרצפות. ההתלהבות לעזור לחיילים, הרחוקים מבתיהם ולהנעים להם את החג והוסיפה להן כוח ועצמה והן שכחו על העולם ומלואו וההנאה הנפשית היתה עבורן גמול טוב לעמלן הרב.

החג הראשון, שבו הרגישו החיילים היהודיים את עצמם כאילו הם בבתיהם, היה ראש־השנה. שמחתם היתה רבה ושירה אדירה פרצה מגרונותיהם בהרגישם, כי לולא המטבח המיוחד להם, היו נשארים בחג גדול וקדוש זה בקסרקטיניהם בין הגויים. בהשתדלותנו שוחררו כל החיילים היהודים ליום הכיפורים גם מתפקידי משמרת וכולם הגיעו העירה בעוד זמן — לפני ״הסעודה המפסקת״. הם התפזרו בבתי־כנסת שונים בעיר, כל אחד לפי רצונו ובמוצאי יו״כ הסבו שוב בצוותא ליד שולחנות ערוכים בטעם, כשהם כולם שמחים וטובי־לב. לחג הסוכות דאגנו לסוכה גדולה. פנינו לסוחרי עצים שבעיר בדבר השאלת עצים להקמת הסוכה עבור מאות חיילים. כנסנו את הבחורים שלנו כדי לקמץ הוצאות בבנית הסוכה, והקימונו סוכת־ענק במו ידינו. והנה לפנות בוקר הופיע החבר אדליסט ובפיו בשורה בלתי משמחת: הסוכה לא החזיקה מעמד וכמעט שהתפרקה ונפלה. מיהרנו אל מקום הסוכה וראינוה בחורבנה.

במקרה עבדו בקרבת־מקום פועלים לא־יהודים בצנורות הביוב המרכזי שבאותה החצר בפיקוחו של ר׳ פישל קרפ (הנמצא כיום בישראל — בחולון). בראותו את מבוכתנו הורה לפועליו להקים מחדש את הסוכה. לפי הזמנתו הופיעו גם חשמלאים וסידרו בה תאורת־חשמל רבת־רושם. והנה הגיע ליל סוכות והחלה סעודת־החג של חיילינו ומותר לי

לציין, ללא כל הפרזה, שמי שלא ראה את המעמד החגיגי הזה, לא ראה שמחת חג מימיו.

קהל רב מנכבדי העיר השתתפו כאורחים. הכל היה מוכן בשפע וסעודת החג נמשכה עד שעה מאוחרת בלילה. כל הנוכחים בחגיגה המטירו עלינו דברי שבח ותשואות לאין סוף.

בליל שמחת־תורה נערכה סעודת־החג באולם המפואר ״סאלא הרמוניה״, וליציע הנרחב שלו הוזמנו האורחים לסיום עונת החגים. הזמנו את רב העיר הרה״ג ר׳ נחום אַש זצ״ל, חברי הקהילה ואת שלטונות הצבא. הצבנו סדרנים והכניסה הורשתה רק לפי הזמנות. הנהגנו משמעת צבאית ממש וציות חברינו היתה למופת.

סודר שולחן מיוחד לאורחים רמי־המעלה, שאליו הסבו הרב, ראשי הקהילה ונציגי השלטון הצבאי של שלושת גדודי הצבא שחנו בעיר. הרב אַש פנה לחיילים והסביר להם את חובתם בדברי הנביא ״דרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה״ וציין שעליהם לשמש מופת כחיילים וכיהודים כאחד. הוא נשא גם נאום מזהיר בשפה הפולנית לכבוד נציגי הצבא על הנושא: ״היהודים כאור לגויים״.

אחריו נאם מפקד הגדוד הרביעי של חיל התותחנים. לשמחתנו לא היה גבול.

הוחלט: להכפיל את המאמץ ולהמשיך בעבודה יפה ומועילה זו גם בשנים הבאות.

ו. ה.

מוסדות צדקה וחסד בעירנו

חברת ״אחיעזר״

חברה זו הוקמה מספר שנים לפני פרוץ מלחמת־העולם השניה, על־ידי כמה אנשי ציבור והציבה לה למטרה לשמש מעין מוסד לביטוח־הדדי של חבריה אשר קיבלו על עצמם לשלם — במשך כל ימי חייהם — תשלום חדשי ליצירת קרן מיוחדת, שממנה תשולם, תמיכה חד־פעמית, למשפחות החברים הנפטרים, בכדי לאפשר להן את קיומן הכלכלי לאחר מות ראש המשפחה ומפרנסה.

מצאנו באחד העתונים שהופיעו בעירנו (ב״טשענסטאָכאָוער צייטונג״ מס׳ 19 מיום 13.5.1938) פרטים על אחת האספות הכלליות השנתיות של מוסד חשוב זה, ואלה הם פרטי הדו״ח שפורסם:

״ביום א׳ שעבר התקיימה באולם ״הסתדרות הסוחרים ובעלי־התעשיה״ האספה הכללית השנתית של חברת ״אחיעזר״ שבעירנו.

האספה נפתחה על ידי הד״ר הירשברג, שהציע לבחור כיושב־ראש האספה את הדירקטור מר פרושיצקי. נוסף לכך נבחרו לנשיאותה: ה״ה ווינטר, העו״ד פרופורט וה׳ ז. שטילר, וכמזכיריה ה״ה ד. קרויסקופף ומנלה. החזן פינקלשטיין ערך תפילת האזכרה לחברים הנפטרים וזכרם כובד בקימת כל הנוכחים באספה.

מר קרויסקופף הקריא את הפרוטוקול של האספה הכללית השנתית הקודמת, שאושר ללא וויכוחים.

אחריו מסר מר שטוקמן את הדו״ח השנתי, שממנו הוברר, שבמשך השנה שחלפה התקיימו 29 ישיבות של הועד היוצא.

באותה תקופה נפטרו שני חברים אשר הבטיחו את עצמם לכל ימי חייהם וגם ״חבר־פעיל״ אחד. הוצאו משורות ״אחיעזר״ 6 חברים שלא דייקו בתשלומי מס־החבר שלהם וסופחו 12 חברים חדשים.

החברה הוציאה — בתוך השאר — לצרכי עזרה דחופה סכום של 950 זלוטי.

מר שטוקמן ציין בצער, שהמגבית למען הגימנסיה שהחברה התחילה בה, לא הצליחה. לעומת זאת נאספו כמה מאות זהובים לצרכי קניית ״ארון מתים״. כמו כן הוא הודיע, שהנהלת החברה החליטה לחדש את חברותם של אותם 6 החברים שהוצאו, לאחר שסידרו את תשלומיהם.

כן החליטה ההנהלה להתחיל בפעולה נמרצת לשם רכישת חברים נוספים. ההצעה בדבר קנית ״ארון מתים״ חדש עוררה התנגדות רבה מצד החברים דנציגר, קרומולובסקי ורובינשטיין, שציינו שרכישת ארון חדש ומודרני והשארתו בשימוש של הארון הישן, עלולה לעורר סכסו־

כים, באם לא כל הנפטרים יובלו לבית־עולמם ב״ארון״ החדש. לדעתם צריך להיות דין אחד לכלם.

ה״ה שטילר ופרושיצקי תמכו, לעומת זאת, בהצעת הקניה, בציינם כי הארון להובלת מתים של הקהילה אינו מתאים בכלל לתפקידו ושיש להפסיק את השימוש בו.

הוחלט: 1. לאסוף תרומות מיוחדות לקניית הארון;
2. לאשר את קבלתם מחדש של 6 החברים שהוצאו;
3. לאשר את הדו״ח הכספי, שנמסר על ידי החבר שטוקמן;
4. כן אושר התקציב לשנה החדשה, בסך 5700 זלוטי.

אחרי־כן התקיימו הבחירות של ההנהלה החדשה ואליה נבחרו ה״ה:

ח. הרצברג, ה. זיסמן, ג. לנדוי, פ. פרופורט, י. קורנוווסר, י. שטוקמן, וכסגנים: י. אנגל, ח. גריכטר, א. דנציגר, א. זילברשטיין, ס. כץ, א. מנלה וג. נימן. ולועדת הבקורת נבחרו ה״ה: בלוישטיין, הרשליקוביץ וליבסקינד.

ו. ה.

חברת ״ניחום אבלים״

בשכונת העוני שבצ׳נסטוחוב שברחוב גרנצרסקה היתה קיימת במשך הרבה שנים חברת ״ניחום אבלים״.

חברה זו — שהוקמה על־ידי אנשים פשוטים — ריכזה סביבה כמעט רק בעלי מלאכה עלובים, החיים על עבודתם היום־יומית, ואלה קיבלו על עצמם, בכל זאת, את התפקיד לבקר בבתי אבלים, לדאוג לתפילה בציבור בבתיהם ב־״שבוע האבל״, לנחמם ולעודדם לקראת העתיד.

את שליחותם העגומה הזו מלאו בלב ונפש במסירות מופתית ובאהבה נאמנה — באהבת־ישראל אמיתית, כפי שהיתה נהוגה מדור־דור.

✶

גבאי החברה היו: יצחק קרקוביאק, שלום יעקובוביץ ועוד אחרים, ששמותיהם נעלמו מזכרוננו, אף כי זכאים היו להיזכר לברכה ולתהלה.

ו. ה.

חברת ״הכנסת אורחים״

(בשנת 1939 — זמן קצר לפני פרוץ מלחמת העולם השניה, שהביאה להשמדתה של יהדות צ׳נסטוחוב בתוך כליונה של יהדות מזרח אירופה — חגגה חברת ״הכנסת אורחים״ את חג יובל החמשים לקיומה).

החברה, שהיתה מאז ומתמיד מקובלת וחביבה על יהודי העיר, בגלל פעולתה המבורכת, ניצלה את יובלה זה לשם הגדלת הכנסותיה והרחבת פעולותיה.

ההנהלה פירסמה בעתון ״טשענסטאָכאָווער צייטונג״ כרוז, שבו הצביעה על תפקידיה החשובים וצורת ביצועם, ביחוד, בזמן שחוסר העבודה הלך וגבר ומספר ״האורחים״ שהגיעו לצ׳נסטוחוב, אשר ידם לא השיגה להתאכסן בבתי־מלון בתשלום ודפקו על פתחי החברה, הלך ורב ומחובתה היתה לדאוג לאיכסונם בחדריה ובמטותיה.

בהנהלה האחרונה של ״הכנסת אורחים״ השתתפו:

ה״ה מנחם אפשטיין כיושב־ראש וכחברי ההנהלה ה״ה: ישעיהו אוברמן, אברהם אפשטיין, צבי הירש אפשטיין, שלמה גריצה, יהושע ווילינגר, שמואל זילברברג, בריש טננברג, יהושע מאקובסקי, משה מסרמן, מאיר מרין, שמעון מרין, מאיר נודלמן, אלתר נוימרק ואהרן עסיג.

(לשבחם של יהודי צ׳נסטוחוב יצוין כי הקהל נענה ברוח נדיבה לקריאתה של הנהלת ״הכנסת אורחים״, אבל השואה שהמיט צורר היהודים על כל בית ישראל באירופה שמה, כמובן, קץ גם לפעולת החברה הזאת).

ו. ה.

די פילאנטראפישע געזעלשאפט "דאבראטשיננאשטש"

אונדזער שטאָט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע גוטע מדות — מיט איר גרויסער זאָרג לטובת הילפסלאָזע, קראַנקע און אָרימע לייט.

צו דעם צוועק האָבן זיך ביי אונדז געשאַפן פיל וויכטיקע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן באַזאָרגט מיט זייערע שטיצע און שוץ די נויטווענדיקע מענטשן.

די דאָזיקע מוסדות זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דער שטאָט בכלל, ווי אויך דורך יחידים, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אויפן פאַראייביקט דעם זכרון פון זייערע על־טערן און זייערע משפחות, בויענדיק וויכטיקע און נוי־טיקע אינסטיטוציעס אויף זייערע נעמען.

אַלס וויכטיקסטע אינסטיטוציע אין דער דאָזיקער געבענט־שטער טעטיקייט פון אונדזער שטאָט, דאַרף דערמאָנט ווערן דער פאַראיין "דאבראטשיננאשטש" (אַזוי האָט ער געהייסן אויף פויליש, אָבער אויף אונדזער מאַמע־לשון האָט ער כשר פאַרדינט דעם שיינעם נאָמען "מעשים־טובים" אָדער ריכטי־קער — "גוטע מעשים"). (זיינע "מעשים־טובים" האָבן זיך פאַרצויגן צענדילקער יאָרן, ביז דער גרעסטער אשמדאי פון אַלע דורות, היטלער, ימח שמו וזכרו, האָט חרוב גע־מאַכט אַלץ וואָס טשענסטאָכאָוו האָט פאַרמאָגט, צוזאַמען מיט אַלע אירע טייערע יידן!)

דער "דאבראטשיננאשטש"־פאַראיין

איז געגרינדעט געוואָרן, דעם 27 מערץ 1899 און ווען ער האָט אין יאָר 1926 (מיט אַ געוויסער פאַרשפּעטיקונג) גע־פייערט דעם האַלבן יובל פון זיין עקזיסטענץ, האָט דער פאַראיין געקאָנט פאַרצייכנען אין זיינע מעשים־טובים פאָלגנדיקע זאַכן:

1) שנעלע־הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע; 2) דעם אויפבוי פון יידישן שפּיטאָל אין זיין אויסהאַלטונג; 3) דעם "מושב־זקנים און "בית־יתומים"; 4) די קינדער־היים" און 5) די זאָרג פאַר אָרעמע קימפעטאָרינס.

דער גרינדער פון "דאבראטשינאשטש" און איר ערש־טער פאָרזיצער איז געווען הענריק מארקוספעלד, וועל־כער האָט געווידמעט זער פיל פון זיין צייט און געלט לטובת דער אינסטיטוציע, אַזש ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.
נאָך זיין פטירה — אין יאָר 1920 — איז אַלס פאָרזיצער פון "דאבראטשינאשטש" געוויילט געוואָרן ד"ר עדוואַרד קאהן און נאָך זיין טויט — אין יאָר 1934 — האָט די דאָזיקע פונק־ציע דערפילט ד"ר לודוויג באַטאַוויא.

דער אויבענדערמאָנטער פונקט — "שנעלע הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע" איז פאַרוויקליכט געוואָרן דורך געבן אַנ־פּראַצענטיקע הלוואות פאַר נויטווענדיקע, כדי דערמיט פאַר־זיכערן זייער עקזיסטענץ אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן.

דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכע האָט פון איין זייט צוגעפירט צו פוילנס באַפרייאונג און צו איר אויפקום אַלס זעלבסטשטענדיקע מלוכה, האָט פון דער צווייטער זייט געבראַכט גרויס שאָדן דער דאָזיקער וויכטי־קער אינסטיטוציע, ווייל צוליבן "מאראטאריום" און אַנדערע עקאָנאָמישע סבות, זענען געבאַרגטע געלטער כמעט פאַר־פאַלן געוואָרן אָדער פאַרלוירן זייער רעאַלן ווערט. אַזוי, אַז זי האָט געמוזט איר טעטיקייט אָבשטעלן.

אָבער, אַ ביסל שפּעטער, איז די אַרבעט באַנייט געוואָרן און אַ דאַנק די גרויסע שטיצע פון אַמעריקאַנער "דזוינט" און דער ענערגישער אַרבעט פון אַדוואָקאַט מיעטשיסלאַוו קאַניאַרסקי, וועלכער האָט דערמיט אָנגעפירט — איז דער דאָזיקער הילפס־צווייג שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרן און געבראַכט פיל נוטצן פאַרשידענע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער וויכטיקסטער פונקט אין דער טעטיקייט פון "דאב־ראטשינגאשטש", וועלכער פאַרדינט אַ באַזונדער אָפּהאַנד־לונג איז:

דאס יידישע שפּיטאל


באַלד נאָך איר אַנשטייאונג, האָט די דערמאָנטע געזעל־שאַפט געווײלט אַ ספּעציעלע בוי־קאָמיסיע, וואָס איר ערשטע אויפגאַבע איז געווען — זאָרגן פאַרן אויפבוי פון אַ יידישן שפּיטאָל אין טשענסטאָכאָוו.

אין דער בוי־קאָמיסיע זענען געווײלט געוואָרן די ה"ה: הענריק מאַרקוספעלד, ד"ר לודוויק באַטאַוויא, הערמאַן גינזבורג, לעאָפּאָלד ווערדע, לעאָפּאָלד קאָן, ד"ר עדוואַרד קאָן. אַלס פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז געווײלט געוואָרן: הענריק מאַרקוספעלד.

דעם 5 דעצעמבער 1900 האָט די קאָמיסיע געקויפט אַ פּלאַץ פאַרן אויפבוי פון שפּיטאָל און פאַר אים באַצאָלט 7.600 רובעל, אָבער, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דאָזיקער פּלאַץ, איז נישט צוגעפּאַסט צו דעם צוועק און די קאָמיסיע האָט דעם פּלאַץ פאַרקויפט.

ערשט אין יאָר 1907, ווען דאָס אַלטע שעכט־הויז איז איבערגעפירט געוואָרן אויף אַ ניי אָרט און זיין פּלאַץ איז יאָ געווען צוגעפּאַסט פאַרן בוי פון יידישן שפּיטאָל, האָט די קאָמיסיע אָנגעהויבן זיך משתדל זיין ביי דער רעגירונג, מען זאָל דעם דאָזיקן פּלאַץ שענקען פאַרן בוי פון יידישן שפּיטאָל. צום לויב פון דעם טשענסטאָכאָווער מאַגיסטראַט, דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז ער האָט די ביטע אונטערגעשטיצט און דעם 28 סעפּטעמבער 1908, האָט די רוסישע רעגירונג, ענדליך געגעבן איר הסכמה און די קאָמיסיע האָט דעם פּלאַץ באַקומען גאַנץ אומזיסט.

עס איז געווײלט געוואָרן אַ ניי בוי־קאָמיסיע כדי די זאַך צו רעאַליזירן. די נייע קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון די ה"ה: ד"ר יוזעף מאַרקוספעלד, ד"ר ל. באַטאַוויא, הערמאַן גינזבורג, מאַרקוס גראַדשטיין, סטאַניסלאַוו הערץ,



דאָס יידישע שפּיטאָל אין טשענסטאָכאָוו

ד״ר אַלעקסאַנדער וואָלבערג, לעאָפּאָלד ווערדע, לודוויק טעמפּעל, איזידאָר פרוינד און אינזשינער קאַרפּ.

די בוי־קאָמיסיע האָט אָנגעהויבן זאַמלען געלט צו דעם צוועק און דערביי זיך אויך באַלד פאַרבינדן מיטן אַרכיטעקט־אינזשיניער מאַנקאָווסקי, ווי אויך מיט פאַרשידענע קבלנים און האָט אַרויסגעגעבן פאַרפליכטונגען אויף 111130 רובעל, הגם זי האָט אין איר קאַסע נישט געהאַט מער ווי 34 טויזנט רובעל, איז 18 טאָג אין סיון תרס״ט (1909) געלייגט געוואָרן דעם פונדאַמענט פאַרן יידישן שפיטאַל.

טשענסטאָכאָווער יידן האָבן די קאָמיסיע נישט אַנטוישט. זיי האָבן געגעבן מיט זער אַ ברייטער האַנט.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די נעמען פון די גרויסע נדבנים:

ברידער גינזבורג (בערלין), יוזעף וו. לאַנדוי, הענריק מאַרקוספעלד, — יעדער פון זיי צו 10.000 רובעל, פּאַוועל שפּיגעל (צום אָנדענק פון פרוי גורפינקל ז״ל) — 3250 רובעל און איזידאָר גייסלער, לודוויק טעמפּעל, יהושע לאַנדוי, יעדער פון זיי צו 3000 רובעל, די יורשים פון לעאָן אַדערפעלד ז״ל — 2500 רובעל, געזעלשאַפט פאַר אָרעמע קימפּעטאָרינס — 2100 רובעל.

חוץ דעם, זענען געשאַפן געוואָרן תרומות פאַר באַזונדערע צוועקן, ווי פון דעם ״פרויען־פאַראיין״ (פאַר אינערלעכע איינריכטונגען) — 4741 רובעל, הער באַלאַבאַנאָוו (פאַר אַ ספּעציעלע אַפּטייק ביים שפיטאַל) — 7000 רובעל, ד״ר יוזעף מאַרקוספעלד (פאַר פלאַנצן אַ בלומען־גאָרטן נעבן שפיטאַל, אויפן נאָמען פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי) — 5000 רובעל.

די הוצאות פונעם בויען זענען איבערגעשטיגן די הכנסות מיט 20.303 רובעל, אָבער אויך דער דאָזיקער דעפיציט איז געדעקט געוואָרן, דורך ווייטערדיקע תרומות פון טשענסטאָכאָווער יידן.

דאַן האָט זיך דערוועקט די פראַגע וועגן פאַרזיכערן דעם יערליכן בודזשעט פון שפיטאַל. דאָס אויסהאַלטן די 50 בעטן פון שפיטאַל האָט געפאָדערט 30.000 רובעל אַ יאָר און ווידער האָבן טשענסטאָכאָווער יידן באַוויזן זייער ברייט־האַרציקייט און זייערע אָפענע הענט!

מען האָט באַשלאָסן שאַפן פאָנדן (לעגאַטן) און דער פּראָצענט וואָס זיי וועלן ברענגען, זאָל פאַרווענדעט ווערן פאַר די טאָג־טעגליכע הצטרכותן פון שפיטאַל און אַט זענען עטליכע לעגאַטן צו דעם צוועק:

פון ישעיהו לאַנדוי — 10.000 רובעל, לאַזאַרוס און ראַזאַליע גראָסמאַן — 5.000 רובעל. לודוויק און קלאַראַ קאָן — 3.000 רובעל, שמעון און שאַרלאָטע בערגמאַן — ווי אויך לודוויג טעמפּעל צו 2.000 רובעל יעדערער, צוזאַמען האָבן די לעגאַטן געבראַכט — 26.813 רובעל, וועלכע האָבן געגעבן הכנסה 1411 רובעל יערליך. די יידישע קהלה פון איר זייט האָט זיך מתחייב געווען צוצוגעבן צו די לעגאַטן נאָך 67.000 רובעל און אויך זאָרגן, וועגן שאַפן ווייטערע לעגאַטן און אַזוי איז אויך פאַרזיכערט געוואָרן דער יערלעכער בודזשעט פון שפיטאַל.

אין שפיטאַל זענען געווען: 4 פּאַוויליאָנען מיט 50 בעטן פאַר קראַנקע, 2 אָפּעראַציע־צימערן, עס זענען דאָרט געווען אָפּטיילונגען: פאַר אינערליכע קראַנקהייטן, אַנשטעקנדע און נערוון־קראַנקע.

ביים שפיטאַל זענען אויך געווען באַזונדערע בנינים פאַר דער קוך, וווינונגען פאַר אַנגעשטעלטע, וואָס האָבן געמוזט וווינען ביים שפיטאַל, ווי אויך אַ מתים־שטיבעל.

זונטיק דעם 16 נאָוועמבער 1913 איז פאָרגעקומען די פייערליכע דערעפענונג פון שפיטאַל, דער חזן אברהם בער בירענבוים מיט זיין כאָר האָבן געזונגען דעם ״מזמור שיר חנוכת הבית״ און עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס ״מעניני דיומא״ דורכן שטאָט־רב רבי נחום אַש, פּרעזעס הענריק מאַרקוספעלד, שטאָט־פּרעזידענט ה׳ גלאַזעק, שפיטאַל־דירעקטאָר ד״ר ל. באַטאַוויאַ און ד״ר זאַקס.

די קוראַטאָרן פון שפיטאַל זענען געווען: פון 1913 ביז 1914 — ד״ר יוזעף מאַרקוספעלד. פון 1914 ביז 1918 — גוסטאַוו קאָן און פון יאָר 1918 — דער קהלה פּרעזעס שמואל גאָלדשטיין.

דער ערשטער לייטער פון שפיטאַל איז געווען ד״ר לודוויג באַטאַוויאַ, וועלכער איז געשטאָרבן אין יאָר 1939. נאָך אים האָט מיטן שפיטאַל אָנגעפירט ד״ר סטעפאַן קאָן־קאַלין.

דאָס שפיטאַל האָט זיך כסדר אַנטוויקלט און גע׳שמט אין גאַנץ פּוילן מיט זיינע מאָדערנע מעדיצינישע איינריכטונגען.

אין די לעצטע יאָרן, ביז צום חורבן טשענסטאָכאָוו,

האָט דער יערליכער בודזשעט באַטראָפן ביי 250.000 זלאָטעס.

צום דעקן דעם אַזוי גרויסן בודזשעט האָט מיטגעהאָלפן, מיט אַ ברייטער האַנט, אויך די טשענסטאָכאָווער לאַנדס־לייט אין אמעריקא, דורך זייער טשענסטאָכאָווער ״הילפס־פאַראיין און שפּעטער — דורכן ״טשענסטאָכאָווער רעליף״.



אַ גרופּע זקנים פון ״מושב זקנים״ביים דאָבראָטשינאַשטש אין טשענסטאָכאָוו אין נאָרמאַלע צייטן

דער ״מושב זקנים״ און דאס ״קינדער־היים״

דער ״מושב־זקנים״ און ״יתומים־הויז״ איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק די באַמיהונגן פון דער פאַמיליע ווערדע, כדי צו פאַראייביקן ״דעם אַנדענק פון זייער איינציקער פאַרשטאָרבענער טאָכטער מינע ווערדע ז״ל״.

די דאָזיקע פאַמיליע האָט זיך געווידמעט מיט לייב און לעבן פאַר דער אינסטיטוציע, וועלכער זיי האָבן אויך געשענקט זייער גאַנץ פאַרמעגן.



אַ גרופּע אַלטע פרויען וואָס האָבן געוווינט אין ״מושב זקנים״ פון דער ״דאָבראָטשינאַשטש״־געזעלשאַפט

עס האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן ביז 30 זקנים און זקנות און ביז 90 יתומים און יתומות וועלכע האָבן באַקומען די בעסטע דערציונג, דורך דיפּלאָמירטע, פאַרכמענישע פּעדאַגאָגן.

עס זענען דאָרט אויך איינגעאָרדנט געוואָרן פאַרשידענע טעכנישע וואַרשטאַטן אין וועלכע יתומים און יתומות אין עלטער 16 יאָר, האָבן זיך געלערנט פאַרשידענע פאַכן, וועלכע זאָלן פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ אין זייער צוקונפט.

פרוי יוזעפא שטארקע איז געווען די לייטערין פון דער אָפּטיילונג.

דאס ״קינדער־היים״ פון ״דאבראטשיננאשטש״

אינעם ״קינדערהיים״ האָבן זיך געלערנט און זענען גוט געשפּייזט געוואָרן אַ גרויסע צאָל פון די אָרעמסטע קינדער פון שטאָט.

דער אַנשטאַלט האָט אויך געזאָרגט פאַר די באַקליידונג פון די קינדער, וועלכע האָבן זיך אין דעם גענויטיקט.

די פאַרוואַלטערין פון דעם ״קינדער־היים״ איז געווען פרוי ווירזשביצקא.

די זארג פאר ארעמע קימפעטארינס

אַ ספּעציעלע פרויען־קאָמיסיע ביים ״דאבראטשיננאשטש״ האָט געזאָרגט פאַר די יידישע אָרעמע קימפּעטאָרינס, וועלכע זענען אין זייער גרעסטער טייל געווען פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָבן געלעבט אין די ערגסטע וווינונגען און זענען על פּי רוב באַשטאַנען פון גרויסע משפחות.

די ״פרויען־קאָמיסיע״ ביים ״דאבראטשיננאשטש״ האָט קודם־כל זיי באַזאָרגט פלעצער אין שפּיטעלער פאַרן געבורט, פאַרשאַפט הלבשה פאַר זייערע פּיצעלעך ניי־געבוירענע קינדערלעך, ווי אויך געהאַט אויפזיכט אויף די איבעריקע קליינע קינדער, ביז די קימפּעטאָרינס האָבן זיך געקאָנט מיט זיי צוריק באַשעפטיקן. זיי האָבן אויך איינגעאָרדנט די ״בריתן״ פון די ניי־געבוירענע יונגעלעך און בכלל זיך מטפל געווען מיט די נויטווענדיקע און זיי געגעבן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף מיט אַ ברייטער האַנט.

אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער וויכטיקער הילפס־אַרבעט האָט די פרוי סארנא, וועלכע האָט זיך דערצו איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן.

(ליידער, זענען די מעשים־טובים אַוועק מיטן פייער אין דער גרויסער שריפה פון פוילישן יידנטום אין די גרויזאַמע טעג פון דער נאַצישער אינוואזיע !).

מיר גיבן דאָ אַ קורצן באַריכט וועגן דער 32 יעריקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער וויכטיקער אינסטיטוציע "דאבראטשינגאשטש", וועלכער איז, זיינער צייט, פאַר־עפנטליכט געוואָרן אין דער טשענסטאָכאָווער יידישער פרעסע.

אין יאר 1935 איז אין זאל פון דער קהלה פארגעקומען די 32־טע יערלעכע אלגעמיינע פארזאמלונג פון "דאבראַ־טשינגאשטש". אין אנהויב האָט מען באַעערט דעם אנדענק פונעם נישט לאנג פארשטארבענעם פרעזעס — הערמאן גינסבערג.

די זיצונג האט געפירט דער דירעקטאר ס. פרושיצקי און אין פרעזידיום איז אויך געווען : אינזשיניער פשיסוס־קער און אלס סעקרעטאר — דאבזשינסקי.

ד"ר ל. באטאוויע האט אפגעגעבן דעם טעטיקייטס־באַ־ריכט, פון וועלכן ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז אפילו ביי דעם עקאנאמישן קריזיס, האט די אינסטיטוציע נישט פארקלענערט איר טעטיקייט און דער שפיטאל, דער "מושב־זקנים" און דער "יתומים־הויז", י׳ זומער קאלאניע האָבן פולשטענדיק דערפילט זייערע פליכטן. אמת מ'האָט געהאַט צו קעמפן מיט גרויסע שוועריקייטן אבער דאָס געפיל פון אחריות איז געווען גענוג שטאַרק ביי די עסקנים און די אינסטיטוציעס זענען דערהאלטן געווארן. אמת, אז צוליב גרויסן מאנגל אין געלט האט מען קיין נייע אינוועסטיציעס נישט געקאנט מאכן.

ד"ר סט. קאהן האט אויסגעדרוקט זיין פארוואונדערונג צוליב דער קליינער צאל באטייליקטע אין דער אלגעמיינער פארזאמלונג און געבעטן די פארטרעטער פון דער פרעסע, זיי זאלן דאס באמערקן אין זייערע באריכטן וועגן דער אינסטיטוציע אין זייערע צייטונגן.

דער יערליכער בודזשעט אין סומע פון 313.300 זלאטעס איז באשטעטיקט געווארן.

אין דער נייער פארוואלטונג, זענען אויסגעוויילט געווארן די ה"ה : י. אימיך, פרוי גראסמאן, נ. קאהן, ד"ר סטאַ־ניסלאוו קאהן און ד. שווארץ.

ישראל בוכמאן

דער פינאַנציעלער קריזיס פון יידישן שפּיטאָל

צוויי צענטערן פון מעדיצינישער הילף זענען געווען אין טשענסטאָכאָוו : די געזעלשאַפט "טאז" און דאָס יידישע שפּיטאָל. דאָס יידישע שפּיטאָל האָט געגרינדעט הענריק מארקוספעלד, דער גרויסער טשענסטאָכאָווער נדבן, צום אַנדענק פון זיינע עלטערן. דאָס שפּיטאָל איז געווען גוט איינגעאָרדנט און האָט געגעבן מאַקסימאַלע הילף פאַר אָרעמע און אומבאַמיטלטע קראַנקע. נישט נאָר פון טשענס־טאָכאָוו, נאָר אויך פון דער גאַנצער סביבה, דאַרונטער אַפילו שווערע קראַנקע, וואָס זענען געלעגן אין שפּיטאָל זער לאַנג.

ביז 1934 האָט דאָס שפּיטאָל זיך אויסגעהאַלטן דורך קהילה־סובווענציעס און דורך ביישטייערונגן פון אַ טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. די פינאַנציעלע לאַגע פון שפּיטאָל איז קיינמאָל נישט געווען קיין געהויבענע, אָבער, אין יאָר 1934 האָט דאָס שפּיטאָל דורכגעמאַכט אַ שאַרפן פינאַנציעלן קריזיס. דער מאַגיסטראַט האָט געוואָרט אויף דער געלעגנהייט, כדי אַרויסצונעמען דאָס שפּיטאָל פון



דער מעדיצינישער פערסאָנאַל פון יידישן שפּיטאָל

די הענט פון דער יידישער קהילה און עס פאַרוואַנדלען אין אַ שטאַטיש שפּיטאַל און סאיז געווען אַ גרויסע סכנה אַז דער מאַגיסטראַט וועט זיינס אויספירן.

עס איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון געזעלשאַפטלעכע טוער, צוזאַמען מיט דער פאַרוואַלטונג פון שפּיטאַל, ווי אויך פון „טאז", וווּ ס׳איז געשילדערט געוואָרן דער שווערער מצב פון שפּיטאַל און די דראָענדיקע סכנה, אַז ס׳ וועט נישט בלייבן קיין אַנדערע ברירה, ווי זיך אונטער צו געבן דעם דרוק פון מאַגיסטראַט.

לויטן פאַרשלאַג פון אַלטער באמס, שמואל פראנק, אַדוואָקאַט אַש, אלטער באמס, ישראל בוכמאן און שמואל פראנק, אַז מען דאַרף דורכפירן אַ פאַרשטאַרקטע זאַמלאַקציע צווישן די יידישע באַפעלקערונג. האָט די פאַרזאַמלונג באַשלאָסן מאַכן אַ מאַסן־זאַמלונג פון שטוב צו שטוב פאַר׳ן שפּיטאַל. די אַקציע האָט אַרויסגערופן די סימפּאַטיע פון אַלע שיכטן פון פאָלק; די טשענסטאָכאָווער יידן און אַפילו די אָרעמסטע שיכטן, האָבן זיך באַטייליקט אין דער געלט־זאַמלונג.

(אַזוי אַרום איז דאָס שפּיטאָל געראַטעוועט געוואָרן און איז געבליבן אין די יידישע הענט ביז דער בלוטיקער שחיטה פון די אַלע דאָזיקע נדבנים, צוזאַמען מיט די קראַנקע און גאַנצן מעדיצינישן פּערסאָנאַל).

גאדל פרייטאג

די חברה „תומכי עניים"

יעדער שטאָט האָט אירע ספּעציפישע עסקנים, וועלכע ווערן זער אָפט געקרוינט מיטן נאָמען „משוגעים לדבר אחד", צוליב זייער מסירות־נפש׳דיקער אַרבעט פאַר זייער — אַ הייליקער זאַך.

אַזאַ ייד איז געווען אויך אין טשענסטאָכאָוו — זיין נאָמען איז געווען עמנואל ווייצענבלאט. דער דאָזיקער ייד האָט בשום אופן נישט געקאָנט משלים זיין מיטן געדאַנק, אַז אין אַזאַ יידישער שטאָט ווי טשענסטאָכאָוו איז געווען, זאָלן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן נישט קיין חלות אויף שבת און „אומר־ועושה", — האָט ער אויף זיך גענומען די גרויסע מצוה און אָנגעהויבן זאַמלען שבת־חלות און אַפילו ברויט און עס צוטיילט צווישן אָרעמע, נויטבאַדערפטיקע יידן.

מיט דער צייט האָבן זיך געפונען אין אונדזער שטאָט נאָך עטלעכע יידן, וואָס האָבן אויך געוואָלט זיך משתתף זיין אין דער גרויסער מצוה און זיי האָבן אים אָנגעהויבן העלפן זאַמלען די חלות.

די נויט אין דער יידישער גאַס איז כסדר געוואַקסן און מ׳האָט געמוזט די זאַך אַוועקשטעלן אויף ברייטערע און פעסטערע יסודות.

לויט דער איניציאַטיווע פון רעדאַקטאָר ב. באַטשאַן איז געגרינדעט געוואָרן די חברה „תומכי־עניים" וועלכע איז לעגאַליזירט געוואָרן דורך דער מאַכט און איז אין אַ קורצע צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער פאַרצווייגטער הילפס־אינסטיטוציע.

יעדן שבת, מיטאָג׳ס צייט, האָט מען אין לאָקאַל פון „תומכי־עניים" פאַרטיילט ביז 260 פּאַרציעס, וועלכע האָבן געהאַט, נישט בלויז חלות, נאָר אויך פאַרשידענע פּראָדוקטן, — פאַר די צרכי שבת.

די פּאַרציעס זענען געטיילט געוואָרן אין דריי קאַטעגאָריעס, פאַר גרעסערע און קלענערע משפחות, ווי אויך פאַר „פאַר־פעלקער".

אויסער דעם האָט מען צו 40 משפחות פון געפאַלענע בכבודיגע, געשיקט די פעקלעך אַ היים דורך ספּעציעלע שליחים.

און אַזוי זענען יעדן שבת אַרויס פשוט׳ע יידן, וואָס האָבן אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט שווער אויף זייער חיונה, און זיי האָבן זייער שבת־רוה געווידמעט דער גרויסער מצוה „וחי אחיך עמך", זיך געשלעפּט מיט די שווערע קוישן איבער אַלע גאַסן ווו יידישע בעלי־בית׳טעס האָבן

זיי, — די אַזוי גערופענע "גוט־שבת אידעלעך" — אָפּגע־וואָרט ביי זייערע טירן און פענסטער און פול געמאַכט זייערע קוישן מיט חלות און פאַרשידענע שבת־דיקע מאכלים פאַר די אָרימע יידישע משפחות פון שטאָט.

אויף פסח האָט די "תומכי־עניים" אָרגאַניזירט אַ ספּעצ־יעלע אַקציע פאַר 400 משפחות.

לכבוד פסח האָט מען, חוץ די מצות און אייער אויך געשיקט יעדן אַ געלט־שטיצע, כדי ער זאָל זיך קאָנען קויפן דאָס נויטיקסטע, לויט אייגענעם איינזעען.

די אַקטיווסטע טוער זענען געווען: עמנואל ווייצנבלאַט, בערל באַטשאַן, יהונתן איזראַעלאָוויטש, ביינוש וואַזשניצא און קרויסקאָפּף.

(ביינוש וואַזשניצא האָט נאָך זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און איז געשטאָרבן אין רחובות).

זייענדיק אין יאָר 1937 אין מיין געבורט׳ס־שטאָט טשענ־סטאָכאָוו האָב איך געהאַט די מעגליכקייט צו זעען מיט מיינע אויגן, וואָס די עסקנים פון "תומכי־עניים" האָבן אויפגעטון פאַר די נויטווענדיקע בכבוד׳דיגע אָרעמע יידן און אַלץ — "שלא על מנת לקבל פרס" און מיט ברודער־ליכער האַרציקייט.

(אָבער, ווער האָט געקאָנט טראַכטן, אַז צוויי־דריי יאָר שפּעטער, וועלן סיי די עסקנים און סיי די נצרכים שוין מער נישט זיין אויף גאָט׳ס וועלט און אַז די רוצחישע הענט וועלן זיי אַלע אומברענגען!).

ו. ה.

די "בית־לחם" אינסטיטוציע

כדי צו באַזאָרגן הונדערטער אָרעמע, בכבודיקע יידישע משפחות מיט ברויט, האָבן עטלעכע יידישע כלל־טוער געגרינדעט אין יאָר 1922 — די חברה "בית־לחם".

ביי דער פייערונג פון די 15 יאָריקע עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע — אין נאָוועמבער 1937 — איז קאָנסטאַטירט געוואָרן, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך פיל פאַרערגערט און אַז די פליכטן פון דעם "בית־לחם" לגבי די נויטווענדיקע, איז נאָך מער געוואַקסן.

עס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז מען דאַרף פאַרשרייבן דעם "בית־לחם" אַ גרויסן דאַנק פאַר זיין איניציאַטיוו, צו באַשפּייזן איבער 400 קינדער תלמידים פון "מחזיקי־הדת" און פון דער שטאָטישער "תלמוד־תורה". אַ חוץ דעם פלעגט "בית־לחם" פאַרטיילן צווישן עטלעכע הונדערט יידישע משפחות "שפּייז פעקלעך" אויף אַלע ימים־טובים, ווי אויך אַ גאַנץ יאָר — פאַר די באַזונדערס אָרעמע, טשענ־סטאָכאָווער יידן.

די געזעלשאַפט האָט כסדר אויפגעפּאַדערט די פאַרמעג־ליכע יידישע באַפעלקערונג צו העלפן, ווי ווייט מעגליך, די הונגעריקע ברידער און שוועסטער אין זייער נויט.

דער "בית־לחם" האָט אויך אָרגאַניזירט אַ ווינטער־אַקציע כדי צו פאַרזאָרגן די נויטבאַדאַרפטיקע מיט קוילן און קאַרטאָפל. יאָר־יערליך איז דער ערשטער טראַנספּאָרט באַשטאַנען פון צוטיילן זעקס וואַגאָן קוילן און פיר וואַגאָן קאַרטאָפל.


כדי די אַקציע דורכצופירן, ווי עס דאַרף זיין, האָט די חברה איינגעאָרדנט אַ געלט־זאַמלונג, פון שטוב צו שטוב, און געזאָרגט אַז יעדערער זאָל זיך באַשטייערן, ווייל די נויט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער אינסטיטוציע וועלכע איז דענסטמאָל פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער יידישער־קהלה איז אויסגעוויילט געוואָרן די פאָלגנדיקע פאַרוואַלטונג: א. אבראַמאָוויטש, מ. ארזשינסקי, ב. באַט־שאַן, ל. בוים, מ. ש. בענצלאָוויטש, ט. גאָלדשטיין, צ. גאַנשיעראָוויטש, ש. דיאַמענט, ע. הויפּטמאַן, א. ווין, ס. וויינבוים, ה. חאַסקעל, מ. טאַביאַש, י. ש. טענענבוים, טענענבערג, ל. יאַקובאָוויטש, א. יורעוויטש, ה. לאַפּידעס, א. ליכטער, ניימאַרק, ש. ניעמיראָווסקי, מ. סאַמסאָנאָוויטש,

עסיג, א. עפשטיין, מ. עפשטיין, ש. פייגע, ד. פיליפאוויטש, ט. ל. פעפערבערג, מ. קאזאק, א. קאנגרעצקי, ש. קליין, ק. קאַלצינגלאווסקי, ב. ראדאשיצקי, א. שומאכער, י. שטיבל און י. שטרויזבערג.

אין דער רעוויזיאנס־קאָמיסיע די ה״ה: העפטלער, י. פלאצקער און מ. ראַזנצווייג.

טראָץ דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע פון דער געזעל־שאַפט אין יענער צייט, האָט די פאַרוואַלטונג דאָך באַש־לאָסן דורכצופירן די הילפס־אַקציע אויף פסח. יעדע נויט באַדאַרפטיקע משפחה האָט באַקומען פאָלגענדיקע פראָ־דוקטן: 15 פונט מצות, 120 פונט קאַרטאָפל, 2 און אַ האַלבן פונט צוקער, 2 און אַ האַלבן פונט שמאַלץ ״קונע־ראל״, 7 און אַ האַלבן פונט ציבעלעס און 10 ליכט, ווי אויך וויין אויף ארבע כוסות.




קאָמיטעט פון ״תומכי עניים״ אין טשענסטאָכאָוו צווישן זיי: ב. באטשאן, פרוי שטארקע, י. ראַזענבערג, י. קראוסקאָף, פ. בלומענקראַנץ, מענדל אַש און שמואל פראַנק. (פון אונטן : די געשטיצטע)

ו. ה.

די געזעלשאפט "טאז"

די דאָזיקע וויכטיקע געזעלשאַפט וועלכע איז געשאַפן געוואָרן מיטן צוועק אפצוהיטן דאָס געזונט פון יידן — איבער־הויפט פון די נישט פאַרמעגלעכע שיכטן — האָט געהאַט איר צענטראַלע אין וואַרשע. זי האָט, אָבער, אויך געעפנט אפטיילונגען אויף דער פראָווינץ.

אין טשענסטאָכאָוו איז געגרינדעט געוואָרן אַן׳אָפּטיילונג פון "טאז", נאָך אין יאָר 1923, און אַלס איר לייטער און הויפּט־דאָקטאָר איז דענסטמאָל באַשטימט געוואָרן ד״ר סטעפאַן קאַן קאָלין.



ד״ר סטעפאן קאהן
פון די גרינדער פון "טאז" אין טשענסטאָכאָוו און דער ערשטער דירעקטאָר

די געזעלשאַפט האָט געהאַט פאָלגענדיקע אָפּטיילונגען:

(1) אַ סעקציע פאַר שול־היגיענע — איר לייטער איז געווען ד״ר לעאָן גוטמאַן.

(2) אַ סעקציע פאַר לונגן־קראַנקע מיט אַן׳אייגענעם אמ־בולאַטאָריום, רענטגען־קאַבינעט ווי אויך אַ לאַבאָ־ראַטאָריע פאַר באַקטעריאָלאָגיע, אַלץ, אונטער דער לייטונג פון ד״ר יוליאַן ליפּינסקי;

(3) אַ סעקציע צום שוץ פאַר מוטערס און קינדער א. נ. "טראָפּן־מילך", זי איז געפירט געוואָרן דורך פרוי ד״ר אַרלינסקי;

(4) אַ דענטיסטישער קאַבינעט — געפירט דורך ד״ר פּרץ;

(5) אַ קאַבינעט פאַר פיזיקאַלער טעראַפּיע — געפירט דורך ד״ר יוליאַן ליפּינסקי;

(6) אַן׳אייגענע זומער־קאָלאָניע אין אסטראָוו, — וועלכע איז געשאַפן געוואָרן ערשט אין יאָר 1930 — די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער משפחה פון ד״ר סטעפאַן קאַן־קאָלין אויפן נאָמען פון זייערס אַ קרוב באַלעסלאָוו טעמפּעל און זי האָט זיי געקאָסט ביז 10.000 זלאָטעס.
מיט דער קאָלאָניע האָט אנגעפירט די פרוי ד״ר ליפּינסקי, מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון "טאז"־סעקרעטאַר יעקב יצחק ראָזינער;

(7) אַ סעקציע פאַר דערנערונג פון שול־ און חדר־קינ־דער. אויך דער דאָזיקער אַנשטאַלט איז אַנגעפירט געוואָרן דורך פרוי ד״ר ליפּינסקי.

(8) אַ איינשפּריצונגס לאָקאַל כדי צו פאַרהיטן פון אַנ־שטעקנדיקע קראַנקהייטן.

דער "טאז" אין טשענסטאָכאָוו האָט זיך זייער שיין אַנט־וויקלט. ער האָט באַשעפטיקט 5 דאָקטוירים אין זײַן בוד־זשעט, — אויפן יאָר 1939, — האָט באַטראָפן 120.000 זלאָ־טעס. דורכ׳ן "טאז" אין זיינע אינסטיטוציעס זענען באַהאַנ־דלט געוואָרן יערליך ביז 15.000 מענטשן!

עס איז אונדז געלונגען צוגעפונען אַ באַריכט פון אַ יערליכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון איינער פון די ערש־טע יאָרן נאָך זיין אנטשטייאונג און עס איז כדאי צו ציטירן דעם דאָזיקן באַריכט.


די יערליכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער געזעל־שאַפט, האָט געעפנט דער פרעזעס פון "טאז" ד״ר סטעפאַן

קאָן. לויט זיין פאָרשלאָג איז באַערט געוואָרן דער אָנדענק פון ד״ר צמח שאבאד, פאָרזיצער פון דער "טאז"־צענטראַלע אין וואַרשע און פון דעם ריכטער הימלפאַרב, איינער פון די אַקטיוויסטע "טאז" — טוער אין פוילן.

אַלס פאָרזיצער פון דער פאָרזאַמלונג איז אויסגעוויילט געוואָרן, — אַדוואָקאַט חיים ד. מאַרקאָוויטש, אַלס בייזיצנדע: אינזש. פשיסוסקער און ד״ר ר. טענענבוים און אַלס סעקרעטאר: פּראָפ. לעאָן וויינשטאָק.

פון דעם באַריכט דערוווּסט מען זיך, אַז יעדעס יאָר נעמט דער "טאז" ארויס פון די נאסע, פייכטע קעלערן הונדערטער אָרעמע יידישע קינדער און שיקט זיי אויף אַ חודש־צייט אין זיינע זומער־קאָלאָניעס, ווו זיי געפונען זיך אונטער גוטער מעדיצינישער און פעדאַגאָגישער אויפזיכט און באַקומען גוט און פריש עסן צו דער זעט.

דער אינטערעסאַנטער באַריכט שילדערט זיין טעטיקייט אויפן געביט פון די זומער׳דיקע קינדער־קאָלאָניעס און דערציילט:



"טאז" — קאָלאָניע פאַר יידישע קינדער פון אמסטעוו

דאס ארעמע יידישע קינד, וואס פילט תמיד, אז די ערד אויף וועלכער ער טרעט איז נישט זיינע און זעט תמיד די בייזע בליקן פון דער אַרומיקער סביבה און אָפטמאָל "כאפט" ער אויך אריין זייערע קלעפּ, ווערט דערמוטיקט פון דער מוטערלעכער וואַרמקייט, וועלכע עס נעמט אַרום דעם קינדער־קאָלעקטיוו אין זייער זומער־קאָלאָניע ווו דאס גוטע עסן, די פרישע לופט דערוואַרעמען זיין פאַרפרוירן נשמה׳לע...

נאר דער וואס האט געזען די דאזיקע קינדער ביי זייער אנקומען אין דער קאלאניע און דערנאָך זיי אויך געזען ווען זיי האבן די קאלאניע פארלאזט, האט געקאנט פאַרשטיין די וויכטיקייט, וואָס די פּאָר וואָכן פרישע לופט האָבן פאר די דאזיקע ארעמע קינדערלעך. אבער נישט בלויז דאס איז וויכטיק, וואס די בלאסע, איינגעפאלענע בעקעלעך זענען געווארן א ביסל פרישער און רויטער. וויכטיק איז אויך דאס, וואס איז משך פון דעם דאזיקן חודש ווערן די קינדער אויך גוט דערצויגן. מיט טרערן און מיט בענקשאַפט פאַרלאָזן זיי די קאלאניע און אין משך פון גאנצע עלף חדשים חלומען זיי וועגן פארברענגען נאך אזא חודש אין דער קאלאניע, אין קומענדיקן יאר.

"... ביי א באזוך פון דער פארוואלטונג אין א פאר שטעטלעך, ווו עס זענען ארגאניזירט געווארן די "טאז"־קאלאניעס האבן זיי זיך איבערצייגט, אז נישט נאר די קינדערלעך, נאר אויך זייערע עלטערן זענען זייער צופרידן פון די קאלאניעס. אין אמסטוב למשל קומט צו לויפן א יידענע מיט א פיצל קינד אויף די הענט און זאגט: אזוי ווי זי האט שוין צוויי קינדער אין דער קאלאניע, בעט זי, מ׳זאל אויך דאס דריטע קינד ארײננעמען אהינצו, ווייל ס׳איז איר נעבעך א צער צוצוקוקן, ווי דאס קינד שטייט נעבעך ביים גארטן און וויל אויך אריין אינעווייניג..."

"... מיר האבן אויך באזוכט קאניעצפאל, ווו ס׳איז געווען ארגאניזירט א קאלאניע פאר 140 קינדער. אין מיטן דער זיצונג פון קאמיטעט, רייסט זיך פלוצים אריין א ייד מיט א געוויין און בעט, אז דער "טאז" זאל אויך העלפן זיין דערוואקסענע טאכטער, וועלכע באקומט גאנץ אפט נערוון־אטאקעס און אין שטוב איז אפילו נישטא אויף ברויט און ער דערקלערט, אז ער וועט נישט אוועק גיין, ביז מ׳וועט אים נישט העלפן..."

"אזוי איז אין יעדן פונקט; פשערוב, יאנאוו, אלשטין, מיעדזשנא, אומעטום דאס זעלביקע בילד. אט דערציילט א מאמע: "מיין מלכה׳לע איז שוין דאס דריטע יאר אין איין קלאס און די לערערין (פארשטייט זיך א אריערין) וויל זי בשום אופן נישט לאזן העכער שטייגן, כאטש מיין מלכה׳לע איז א זייער גוטע שילערין".

"... אַ פאַטער, ווידער, דערציילט: "פריער זענען זיינע צוויי קינדער א היים געקומען פון דער שולע ווו עס לערנען יידישע און קריסטלעכע קינדער צוזאמען און געוויינט, צוליב די רדיפות און שיקאנעס וואָס זיי שטייען אויס אין דער דאזיקער שולע. מיט דער צייט האבן זיי אויפגעהערט צו וויינען, ווייל זיי האבן זיך שוין צוגעוווינט צו שלעפן אויף זייערע יונגעטשקע פלייצעס דעם שווערן גלות יאך, צוגלייך מיט די דערוואקסענע".

די געזעלשאַפט "טאז" האָט געפירט אַ גראַנדיעזע פאַרצווייגטע אַרבעט, פאַר וועלכער זי האָט זיך קונה שם געווען ביי די ברייטע יידישע מאסן אין פוילן.

"די געזעלשאפט ארגאניזירט אויך האלב־קאלאניעס. אזא מין קאלאניע איז אויך געווען אין קהילה־פרעזעס ראזענבערגס גארטן פאר ביז 160 קינדער. זיי זענען געקומען אכט א זייגער אינדערפרי און דארט געבליבן ביז פארנאכט, זיי האבן דארט באקומען פיר מאל אין טאג עסן,

די האלבע קאלאניע איז אנגעפירט געווארן דורך דער לערערין ר. געלבארד. עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו זען, ווי די פון הונגער געפייניקטע ״משה׳לעך״ און ״שלמה׳לעך״ פארברענגען א גאנצן חודש אויף דער פרייער לופט און זייערע שוואכע לונגען זאפן אין זיך איין פרישע לופט און כוח, פאר א גאנץ יאר.

אין דער ״טאז״־קאלאניע אין בלאכאווניע איז פארגעקומען אַ פייערונג. דעם גאַנצן פּראָגראַם האָבן אויסגעפירט נאר די קינדערלעך. דער פראגראם איז געווען: לייענען ארטיקלען פון דער קאלאניע־צייטונג, געשריבן דורך קינדער, געזאנג, טענץ, ״לעבדיקע בילדער״ און דעקלאמאציעס. עס האבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט: קרישא אראנאוויטש און די שילערין ווארגאן.

די ״טאז״־פֿאַרוואַלטונג אָרדנט אויך איין יעדער יאָר, נאָכן פֿאַרענדיקן די זומער־קאלאניעס, אַ קאָלעקטיוון אויספלוג אין אַלע ניין פּונקטן, ווו ס׳זענען איינגעאָרדנט געוואָרן קאָלאָניעס, כדי די געזעלשאַפט זאָל זיך באַקענען נענטער מיט דעם וואָס איז געמאַכט געוואָרן פֿאַר די קינדער, וועלכע פרייען זיך זעלבסטפֿאַרשטענדלעך מיט די געסט און זייערע עלטערן.

ביים קאלעקטיוון־אויספלוג האבן מיר זיך קודם־כל אפּגעשטעלט אין אלשטין ווו ס׳איז פאר די 40 געסט געווען צוגעגרייט א פרישטיק. די לערערין העלא וויינרייך, האט אויך צוגעגרייט, צוזאמען מיט די קינדער, א שיינעם ארטיסטישן פראגראם.

נאכדעם זענען מיר געווען אין יאנאוו. דאָרט איז פאראן א ״האלב־קאלאניע״ פאר 30 קינדער, אנגעפירט דורך פרל. קאן; און קאניעצפאל, די ״קאלאניע״ ציילט 140 קינדער. זי געפינט זיך אין וואלד, ווו עס איז פאראן: ריינע, טרוקענע לופט, זון, שאטן, גוט וואסער און אלע אנדערע באקוועמלעכקייטן.

די קאלאניע אין פּשעראוו ציילט 85 קינדער און ווערט אנגעפירט דורך פרל. יאקובאוויטש, בעת אונדזער באזוך האט די לערערין געדאנקט דעם טשענסטאכאווער ״טאז״ פאר זיין ארבעט לטובת די ארעמע קינדער.

די פארשטעלונג, וואס איז איינגעארדנט געווארן דורכן לערער־פערסאנאל, אליצקי פון לאדז (מיטארבעטער פון די ״ליטעראַרישע בלעטער״) און בלומע זיידמאן, האט געהאט א גרויסן דערפאלג.

פון דאָרט זענען מיר געקומען קיין אמסטוב, — דער לעצטער פונקט פון אונדזער אינטערעסאַנטן אויספלוג, ווו די קאלאניע איז אנגעפירט דורך ה׳ שידלאווסקי.

מיר געזעגענען זיך הארציק מיט די ליבע קינדערלעך און זייער לערערין פרל. ראזענטאל פון לאדז.

צומארגנס האבן מיר באזוכט קלאבוצק, ווו עס געפונען זיך 110 קינדער די קאלאניע אין אנגעפירט דורך דער פרעזעסין פון ״טאז״ פר. בעלא זיגעלבוים און דורך אהרון שמולעוויטש. די לערערין געניא בערקאוויטש, האט איינשטודירט מיט די קינדער זייער א רייכן פראגראם און די פארשטעלונג איז א דורך מיט גרויס דערפאלג.

פון דארט זענען מיר געפארן קיין קרזשעפיץ, ווו עס איז געווען די קאלאניע פאר 140 קינדער, די קאלאניע געפינט זיך אין אַ שלאס אין וועלכן ס׳זענען פאראן די אידעאלסטע באדינגונגען. נאך דער פארשטעלונג זענען די געסט און דער ארטיקער קאמיטעט איינגעלאדן געווארן צו א באנקעט, אויף וועלכן דער עסקן שיליט, האט אין נאמען פון די געסט געדאנקט דעם טשענסטאכאווער ״טאז״ פאר דער פראקטפולער ארגאניזירונג פון די קאלאניעס, וועלכע האבן ארויסגערופן אלעמענס באגייסטערונג.

מיט אונדזער רייזע קיין מיעדזשנא, ווו עס האבן זיך געפונען 30 קינדער האט זיך דער אויספלוג פארענדיקט.

פון אונדזערע געשפרעכן מיט די קינדערלעך האבן מיר זיך איבערצייגט, אַז אַלע זענען זייער צופרידן מיט די קאלאניעס, זיי האבן נאר איין און איינציקע פראגע: פארוואס מוזן מיר ווארטן אזש גאנצע עלף חדשים ביז צו דער קומענדיקער קאלאניע? . .

נאָכן פֿאַרלייענען דעם דאָזיקן באַריכט — וועלכער איז געשריבן געוואָרן דורך ה׳ מ. קויפמאַן — וועגן דער פרוכטבארער אַרבעט פון ״טאז״ אויפן געביט פון די קינדער־קאלאניעס און נאָכן אויסהערן די איינדרוקן פון נאָך עטלעכע פון די באַטייליקטע אין קאָלעקטיוון־אויספלוג אין די אַלע קאלאניעס און האַלב־קאלאניעס און די ארויסגעזאָגטע מיינונגען פון פאַרשידענע חברים וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, האָט די אַלגעמיינע־פֿאַרזאַמלונג איינשטימיג באַשלאָסן:

(1) באַשטעטיקן דעם בודזשעט פון 27.700 זלאָטעס;

(2) די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג דרוקט אויס אַ דאַנק אַלע דאָקטוירים, וועלכע אַרבעטן אין ״טאז״ אינגאַנצן אומזיסט אָדער פאַר אַ קליינעם האָנאָראַר;

(3) אין דער נייער־פאַרוואַלטונג זענען געוויילט געוואָרן: ד״ר סטעפאַן קאַן, דענטיסט א. פרץ, ד״ר הירשבערג, דאָקטאָרין שלייכער און דאָקטאָרין ב. העלמאַן. אַלס פאַרטרעטער: ד״ר ב. טענענבוים, ש. ניעמיראָווסקי. און וו. בילקאָווסקי. אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: ג. פּרעגער, א. וויינטרויב, א. ווערנער, י. ענגעל און מ. עפּשטיין.

ו. ה.

"גמילות־חסדים" קאַסעס

די ערשטע "גמילות־חסדים־קאַסע" — אויף פּילסודסקי גאַס 31 האָט עקזיסטירט כמעט 20 יאָר.

איר טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גאַנץ קליינעם סכום, אָבער זי האָט זיך כסדר גוט אַנטוויקלט און דערגאַנגען ביז איבער צען טויזנט זלאָטעס, — אייגענעם קאַפּיטאַל. דאָס האָט איר דערמעגליכט געמאַכט אַרויסצוגעבן טויזנטער הלוואות און דערמיט העלפן הונדערטער האַנטווערקער און קליינהענדלער אין קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ.

דער פּרעזעס פון דער "גמילות־חסדים" קאַסע אַדוואָקאַט קאַניאַרסקי האָט געאַרבעט לטובת דער קאַסע מיט גרויס מסירת־נפש און האָט, פון צייט צו צייט, אויך איר געבאָרגט געלט פון זיין פּריוואַטן קאַפּיטאַל, — אַ זאַך, וואָס אַנדערע עסקנים האָבן דאָס נישט געטון...

אַדוואָקאַט קאַניאַרסקי האָט זיך תמיד, באַמיט, אַז יעדער ייד, — אַ קלייהענדלער אָדער אַן האַנטוועקער, — וואָס האָט געבעטן אַן הלוואה זאָל זי באַקומען און ווי אַמשנעלסטן איבערהויפּט, פאַר ניי־יאָר, ווען זיי האָבן געדאַרפט אויסקויפן די פּאַטענטן צו פירן זייער האַנדל אָדער בית־מלאָכה.

אין די לעצטע יאָרן, — פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, — זענען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער "גמילות־חסדים"־קאַסע געווען די ה"ה: אַדוואָקאַט גאָלדבערג, גרין, האַפּטקע, וואַרמונד, וועקסלער און שומאַכער.

✶

עס איז אין טשענסטאָכאָוו אויך געווען אַ צווייטע "גמילות־חסדים"־קאַסע אונטערן נאָמען "אהבת־אחים", וועלכע, האָט אויך געאַרבעט זער איבערגעגעבן לטובת אירע מיטגלידער.

איר פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון די ה"ה: אברהם גרינשפּאַן, חיים ווײַנהאָלץ, יוסף זיידמאַן, חיים לאַנצמאַן, חיים יצחק פּאַצאַנאָווסקי, יעקב ראָזענבערג און מאיר שמואלעוויטש. אַלס פאַרטרעטער: די ה"ה אייזנשטיין, פייער, פראַנק און פּשעדבאָרסקי, און אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע די ה"ה זינגער, קאַלין און שטערנבערג.

ו. ה.

דער "מלביש ערומים" פאַראיין

אין אונדזער שטאָט האָט אויך עקזיסטירט אַ געזעלשאַפט אונטערן נאָמען "מלבוש ערומים", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך אברהם משה שפּאַלטן און זשיטניצקי, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר איר אויפגאַבע צו — זאָרגן פאַר אָרעמע לייט, וואָס געען אַרום באָרוועס און נאַקעט, צוליב זייער טרויעריקן עקאָנאָמישן מצב.

ליידער זענען מיר נישט אומשטאַנד איבערצוגעבן מער גענויע און אויספירליכע פּרטים וועגן איר טעטיקייט,

חוץ אַ זער אינטערעסאַנטן פאַקט, וואָס איז געבליבן אין זכרון פון דעם "מזרחי"־עסקן און איינער פון די אַקטיווסטע טוער פאַרן "ספר צ׳נסטוחוב" ה׳ מ. ח. טיבערג, פון וועלכן ער איז געווען אנ׳עד־ראיה, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דורכגייענדיק, דורכן הויף פון דער "שקאלא רז׳עמיעש־ניצ׳א", האָט ער געזען אויף 2 וועגעלעך אין איינעם — קליינע קאַלאָשן און אויפן צווייטן שיכלעך און די קינדער־לעך פון דער דאָזיקער שולע האָבן באַקומען גאַנץ אומזיסט קאַלאָשן אָדער שיכלעך.

די חלוקה איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם גרינדער פון "מלבוש־ערומים" א. מ. שפאלטן און אַנדערע עסקנים וועמענס פּנימער האָבן געשטראַלט פון שמחה, קוקנדיק אויף די גליקליכע און פריילעכע פּנים׳לעך פון די אָרעמע קינדער.

מיר ווייסן אויך, אַז אין דעצעמבער 1938 איז פאָרגעקומען אַנ׳אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אויף וועלכע עס איז איבער־געגעבן געוואָרן אַ באַריכט וועגן איר טעטיקייט און עס איז באַשטעטיקט געוואָרן איר בודזשעט פאַרן יאָר 1939 (וואָס איז ליידער אויך געווען דאָס לעצטע יאָר פון איר טעטיקייט, צוליבן גרויסן חורבן פון אונדזער שטאָט).

די נייע פאַרוואַלטונג, וואָס איז דעמאָקראַטיש געוויילט געוואָרן איז באַשטאַנען פון די ה״ה: ב. באטשאן, סאלאמאן, שפאלטען, א. גיטלער, ד. וועקשטיין, מ. ד. לעווקאוויטש, א. נימארק, י. שטערנבערג, ג. גליקסמאן, י. איזראעלעוויטש זילבערפעלד און מ. אשינסקי, און אין דער רעוויזיאנס־קאָמיסיע: זבאראווסקי און ש. פראנק.

די פאַרוואַלטונג האָט געוויילט אין פּרעזידיום די ה״ה: ב. באטשאן — פּרעזעס, א. גיטלער און ס. שפאלטען — וויצע פּרעזעס׳ן, י. איזראעלעוויטש — סעקרעטאַר און שטערנבערג — סעקרעטאַר.

ש. ניסקי

"הכנסת־כלה" פאַראיין

דער דאָזיקער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן דורך סתם־יידן, פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געזוכט קיין כיבודים, נאָר, פּראָסט־פּשוט, געוואָלט מקיים זיין די גרויסע מצווה פון "הכנסת־כלה", וועגן וועלכער זיי האָבן נאָך געהערט פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס.

אין אַ קליין צימערל — אויף דער סענאַטאַרסקא גאַס 5 — איז געווען אַ "מנין" ווו עס האָבן געדאַווענט, — די אַזוי גערופענע "עמך"־לייט, — יידן וואָס זענען, נעביך, אַ גאַנצע וואָך פאַרשוואַרצט געוואָרן ביי זייער שווערער אַרבעט — שוסטעריי, שניידעריי, בעקעריי, און ביי שמי־דעריי. אַלץ אַזעלכע מענטשן וואָס האָבן געמוזט זיצן און אַרבעטן אין זייערע וואַרשטאַטן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַבי אַרויסצוציען די בידנע פּרנסה פאַר זייערע ווייבער און קינדער.

אָט די יידן, האָבן געשאַפן דעם "הכנסת־כלה"־פאַראיין, און זיי האָבן זיך אָפּגעשפּאָרט, ממש פון זייער טרוקן שטיקל ברויט, געגעבן אַליין און געשאַפן געלט פון פאַר־שידענע נדבנים פאַר אָרעמע כלות און זיי געשטיצט מיט אַלע מעגלעכקייטן — על פּי רוב אַפילו איבער זייערע כחות, — אַבי יידישע טעכטער זאָלן, חלילה, נישט פאַר־שעמט ווערן און ממשיך זיין דעם וווקס פון יידישן פאָלק.

וועגן די כלות וואָס נויטיקן זיך אין שטיצע האָבן זיי תמיד אַרומגערעדט ביים דאַווענען, — פרייטאָגס צו נאַכטס און שבת אין דער פרי, — אָבער, מוצאי שבת, באַלד נאָך הבדלה, האָבן זיך די דאָזיקע אָרעמע בעלי־מלאָכות מיט זייערע גבאים: לייבל ניסקי, זעליג בראַט, אברהם איינ־בינדער, לאשער, קאַרנענץ און געלבער, זיך אַרויסגעלאָזט זאַמלען געלט פאַר דעם "הכנסת־כלה"־פאַראיין.

צום שבח פון די טשענסטאָכאָווער יידן, דאַרף בעטאָנט

ווערן, אַז קיינער האָט זיך חלילה נישט אָפּגעזאָגט צו שטיצן דעם וויכטיקן פאַראיין און אַלע אָרעמע כלות, וואָס האָבן זיך נאָר געגויטיקט אין שטיצע זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט ״אויסשטייערן״ און מיט הוצאות־החתונה.

די דאַנקבאַרע פּאָר־פּעלקער, פלעגן איינלאַדן די גבאים אויף זייערע שמחות און זיי האָבן טאַקי דאָרט אויך מקיים געווען די גרויסע מצוה פון משמח זיין חתן וכלה. זיי האָבן שפּעטער זיך אויך משתתף געווען, ווען ביים ״פּאָרפּאָלק״ זענען געבוירן געוואָרן קינדער און ווען עס איז נויטיק געווען, — האָבן זיי אויך געהאָלפן איינאָרדענען דעם ״ברית״ אויפן חשבון פון זייער חברה.

(זעלבסטפאַרשטענדליך, האָבן אויך די דאָזיקע ערליכע עסקנים געהאָט דעם ביטערן סוף פון אַלע טשענסטאָכאָווער יידן. ד׳ ינקום דמם !).

ו. ה.

דער פאַראיין ״לינת הצדק״

די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט זיך געשטעלט פאַר איר הויפּט־אויפגאַבע ווערבירן חברים, וועלכע זענען פעהיג און זענען אויך מסכים צו נעמען אויף זיך די גרויסע מצוה פון ״ביקור־חולים״ און זיך באַטייליקן אין די ״נאַכט־משמורות״ אין די שפּיטעלער, ווי אויך אין די פּריוואַטע דירות פון שווערע קראַנקע, וואָס זייערע משפחות זענען שוין נישט אומשטאַנד אַליין אומגעען מיט זייערע קראַנקע, גאַנצע טעג און נעכט.

הגם אַזאַ אויפגאַבע איז נישט פון די לייכטע זאַכן, האָט דאָך די דאָזיקע וויכטיקע אינסטיטוציע געהאַט הונדערטער חברים און חברות וואָס האָבן אויף זיך גענומען די גרויסע מצוה און פלעגן שענקען פיל פון זייער צייט און רו דער דאָזיקער חשובער אינסטיטוציע.

די חברה האָט אויך געזאָרגט, אַז די אָרעמע קראַנקע זאָלן חוץ דעם אויך באַקומען מאַטעריעלע שטיצע און זי האָט פיל פון זיי געשיקט אויף איר חשבון אויף דערהאָלונג קיין אָטוואָצק אָדער אין אַנדערע סאַנאַטאָריום׳ס, זעלבסט־פאַרשטענדליך, לויט די פאַרשריפטן פון די דאָקטוירים.

די חברה האָט אויך געהאַט אין איר מאַגאַזין, פאַרשידענע מעדיצינישע מכשירים און זי האָט זיי אויסגעבאָרגט די פאַרשידענע קראַנקע, וועלכע האָבן זיך נישט געגויטיקט אין קיין נאַכט־אָדער טאָג־משמורות, נאָר בלויז אין אַ זעלכע כלים.

די לעצטע פאַרוואַלטונג פון דער חברה אין **באַשטאַנען** פון די ה״ה: ברז׳עזינסקי, גרונדמאַן, גרילאַק, יורקעוויטש, ד״ר ליפּינסקי, מייטליס, קרעל, ראַזנצווייג און ד״ר רוס.

ו. ה.

דער פרויען פאראיין "עזרה"

דער פרויען-פאראיין "עזרה" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1919. (אין יאָר 1939 — קורץ פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער אומגליקלעכער וועלט-מלחמה, וועלכע האָט אַ סוף געמאַכט פון טשענסטאָכאָווער יידן) — האָט דער פרויען-פאַראיין "עזרה" געפייערט זיין צוואַנציק-יעריקן יובילעאום.

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערליכע פאַרזאַמלונג אונטערן פאָרזיץ פון פרוי אינזשיניער פזשיסוסקער און אַלס בייזיצערין — פרוי קרעמסקא און אַלס סעקרעטאַרין — פרוי גאָלדמאַן.

פרוי ב. וועקסלער האָט איבערגעגעבן אַ קורצן איבער-בליק וועגן דער טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע — וועלכע האָט אין דער צייט פון איר עקזיסטענץ געראַטעוועט ממש הונדערטער משפחות. נאָכדעם איז פאַרגעלייגט געוואָרן דער יערליכער בודזשעט, וועלכער, איז דורך דער פאַר-זאַמלונג באַשטעטיקט געוואָרן.

די פאַרזאַמלונג האָט געוויילט פאָלגענדיקע פאַרוואַלטונג: די פרוי ב. וועקסלער אַלס פאָרזיצערין און אַלס קאָמי-טעטס-מיטגלידערינס די פרויען: י. בראַמבערג, פ. גוט-מאַכער, פ. גייסלער, ע. דווידאָוויטש, ד. זאַנד, א. ליפינסקא, ש. ערליך, ט. קאַפּלאַן, י. ראָזען, פ. רושין און מ. רייכער, אַלס פאַרטרעטער זענען געוויילט געוואָרן די פרויען: גאָלדמאַן, מ. גליקסאַן, ר. ליפשיץ, מ. פאַקטאָר, ל. פראַמער, ג. ציגלער, ל. קאַן, ב. קאַן, צ. ב. קאַן און ל. קרעמסקא.

ע. בן-משה

חברת "הכנסת-אורחים"

בראש פון דער וואוילטעטיקער אינסטיטוציע "הכנסת-אורחים", זענען געשטאַנען פשוטע יידן, פאָלקס-מענטשן פון פאַרשידענע קרייזן, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די גרויסע מצוה אָפּצוהיטן אברהם אבינו'ס שיינע מידה פון "הכנסת אורחים".

די דאָזיקע עסקנים זענען געווען יידן פון אַ גאַנץ יאָר און פאַרשידענע בעלי-מלאָכות, קליינהענדלער, שניי-דערס, שוסטערס, מאַרק שטייער, ווי אויך, בעלי-עגלות. נאָכדעם ווי אַ בעל-עגלה, למשל, איז אַרומגעפאָרן אַ גאַנצן טאָג מיט זיין דראָזשקע און געפירט אַ שווערע מלחמה מיט דער פוילישער קאָנקורענץ פאַר זיין בידנע פרנסה; אָדער דער סטאָלער צי דער היטלמאַכער, וועלכע האָבן מיט שווערע מי און שווייס קוים פאַרדינט זייער שטיקל ברויט, האָבן אָט די אַלע יידן, וועלכע האָבן אַליין געלעבט אין גרויס דחקות אין ענגע דירות אויף די בוי-דעם'ס און קעלערן, מיט אַ פולע שטוב קינדער בלי-עין-הרע און דערצו געדאַרט זייערע קעפּ צוליב דער זאָרג ווי אַזוי צו נעמען אַ נדן פאַר זייערע טעכטער וואָס

וואַקסן אונטער; — אַט די דאַזיקע יידן האָבן דאָך געפונען צייט און געדולד פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט — פאַר אַרעמע יידן, וועלכע זענען געקומען קיין טשענסטאָכאָוו און דאָ נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן.

אַט די יידן, האָבן אין „הכנסת־אורחים" געפונען אַ היים, אַ מעגלעכקייט איבערצונעכטיקן אין אַ ריין בעט אין אַ וואַרעמען צימער, און אַפילו אַפּעסן אַ „וויעטשערע", אַדער אויסטרינקען אַ וואַרם גלאָז טיי פאַרן שלאָפן.

די טייערע, פאַרפּלאָגטע און פאַרהאָרעוועטע יידן האָבן נישט געלעבט נאָר פאַר זיך נאָר תמיד געזאָרגט, אַז דוקא זיי זאָלן מקיים זיין דעם פסוק: „וחי אחיך עמך"!

אַט די אָרעמע פאָלקס־מענטשן האָבן עס געשאַפן אין יעדער שטאָט און דערונטער אויך אין אונדזער טשענס־טאָכאָוו, אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן אַזוי בולט אַרויס־געוויזן די עדעלע געפילן פון ברודערלעכקייט און געגנ־זייטיקער הילף!

די שיינע מעשים פון דער סימפּאַטישער אינסטיטוציע זענען פאַרבליבן אין אונדזער זכרון. אָבער, ליידער האָבן מיר נישט געפונען קיין שום מאַטעריאַל, לויט וועלכן מיר זאָלן קאָנען פאַראייביקן אויך די נעמען פון די דאָזיקע עסקנים. צניעות׳דיק האָבן זיי געפירט זייער הייליקער אַרבעט, זיי האָבן קיינמאָל נישט, געוואָלט קיין פרסום און — ווייזט אויס, אַז זייער רצון איז מקוים געוואָרן.

זיי זענען פאַרבליבן ווי די „אונבאַקאַנטע סאָלדאַטן", וואָס האָבן זוכה געווען צום גרויסן כבוד פון משה רבינו, וועגן וועלכן מיר ווייסן אז — „ולא ידע איש את קבורתו"!

כבוד ויקר „לחיילים הנעלמים" האלה ותהיינה נשמותיהן הקדושות, צרורות בצרור החיים הנצחיים של העם הנצחי!



דער קאָמיטעט פון חברת „הכנסת־אורחים" אין טשענסטאָכאָוו

1) מענדל עפשטיין. 2) אברהם עפשטיין. 3) יהושע ווילינגער. 4) שלמה עפשטיין. 5) מאיר מערין. 6) מאיר נודעלמאן. 7) ישעיהו אבערמאן. 8) אלטרניימארק. 9) בעריש לענענבערג. 10) אהרן עסיג. 11) שמואל זילבערבערג. 12) שלמה גריצא. 13) שמעון מערין. 14) הערשל עפשטיין. 15) יהושע מאקאווסקי און 16) משה מעסערמאן.

מוסדות כלכליים שונים

יעקב לויט

התעשיה בצ'נסטוחוב, בהתהוותה ובהתפתחותה

בבואנו לסקור את חלקה של התעשיה בהתפתחותה וגי־דולה של עירנו עד לימי השואה ולקבוע את מקומה של צ'נסטוחוב בחייה הכלכליים של פולין, עלינו להזכיר גם את ה"ויכוח" שהתנהל בין אנשי הכלכלה שבמדינה בדבר העיר או הסביבה, שזכאית לתפוס את מקום־הכבוד השני לאחר לודז' — בדרגת התפתחות התעשיה שבפולין הקונ־גרסאית.

היו בין המתווכחים שטענו, כי מקום מכובד זה יש להועיד לחבל דומברובה־גורניצ'ה וסביבתה, אבל, לעומת זה, אמרו אחרים — שעשירותו של חבל זה בא לו, בעיקר בג־לל מכרות־הפחם ואוצרות־הטבע — שאדמתו נתברכה בהם, מה שאין כן בצ'נסטוחוב, שגידולה, התפתחותה וכל עצמתה הכלכלית באו, רק הודות ליוזמתם הברוכה וכושר־העשייה של אנשי המעשה שבה והם הם שהצליחו ליצור ממש "יש מאין" וגם לכבוש את השוק הרוסי רחב־הידים, על מנת להפיץ בגבולותיו את תוצרתם ואפילו לעבור עליהם ולהגיע לעוד מדינות רחוקות, עם תוצרתה של צ'נסטוחוב!

אם גם נוסיף ונציין, שרובה של התעשיה שבעירנו וסביבתה, נוצרה, התפתחה וגדלה בעיקר ביוזמת יהודים, — מה שאין כך בחבל דומברובה גורניצ'ה, — שמכרותיה התרכזו רובן ככולן בידי הון זר, הרי מותר לנו לקבוע — ללא כל היסוס — שעירנו צ'נסטוחוב היתה זכאית — ואמנם תפסה באמת — את המקום השני בפולין הקונגרסאית בהתפתחותה התעשייתית.

✶

לצערנו, לא נשתמרו הרבה פרסומים, שלפיהם אפשר היה למסור פרטים מדויקים על כל ענפי התעשיה, על גדלם ועל הערך הכספי של תוצרתם וכן — על מספר האנשים שהועסקו בהם כפועלים־יוצרים. משום כך, אין גם כל אפשרות, לערוך סקירה מקיפה על כל מה שהיה לנו בצ'נסטוחוב התעשייתית.

נתחיל, אפוא, את סקירתנו במסירת תמצית מאמרו של אחד מגדוליה של צ'נסטוחוב, הפרופיסור וואצלאוו טא־קארזש — יליד עירנו, שתפס בזמנו מקום חשוב מאד בחייה של פולין כהיסטוריון ואשר עזב את הקתדרה שלו באוניברסיטה היאגילונית בקרקא, על מנת להשתתף ב־מלחמת־העולם הראשונה — כלוחם־חזית — בלגיונותיו של פילסודסקי, למען שחרורה ועצמאותה של פולין.

פרופיסור וו. טאקארזש פירסם — עוד בשנת 1896 — בעתון הפולני "גלאס" מאמר מעניין מאד על היחסים דאז בענף התעשיה בצ'נסטוחוב.

מאמרו זה נדפס גם בקובץ כתבי הפרופיסור הנזכר, שהופיעו בשנת 1959 בהוצאת הספרים הממלכתית בורשא. באותו מאמר הוא דן על ראשית צעדיה של התעשיה בעירנו.

בתחילת דבריו מציין המחבר את התנאים הנוחים אשר סייעו להתפתחות התעשיה בעירנו, בעשרים השנים האח־רונות, למאה ה־19 והם:

(א) התפתחותה המהירה של סוסנוביץ ו"החבל הדומברובי" בכלל, הביאה להתייקרות מחירי הקרקעות בחבל זה, מה שאין כך בצ'נסטוחוב, שבסביבתה, אפשר היה אז לרכוש אדמות בזול.

(ב) באותו הזמן, היה גם הפרש ניכר במחירי הפחם בין לודז' וצ'נסטוחוב ולהוזלה זו — שעירנו זכתה בה — היתה השפעה ניכרת בקביעת התמחירים לתוצרת הת־עשייתית.

(ג) גם מחירי חמרי־בנין — כגון אבנים, סיד ועצים לבנין — היו אצלנו יותר זולים ואותו הדבר גם ביחס ללבני־בנין, שייצורם בסביבת העיר נעשה בכמויות גדולות.

(ד) העניות וחוסר־הפרנסה ששררו בימים האלה בכל כפרי הסביבה — גרמה גם כן לנהירה המונית של צעיריהם לצ׳נסטוחוב, בחיפושיהם אחרי עבודה בלתי־מקצועית ומאידך גיסא — נמצאו כבר אז בעירנו הרבה בעלי־מקצוע ומומחים לאריגה שהגיעו הנה מגרמניה ועסקו בטוויה ואריגה במכונות־אריגה ביתיות משלהם.

ו־(ה) קרבתה של צ׳נסטוחוב לתחנת הרכבת הגרמנית ״הערבי״ גם הוזילה את דמי־ההובלה עבור חמרי הבנין ויתר החמרים הדרושים לצרכי התעשיה.

יש עוד לציין, שהיהודים — שבהתחלה עסקו רק בקניית התוצרת והפצתה — החלו גם הם להקים בתי־חרושת ונעשו במשך הזמן לגורם חשוב ומכריע בפיתוח התעשיה.

על כך אפשר גם לדון לפי הרשימה דלהלן שפירסם פרופ׳ טאקארזש במאמרו הנזכר.

מספר סדורי	המקצוע ושמות הבעלים	שנת היסוד	מס׳ המועסקים: פועלים	מס׳ המועסקים: פועלות	התוצרת השנתית (ברובלים)	פרטים על ההתפתחות הנוספת
1	טחנת־קמח מופעלת במים ובקיטור. הבעלים: גינסבורג וקאן	1863	36	80	240.000	בהתחלה הופעלה טחנת־הקמח במים בלבד.
2	בית־דפוס, ליטוגרפיה ובית־חרושת לנייר צבעוני. הבעלים: קאן ואדערפעלד	1867	70	80	78.000	בהתחלה הוקמה רק הליטוגרפיה ואחרי־כן הוקם גם בית־דפוס. בשנת 1881 החלו לייצר בבית־החרושת גם נייר צבעוני. כל זאת במסגרת מצומצמת עד שהמפעל גדל ובשנת 1896 היה כבר ברשותו 10 מכונות מהירות לליטוגרפיה, 8 מכונות־דפוס רגילות ו־5 מכונות לייצור נייר צבעוני שונה.
3	בית חרושת לנייר. הבעלים: גינסבורג וקאן	לפני שנת 1870	122	103	300.000	בהתחלה תיכנן בית־החרושת לייצר גם נייר מקש. משנת 1870 גדל בית החרושת מזמן לזמן עד שהגיע למצבו הנוכחי.
4	מפעל לצביעת טקסטיל. הבעלים: ״בראסס״ (לא יהודים)	לפני שנת 1880	150	21	420.000	
5	תעשיית מוצרי ברזל. הבעלים: ווינבערג וטעמפעל	לפני שנת 1880	77	13		התחיל כבית מלאכה קטן ללא שימוש במכונת־קיטור
6	בית־חרושת לנסירת עצים. הבעל: גאלדשטיין	לפני שנת 1880	51		45.000	
7	בית־חרושת לבירה. הבעל: שוועדע (לא יהודי)	לפני שנת 1880	50	4	51.000	
8	בית־חרושת לגפרורים. הבעלים: העליך והויך (לא יהודים)	בערך בשנת 1881	45	100	180.000	
9	בית־חרושת לכפתורים. הבעל: גראסמאן	1882	187	147	270.000	בהתחלה היה זה בית־חרושת קטן ובלתי חשוב. גדל והתפתח החל משנת 1891 ואילך.
10	בית־חרושת למחטים וחוטים למטריות. הבעלים: העניג ו־ווערדע	לאחר שנת 1882	102	82	128.000	
11	בית־חרושת לנייר צבעוני, ליטוגרפיה, קרטון, טפטים וצבעים. הבעלים: האחים מארקוספעלד	1880	129	142	365.000	בהתחלה היה זה בית חרושת לנייר צבעוני שתפס שלושה חדרים קטנים והעסיק רק כ־20 פועלים. בשנת 1890 נוסדה ה״ליטוגרפיה״ ובשנת 1891 — בית החרושת לקרטון ולטפטים.

מספר סדורי	המקצוע ושמות הבעלים	שנת היסוד	מס' המועסקים פועלים	פועלות	התוצרת השנתית (ברובלים)	פרטים על ההתפתחות הנוספת
12	בית־חרושת לחבלים ושקי יוטה. הבעלים : גינסבערג ושותפיו	1884	500	900	420.000	בהתחלה נוסד בית־חרושת לחוטים בלבד ועבדו בו רק 25 פועלים. במשך זמן קצר גדל מספרם והגיע ל־150—200. גידולו הבולט היה בשנת 1890, שבה הכניסו גם 20 מכונות־אריגה לייצור בדי־יוטה ושקים, ונתווספו עוד כ־100 פועלים. בשנת 1892 נבנה בית־החרושת מחדש והוכנסו בו 60 מכונות־אריגה נוספות ומספר המועסקים בו הגיע ל־521. בשנת 1894 עבדו כבר בביח"ר זה מספר פועלים ופועלות כפי שצוינו בטבלה זו וזאת — לאחר שהוסיפו עוד 60 מכונות־אריגה ומכונת־קיטור נוספת, בת־כוח של 450 סוס ובנינים חדשים. לפי התכנית עומדים להרחיב את בית־החרושת בעוד שנה ולהביאו להעסקת 2100 עובדים.
13	מטויה לצמר סרוק. הבעל : פעלצער (לא יהודי)	1885	900	456	190.000	בשנת 1892 עבדו בה 1000 פועלים ופועלות.
14	מטויה לצמר סרוק. הבעלים : מאטטע ושותפיו (לא יהודים)	1890	405	275	1.265.000	הופעלה רק בשנת 1891 מחוסר קונים לתוצרתה. עכשיו מועסקים בה יותר פועלים מן הרשום בטבלה (בערך 1000 פועלים ופועלות).
15	בית־חרושת ליציקת ברזל. הבעל : בעסער בעם	1894	47		45.000	במשך הזמן שונה שם בית החרושת ל"מטלורגיה" ובעליו היו : גאלדשטיין, קיססין, ראזענבערג ושווארץ.
16	בית־חרושת למוצרי צלולויד. הבעל : סטאניסלאוו וויינבערג	לאחר שנת 1890	30	14	300.000	בית חרושת זה פיתח אקספורט גדול לכל רחבי רוסיה והעסיק כמעט רק פועלים יהודיים.
17	מפעלים מכניים. הבעל : ראבינאוויטש	?	12			
18	בית חרושת ללבני־בנין. הבעל : קיעליך (לא יהודי)	1894	60			
19	ביח"ר ליציקת ברזל "וולקאן". הבעלים : לאנדוי ופרעגער. מנהל כללי : המהנדס ראטנער	1895	43	10	400.000	
20	מפעלים כימיים. הבעל : ד"ר הענריך זאקס	בערך בשנת 1890	53		78.000	
21	בית־חרושת לטפטים. הבעל : גערקע (לא יהודי)	1895	26			
22	מפעלים מכניים. הבעלים : האחים קאנטשעווסקי (לא יהודים)		15		16.000	
23	בית־חרושת ללבני־בנין ומפעל הקיטור. הבעל : באגוסלאווסקי (לא יהודי)	לפני שנת 1880	80			

בהמשך מאמרו ציין פרופ׳ טאקארזש את ההכנות ההולכות ונעשות (כבר אז!) להקמת בתי־חרושת גדולים לעיבוד עורות, לדבק ועוד והוא הדגיש שב״טבלא״ שלו לא נכללו בתי־החרושת ובתי־המלאכה שאינם בפיקוחו של המפקח הממשלתי על התעשיה, כגון: בתי־החרושת לאלבומים, סרטים, צעצועים, לבנים, רהיטים, מברשות ועוד, שהולכים ורבים משנה לשנה ומוקמים ברובם על ידי יהודים וביניהם גם כאלו, שאינם בעלי אמצעים כס־פיים גדולים ורק הודות ליוזמתם וכושרם המסחרי הם מצליחים לפתחם ולהגדילם.

המחבר ציין את שנת 1890, כשנה מבורכת בשטח הת־פתחות התעשיה בצ׳נסטוחוב וסביבתה, שעל ידה זכתה בצדק להיקרא כעיר תעשייתית.

ההתפתחות התעשייתית הלכה וגדלה, ביחוד, לאחר שהוקם גשר רכבות בין ״הערבי״ והגדה הימנית של נהר ״אודרה״. הוקמו אז כמה בתי־חרושת ללבני־בנין, ליציקה ומפעלים מיכניים אחרים.

גדל גם מספר תושבי העיר מ־20.000 — בשנת 1880 ל־29.603 תושבים קבועים (ו־6.788 בלתי־קבועים) — בשנת 1892 ול־45.000 בשנת 1894 וכעבור שנתיים — בשנת 1896 הגיעה כבר צ׳נסטוחוב ל־50.000 תושבים קבועים!

התפתחות מהירה זו הביאה אתה גם להקמת סוכנויות מסחריות שונות ליצוא ויבוא. כן נפתחו שני בנקים מרכזיים וכמה וכמה לשכות טכניות פרטיות.

כל זאת גרם להעלאת מחירי האדמות בסביבות בתי־החרושת בלמעלה מ־200%. כמובן, שגם מחירי הבתים עלו במדה דומה לכך.

בחורים ובחורות מכל כפרי הסביבה נהרו לצ׳נסטוחוב, בכדי להיבנות בה מהרווחה הכללית שהיא זכתה לה באותן השנים.

✶

תרומה חשובה לסקירתנו זו ניתנה גם על ידי ש. ספיבאק המנוח (שמאמרו ״די יידן אין טשענסטאכאוו״ מתפרסם, גם כן, בספרנו זה, ביידיש).

לפי החקירה, — שנעשתה על ידי מר ש. ספיבאק — החלה התעשיה הזעירה בצ׳נסטוחוב על ידי יהודים שעסקו בה, עוד מתחילת המאה ה־19, בייצור ״מזכרות״ בצורת ״מדליונים״, שבהם נחרתה תמונת ״האם הקדושה״ וכו׳, ואלו היו ממש ״נחטפים״ על ידי ״עולי־הרגל״ למקומות הקדושים לקתולים, שהרבו לבקר בצ׳נסטוחוב. אולם, — לאחר שלפי דרישת הכמרים — אסרו השלטונות על הי־הודים לייצר ולסחור במוצרים של מזכרות דתיות, החלו היהודים לייצר ולהפיץ צעצועים שונים, שלא היו בהם שום קישוטים בעלי אופי דתי.

חלוץ התעשיה הזאת (במתכת) היה ישעיהו שאיא, שהשתלם בגרמניה ובשנת 1843 ביקש וגם קיבל, רשות להשתקע בצ׳נסטוחוב והוא היה הראשון שהקים את בית־החרושת לצעצועים ותוצרתו הגיעה למרחבי רוסיה הע־נקית והתחרה שם בתוצרת נירנברג המפורסמת.

תעשית הצעצועים הלכה והתרחבה משנה לשנה וכך נפתחה גם הדרך לייצור אביזרים שונים לצרכי תעשיה ובנייה ואז גדל גם החיפוש אחרי מומחים למבלטים של עץ ומתכת. בעלי מקצוע כאלה לא היו עדיין בצ׳נסטוחוב ובעלי התעשיה היו אנוסים לחפשם ולהזמינם מגרמניה.

ה״ה איצקאָוויץ והאַראָוויץ, בעלי בית החרושת לשרשרות היו הראשונים שהביאו מומחים גרמניים והעסיקום ב־מפעליהם. צעדם זה הביא תועלת רבה לתעשיה בצ׳נסטוחוב בכלל, כי האומנים שהועסקו אצלם, למדו עד מהרה את המלאכה והחלו בעצמם לייצר מבלטים שונים מעץ ומתכת. אמנם, כל האומנים האלה היו לא יהודים, כי למעט היהודים שעבדו בבתי־החרושת, לא ניתנה כל גישה למחלקות המיכאניות.

הראשונים שפרצו את הדרך להתקדמות בשטח זה וה־קימו בתי־מלאכה למבלטים היו האחים אברהם ומשה וועקסלער — חניכי בית־הספר למלאכה בצ׳נסטוחוב. (ה־אחרון גם עלה ארצה ונפטר בה, בחודש מרס, 1965).

שני האחים סיפקו מבלטים לבתי־החרושת לצעצועים.

כעבור שנים מספר נפתח מפעל כזה גם על ידי האחים אפנער, שהלך והתרחב משנה לשנה.

לאחר מלחמת העולם הראשונה הוקם בית מלאכה כזה גם על ידי אברהם גאטליב ושותפו יהונתן ראזענסאן. מפעל זה סיפק מבלטי עץ ומתכת לבתי־חרושת שונים.

שלושת המפעלים האלה העמידו גם תלמידים רבים — מומחים במקצועותיהם, שנקלטו בבתי־החרושת המקומיים ומצאו שם את פרנסתם בכבוד.

כמה מהם זכו לעלות ארצה, להשתרש בה וגם לסייע להקמת והפעלת בתי־תעשיה חשובים בארץ.

עד להקמת המפעלים האלה, היתה נעשית עבודה זו, על ידי מסגרים, שיצרו את המבלטים בעבודת־יד פשוטה.

מבין אלה יש להזכיר את בית־המלאכה הגדול למסגרות — שהוקם ונוהל על ידי מר באלזאם.

יהודי צ׳נסטוחוב הראו את כוחם הרב בהקמתה וב־

התפתחותה של התעשיה לכל ענפיה ומחוץ לבתי־החרושת שהוזכרו ברשימה שבמאמרו של פרופיסור וו. טאקארזש, שהבאנו לעיל, נוסד בשנת 1883 על ידי מר קראנענבערג בית־חרושת לטקסטיל ובשנת 1884 — בית־החרושת ל־תעשיית יוטה ופשתן בשם "סטראדאם", שבעליו היו: אדערפעלד, אפענהיים ו־גאלדשטיין, שהעסיק בהתחלה רק 150 פועלים ופועלות. בית־החרושת העבר בשנת 1902 לחברת־מניות והד"ר יוזעף בערלינערבלוי עמד בראש הנהלתו. לפני מלחמת העולם הראשונה עבדו בו כ־2.000 פועל ולפני מלחמת העולם השניה — בשנת 1939 — העסיק כ־3.600 פועלים, אולם ביניהם לא היה אף פועל יהודי אחד, אם כי בעליו היו יהודים.

בית־החרושת "סטראדאם" נחשב כאחד מבתי־החרושת הגדולים ביותר בפולין, בתחום תוצרתו.

עוד בשנת 1885 הקימו מר הארוויץ ושותפיו בית־חרושת לאביזרי בנין ורהיטים ובשנת 1888 הקים ד"ר סעווערין לאנדוי בית־חרושת גדול למוצרי צלולויד ואחד מבניו של ישעיהו מאשקאוויץ הקים בית־חרושת לפריפות כותנות, שהיה גם הראשון ברוסיה כולה.

בשנת 1896 הוקם בית־החרושת לטקסטיל "ווארטא" ובעליו היו: גראסמאן, מארקוספעלד ו־קאהן. היה זה אחד המפעלים הגדולים ביותר בפולין למוצרי "יוטה" והעסיק — עד למלחמת העולם הראשונה — 1500 פועלים, אולם, לאחר אבדן שוק המכירות ברוסיה, צומצמה פעולתו ומספר פועליו הופחת עד ל־1200.

בשנת 1897 הקים איזידאר גייסלער ב־וויצ'ערפי (ע"י צ'נסטוחוב) בית־חרושת גדול לזכוכית והעסיק בו 750 פועלים.

בשנת 1912 בנו איזידאר זיגמאן ומרדכי וראמאן מאר־קאוויץ בכפר גנאשן (7 קילומטר מצ'נסטוחוב) את בית החרושת הגדול לתעשיית טקסטיל וניר טאפטים והעסיקו בו 1150 פועלים, וביניהם גם 45 יהודים. בית חרושת זה סיפק לצבא הפולני את כל הדרוש ותוצרתו נשלחה גם לחוץ לארץ, בתוך זה, גם למזרח הרחוק.

מר יעקב לעוויט הקים בשנת 1919 את בית החרושת "לעוועלען" והעסיק בו 300 פועלים וביניהם 55 יהודים. (מר לעוויט נמצא בארץ והוא בעל מטוית־הצמר "יעקב לויט ובניו" בפתח תקוה).

בשנת 1922 הוקם על ידי ה"ה קאנגרעצקי ו־קאן בית חרושת לעגלות ילדים בשם "קאנקאן", שהתפתח ונעשה לאחד מבתי החרושת הגדולים ביותר בפולין. עבדו בו 200 פועלים ובתוכם — 80 יהודים.

במשך הזמן הוקמו בצ'נסטוחוב עוד 6 מפעלים ליצור עגלות ילדים ומהם — 3 שנוסדו על ידי יהודים. תוצרתם הצטיינה בטיבה וגרמה להפסקת היבוא מחו"ל.

בשנת 1929 הקים מר שכנא בארנשטיין (כיום בישראל) את בית החרושת "קאיולען", שתוצרתו היתה בעיקר — אריגים לצרכי חייטות. בתחילה הועסקו בבית חרושת זה 60 פועלים וביניהם 34 יהודים, אבל, ההתחרות העצומה ששררה אז, שיתקה לאט לאט את פעולתו.

התעשיין אלטמאן היה הראשון שהעיז להתמודד עם התוצרת של גרמניה ושבדיה בענף המחליקים (גליטשערס) והצליח לכבוש בשביל תוצרתו את השוק הפולני.

בשנת 1930 היו כבר בצ'נסטוחוב 7 מפעלים למחליקים ומהם — 5 של יהודים.

בצ'נסטוחוב הוקמו גם בתי חרושת לניר־זפת (פאפע) בעליהם היו: בעם, בערלינער, טענענבוים ו־ראזענצווייג ו־רייכער.

בין המפעלים הגדולים והחשובים ביותר יש להזכיר את בית החרושת לפחמן וקרח "הענריקאוו", שהוקם על ידי צבי שפאלטן (החי בארץ) וכן את בית החרושת ל־מסחטות־כבסים (וויזשימאטשקעס — וועש־פרעסערס) ש־הקים יחיאל לאנדוי ואחיו. כעבור זמן־מה הוקם בית חרושת נוסף ושניהם יחד עם בית חרושת שלישי, שנמצא בורשה, אירגנו מכירה משותפת, שסייעה בהרבה לפיתוח שלושתם.

היו גם בצ'נסטוחוב בתי חרושת לפריפות וחפתי כתונות ("ספינקעס"). הראשון שביניהם הוקם, עוד בשנת 1890. על ידי בנו של חלוץ התעשיה שאיא.

כן הוקמו בתי חרושת לחלקי אופניים והגדולים שבהם היו "מעטראס", — בבעלותם של מ. ראזענשטיין ושותפיו. העסיק 76 פועלים — כולם יהודים.

בין בתי החרושת למברשות שיניים כדאי להזכיר את "קאסמאס", שהיה בבעלותם של ב. אייזנער, מארקאוויץ, קויפמאן והאחים שייקאוויץ. התוצרת הצטיינה בטיבה ונודעה לשבח בכל המדינה ואפילו מחוצה לה.

היו בעיר גם בתי חרושת לעיבוד עורות (בורסקאות) והגדול שביניהם, — בבעלותו של יוסף קויפמאן. תחילתו באחת הסימטאות שבעיר ואחרי כן הורחב ועבר לבנין גדול בפרבר "קולי", שעל יד צ'נסטוחוב.

מחוץ לבתי החרושת הגדולים לצלולויד שהוזכרו, היו

בצ׳נסטוחוב כ־200 בתי מלאכה ליצור סדקית־נוי של צלולויד וכולם הוקמו על ידי יהודים.

מר ספיבאק הסתמך במחקרו על התעשיה בצ׳נסטוחוב על דו״ח רשמי משנת 1923 ולפיו, קבע את חלקם המספרי של היהודים בתעשיה באותן השנים כדלהלן:

מבין מפעלי התעשיה (גדולים כקטנים) שבעיר היו שייכים ליהודים: למוצרי מתכת — 20, לטכסטיל — 4, לצלולויד — 7, לפריפת בדים — 4, לצעצועים — 5, לעיבודי עץ — 3, למראות — 3, לניר זפת — 2, לניר — 1, לטאפ־טין — 1, ללבנים (מלבנה) — 1, מנסרה לעצים — 1 וביח חרושת לדבק — 2.

עלינו לציין, שבמשך השנים — ועד לשנת 1939 — קמו הרבה מפעלים נוספים לתעשיות שונות וביניהם אפילו פי עשר ועשרים מהמספרים שצוינו בדו״ח הנזכר.

בסוף סקירתנו אנו מפרסמים (לפי הא״ב של המקצועות) את רשימת בתי־החרושת והמלאכה בעירנו ושמות בעליהם, שנערכה לפי השמור בזכרונם של זקני העיר ופעיליה — ה״ה אברהם גאטליב, דוד קאניעצפאלער ו־צבי שפאלטן ותודת ״ועדת־הספר״ נתונה להם עבור עבודתם המועילה.

רשימת בתי-החרושת והמלאכה ובעליהם עד לשואה

(1) אלבומים: — טענדלער.

(2) בובות־בד: — מנדיל גאטליב, יהושע סרעברניק ו־לייבוש שטיינפעלד.

(3) בובות וצעצועים: — האחים בראט, הענדל האכער־מאן, האכערמאן האמבורגער ו־שטילער, ווייסבערג ו־דאנציגער, זעליגסאן, סעווערין לאנדוי, פערלעגער, פרידמאן, קויפמאן, ראזענבערג, רוזשעוויץ, רינגעל־בלום, יצחק שאיא ושמולעוויץ.

(4) בורסקאות: — יוסף קויפמאן.

(5) ברגי עץ ומתכת: — איצקאוויץ וגוטערמאן, יצחק אלטמאן.

(6) חלקי אופניים: — אימיך, אופמן, אלטמאן, בערקאוויץ, ״בראלאנד״ (האחים לאנדוי), דערעס, וויימאן ״מעט־ראָס״ (מ. ראָזענשטיין ושותפו ו־דוד קאנגרעצקי).

(7) חפתי־כתונות: — אלטמאן, בראמבערג, מאוריצי ראָ־זענשטיין, מאטל ראזנשטיין, ה. שאיא, יוטוש שאיא ויצחק שאיא.

(8) טחנות גריסים: — מיכאל בעסערגליק, זבאראווסקי, זשיטניצקי ו־פישמאן.

(9) טחנות קמח: — ברעסלער, גאדל זילבערשאץ, עפ־שטיין, לייבל קאנטאר, אחים קורלאנד ו־רובינשטיין.

(10) טכסטיל: — ״גנאשינסקא מאנופאקטורא״ (תעשיית טכסטיל ונייר טאפעטים) הבעלים זיגמאן ומארקא־וויץ, ״ווארטא״ (תעשיית יוטה) הבעלים: גראסמאן, מארקוספעלד ו־קאהן, ״לעוולען״ (מטויה לצמר) ה־בעל: יעקב לעוויט, ״סטראדאם״ (תעשיית יוטה ופשתן) הבעלים: אדערפעלד, אפענהיים ו־גאלדשטיין, ״קווילען״ (אריגים לצרכי חייטות) הבעל ש. בארענ־שטיין.

(11) כובעים: — בית החרושת ״קאפעלושארניא״ הבעלים: משפחת מארקוספעלד, ב. לעווקאוויץ.

(12) כלי עבודה ומידות: — ״מעטער״ בע״מ הבעלים: האחים שפאלטען, האחים פאקטאר.

(13) בתי־חרושת לכפות: — ״טרנצילה״ הבעל: וויינמאן, וויינבערג ו״י. ש. ב.״ של לאנדוי.

(14) כפתורים: — האחים גראסמאן, נחמיה עפשטיין (״ראבאניטי״).

(15) לבני־בנייה ורעפים: — ברנרד העלמאן ובניו, זאנד־בערג, יאאכימאוויץ ו־ראזענצווייג.

(16) מברשות: — גוטערמאן, האנדלסמאן, משה ראזענצ־ווייג, שיליט ו־שלעזינגער.

(17) מברשות שיניים: — ״קאסמאס״ הבעלים: אייזנער, מארקאוויץ ושייקעוויץ, קויפמאן.

(18) מבלטים: — אברהם גאטליב ויהונתן ראזענסאן, דזי־אלאשינסקי, האחים וועקסלער ו־מאשקאוויץ.

(19) מחטים ומטריות: — העניג ו־ווערדע, וויינמאן.

(20) מחליקים ומסחטות: — אלטמן ״בראלאנד״ — הבע־לים: האחים לאנדוי.

(21) מנסרות עצים: — זיגמאן, ראזנצווייג ו־רייכמאן, דוד צבי זילבערשאץ, שלום זילבערשאץ, יעקב זילבער־שטיין ופערסטער, מיטעלמאן, האחים פאקטאר.

(22) מנעולים ושרשרות: — איצקאוויץ, האראוויץ, ענגעל ו־רייזמאן.

(23) מסגרות: — ברז'אז'א, ב. לעווקאוויץ ו־מנדל לעווקאוויץ.

(24) מפוחי־פה מכל המינים: — בריל, האכערמאן, האמבורגער ו־שטילער, וויינמאן, קאניארסקי, קויפמאן, שאיא ו־שפאלטען.

(25) מפעלים כימיים: — דבק — הבעלים מארקוספעלד וראטשטיין. זכוכית "פאאולינה" — הבעלים: גייסלער, זשעריקער ו־פוזשניאק.

חומצות — ד"ר הענריך זאקס.

נייר — האחים פייגע, סבון — דזיובאס ופישעל, בראניאטאווסקי ובניו.

פחמן וקרח (י. ב. ש.) "הענריקאוו" בע"מ, הבעל: צבי שפאלטן.

צבעים — ד"ר וואלבערג ובנו.

(26) מראות: — אימיך וגריאלאק, בעזבראדקא, בריל ו־האכערמאן, וואגא וסטופניצקי, סערצארזש, עפעלבוים.

(27) משקאות קלים: — בית חרושת לבירה — לייבוש פרידריך ומשקאות אחרים: — עסיג, פישהאלטער ו־בניו, צוקערמאן, ראטבארט.

(28) משקפיים: — הערמאן שאיא.

(29) משרפות סיד: — דאברז'ינסקי, שמואל זעליוועך, ליפשיץ.

(30) מתכת (בתי יציקה): — "וואלקאן" הבעלים: לאנדוי ופרעגער ומנהל כללי המהנדס ראטנער, "מעטאלורגיע" הבעלים: גאלדשטיין, קיססין, ראזענבערג ו־שווארץ, "ענרוי" — הבעל: רוטשיין.

(31) נייר ונייר־זפת: — "בעאטוס" (שקי נייר)

בית דפוס וליטוגרפיה — הבעלים: אדערפעלד וקאהן.

בית חרושת לנייר וטאפיטים — הבעלים: האחים מארקוספעלד.

בית חרושת לנייר — הבעל: ד"ר ליאופולד קאהן.

בית חרושת לנייר־זפת (פאפע) — הבעלים: בעם, בערלינער, טענענבוים וראזענצוויג, רייכער.

בית חרושת לנייר־זפת "טול" — הבעלים: וואדזיסלאווסקי ו־לעווענהאף.

(32) סכינים: — דזיאלאשינסקי, ביח"ר "סטאל" — הבעלים: לאנדוי ו־שווארצבוים, ראזענצוויג.

(33) סרטים: — שלעזינגער.

(34) עגלות ילדים: — האחים גראסמאן, וואלפאוויץ ושותפו, בית חרושת "קאנקאן" הבעלים: קאהן וקאנגרעצקי.

(35) עטים נובעים: — גוטערמאן ופליגעלמאן, "אמעגא" — וואגא ו־ווראצלאווסקי, צבאראווסקה.

(36) עטים רגילים: — יוטוש שאיא.

(37) עיבוד עץ: — דערעס, ביח"ר "סטרוג" לייכטער וקאפינסקי, האחים שפאלטן.

(38) ערגול נחושת: — בארנשטיין וראטבארט.

(39) צלולויד (מפעלים שונים) בבעלותם של: גלאזער, סטאניסלאוו וויינבערג ובנו, זעליגסאן, סעווערין לאנדוי, לעווקאוויץ, לעווקאוויץ ובנו, מיץ עפשטיין. פרידמאן, חיים קעניגסבערג, שטיינהארט ו־שפיץ.

(40) צעצועי מתכת: — בבעלותם של: אפנער, האכערמאן והאמבורגער, האחים וועקסלער, אדעליסט, קאניארסקי ו־יצחק שאיא.

(41) שעוני קיר: — חנניא גאלדבערג.

ו. ה.

דער סוחרים און פאַבריקאַנטן פאַראיין

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער וועלט־מלחמה, האָבן די פּוילישע יידן דערפילט, אַז זיי דאַרפן פאַרזיכערן זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ, וועלכע, איז דערשיטערט געוואָרן צוליב צוויי סיבות.

1) דאָס פאַרלירן דעם גרויסן רוסישן אָפּזאַץ־מאַרק, וועלכער איז ממש פאַרפּלייצט געוואָרן מיט דער פּראָדוקציע פון דער כסדר־וואַקסנדיקער פּוילישער אינדוסטרי אין וועלכער די יידן האָבן תמיד פאַרנומען דעם אויבן־אָן, סיי ביים פּראָדוצירן און סיי ביים פאַרשפּרייטן די סחורות דורך זייערע געניטע סוחרים און האַנדלס־אַגענטן, וועלכע האָבן דערגרייכט אַפילו צו די ווייטסטע און פאַרוואָרפנסטע מקומות פון דער גרויסער רוסישער אימפּעריע.

און 2) די פאַרברייטערטע אַקציע פון דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער פּרעסע אינעם זעלבסטשטענדיקן פּוילן, צו אָרגאַניזירן די פּוילישע ברייטע מאַסן און זיי אויפצוהעצן געגן יידן מיט דער בייזער כוונה אַרויסצורייסן דעם האַנדל און אינדוסטרי פון די יידישע הענט און שאַפן ריין־פּוילישע קאַדרן פון סוחרים, האַנטווערקער און אַפילו — פּראָדוצענטן פון "אייגענע" אינדוסטרי — אונטערנעמונגען — מוזן זיך אָרגאַניזירן כדי אַזוי ערנאָך פאַרהיטן זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ פון אונטערגאַנג.

לויט דער איניציאַטיווע פון וואַצלאַוו ווישליצקי, אדאלף טרוסקער, אדאלף געפּנער און אַנדערע פערזענליכקייטן, איז אין וואַרשע געשאַפן געוואָרן די צענטראַלע פון יידישן סוחרים־פאַראיין, מיטן צוועק צו שיצן דעם יידישן האַנדל און אינדוסטרי און פאַרזיכערן זייער ווייטערע עקזיסטענץ.

טשענסטאָכאָוו איז געווען פון די ערשטע שטעט אין פּוילן, וועלכע האָבן באַלד פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דער זאַך און האָט באַלד דאָ געעפנט אַנ'אָפּטיילונג פון דאָזיקן פאַראיין, וועלכער האָט אַרומגענומען כמעט אַלע סוחרים און — שפּעטער — אויך די פאַבריקאַנטן פון יידישן טשענסטאָכאָוו.

(ליידער, איז צוזאַמען מיטן אומקום פון טשענסטאָכאָווער יידן, אויך חרוב געוואָרן דער בנין פון דאָזיקן פאַראיין, צוזאַמען מיט זיין גאַנצן אַרכיוו).

מיר קאָנען, דערפאַר, איבערגעבן אין "ספר צ'נסטוחוב" בלויז פרטים וועגן איינער פון די לעצטע יערליכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון פאַראיין און די נעמען פון זיין לעצטער פאַרוואַלטונג.

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען אין אייגענעם לאָקאַל ביים אַנטייל פון פיל חברים.

דוד באַרזשיקאָווסקי האָט אין זיין יערליכן באַריכט דערציילט וועגן דעם שווערן קאַמף וואָס איז געפירט געוואָרן פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די עקאָנאָמישע אינטערעסן, כדי נישט צו דערלאָזן אַרויסרייסן דעם האַנדל און אינדוסטרי פון די יידישע הענט דורך די אַנטיסעמיטישע עלעמענטן, וועלכע, זענען עפנטליך געשטיצט געוואָרן אויך דורך די מלוכה־פאַקטאָרן.

די פאַרוואַלטונג האָט תמיד געמוזט שטייען אויף דער וואַך און אינטערווענירן אין דער "איזבא סקארבאווא", האַנדלס־קאַמער, שטאָט־ראַט, דורך די יידישע פאַרשטייער, כדי, — ווי ווייט מעגליך, — ראַטעווען אירע מיטגלידער פון דער דראָענדיקער סכנה.

נאָך דעם, האָט מ. גאַלסטער אָפּגעגעבן אַ פינאַנסיעלן באַריכט און דערביי דערמאָנט, אַז אַדוואָקאַט האַסענפעלד האָט געגעבן זיין יורידישע הילף אין גאַנצן אומזיסט, פאַר וועלכן די אַלג. פאַרזאַמלונג האָט אים איינשטימיג געדאַנקט.

די פאַרזאַמלונג האָט אויך באַשטעטיקט דעם פּראָיעקטירטן בודזשעט און אויסגעדרוקט צוטרויען דער פאַרזאַמלונג.

אין דער פאַרוואַלטונג און ראַט זענען געווײלט געוואָרן:

פּרעזעס ז. שטילער, וויצע־פּרעזעס מ. נויפעלד און אַלס פאַרוואַלטונגס מיטגלידער: אלטמאַן, דוד באַרזשיקאַווסקי, גראַנדאפּעל, דאַווידאָוויטש, א. וואַרשאַווסקי, וויינשטיין, י. מ. זילבערבערג, יעקב לעוויט, פאוסט, פ. פּראַפּאַרט, פּרושיצקי, קראוסקאָפּ, ל. ראַדאַל, ז. ראַטבאַרט, ג. שוואַר־צבוים, שטייניץ, יוסף שלעזינגער, שעלצער און לאַווניק פ. שפּירא.

אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: ס. אייזנער, מאַנעלא, י. קאַן, ל. קאַפּינסקי, י. קאַרנוואַסער, שטאַקמאַן און שייקאַ־וויטש, אַלס שטענדיקע סעקרעטאַרן זענען געווען טעטיק: די אַדוואָקאַטן האַסענפעלד און קראַמאַלאַווסקי.

✶

דער פאַבריקאַנטן און סוחרים פאַראיין האָט אויך געעפנט אַן׳אייגענע קאָאָפּעראַטיווע באַנק, וועלכע האָט זיך, פון יאָר צו יאָר, פאַרגרעסערט און געפירט איר טעטיקייט לויטן מוסטער פון די גרעסטע מאָדערנסטע בענק אין פּוילן.

די באַנק האָט גע׳שמ׳ט מיט איר סאָלידער אַרבעט און פּונקטליכקייט און האָט זיך דערוואָרבן דעם צוטרוי פון דער פּוילישער מלוכה־באַנק און פון די גרעסטע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס אין לאַנד און, אַפילו, אויסלאַנד.

די באַנק האָט געהאַט אַנ׳אייגענעם שיינעם לאָקאַל אויף דער צוויייטער אַלעע נומער 22 און אַלס איר דירעקטאָר — ביזן לעצטן טאָג — איז געווען ה׳ פּרושיצקי.

די הויפּט עסקנים פון דער פאַרוואַלטונג און ראַט זענען געווען: ד״ר ב. טעמפּעל, יעקב לעוויט (איצט אין ישראל), מ. נויפעלד, מ. קאַניאַרסקי, ל. ראַדאַל, ז. שטילער און ד״ר שלייכער.



דירעקטאָריום און פּערסאָנאַל פון דער פאַבריקאַנטן און סוחרים באַנק

צווישן אַנדערע געפונען זיך אויפן בילד: בלוישטיין, צעשא קאָזאַק, דיר. פּרושיצקי, הייבינאָוואַ, גאָלדמאַ, קאַציעלאַס, צעלא דאַרפּמאַן, סטאַשאַ זעליקאָוויטש, פעלאַ ראַטבאַרד, רעניא וואַכטעל, לאַלאַ סטאַשעווסקא, לילאַ פייגין, האַלינאַ שיליט, מאַלאַ קאַן, יאַדזיאַ סאַבאַל, וואַרגאַן, אסתר אַבראַמאָוויטש, גוטאַ זבאַראָווסקאַ, מאַרישאַ ניימאַן, רעגינקאַ פּרזיראָווסקאַ, אירקא, שאַיאַ און נאָך, וואָס זייערע נעמען זענען נישט באַקאַנט

ו. ה.

די בויקאָט אַגיטאַציע געגן יידישן מסחר

אין וואָסערע שווערע באַדינגונגען די יידישע באַפעל־קערונג בכלל און די סוחרים, פאַבריקאַנטן און בעלי־מלאָכות בפרט האָבן זיך געפונען אין זייער קאַמף פאַרן לעבן און זייער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, קאָן מען באַ־קומען אַ באַגריף פון די דריי ״אויפרופן״, וואָס מיר פאַר׳עפנטליכן אין ״ספר צ׳נסטוחוב״.

צוויי אין דער פּוילישער שפּראַך, (וועלכע מיר געבן אויך איבערזעצט אין יידיש), און אײנעם יידישן אויפרוף פון דער ״יודישער ראַטמענער־קאַלא״ און טשענסטאָכאָווער שטאָט־ראַט וועלכן מיר דרוקן ככתבו וכלשונו.

דער יידן־פאַרעסערישער אויפרוף פון די פּוילישע ״נאַ־ראַדאָווע־עלעמענטן״ אין טשענסטאָכאָוו.

Śmiech-to zdrowie

Żydzi się wściekają na naszą akcję bojkotową, wydają ulotki, zachwalają swą tandetę.

Śmiejemy się z taniej tandety żydowskiej!
Kto widział tani towar u paskarza?
Kto widział dobrą miarę i wagę u szachraja?
Kto widział pasera bez złodzieja?

WSZYSCY ZNAMY TE CHOROBY ŻYDOWSKIE.

Żydostwo-to choroba

PRECZ Z TĄ CHOROBĄ!
UNIKAJMY ŻYDOSTWA!
NIE DAJMY ANI GROSZA ŻYDOM!

KAŻDY GROSZ NIEWYDANY ŻYDOM
— to oszczędność dla Narodu Polskiego,
— to podstawa polskiego handlu, rzemiosła i przemysłu,
— to zadatek bogatej Wielkiej Polski!

BOJKOT NASZ DENERWUJE ŻYDÓW, PIKIETY ICH DRAŻNIĄ. JEST TO NAJLEPSZYM DOWODEM UŻYTECZNOŚCI PIKIET I BOJKOTU, A NAM DAJE MOŻNOŚĆ SPĘDZENIA

Wesołych Świąt

bez żydów - bez żydowskiej tandety

STRONNICTWO NARODOWE
W CZĘSTOCHOWIE.

Druk. F. D. Wilkoszewskiego w Częstochowie.

OBYWATELE!

KUPUJCIE

TAM, gdzie najtaniej
gdzie dają dobry towar
na dogodnych warunkach

Przez oszczędność — do dobrobytu

Zgoda buduje — nienawiść rujnuje

Ci, którzy sieją nienawiść w społeczeństwie i stawiają pikiety przed sklepami współobywateli

podrywają byt gospodarczy Państwa
i rujnują materjalnie kraj

W interesie Polski Niepodległej i gospodarczo silnej jest:
ZGODNA WSPÓŁPRACA WSZYSTKICH OBYWATELI
i **WZMOŻONA OSZCZĘDNOŚĆ SPOŁECZNA**

Nie wierz krzykliwym
hasłom bojkotowym

Stowarzyszenie Przemysłowców i Kupców w Częstochowie.

Centrala Detalicznych i Drobnych Kupców w Polsce oddział w Częstochowie.

(ווערטליכער איבערזעצונג פון פויליש)

לאכן — איז געזונט!

די "זשידעס" זענען ארויס פון די כלים געגן אונדזער בויקאט־אַקציע. זיי גיבן ארויס "פלוג־בלעטלעך" און לויבן זייער טאנדייט־ארבייטן.

לאמיר לאכן פון דער יידישער ביליקער טאנדעטיירײַ!
ווער האט געזען ביליקע סחורה ביי א פאסקארזש?
ווער האט געזען א גוטע מאס און א גוטע וואג ביי א שווינדלער?
ווער האט געזען א גניבה־הענדלער אן א גנב?
מיר אַלע קאנען די דאזיקע יידישע קרענק.

דאס יידנטום — איז א קרענק!
נידער מיט דער דאזיקער קרענק!
זאלן מיר אויסמיידן דאס יידנטום!
זאלן מיר נישט געבן די זשידעס קיין איין גראשן!

יעדער גראשן וואס מען גיט נישט די יידן —
— איז אנ׳אפשפארונג פארן פוילישן פאלק,
— א פונדאמענט פארן פוילישן האנדל, האנטווערקעריי און אינדוסטרי
— דאס איז דער אנהויב פאר א רייך און גרויס פוילן!

אונדזער בויקאט דענערווירט די זשידעס, אונדזערע "פיקע־טען" — רייצן זיי אויף.
דאָס איז דער בעסטער באַוויז וועגן דער נוטצליכקייט פון אונדזערע "פיקעטען" ("משמרות", און פונעם בויקאט און אונדז גיט עס די מעגליכקייטן פאַר —
א פריילעכן יום־טוב!
אָן יידן און אָן די יידישע טאנדייטעריי!!

די נאראדאווע פארטייען
אין טשענסטאכאוו

אויפרוף, אַרויסגעגעבן דורכ׳ן טשענסטאָכאָווער פאַבריקאַנטן און סוחרים פאראיין און דער טשענסטאָכאָווער אָפּטיילונג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דעטייל און קליין הענדלער אין פוילן.
(איבערגעזעצט פון פויליש, זע: זייטן 421—422)

בירגער! קויפט דאָרט ווו עס איז אַמביליגסטן,
דארט, ווו מען גיט גוטע סחורה לויט די באקוויימסטע באדינגונגען.

די, וואס זייען שנאה צווישן דער געזעלשאפט, שטעלן "פיקעטען" ביי די געשעפטן פון זייערע מיטבירגער, רייסן ארונטער די ווירטשאפטליכע עקזיסטענץ פון דער מלוכה און רואנירן מאטעריעל דאס לאנד!

אין אינטערעס פון א אונאפהענגיג פוילן,
א ווירטשאפטליך שטארק לאנד איז:

א בשלום'דיקע בשותפות'דיקע ארבעט פון אלע בירגער און —
א פארשטארקטע געזעלשאפטליכע שפארזאמקייט!
גלויבט נישט אין די אלארמ'דיקע בויקאט לאזונגען!
שלום — בויט! שנאה — רואינירט!
שפארזאמקייט — ברענגט א ברכה!

טשענסטאכאווער אפטיילונג פון דעם
צענטראל-קאמיטעט פון דעטייל און
קליין-הענדלער פאראיין אין פוילן.

בירגער, יודען!

שוין דעם פינפטען טאג דויערט דאס פיקעטירען די יודישע געשעפטען, חוצפה'דיג און מיט דער הילף פון די העסליכסטע אויסרופען געגען יודען שטערען די פערשוינען דעם יודישען האנדעל.

מיר פיהלען דעם צער און פערשטעהען די אויפרעגונג פון די יודישע סוחרים סיי אלס יודען און סיי אלס סוחרים. מיר געבען זיך אן א חשבון פון דעם איבערנאטירליכען אינערליכען קאמף פון יודישען סוחר, כדי צו בעהערשען זיך און נישט רעאגירען אויף די שענדליכע עוולות, וואס ווערען בנוגע איהם בעגאנגען הגם ער ערפילט אלע פליכטען און לייסטעט לטובת דער מלוכה, אויב נישט מעהר, לכל-הפחות נישט ווייניגער פון פוילישען סוחר.

יודען, אין די דאזיגע שווערע מינוטען מוז מיט לויב דערמאנט ווערען דער טייל פון דער פוילישער בעפעלקערונג, וועלכער לאזט זיך נישט בעאיינפלוסען פון מענטשען-און יודען-האס און לאזען זיך נישט טעראריזירען פון די פיקעטניקעס.

סוף כל סוף פערשטעהט דער טייל פון דער פוילישער בעפעלקערונג, אז קויפען דארף מען דארט, ווי ס'איז ביליג, אז קויפען דארף מען דארט, ווי די בעהאנדלונג איז א גוטע און, אז קויפען דארף מען דארט, ווי איינער וויל און נישט ווי בעצאהלטע פיקעטניקעס וועלען איהם אנווייזען און מיט טערור נישט לאזען אויספיהרען די אייגענע פליכטען.

יודען, מיר מוזען געדענקען, אז דער קאמף מיט'ן יודישען סוחר, מיט'ן יודישען האנדעל איז נאר איין רינג אין דער גרויסער קייט פון אויסראטונגס קאמף, וואס ווערט געפיהרט געגען דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען; מיר טארען דעריבער נישט איבערלאזען אליין דעם יודישען סוחר אין זיינע ראנגלענישען. ער מוז פילען הינטער זיך דעם כוח פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג, אז דער גאנצער יודישער קיבוץ איז מיט איהם אין זיין קאמף, פראטעסטירט צוזאמען מיט איהם געגען דער שענדליכער האנדלונג און נעמט אנטייל אין זייער פערביטערונג און טרויער.

יודען, אזוי לאַנג ווי ס'וועט דויערען דאס פיקעטירען די געוועלבער, אזוי לאַנג מוז דויערען דער טרויער פון דער יודישער בעפעלקערונג. **קיין איינציגער יוד דארף נישט דורך דער צייט בעזוכען צוקערניעס, רעסטאראציעס, קינאס, טעאטער און אנדערע פערוויילונגס-ערטער, און די איינגעשפארטע געלדער דארפען געשפענדעט ווערען פאר די, וועלכע האבען געליטען פון דער אנטיסעמיטישער העצע.**

די שפענדונגען דארפען איינגעצאהלט ווערען אין די יודישע רעדאקציעס.

יודישע ראטמענער-קאלא
פון שטאדט-ראט אין טשענסטאכאוו.

"בירגער יודען!

שוין דעם פינפטען טאג דויערט דאס פיקעטירען די יודישע געשעפטען, חוצפה'דיג און מיט דער הילף פון די העס־ליכסטע אויסרופען געגען יודען שטערען די פערשוינען דעם יודישען האנדעל.

מיר פיהלען דעם צער און פערשטעהען די אויפרעגונג פון די יודישע סוחרים סיי אלס יודען און סיי אלס סוחרים. מיר געבען זיך אן א חשבון פון דעם איבער־נאטירליכען אינערליכען קאמף פון יודישען סוחר, כדי צו בעהערשען זיך און נישט רעאגירען אויף די שענד־ליכע עוולות, וואס ווערען בנוגע איהם בעגאנגען הגם ער ערפילט אלע פליכטען און לייסטעט לטובת דער מלוכה, אויב נישט מעהר, לכל־הפחות נישט ווייניגער פון פוי־לישען סוחר.

יודען, אין די דאזיגע שווערע מינוטען מוז מיט לויב דערמאנט ווערען דער טייל פון דער פוילישער בעפעל־קערונג, וועלכער לאזט זיך נישט בעאיינפלוסען פון מענטשען — און יודען — האָס און לאזען זיך נישט טערא־ריזירען פון די פיקעטניקעס.

סוף כל סוף פערשטעהט דער טייל פון דער פוילישער בעפעלקערונג, אז קויפען דארף מען דארט, ווי ס'איז ביליג, אז קויפען דארף מען דארט, ווי די בעהאנדלונג איז א גוטע און, אז קויפען דארף מען דארט, ווי איינער וויל און נישט ווי בעצאהלטע פיקעטניקעס וועלען איהם אנ־ווייזען און מיט טערור נישט לאזען אויספיהרען די אייגענע פליכטען.

יודען, מיר מוזען געדענקען, אז דער קאמף מיט'ן יודישען סוחר, מיט'ן יודישען האנדעל איז נאר איין רינג אין דער גרויסער קייט פון אויסראטונגס קאמף, וואס ווערט געפיהרט געגען דער גאנצער יודישער בעפעל־קערונג אין פוילען; מיר טארען דעריבער נישט איבער־לאזען אליין דעם יודישען סוחר אין זיינע ראנגלענישען. ער מוז פילען הינטער זיך דעם כוח פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג, אז דער גאנצער יודישער קיבוץ איז מיט איהם אין זיין קאמף, פראטעסטירט צוזאמען מיט איהם געגען דער שענדליכער האנדלונג און נעמט אנטייל אין זייער פערביטערונג און טרויער.

יודען, אזוי לאנג ווי ס'וועט דויערען דאס פיקעטירען די געוועלבער, אזוי לאַנג מוז דויערען דער טרויער פון דער יודישער בעפעלקערונג.

קיין איינציגער יוד דארף נישט דורך דער צייט בעזוכען צוקערניעס, רעסטאראציעס, קינאס, טעאטער און אנדערע פערוויילונגס-ערטער, און די איינגעשפארטע געלדער דאר־פען געשפענדעט ווערען פאר די, וועלכע האבען געליטען פון דער אנטיסעמיטישער העצע.

די שפענדונגען דארפען איינגעצאהלט ווערען אין די יודישע רעדאקציעס.

"יודישער ראטמענער-קאלא פון שטאדט-ראט"
אין טשענסטאכאוו.

ט. צ.

יידן פאַרכאַפּן זאַוואַדזיע...

אינעם יאָר 1939 האָט דעם יידנפּרעסערישן "גאָניעץ" אָנ־געכאַפּט אַ פּחד... ער האָט דערפילט... אַז טשענסטאָ־כאָווער יידן קלויבן זיך פּרכאַפּן דאָס יידן־ריינע "זאַ־וואַדזיע", און ער האָט אָנגעהויבן אַלאַרמירן: "סטייטש — האָט דער "גאָניעץ" געשריבן — "זאַוואַדזיע" איז ביז איצט געוועזן דאָס פון גאָט געבענטשטע מקום, אויף וועלכן, קיין יידישער פוס האָט נישט איבערגעטרעטן און דאַ פּלוצ־לינג — נאָכדעם ווי מ׳ האָט אָהערצו איבערגעפירט דעם מאַרק, ווילן שוין פאַרשידענע "זשידקעס" דאָרט קויפן פּלעצער און דינגען געוועלבער כדי זיך דאָרט צו באַזעצן.

די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע צייטונג אַפּעלירט דאַרום צו די אמת׳ע פרומע קריסטן, זיי זאָלן זיך נישט לאָזן "פאַר־פירן" פון די "זשידעס" און נישט פאַרקויפן, אָדער, אפילו פאַרדינגען די הייליקע זאַוואַדזיער ערד צו יידן.

מיט זיינע גיפטיגע רייד העצט דער "גאָניעץ" קעגן יידן, וועלכע זענען דאָ "פרעמדע" און "שונאים", וועלכע האָבן שוין פאַרכאַפּט דעם אַלטן און נייעם מאַרק, די ערשטע און צווייטע אַלעע און רייסן זיך איצט צו דעראָבערן אויך זאַוואַדזיע.

דאָס טאָר נישט דערלאָזט ווערן און יעדער געטרייער פּאָליאַק דאַרף מיטהעלפן און נישט לאָזן די יידן אויך אַהערצו אַריינדרינגען.

דערביי האַלט זיך נישט אָפּ די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע צייטונג צו וועקן די נידעריגסטע אינסטינקטן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן אָנווייזנדיק, אַז די יידן זענען די גרעסטע שונאים פון פּוילישן פאָלק און זיי זענען אויך שולדיק אינעם הערשנדיקן עקאָנאָמישן קריזיס.

הגם עס איז באַוווּסט, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג — מאַרק־הענדלער און געוועלב־סוחרים פון אַלטן און נייעם מאַרק האָבן פאַרלוירן זייערע פּרנסות צוליב׳ן זאַוואַדזיער מאַרק איז עס פאַרן יידן־פרעסערישן "גאָניעץ" נישט גענוג און ער וואָרענט פאַר דער יידישער געפאַר.

אַזוי האָט אויך דער "גאָניעץ" באַצייטענס צוגעגרייט דעם באָדן צו דער פאַרניכטונג פון פּוילישן יידנטום.

---

* אין דער "טשענסטאָכאָווער צייטונג" איז אין יאָר 1939, אַ קורצע צייט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אָפּגעדרוקט גע־וואָרן אַ נאָטיץ אונטער׳ן נאָמען "יידן פאַרכאַפּן זאַוואַדזיע" אין וועלכען עס איז ציטירט די גיפטיקע אַנטיסעמיטישע ווער־טער פון יידנפרעסערישן "גאָניעץ".
מיר דריקן איבער אויך די דאָזיקע נאָטיץ וועלכע, באַווייזט אין וועלכע באַדינגונגען די טשענסטאָכאָווער יידן האָבן גע־לעבט שוין אין יענע פינסטערע טעג.

ו. ה.

די בענק אין טשענסטאָכאָוו

די טשענסטאָכאָווער קאָאָפּעראַטיווע באַנק

זי איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1937 און איז מיט דער צייט געוואַקסן און געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע יידישע פינאַנס־אינסטיטוציעס אין טשענס־טאָכאָוו, די קאָאָפּעראַטיווע־באַנק האָט זיך דעראָבערט צוט־רוי פון דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין איר געזען ממש די אמת׳ע פאָלקס־באַנק.

וועגן דער דאָזיקער וויכטיקער פינאַנציעלער אינסטי־טוציע, זענען מיר,ליידער, נישט אומשטאַנד איבערצוגעבן קיין אויספירליכן באַריכט און מיר מוזן זיך באַגניגנען בלויז מיט אַ באַריכט, וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דער יערליכער אַלגעמיינער־פאַרזאַמלונג אין יאָר 1937, און איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין "טשענסטאָכאָווער צײ־טונג" נומער 20, פון 20.5.1938.

אין נאָמען פון אויפזיכטס־ראַט האָט געעפנט די פאַר־זאַמלונג, לאַוניק פעליקס שפּירא, וועלכער האָט באַגריסט דעם דעלעגירטן פון צענטראַלן רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד אין וואַרשע ה׳ שמויש און פאַרבעטן אין פּרעזידיום אַלס

אַסעסאָרן די ה״ה ש. גראַנעק און ח. פריימויער און אַלס סעקרעטאַר דעם ה׳ י. קרוק.

דער לאַנג־יעריקער דירעקטאָר פון דער באַנק ה׳ זאַנד האָט אָפּגעגעבן אַנ׳אויספירליכן באַריכט פון וועלכן מיר דערוויסן זיך, אַז עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן 1313 הלוואות פאַר פאַרשידענע שיכטן פון דער יידישער באַפעל־קערונג, אָנהויבנדיק פון אינדוסטריעלער, סוחרים ביז הענ־דלער, וואָס שטייען אין די שטאָט־מאַרקן מיט זייערע סטראַגאַנעס און געמאָלדן, אַז די באַנק ציילט 880 מיט־גלידער (אין יאָר 1939 — ערב דעם חורבן — האָט זי געהאַט קרוב 1000 מיטגלידער).

די ה״ה ש. גאָלדשטיין (אין נאָמען פון דער פאַרוואַל־טונג) און אינזשעניער ב. העלמאַן (פון אויפזיכטס־ראַט) האָבן דערגענצט דעם באַריכט מיט פאַרשידענע פּרטים וועגן דער טעטיקייט אין פאַרגאַנגענעם יאָר און וועגן די אַרבייטס־פּלענער פאַרן יאָר 1938.

דער אינספּעקטאָר פון וואַרשעווער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד ה׳ שמויש האָט אין אַלגעמיין רעפעראַט איבערגעגעבן אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דער אַנטוויקלונג פון די יידישע קאָאָפּעראַטיווע בענק אין פּוילן וועלכע דיספּאָנירן שוין מיט אַ קאַפּיטאַל פון איבער צוויי מיליאָן זלאָטעס, אַ סכום וואָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג אין דער מלחמה וואָס די יידישע סוחרים און בעלי־מלאָכות דאַרפן פירן פאַר זייער עקזיסטענץ.

צום סוף האָט דער רעדנער באַטאָנט, אַז אין דער זעל־בער צייט, ווען עטליכע יידישע קאָאָפּעראַטיווע בענק אין פּוילן האָבן זיך געמוזט ליקווידירן צוליב דער שלעכטער פירונג, האַלט די טשענסטאָכאָווער קאָאָפּעראַטיווע באַנק אין אַ כסדר׳דיקן וואַקסן און דאָס איז אַ דאַנק דער איבער־געגעבנקייט, פון דער פאַרוואַלטונג און די אַרטיקע עס־קנים, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן די וואַרמסטע אָנער־קענונג פון צענטראַל רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד אין וואַרשע.

נאָכדעם איז — לויטן פאָרשלאָג פון ה׳ ניימאַן — באַשלאָסן געוואָרן איבערפירן 20.000 זלאָטעס פון די רווחים פאַרן רעזערוו־קאַפּיטאַל און אויך אַסיגנירן פאַרן יידישן שפּיטאָל 664.12 זלאָטעס.

פּרעזעס י. אימיך האָט רעפערירט וועגן בודזשעט־פּראָ־יעקט אויף יאָר 1938 און דער בודזשעט אין דער הויך פון 52 טויזנט זלאָטעס מיטן רעכט אים צו העכערן — אויב עס וועט זיין נויטיק — מיט נאָך צען פּראָצענט, איז באַש־טעטיקט געוואָרן.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַז די גרעסטע הלוואה, טאָר נישט זיין מער ווי 10.000 זלאָטעס און דאָס בתנאי, אַז זי זאָל נישט באַטרעפן מער ווי דרייסיג פּראָצענט פונעם איינגעצאָלטן סכום, וואָס דער חבר האָט איינגעצאָלט אין באַנק.

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט אויך באַשלאָסן, אַז די באַנק זאָל באַגרענעצן אירע פאַרפליכטונגען אין אַנדערע פינאַנציעלע אַנשטאַלטן, ביז 1 מיליאָן זלאָטעס.

עס זענען אויפסניי געוויילט געוואָרן:

אַלס דירעקטאָר: ה׳ זאַנד; אין פאַרוואַלטונג: ה׳ י. לעווקאָוויטש; אין ראַט: ש. גראַנעק, ח. טאַפּאַר און לאַוו־ניק פּ. שפּירא און אַלס זיין פאַרטרעטער — ה׳ וו. איצעק.

די קאאפעראטיווע האנטווערקער באנק

אויך דער האַנטווערקער פאַראיין אין טשענסטאָכאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז איינע פון זיינע הויפּט־אויפגאַבן, איז צו שאַפן אַ פינאַנציעלע אינסטיטוציע, ווו זיינע חברים — די יידישע בעלי־מלאכות זאָלן קאָנען באַקומען הלוואות אויף גוטע צאָלונג׳ס באַדינגונגען און ביליקן קרעדיט.

צו דעם צוועק האָט דער פאַראיין, נאָך אין יאָר 1927, געגרינדעט אַנ׳אייגענע קאָאָפּעראַטיווע באַנק.

הגם די דאָזיקע באַנק איז נישט געווען פון די רייכסטע אין שטאָט, איז זי דאָך געווען ביכולת פיל העלפן אירע חברים און מעגליך מאַכן פירן זייערע וואַרשטאַטן און זיך פאַרזאָרגן מיט רוי־מאַטעריאַלן פאַר די זומער און ווינ־טער סעזאָנען, ווי אויך איינצוקויפן זיך די נויטיקע מכשי־רים פאַר זייער אַרבעט.

דער ערשטער דירעקטאָר איז געווען ה׳ פּראַסקוראָוואָוסקי וועלכער האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג און וווּקס פון דער האַנטווערקער־באַנק.

אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון דער באַנק זענען געווען (לויט א״ב) די ה״ה: אייזנעלמאַן, ה. אפּנער, ב. באַציאַן, בענעט, גאַסטינסקי, ד״ר גרין, א. ל. גרינבערג, האָפּנונג, זשעלינסקי, יאַקובסאָן, כץ, ז. מאַרקאָוויטש, ש. ניעמיראָווסקי, סט. קאַן און א. א. שיינפעלד.

אי די לעצטע יאָרן האָט דעם אמט פון באַנק־דירעקטאָר

פארנומען ה׳ באכענעק, וועלכער האט אויך אנטוויקלט א ברייטע טעטיקייט לטובה דער באנק.

י. ה.

די אגודה׳שע ״באנק קופיעצקי״

אויך די ״אגודת ישראל״ האט געגרינדעט אן׳אייגענע באנק אונטערן נאמען ״באנק קופיעצקי״ וועלכע האט בעיקר געפירט איר טעטיקייט צווישן רעליגיעזע יידן בכלל און אירע ״אגודה״-חברים בפרט.

מיט דער באנק האבן אנגעפירט די אקטיווע ״אגודה״-טוער: א. נ. האראוויטש, מ. פאגעל און יצחק מאיר קערל.

ריגער האנדל׳ס באנק

צום סוף דארף דערמאנט ווערן אויך די ״ריגער האנדל׳ס באנק״, וועלכע האט געעפנט אין טשענסטאכאוו איר אנ׳אפטיילונג, די דאזיקע באנק האט פינאנסירט, מיט א ברייטער האנט, די גרויסע יידישע פאבריקן און האנדלס-הייזער אין זייערע געשעפטליכע פארבינדונגען מיטן גרויסן רוסלאנד. די באנק האט באדינט אויך גאנץ זאגלעמביע. איר דירעקטאר איז געווען מאוריצי רוף.

אבער נאכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האט זיך די באנק ליקווידירט און די פוילישע מלוכה האט גע׳ירשנ׳ט איר גו׳ויס פארמעגן אין טשענסטאכאוו.

א. גאטליב

דער האנטווערקער פאראיין אין זיינע צעכן

אינעם בוך ״טשענסטאכאווער יידן״, וואס איז דערשינען אין ניו-יארק, אין יאר 1947, האב איך פארעפנטליכט אנ׳אויספירליך ארטיקל וועגן דעם דאזיקן פאראיין, דא וויל איך איבערגעבן דעם תמצית פון דעם ארטיקל פאר אונדזער ״ספר צ׳נסטוחוב״, וועלכער דערשיינט איצט אין ישראל.

די באוועגונג צו ארגאניזירן די יידישע בעלי-מלאכות מיטן צוועק — צו פארבעסערן זייער עקאנאמישע לאגע און גלייכצייטיק אויך צו הויבן זייער גייסטיקע אנטוויקלונג, האט זיך אנגעהויבן נאך עטלעכע יאר פארן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה.

די איניציאטיווע דערצו האט געשטאמט פון דעם יונג-פארשטארבענעם יידישן אינזשיניער יאן קירשראט — איינער פון דער קליינער גרופע אבסאלווענטן פון ווארשעווער אוניווערזיטעט און טעכניקום, וואס זענען פארכאפט געווארן דורכן ציוניסטישן געדאנק און געווארן די טאן-געבער און שפעטער — אויך די פירער פון פוילישן יידנטום, ווי יצחק גרינבוים, (לעבט אין גן-שמואל), ד״ר נח דווידזאן, אפאלינארי הארטגלאס און אינזשיניער מ. קערנער (איז לעצטנס געשטארבן אין ת״א).


יאן קירשראט האט אויך א חלק אין דער גרינדונג פון האנטווערקער-פאראיין אין טשענסטאכאוו.

אין אנהויב, האבן זיך יידישע בעלי-מלאכות בכלל פארזאמלט אין זייערע אייגענע ״מנינים״ און בתי-תפלה, דארטן פלעגן זיי אויך באהאנדלען זייערע ספעציפישע פראגן און דארטן האבן זיי אויך איינגעארדנט זייערע שמחות.

די הויפט-ארגאניזאטארן פון האנטווערקער-פאראיין ביי אונדז אין שטאט זענען געווען אינזש. עשרה-דבריא, דירעקטאר פון דער שוין עקזיסטירנדיקער האנטווערקער-שולע און אלקנה כראבאלאווסקי.

אין ארגאניזיר-קאמיטעט זיינען געוויילט געווארן חוץ די אויבנדערמאנטע: (לויט א״ב) בער באלזאם, לייב גאלדשיידער, וואלף גאסטינסקי, שלמה ליבראוויטש, מישא טענענבוים און שלמה קרויסקאפ.

צווישן די ערשטע מייסדים זענען אויך געווען:



די צענטראַלע פון יידישן האַנטווערקער־פאַראיין אין טשענסטאָכאָוו (אין יאָר 1930)
די ערשטע שורה (פון רעכטס [illegible]): ל. [illegible] א. [illegible]אוויטש, ד״ר ה. גייסלער, ש. ניעמיראַווסקי, ה. בראַון און מ. בלום. **צווייטע שורה**: א. גרינבערג, ס. מיטלער, ש. גראַנעק, ש. כץ, י. גאָלדבערג, א. ווייס, א. פרידמאַן, מ. כץ און י. צעצ׳ורא. **דריטע שורה**: י. לעווקאָוויטש, ש. גאַנשעראָוויטש, מ. פייגענבלאַט, צ. דזיאַלאָוויץ, וו. גאָסטינסקי, א. גרייצאַר, א. געלבער, מ. אַרט־מאַן און א. גאָטליב. **פירטע שורה**: י. ווײַנהאָלץ, י. ווייס, י. שענבאַלד, ש. לוריא, מ. דזיאַלאָווסקי און ל. זיידמאַן. **פינפטע שורה**: י. בולבא, מ. פרייערמויער, מ. בלומענפעלד, ה. אפנער, מ. גאָלדבערג, מ. יאַרקאָוויזנא און א. ווינער.

משה וועקסלער, שמחה קאַלקע, יהונתן ראָזענזאַן, אהרן ראָטשילד, יוסף רובינשטיין און דער שרייבער פון די שורות. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין „לירא״־זאַל.

אַלס מיטגלידער האָבן זיך אויך פאַרשריבן אַ גרופּע אַרבעטער, אַבסאָלווענטן פון דער אָרטיקער האַנטווער־קער־שולע.

אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג זענען געווײלט געוואָרן: אַרטור בראַניאַטאָווסקי, לודוויג גאָלדבערג, לייבוש גאָלד־שיידער, וואָלף גאָסטינסקי, סטאַניסלאַוו הערץ, משה ווין, פּ. זאַלצמאַן, משה טענענבוים, שלמה ליבראָוויטש, אינזש. עשרה־דבריא, ל. צימערמאַן, שלמה קרויסקאָפּ, אינזש. פּ. ראַטנער און יעקב שטייער.

אַלס פּרעזעס איז געווײלט געוואָרן הענריק מאַרקוס־פעלד.

דער פאַראיין האָט געעפנט אַ קלוב און דאָרט אויך געזאָרגט פאַר דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון זיינע חברים, איינאָרדנדיק פאָרלעזונגען, טעאַטער־פאָרשטעלונ־גען און צוזאַמענטרעפן פון חברים, ווו עס זענען באַהאַנ־דלט געוואָרן פאַרשידענע פראַגן.

די פאַרוואַלטונג האָט זיך באַמיט צו שאַפן סעקציעס פאַר די באַזונדערע פאַכן, אָבער, אין אָנהויב אין די זאַך

נישט געלונגען. דאָס האָט אויך גורם געווען דערצו, אַז דער קלוב איז געוועזן געצוווּנגען אַריבערגעהן פון זיין גרויסן ברחבות׳דיקן לאָקאַל — אויף אלעע 11 אין אַ קלענערן — אויף אלעע 27 און שפּעטער — צוליב זיינע ווייטערע פינאַנסיעלע שוועריקייטן — אויף אגראַדאָווע 22.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין שפּיץ פון פאַר־איין געשטאַנען: אינזשיניער עשרה־דבריא און אַלס וויצע־פּרעזעס — ד״ר היפּאליט גייסלער, מיט׳ן סעקרעטאַריאַט האָט יאָרן־לאַנג אָנגעפירט אבא ווינער.

די מלחמה האָט געבראַכט צו אַ גרויסער ירידה אויך אין דער טעטיקייט פון פאַראיין, אָבער, אַ דאַנק די חברים וו. גאסטינסקי, אינזש. מילשטיין, און שלמה קרויסקאָפּ איז די אַרבעט באַנייט געוואָרן.

צוליב דעם שווערן עקאָנאָמישן מצב אין דער מלחמה־צייט, האָט זיך זער פאַרערגערט די מאַטעריעלע לאַגע פון די האַנטווערקער און דער פאַראיין האָט דאַרום באַלד גע־עפנט די ערשטע יידישע ביליקע קוך פאַר בעלי־מלאָכות און זייערע משפחות. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די יונגע חברים: מ. אַש, מ. ישעיעוויטש, א. בארנשטיין, ד. קרויסקאָפּ און מ. מאַק־רויער, וועלכע האָבן אויך צוגעצויגן צו זיך נאָך מענטשן און דורך דעם אויך פאַרברייטערט די הילפס־אַקציע, אויך פאַר אַנדערע נויט־באַדערפטיקע, נישט דווקא האַנטווער־קער.

אין יאָר 1917 — נאָך אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, — האָט זיך באַנייט די אַרבעט פון פאַראיין און זיין פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט דורך די עסקנים (לויט א״ב): קאפּל אורבאך, ישעיהו גראַנעק, דוד וואָלפאָוויטש, הערשל ווין, אברהם פרידמאַן, משה קאַץ, שמואל קאַץ און ז. קרוג.

צו יענער צייט האָט געהערשט אין טשענסטאָכאָוו אַ גרויסע אַרבייטסלאָזיקייט, באַזונדערס ביי די שניידערס און בעקערס. זיי האָבן טאַקי, באַקומען אַלס די ערשטע די מעגליכע מאַטעריעלע הילף.

אין יאָר 1918 — נאָכן אויפקום פון דער פּוילישער זעלבסטשטענדיקער מלוכה — האָט דער פאַראיין אַ דאַנק דער גרויסער מאַטעריעלער הילף פון אַמעריקאַנער „דזשוינט", — פאַרברייטערט זיין טעטיקייט און געעפנט אַ ליי־קאַסע פאַר אלמנות און יתומים.

אין דעם זעלבן יאָר האָט ער אויך געעפנט אַ קינדער־היים, ווו די אָרעמע קינדער האָבן געפונען אַ „היים" פאַר זיך, לערערינס, וואָס האָבן זיי געהאָלפן מאַכן די „לעקצ־יעס" און פאַרשידענע שפּילערייען, ווי אויך גענוג עסן און טרינקען.

אין יאָר 1919 איז באַנייט געוואָרן די טעטיקייט פון דער ליי־און־שפּאָר־קאַסע, וועלכע האָט אויך צוגעהאָלפן ביים שאַפן און פאַרברייטערן די נעץ פון די קאָאָפּעראַטיוון, ווי דער לעבנס־מיטל קאָאָפּעראַטיוו „זעלבסט־הילף", און די רוי־שטאָף קאָאָפּעראַטיוון פאַר שניידערײ, היטעלמאַ־כעריי און קאַמאַשן־מאַכערס.

צו יענער צייט האָט דער פאַראיין שוין געהאַט 530 מיטגלידער און ער האָט אויך פאַרשפּרייט זיין טעטיקייט אויך אויף די אַרומיקע שטעטלעך: קלאָבוצק, קאמיק, קאָניעצפּאָל און קרזשעפּיץ, וווּ ער האָט געגרינדעט אָפּ־טיילונגען פון פאַראיין.

אַ יאָר שפּעטער זענען געשאַפן געוואָרן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון פון שיך און מעבל־אויסאַרבייטונגען.

עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ פּאַטראָנאַט וועלכער האָט געזאָרגט פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פון לער־יונגלעך און פאַר זיי אָרגאַניזירט 11 באַזונדערע סעקציעס פון די פאַרשידענע פאַכן.

ערשט אין יאָר 1921 האָט די פּוילישע רעגירונג באַש־טעטיקט די סטאַטוטן פון פאַראיין אונטערן נאָמען „יידי־שע האַנטווערקער רעסורסע", וועלכערס אויפגאַבע איז: „צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די האַנטווערקער".

(לויט דעם נייעם סטאַטוס קאָנען צום פאַראיין געהערן נאָר זעלבסטשטענדיקע האַנטווערקער, ווי אויך פּראָטעק־טאָרן).

„די פאַך־סעקציעס ביים פאַראיין פירן אויפן פּראָפעס־יאָנעלן געביט, אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט, דאָך אונ־טערליגן זיי דער אויפזיכט פון אַלגעמיינעם האַנטווערקער פאַראיין", „די סעקציעס דעלעגירן זייערע פאַרשטייער אין דער פאַרוואַלטונג פון אַלגעמיינעם האַנטווערקער־פאַראיין".

צווישן די אַקטיווע טוערס פון פאַראיין, אין די יאָרן 1917—1923, איז כדאַי אויך צו דערמאָנען דעם דענטיסט מ. גרעניץ, וועלכער איז אַ געוויסע צייט געווען דער פּרעזעס פון פאַראיין און זיינע דריי וויצע־פּרעזעסן: אברהם דזשאלאָווסקי, דניאל דזשיאַלאָוויטש, הערשל וונוק און יעקב שטייער און אויך די אַקטיווע עסקנים: מיכאל איידעלמאַן, משה בערמאַן, נפתלי דערערס, שמואל האָפּ־נונג און יעקב פיש.

אין יאָר 1924 איז דער פאַראיין געגאַנגען צו די פאַרשידענע וואַלן מיט אייגענע ליסטעס און דורכגעפירט זיינע קאַנדידאַטן, אין שטאָט־ראַט: ד״ר ה. גייסלער און י. גאָלדבערג, אין דער יידישער קהלה: י. גראַנעק, א. דזשאַלאָווסקי, א. ליבערמאַן, און א. ז. פרידמאַן, אין ראַט פון ״באַנק ספּולדזשעלטשי״: ד״ר ה. גייסלער, ש. לוריע און ב. שטיבעל אין ראַט פון דער ״קראַנקן־קאַסע״: מ. איידעלמאַן (דענטיסט), מ. גרעניץ און א. יאַרקאָוויזנע און אין ״טאָז״־פאַרוואַלטונג — י. גאָלדבערג.

דאס צעכן־געזעץ

אין פּוילן האָט עקזיסטירט, פון אור־אַלטע צייטן, אַ צעכן־געזעץ לויט וועלכן יעדער בעלי־מלאָכה האָט געמוזט זיין איינגעשלאָסן אין אַ צעך און באַקומען אַ ״דיפּלאָם״ פון זיין ״צעך״, וועלכער האָט אים געגעבן דעם טיטל ״מייסטער״.

די ״צעכן״ זענען געווען באַשטימט נאָר ״פאַר קריסטלעכע בעלי־מלאָכות״. קיין יידן האָט מען נישט צוגענומען אַלס מיטגלידער און ממילא זיי אויך נישט אַרויסגעגעבן קיין ״דיפּלאָמען״, זיי האָבן דאַריבער נישט געטאָרט פירן קיין וואַרשטאַטן און עפנטלעך זיך באַשעפטיקן מיט זייערע פאַכן.

עס זענען בלויז געווען עטליכע ״צעכן״ — אין די קלענערע שטעטלעך אין פּוילן, — וואָס האָבן פאַר גוטע געלטער, מאַנכע יידן אַרויסגעגעבן ״דיפּלאָמען״, נישט אָננעמענדיק זיי גלייכצייטיק אַלס מיטגלידער פון צעך. יידן האָבן דאַרום געמוזט פירן זייער אַרבעט נישט זייענדיק ״דיפּלאָמירט״ און פאַרשריבן אין די פּוילישע צעכן.

די גראַבסקי־רעגירונג, וועלכע, האָט זיך באַמיט ״אויסצולייזיקן״ די קעשענעס פון די יידישע סוחרים און בעלי־מלאָכות, דורך אירע הויכע און אונבאַרעכטיקטע הכנסה־שטייערן, וועלכע זענען באַקאַנט געווען מיטן ״שרייענדיקן״ נאָמען ״אבראַטאָווע״ און ״דאַכאַדאָווע״, האָט, גלייכצייטיק, אויך געוואָלט צונעמען די יידישע פּרנסות און האָט צוליב דעם צוועק אַריינגעטראָגן אין סיים אַ געזעץ — פּראָיעקט וועגן צעכן, לויט וועלכן עס האָט געזאָלט שטרענג פאַרבאָטן ווערן יעדער אַרבעט, דורך מענטשן, וואָס געהערן נישט צו די ״צעכן״, וועלכע זענען, ווי שוין דערמאָנט, געווען פאַרשלאָסן פאַר די יידישע האַנטווערקער מיט צען שלעסער...

די יידישע ״סיים״־דעפּוטאַטן, מיטן סיים דעפּוטאַט א. האַרטגלאַס אין דער שפּיץ, האָבן אָנגעהויבן — אין יאָר 1927 — אַ שווערן קאַמף געגן דער דאָזיקער גזירה, וואָס האָט געדראָט צוצונעמען דאָס ברויט ביי צענדליקער טויזנטער יידישע בעלי־מלאָכות אין פּוילן.

די ״גראַבסקי־ רעגירונג״ האָט זיך איבערצייגט, אַז זי האָט ״איבערגעכאַפּט די מאָס״ און דער געזעץ פּראָיעקט איז געענדערט געוואָרן אַזוי, אַז אויך די עקזיסטירענדע פאַך־סעקציעס ביים צענטראַלן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, זענען אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעגאַלע צעכן, וואָס האָבן דאָס רעכט אַרויסצוגעבן זייערע מיטגלידער די צעך־דיפּלאָמען.

די פּוילישע מאַכט האָט, אָבער, ווידער געפּרווט באַגרענעצן די רעכט, פאָדערנדיק, אַז די ״דיפּלאָמען״ זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן נאָר דורך די בעלי־מלאָכות, וואָס האָבן אַלע יאָרן — זייט דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער מלוכה — אויסגעקויפט ״האַנטווערקער־פּאַטענטן״. דאָס איז געווען אַ שווערע גזירה פאַרן האַנטווערקער כלל.

צום סוף האָט מען דאָך אויסגעפּועלט, אַז עס איז גענוג 5 יאָר, כדי צו באַקומען אַ ״האַנטווערקער־קאַרטע״, נישט מאַכענדיק קיין עקזאַמען.

אין טשענסטאָכאָוו איז די דורכפירונג פון דער דאָזיקער פּראָצעדור, ווי אויך די וואַלן פון די יידישע פאַרשטייער אין דער ״וואָיעוואָדישער האַנטווערקער־קאַמער״ איבערגעגעבן געוואָרן די חברים: א. גאָטליב, י. גאָלדבערג, א. דזיאַלאָווסקי און ס. קאָץ, דער לעצטער — איז שפּעטער אויך געוויילט געוואָרן אַלס דער יידישער פאַרשטייער אין דער האַנטווערקער־קאַמער אין קיעלץ אין וועלכער עס האָבן זיך אויך באַטייליקט פאַרשטייער פון דער וואָיעוואָדסטוואָ, מאַגיסטראַט ווי אויך די צוויי דיפּלאָמירטע מייסטער פון יעדן פאַך.

אַלע טשענסטאָכאָווער יידישע בעלי־מלאָכות זענען באַלד צו געטרעטן צו די ״עקזאַמענס״ (זעלבסט־פאַרשטענדליך, די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין 5 יעריקע צייגנישן וועגן זייער אַרבייט אין פאַך) און האָבן באַקומען די ״מייסטער־דיפּלאָמען״.

אַלע צעכן האָבן זיך צענטראַליזירט און האָבן אַרומגענומען פאָלגנדיקע פאַכן: שניידעריי, כאַלופּניקעס און הויזן און וועסטלעך שניידער, צום מעטאַל־צעך האָבן געהערט: שלאָסער־מעכאַניקער, גראַווירער, זייגער־מאַכער און גאָלדשמידן.

אַלע צעכן האָבן צוזאַמען איינגעאָרדענט ביי פאַרשי־
דענע געלעגנהייטן אימפּאָזאַנטע פייערונגען אויף וועלכע
די פאַרשידענע צעכן האָבן מאַרשירט אונטער די אייגענע
שיינע פענער.

אין יאָר 1928, ווען דער טשענסטאָכאָווער האַנטווערקער
פאַראיין האָט געפייערט זיין 15 יעריקן יובילעאום, האָט
דער פאַראיין געציילט 1200 מיטגלידער און אַלע
האָבן זיך באַטייליקט מיט זייערע פענער אין דער פייער־
ליכער דעמאָנסטראַציע פון די טשענסטאָכאָווער פאַר־
אייניקטע און גוט־אָרגאַניזירטע יידישע בעלי־מלאָכות.
דערביי דאַרף פאַרצייכנט ווערן צום שבח דעם זער אַק־
טיווער אַנטייל פון שמואל נעמיראָווסקי און זיינע לייס־
טונגען פאַר די האַנטווערקער.

די פאַרוואַלטונג פון פאַראיין האָט אויך אַרויסגעגעבן
אַ שיינע יובילעאום־אויסגאַבע אין וועלכער עס איז דער־
ציילט געוואָרן די געשיכטע פון פאַראיין און זיינע סעקצ־
יעס.

דער געדאַנק וועגן דעם יובילעאום־אויסגאַבע און די
הויפּט־אַרבעט פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דער זאַך,
דאַרף אויך פאַרשריבן ווערן אַלס פאַרדינסט פון חבר ש.
נעמיראָווסקי.

✶

וועגן דעם "חלוץ בעלי־מלאכה" וואָס איז געגרינדעט
געוואָרן אין יאָר 1934 — ווערט, דערציילט אויף אַן אַנדע־
רער אָרט — אין "ספר צ׳נסטוחוב".

✶

דאָס יידישע האַנטווערקערטום אין טשענסטאָכאָוו וואָס
האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסע מאָס פון געזעלשאַפטליכער
דערציאונג און וועלכעס האָט אַ דאַנק זיין אַקטיוויטעט
אין כמעט אַלע יידישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס
אין וועלכע עס איז געוועזן פאַרטרעטן, האָט געהויבן דעם
אָנזען און כבוד פון יידישן בעלי מלאכה.

(ליידער איז דאָס אַלץ פאַרברענט געוואָרן אין דער
גרויסער שריפה וואָס די נאַציסטישע בלוט־שונאים האָבן אַזוי
אַכזריות׳דיג אויסגעפירט אויפן יידישן פאָלק אין מזרח־
אייראָפּע!).

ו. ה.

דער קליינהענדלער פאַראיין

ווי אומעטום איז אויך אין אונדזער שטאָט געשאַפן געוואָ־
רן, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דעם
אויפקום פון דער זעלבסטשטענדיקער פּוילישער מלוכה, אַ
קליינהענדלער־פאַראיין מיטן צוועק צו שיצן די אינטע־
רעסן פון די שוואַכע עלעמענטן פון יידישן מסחר — די
אַזוי־גערופענע סוחרים׳לעך, וואָס האָבן געדאַרפט ציען
זייער חיונה פון זייערע קליינע קרעמלעך, אָדער, סטראַ־
גאַנעס, וועלכע זיי האָבן אויפגעשטעלט אויף די שטאָטי־
שע מערק און אויך מיטגעפירט בשעת זייערע נסיעות אויף
די "ירידים" אין די אַרומיקע שטעטלעך.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַצייכענען, אַז צווישן די
דאָזיקע יידן, וואָס זענען באַשטאַנען, צום גרעסטן טייל,
פון אַ זעלכע, וואָס די טאָג־טעגליכע דאגות־הפרנסה האָבן
זיי נישט אָפּגעלאָזט ממש אויף קיין מינוט, האָבן זיך דאָך
געפונען אַ גאַנצע ריי עסקנים, וואָס האָבן זיך איבערגע־
געבן בלב ונפש די אינטערעסן פונעם קליינהענדלער פאַר־
איין און געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט אויף
אַלע געביטן: באַזאָרגט ביליקן קרעדיט פאַר זייערע חב־
רים, פאַרטיידיקט זייערע אינטערעסן אין שטייער־אַמט
און אין שטאָט־ראָט און האָבן, אפילו, באַזאָרגט דעם פאַר־
איין מיט אַ ספּאָרט־קלוב) אַ ביבליאָטעק און אַ שאָך־
קלוב, ווו די חברים האָבן געקאָנט זיך צוזאַמען טרעפן אין
זייער פרייע צייט.

ליידער, זענען אויך געווען צייטן, ווען אין דער פאַר־
וואַלטונג פון דעם דאָזיקן פאַראיין זענען אַריין אויך
"איפכא־מסתברא"ניקעס, וועלכע האָבן אין אַ געוויסער
מאָס געשטערט זיין אַנטוויקלונג אָבער, אַ דאַנק די אמת־
איבערגעגעבענע חברים, זענען די שטערונגען באַזייטיקט

געוואָרן אין די אַרבעט איז, אויפסניי, נאַרמאַל געפירט געוואָרן.

די ערשטע גרינדער פון פאַראיין זענען געווען (לויט א"ב): חיים וויינשטאַק, ש. ניעמיראָווסקי, מ. עפשטיין, דוד פיליפּאָוויטש און שלמה קרויזע (ביז זיין פּאַרלאָזן טשענסטאָכאָוו און זיין באַזעצן זיך אין מעץ, פראנקרייך).

לויט אַ באַריכט, פון יאָר 1924, וואָס עס איז אונדז געלונגען צו געפונען, ווייסן מיר, אַז שוין אין יענעם יאָר האָט דער פאַראיין געציילט 740 חברים און אַז אין דער פאַרוואַלטונג זענען דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג געוויילט געוואָרן:

ש. אפאַצ'ינסקי, א. ארז'יצקי, ר. בערקאָוויטש, י. דזיאַלעצקי, חיים וויינשטאָק, ח. ווייסבערג, ה. יאַקובאָוויטש, אַדאָלף און א. מ. עפשטיין, ל. פייערמאַן, פּ. ראָטענשטיין, י. שטראַזבערג און א. שיליט.

ו. ה.

TOWARZYSTWO KREDYTOWE


אונטער דעם פּוילישן נאָמען, וועלכער איז, אויף פּראָסט מאַמע־לשון — "קרעדיט־געזעלשאַפט" האָט אַ סך יאָרן עקזיסטירט אין טשענסטאָכאָוו די "שטאָטישע היפּאָטעקן־באַנק".

די דאָזיקע באַנק איז געגרינדעט געוואָרן מיט בשותפות'דיקע מיטלען דורך יידישע און קריסטליכע הויז־באַזיצער און זי האָט טאַקי געדינט די אינטערעסן פון יידן און פּאָליאַקן צוזאַמען.

איינער פון די הויפּט־מייסדים פון דער באַנק, וועלכער האָט צענדליקער יאָרן פאַרנומען דעם ערן־אַמט אַלס פּרעזעס פון דער באַנק איז געוועזן דער באַוווּסטער אָקוליסט און לאַנגע־יעריקער שטאָט פּרעזידענט ד"ר מאַרטשעווסקי.

ס'איז כדאי — דרך־אגב — אויך צו דערמאָנען, אַז דער דאָזיקער פאַרדינסטפולער און יידן־פריינטליכער געזעלשאַפטליכער עסקן, האָט אין דער צייט פון זיין קאַדענץ אַלס שטאָט־פּרעזידענט, דורכגעפירט די קאַנאַליזאַציע און אָרגאַניזירט דעם סטאַבילן אויטאָבוסן־פאַרקער אין שטאָט, אַ זאַך וואָס האָט פיל געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון טשענסטאָכאָוו.

די ליבעראַלע איבערצייגונג פון דערמאָנטן ד"ר מאַרטשעווסקי, האָבן מעגליך געמאַכט אַ געמיינזאַמע אַרבעט צווישן פּוילישע און יידישע בעלי־בתים, אַזוי אַז אין דער פאַרוואַלטונג פון דער היפּאָטעקן־באַנק זענען געזעסן אויך יידישע פאַרשטייער: אנטשל וואַרשאַווסקי און חיים וועקסלער (ביידע באַקאַנטע כלל־טוער־מזרחיסטן) ר' איטשע מאיר קרעל (באַוווּסטער "אגודה" פירער). גאָלדוואַסער, ב. מאָשקאָווסקי, ש. ראַדאל און וואָלף ראָזענצווייג (אַלע דריי אַקטיווע געזעלשאַפטליכע טוער).



חברי ההנהלה

עומדים (משמאל לימין): איטשע מאיר קרעל, בוגוסלבסקי (אינו יהודי), אינו יהודי, ש. רודל, גולדוסר, חיים וכסלר, אינו יהודי, וורשבסקי. יושבים (משמאל לימין): וולף רוזנצוויג, שנצ'יק (אינו יהודי), פיצ'נס (אינו יהודי), ד"ר מרצ'בסקי (אינו יהודי), לא ידוע (אינו יהודי), לא ידוע (אינו יהודי), ב. מושקובסקי.

זאָל אויך פאַרצייכנט ווערן, אז די ״קרעדיט געזעלשאַפט״ איז געווען די איינציקע בשותפות׳דיקע יידיש־פוילישע אינסטיטוציע, וואָס איז נישט באַהערשט געוואָרן דורך די אַרטיקע אַנטיסעמיטן און זייער העצעריי געגן יידן!

לײדער, האָט דער דאָזיקער אידעאַלער מצב, אויך געהאַט אַ ביטערן סוף.

ווי מיר לייענען אין ״טשענסטאָכאָווער צייטונג״ נומער 19, פון 13 מאי 1938, האָבן די פוילישע יידן־פרעסער געפייערט זייער טייוולאַנישן נצחון און אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער שטאַטישער קרעדיט־געזעלשאַפט, וואָס איז פאַרגעקומען זונטיק דעם 29 אַפּריל 1938 איז אַ דאַנק דעם נייעם וואַל־סיסטעם געוויילט געוואָרן בלויז קריסטן. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אויך דער תמיד ״יידן פריינטליכער״, ד״ר מארטשעווסקי ״מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון שנאת ישראל און מסכים געווען געוויילט צו ווערן צווישן די זעקס פאַליאַקן אין אויפזיכטס־ראַט. אויך די נייע 3 דירעקטאָרן זענען געווען בלויז קריסטן־ענדעקעס, זייער ״פירער״ אַדוואָקאַט זאַוואַדזקי און זיינע צוויי ״נאַכטאַנצער״ אין שנאת ישראל, לאוואניק פיאַנטקאָווסקי און ראַמאַן טראַווינסקי.

ר׳ יצחק מאיר קרעל, וועלכער איז ביז איצט געווען איינער פון די דירעקטאָרן און ר׳ חיים וועקסלער — איינער פון די וויצע־דירעקטאָרן, האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע אַמטן. אַזוי האָט זיך געענדיקט די ״ליבע״ צווישן פאַליאַקן און יידן אויך אין טשענסטאָכאָוו.

מוסדות חינוך ותרבות

ע. בן-משה

האגודה למוסיקה ולתרבות "לירא"

המוסד למוסיקה לספרות ולתרבות בשם "לירא" נוסד בעירנו עוד בשנת 1908 — על ידי העסקנים הציוניים משה זנדשטיין וליאון קופינסקי, שהשתדלו — לשם הרחבת היקף פעולתו והשפעתו בעירנו — לצרף אליו גם אנשי תרבות מחוגי האינטליגנציה שעמדו כבר על סף ההת־בוללות.

פעולה זו לא היתה בה ברכה, כי מיד, כשנתעוררה השאלה בדבר שם האגודה והציונים הציעו לקראה בשם "הזמיר", — כפי שנקראו אז מוסדות מעין אלה בוארשה ובלודז ובעוד ערים אחרות בפולין, — עמדו החוגים המת־בוללים על כך, כי יש לקבוע את שם האגודה ל"לירא", שם שאינו מגלה את אופיה היהודי... בכדי שלא לחסל את האגודה מיד בתחילתה, הסכימו גם הציונים לדעתם של אלו ונקראה שמה בישראל — "לירא" וגם השפה הפולנית השתלטה בה!

בין הפעילים שבאגודה נמנו: הסופר אברהם וויורקה, החזן אברהם בער בירנבוים ומר זאקס, ואלה הם שהתאמצו להרחיק ממנה את רוח ההתבוללות ששררה אז באגודה זו.

באותם הימים נפתח בצ'נסטוחוב סניף של "החברה ל־ספרות היהודית" (יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט) ש־מרכזה היה בפטרבורג (כיום — לנינגרד) שהציבה לעצמה את אותן המטרות, שלשמן נוצרה ה"לירא".

בראש הסניף עמדו: דוד בורז'יקובסקי, א. כרובולובסקי, זאב לוונהוף, רפאל פדרמן, יעקב קופינסקי ופ. שמואלביץ.

מוסד זה פיתח פעולה תרבותית מקיפה: ערך הרצאות בעניני ספרות ותרבות, אירגן מקהלות וגם יסד ספריה עשירה והיתה מעין התחרות בינה ובין "לירא". במיוחד הרחיבה חברה זו את פעולותיה כאשר השתקעו בצ'נסטוחוב יוסף אהרונוביץ (מוילנה) ויעקב רוזנברג ורעיתו (מלודז), שהקדישו הרבה מזמנם לפעולה למענה.

בינתיים החליטה הממשלה הצארית — משום מה — להפ־סיק את פעולות ה"יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט" בפטרבורג ושל כל סניפיה במדינה.

הדבר קרה בסוף הקיץ של שנת 1911.

עסקני שתי האגודות הנזכרות החליטו לכן, להתמזג ונבחר ועד משותף לאגודת "לירא", שאליו נכנסו: הנריק מרקוספלד (נשיא הכבוד), אהרן פרץ (יו"ר), אלקנה כרובולובסקי (מזכיר), יוזפוביץ (מרכז) וכחברי הועד: יוסף אהרונוביץ, חיים דוידוביץ, הרשליקוביץ, וויינשטוק, לוריא, מרכוס, ליאון קופינסקי, רוזנברג והנריק שמו־אלביץ.

"לירא" נעשתה אז למרכז החיים התרבותיים שבעיר. ה״ז ריכזה בתוכה את מיטב הכחות הציבוריים שבעיר לכל מפלגותיהם ושכבותיהם והיא נהפכה למקום כינוס למשכילי עירנו ועסקניה ולכל שוחרי התרבות העברית והיהודית שבה.

"לירא" ערכה, לעתים קרובות, הרצאות של גדולי הסופ־רים והעתונאים בנושאים ספרותיים, תרבותיים ופוליטיים וגם סידרת ויכוחים עניניים בשאלות הזמן.

כדאי להזכיר, כי — לפי הזמנת "לירא" — ביקר ב־צ'נסטוחוב י. ל. פרץ (במשך שנה אחת שלוש פעמים!). כן נתכבדה עירנו בביקורו של שלום-עליכם — זמן קצר לפני פרוץ מלחמת-העולם הראשונה.

ה"לירא" אירגנה גם את הרצאותיהם של יצחק גרינ־בוים (החי בגן-שמואל), י. טונקל (דער טונקעלער), לאזר כהן (שערך את הגליון הראשון של "דער פאַקעל" — ירחון ספרותי שעמד להופיע בצ'נסטוחוב באופן קבוע, לפי יוזמתם של עסקני ה"לירא": (ז. לוונהוף, ד. בורז'יקובסקי, ח. פייבלוביץ וח. דוידוביץ), ח. ד. נומברג, ז. סגלוביץ, הלל צייטלין ושמואל רוזנפלד.

על יד ה"לירא" הוקמה גם מקהלה של זמרים וזמרות,

שביניהם הצטיינו במיוחד הגברות: ג. בעם־שמואלביץ ו־ל. פרימורגן והגברים: אדליסט, בעם, משה וואגה ו־גרבינר.

בין חברי החוג הדראמאטי שע״י ה״לירא״ — שנוהל על ידי א. פרץ — הצטיינו במיוחד: גב׳ אבנר, פאולה מואר, איטה פקולה, דורה שחר, גב׳ קרומולובסקי וגב׳ שפירא, והגברים: י. אהרונוביץ, ורנר, סובול, ש. פראנק, ד. קראק ו־פייטל שמואלביץ.

כן הקימה ״לירא״ את קבוצת האספורט הראשונה בעירנו ובראשה עמדו: החברים: אבנר, ברם, גונשרוביץ ו־קראק.



ו. ה.

ספריות ציבוריות וחדרי־קריאה

צ׳נסטוחוב הוכיחה, שאין לה להסתפק ב״מזון הרוחני״ שסיפקו לה ״מוכרי הספרים״ וכורכיהם ר׳ עמנואל בייגעלע ור׳ הניך לפידות.

לשבחם ולתהילתם של כל המפלגות שחיו בעירנו יצוין, כי כל אחת מהן דאגה לספק לחבריהן ספרים וחוברות שונים, כמובן, כאלה אשר ״יאירו״ — קודם כל — את עי־ניהם בשאלות מפלגתיות, העומדות על הפרק, וביחד עם זה, גם חומר קריאה ספרותי, ספרי בלטריסטיקה, שירה וכל חומר קריאה המושך את לב הקורא.

השלטונות הרוסיים, ששלטו אז בצ׳נסטוחוב, ראו בכך ״סימני קראמולה״ שיש להיזהר בהפצתה ומשום כך נמנעה מלהוציא רשיונות לפתיחת ספריות ואולמי־קריאה וכל הפעולות בשטח זה התנהלו בצורה בלתי־לגאלית — ממש במחתרת.

הספריה הראשונה והחשובה ביותר שקמה בעירנו היתה של מפלגת הס. ס. והיא נמצאה באחד מחדרי המחסנים הצדדיים של סוחר־הברזל מר ברלינר שברחוב אוגרודובה שהיה בין אוהדי המפלגה הזאת ושהעסיק בבית־מסחרו את ישעיהו לוונהוף (חבר הס. ס.) כמנהל החשבונות של בית־מסחרו.

חבר המפלגה נטע שווארצבוים נטל עליו את היוזמה לטפל בספריה הבלתי־לגאלית הזאת. רכש בורשא את הספרים והביאום לצ׳נסטוחוב, רשמם בקטלוגים ועסק בהפצתם בבתי־החרושת ובתי־המלאכה ובחוגי המפלגה השונים וגם עסק בהחלפתם.

הספריה הכילה ספרים בלטריסטיים ביידיש, מקוריים ומתורגמים, והיא הלכה וגדלה מזמן לזמן.

לאחר שנפתח בצ׳נסטוחוב סניף של ״החברה לספרות יהודית״ בפטרבורג קיבלה גם רשיון לפתיחת ספריה ועשתה את מלאכתה בפרהסיה. אכן, לא ארכו הימים והממשלה הצארית נמלכה בדעתה ואסרה את פעולותיה של החברה הנזכרת וכל סניפיה.

כידוע התמזגה אז — בסוף שנת 1911 — החברה הזאת עם ״לירא״ וספרייתה עברה לרשותה באופן גלוי, כשברשותה למעלה מאלפים ספר ביידיש, ולמעלה מ־600 בעברית.

כספרן שימש פייטל שמואלביץ, שניהל גם סטטיסטיקה מענינת על הרכב הקוראים וספרי־הקריאה שלהם.

בשנות המלחמה העולמית הראשונה הועברה ספריה זו להסתדרות הציונית המקומית והמשיכה בפעולותיה, ברחוב דויאזד 19.

מפלגות הפועלים היהודיות לא ראו זאת בעין יפה והקימו על יד בתי־חטה שלהם ספריות וחדרי־קריאה ולהם הועברו הספרים שנשארו לפליטה מימי השעבוד הרוסי, כשהספריות התנהלו באופן בלתי־לגאלי. לאחר ששלטון הכיבוש הגרמני אישר את האגודה המקצועית הראשונה בשם ״בילדונגס פאראיין״, שבראשה עמדה מפלגת הס. ס. נפתחה והורחבה הספריה הזאת וכספרניות בה היו: חיה וואגה, אסתר פוקס וש. לנדוי.

באותו זמן הקימו — אמנם בצורה מצומצמת — גם ספריות מיוחדות לחברי ״פועלי־ציון״ ו״בונד״.

כאשר הופיעה בצ׳נסטוחוב — אחרי המלחמה — משלחת של ״חברת הסיוע של בני צ׳נסטוחוב בניו־יורק״ (טשענסטאָכאָווער רעליף אין ניו־יאָרק) והביאה אתה משלוח גדול של ספרים וגם כספים, התאחדו — לפי יוזמת המשלחת — כל הספריות של מפלגות הפועלים היהודיות תחת השם ״אלגעמיינע ארבעטער ביבליאטעק״ והנהלתה היתה בידי נציגי ה״פאראייניקטע״, ״בונד״ ו״פועלי־ציון״.

ספריה זו נתמכה במדה גדולה על ידי ה״רעליף״ בניו־יורק ועל ידי ציש״א בורשא.

לפי הצעת נציגי הפועלים במועצת־העיר אושרה גם תמיכה מטעם העיר שנועדה לקניית ספרים בפולנית בשביל הספריה.

הספריה, שהשתכנה בתחילתה ב״מעון הילדים״ שברח׳ סטראזשאצקא 10, עברה אחרי כן ל״בית־פרץ״, שעל יד בית־הספר העממי, ברח׳ קרוטקה 23.

כספרן שימש, בהתחלה, יעקב יצחק ז׳רנוביצקי ואחריו — הרשל ליפשיץ.

בליל שבת ובשבתות נערכו בספריה ״שיחות״ עם הקוראים על מה שקראו ורוצים לקרוא ורב היה מספר המשתתפים בשיחות הללו.

בצ׳נסטוחוב היתה גם ספריה על יד ״התאגדות עובדי המסחר והתעשיה״ אבל נמצאו בה ספרים רק בפולנית וברוסית וספרים, ביידיש או בעברית, היו מחוץ לתחומה — בבחינת ״בל יראה ובל ימצא״!...

אחרי ״מלחמה״ שנמשכה כמה שנים — ״נכבשה״ התאגדות זו וספריתה נפתחה גם לספרי יידיש ועברית.

במשך הזמן התמזגה ספריה זו עם ה״ספריה״ על שם וו. מעדעם, שהוקמה בשנת 1926 על ידי ״ועדת־התרבות״ (קולטור־אמט). בשנת 1927 עברה הספריה המאוחדת ל״שדרה״ מספר 20.

בתור ספרנית ראשונה שימשה בה אנדזיה מנוביץ.

בשנת 1938 שינתה הספריה, משום־מה, את שמה ונקראה בשם ״קולטורה״ ונוהלה על ידי גברת רוזה בערקענשטאט, (שהמשיכה לנהלה באופן בלתי־לגאלי גם בימי השלטון הנאצי. משנתגלה הדבר, נתפסה על ידי הרוצחים הנאצים שעינוה עד למותה הטראגי).

עלינו גם לציין את ספרית ההסתדרות ״צעירי המזרחי״ — שתחילתה בסוף מלחמת־העולם הראשונה ומקומה ברחוב אוגרודובה 14.

ספריה זו הלכה וגדלה משנה לשנה עד שהכילה כמה אלפים ספרים, בעיקרם ספרי־הגות בעניני הדת והלאומיות, מחקר ופילוסופיה דתית, החל מתקופת ימי הביניים — פרי־רוחם של גדולי ישראל דאז ועד לספרי־השכלה ומחקר של חכמת־ישראל, מגדולי המשכילים וההוגים שבמאה הי״ח והי״ט.

היתה גם מחלקה מיוחדת לספרי שירה ובלטריסטיקה, שהכילה ספריהם של גדולי הסופרים והמשוררים משלנו ומאומות העולם. רובם, כמובן, בעברית ויידיש, ומקצתם בפולנית וגם ברוסית וגרמנית.

החל משנת 1925 ועד לעלייתו ארצה שימש כספרן הספריה הזאת חיים פיינשטט, החי כיום ברחובות, והוא

שירת באמונה ובמסירות את הקוראים שהיו ברובם מחובשי בית־המדרש, רובם נהגו מנהגי ״זהירות״... בבואם לספריה, בשעות הערב המאוחרות מתוך חששותיהם ל״עינא־בישא״...

יש עוד להזכיר את הספריה וחדר־הקריאה על יד הקלוב לבעלי־מלאכה, שנוסדה בחלקה ע״י הענריק מארקוספעלד, הספריה ע״ש אדולף בריל ע״י בית־הספר למלאכה, הספריה לבוטניקה ע״י החווה החקלאית, ספרית הילדים ע״י בית הספר ע״ש י. ל. פרץ.

(כל זאת נחרב והושמד יחד עם עסקניה ועובדיה הנאמנים על ידי רוצחי עמנו, ימח שמם וזכרם).



עו״ד מאיר הורוביץ

הגימנסיה העברית

כידוע, רב היה מספר יהודי צ׳נסטוחוב שרצו לתת לבניהם ולבנותיהם, לכל הפחות, השכלה תיכונית ומחוסר בית־ספר תיכון יהודי בעיר, אנוסים היו לשלחם לבתי־הספר הפולניים, אף שלא היה בהם שום דבר שיקשרם לעמם ולקורות חייו בעבר.

מובן מעצמו, שרוח ההתבוללות הלכה וגברה בחוגי הנוער היהודי וסכנת ההתנכרות לכל קדשי ישראל היתה במלוא עיצומה. העסקנים הציוניים שבעיר התעוררו והחליטו — על אף הקשיים הרבים שעמדו על דרכם — להקים בעירנו גימנסיה עברית, שתהא ראויה לשמה ומושתתת, בראש וראשונה, על לימוד השפה העברית ותרבותה ברוח הלאומי.

משימה זו, לא היתה כל כך קלה לביצוע, בגלל חוסר אמצעים כספיים ובעיקר, מפאת הקושי הרב למצוא בימים האלה מורים בעלי השכלה גבוהה כללית ועברית כאחת, שיהיו מסוגלים לחנך את הנוער היהודי, בהתאם לרצון ומגמת מייסדי הגימנסיה.

כמו כן חששו היוזמים האלה, שמא בסופו של דבר גם לא יימצאו הורים במדה מספיקה אשר יסכימו להעביר את בניהם מבתי־הספר התיכוניים הקיימים, לבית־ספר, שהוא בראשית יצירתו ושהצלחתו אינה מובטחת בכלל מראש.

אבל, הודות לעסקנים הנאמנים לרעיון הקמת הגימנסיה ולמרצם של מיסדיה נתן גריכטר, משה זנדשטיין, אבא הערש ליברוביץ, משה מוקרואר ומ. ניפלד נפתחה הגימ־נסיה — בשנת 1917 — בראשיתה, בדירה שכורה, ברחוב יאסנא — בהתחלה — בשלוש מחלקות בלבד והיתה מסונפת לרשת בתי־הספר התיכוניים היהודיים בפולין, מיסודו של ד״ר מ. ברוידא.

כמנהלה הראשון של הגימנסיה שימש הד״ר שמעון בריש — שהיה פדגוג מנוסה ושידע לבחור לו גם צוות מורים ומורות מתאימים ושהצליח גם לרכוש את אמונם ואהדתם של התלמידים והתלמידות שהצטיינו במיוחד, בלימודי הלשון העברית, ספרותה ותרבותה, תנ״ך, תולדות העם היהודי וחוקי הדת.

כעבור שנה, עברה הגימנסיה לבנין רחב־ידים ברח׳ שקאלנא 10. גם חבר העסקנים שהתמסרו לעניני הגימנסיה הלך וגדל, ובין הפעילים למענה כדאי להזכיר (לפי א״ב) את: נ. ד. ברלינר, ש. גולדשטיין, ד״ר גרין, ח. ווכסלר, ד. ש. זנדברג, י. לויט, ג. פרגר, ול. קופינסקי.

בינתיים חלה מנהל הגימנסיה הד״ר בריש ובמקומו בא הפרופ׳ מאיר בלבן, ההיסטוריון המפורסם, שחונן — נוסף להיותו איש־מדע גדול — גם בכשרון ארגוני מופתי. הפרופ׳ בלבן התמסר בכל לבו ונפשו להרמת ערך הגימנסיה והצליח לרכוש עבורה מטובי המורים שבמדינה, כגון: בראוור, הפרופיסור והצייר פרץ ווילנברג, וינברג, יאנובסקי, מוקרויאר, גב׳ סטוביצקה, ורובינשטיין. כעבור זמן הוזמן הפרופ׳ בלבן כמנהל בית המדרש לרבנים בורשא ועזב את צ׳נסטוחוב.


במקומו הוזמן כמנהל הד״ר דוד אייגהורן, אחריו מונה כמנהל הד״ר פיליפ אקסער, אלא, שבגלל חילוקי־דעות רעיוניים עם חבר־המורים ואנשי ההנהלה עזב את הגימ־נסיה העברית והקים לו גימנסיה פרטית בצ׳נסטוחוב ובמ־קומו בא מ. פרוסט ואחריו היה למנהל הד״ר ליליען. בזמנו שימשו כמורים:

ברנדלביץ, ד״ר ברוך־בנדיקט, גינזבורג, ד״ר גרינברג, הייטנר, פרופ׳ ח. ז. הירשברג (כיום באוניברסיטת בר־אילן), ווייסברג, פרופ׳ לאור, ד״ר מרינג, פרופ׳ סאק, גב׳ פוגל, קראקוביאק וד״ר גרשון שפר.

המנהל האחרון של הגימנסיה היה הד״ר אניספלד.

מלבד עסקני הגימנסיה שטיפלו בייסודה ושהזכרנום למעלה, נמנו בין פעיליה — עד לפרוץ מלחמת העולם השניה — ה״ה גאלסטר, פרושיצקי, ז. שטילר ופליקס ש־פירו.

יש גם להזכיר כי כאשר הוחלט, בשעתו, להקים בנין



בי״ס עממי יהודי ע״ש ״מריה קונופניצקה״ על יד הגמנסיה היהודית בשנת 1929
בתמונה: מנהל הגימנסיה ד״ר פרוסט, ויסברג, המורה קרקוביאק ועוד 2 מורות.

מיוחד עבור בית־ הספר הזה, הצטיינו במסירותם ומרצם בביצוע המשימה ה״ה נויפלד, י. קראק, יוסף שלזינגר והנריך שפאלטן. הרוח החיה ביניהם היה פליקס שפירו.

הבנין הוקם בשנים האחרונות, סמוך לפרוץ מלחמת העולם השניה, יהדות צ׳נסטוחוב התפארה בבנין זה אשר במרוצת הזמן נהפך למרכז תרבות ומפגש של טובי הנוער הלומד בעיר. הבית נבנה לפי כללי הטכניקה המודרניים ולפי דוגמת מוסדות חינוך הגדולים בעולם. הבנין רחב הידים היה מעורר כבוד אצל כל המבקרים בו ואילו ה־אוכלוסיה הפולנית התקנאה על הישג זה של יהדות צ׳נסטוחוב.



כתה של הגימנסיה העברית ב־1939. במרכז — המנהל האחרון ד״ר אניספלד ואחד המורים

ליפמן רייכר

בית הספר ״בית יעקב״ לבנות

על המוסדות המרובים שבצ׳נסטוחוב נימנה גם ״בית יעקב״, שהיה למסגרת חיים רחבה, ברוח היהדות המסורתית, לנע־רות ולבנות מבוגרות.

יוזמת הרעיון להקמת בתי־ספר כאלו בפולין היתה הגב׳ שרה שנירר מעיר קראקוי והוא נתקבל ובוצע על ידי ״אגודת ישראל״. הגב׳ שנירר ערכה ביקור בצ׳נסטוחוב ועזרה להגשמת המפעל. בית הספר הוקם ברחוב קאטדר־לנה 10, קומה ב׳ וכלל חמשה חדרים. היו מורות מעטות במוסד, אך מספר התלמידים הגיע לשלש מאות. הלימודים היו במשמרות. ניתנה האפשרות גם לתלמידות משאר בתי הספר לקבל חינוך יהודי־דתי בשעות שלאחר הצהרים. בבית הספר למדו גם בנות מבתים חילוניים, שמצאו עניין בדרך חינוך זו ובמשך הזמן סגלו לעצמן גם השקפה יהודית־חרדית.

בין המורות והמדריכות שהצטיינו בפעולתן, יש להזכיר את המורות: חנה פלידרבאום, וואַסערצוג ואת המדריכות

טובה גליבטר ורבקה גולדבאום, שהחדירו ללב חניכותיהן את רוח היהדות ורגש המסירות למען בית־הספר.

שפת ההוראה היתה אידיש ובשנים האחרונות הנהיגו גם את לימוד העברית, כמקצוע בפני עצמו.

בבית הספר שררה אוירה מיוחדת במינה. על הקירות התנוססו סיסמאות שונות, פסוקים מן התנ״ך, מ״פרקי אבות״ — מעשה ידיהן של התלמידות.

לועד ״בית יעקב״ — שדאג לקיומו — השתייכו: ר׳ דוד שלמה ארליך, ר׳ יוסף גרזון, ר׳ מנדל פוגל, ר׳ שמחה פרלגר, ויבדלו לחיים ר׳ נח אדליסט, ר׳ הנדל פרדלסקי ור׳ ליפמן רייכר.

הועד עבד במסירות רבה כדי לקיים את המוסד, מבחינה כספית ורוחנית כאחת, כי רובן המכריע של שלוש־מאות הבנות היו מחוסרות אמצעים והמוסד לא נהנה מכל תמיכה מטעם העיריה או הממשלה. לפעמים לא היתה באפשרותו של הועד לשלם את שכר הלימוד למורות או את שכר הדירה של בית הספר.

פעם אחת — בשעת משבר כספי, ״אירגנו״ הבנות ״מניין״ בבית הספר, הזמינו בעלי תפילה ומכרו כרטיסים למתפל־לים לשם החזקת בית־הספר. בהזדמנות אחרת, כשנסגר בית־הספר, בגלל אי־תשלום שכר הדירה, נכנסו כמה תלמידות — בשבת, בין שחרית למוסף — לבית המדרש של חסידי גור, וסיפרו לקהל על חומרת המצב החומרי המעמיד בסכנה את קיומו של בית הספר. במקרה אחר סגרו את ״בית־המדרש״ על מתפלליו ולא נתנו לקהל לצאת עד שלא יתחייבו להסדיר את בעיות הגרעון של המוסד.

✶

לשם החזקת בית הספר נערכו מטעם ״בנות אגודת ישר־אל״ ותלמידות ״בית יעקב״ גם הצגות, שהכנסותיהן הוק־דשו בעיקר לשכר־לימוד למורות. חלק קטן של ההכנסות הוקצב גם לספריה, שהיו בה ספרים באידיש ובפולנית. כל זאת היתה פרי עבודתן המאומצת של התלמידות.

רק מעטות מן התלמידות נשארו בחיים, ואף אם הן נמצאות כיום במסגרת חילונית לגמרי, הן שומרות על הקשר העמוק ליהדות — וזאת בגלל ה״גירסא דינקותא״ שלהן.



בית ספר לבנות ״בית יעקב״ — מיסודה של ״אגודת ישראל״ בצ׳נסטוחוב

ו. ה.

אימפּאָזאַנטער חנוכּה-אָוונט אין העברעאישער גימנאַזיע



בלאָז־אָרקעסטער פון גימנאַזיע אין יאָר 1939
אויפן בילד געפינען זיך — צווישן אַנדערע: דער מוזיק־לערער ראָזענוויין, די שילער: דניאל דאָרפסמאַן, חיים יצחקי, דאָלעק דערעס, מאָטעק רייזמן, העניעק ריכטער, קאַמראַט, מייטליס, יאַנעק ווייסקאָפּף, די ברידער שפּיראָ, לאַנדוי, יצחק שמואלעוויטש (די איבריקע זענען — אומבאַקאַנט)

פאַריקן זונטיק איז אין גרויסן זאַל פון יידישן גימנאַזיום פאָרגעקומען אַן׳אימפּאָזאַנטער חנוכּה־אָוונט, איינגעאָרדנט דורך דעם דירעקטאָריום.

דעם אָוונט האָט געעפנט דער שילער אלעק אורבאַך, וועלכער האָט געבענטשט חנוכּה ליכט. דער כאָר — אונטער דער לייטונג פון פּראָפ׳ ראָזענוויין — האָט געזונגען עטליכע העברעאישע שירים: ״מעוז־צור״, ״מכורתי״, ״שמש־אביב״, ״הירדן״, ״ממושבות־ישראל״.

אַלע שירים זענען שיין געזונגען געוואָרן דורכן כאָר פון 120 יונגסטע תלמידים פון דער שולע, מען האָט באַטאַנט אַז ה׳ ראָזענוויין איז אַ גרויסער מומחה אויב עס איז אים געלונגען איינצושטודירן אַזאַ גרויסן כאָר און שאַפן אַ הערליכע סימפאָניע.

ער איז טאַקי דערפאַר באַשאַנקען געוואָרן מיט רוישיגע אַפּלאָדיסמענטן.

דער צווייטער טייל פון דער פייערונג איז געווען, יידישע טענץ, דעם ערשטן טאַנץ האָבן אויסגעפירט די קליינענקע מאַרקאָוויטש אין געשטאַלט פון אַ ארץ־ישראל סוחר וואָס פאַרקויפט יידישע מאַראַנצן, די קליינע האָט אַזוי שיין געטאַנצט און געזונגען אַז דער עולם האָט זי פּשוט נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער סצענע און זי האָט געמוזט טאַנצן אַ לענגערע צייט און איבער חזר׳ן די טענץ.

נאָכדעם איז אויפגעפירט געוואָרן אַ תימנער טאַנץ מיט פיינע קאָסטיומען. אויך דאָ האָט זיך געזעען די געניטע

רעזשיס־האַנט פון דער פּראָפעסאָרין פון גימנאסטיק און ריטמיק מגר. היטנערובנא, וועלכע האָט איינשטודירט די לעצטע צוויי טענץ און זיי אויך אקאמפאנירט אויפן קלאוויר.

פון די אנטיילנעמער האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: די שילערינס דראטובנא, מאסובנא און ראַבינאַ־וויטשובנא.

דער שול־אָרקעסטער ביים יידישן גימנאזיום, אונטער דער לייטונג פון פּראָפ׳ ראָזענוויין, האָט געשפּילט דעם מזרח מאַרש ״מולדת״, וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן מיט אַלע ניואַנסן און איז דורך אַלע פאַרזאַמלטע אויפגענומען געוואָרן מיט אַנטציקונג.

אַ זער שיין בילדל האָבן געוויזן די יונגסטע שילער און שילערינס פון גימנאזיום אין ״אנחנו בונים בית״, עס ווייזט, ווי קליינע חברה׳לייט בויען אַ הויז אין ארץ־ישראל, עס איז דערביי אויך געגעבן געוואָרן עטליכע דיאַלאָגן, וואָס כאראקטעריזירן דאָס ספּעציפישע ארץ־ישראל׳דיקע לעבן, און איר נייע, פרייע יוגנט וואָס וואַקסט דאָרט אויס.

אַ צווייט בילדל האָט געוויזן די שטימונגען פון היינטיקן יישוב אין די צייטן פון אַראַבישן **טעראָר.**

אַ גרופּע אַרבעטער וועלכע געפינען זיך ביי זייער אַרבעט און דערוויסן זיך, אז זייער אַ חבר איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די ווילדע אַראַבישע באַנדעס, ווערן אין זינען פאַרצווייפלט און פאַרוואַרפן די אַרבעט, **אָבער** פלוצים באַווייזט זיך אַ גרופּע קינדער וואָס קומען פון דער שולע, זעענדיק וואָס עס קומט פאָר, דערמוטיקן זיי די אַרבעטער און פאָדערן פון זיי פאָרטצוזעצן די אַרבעט.

נאָכדעם איז אויפגעפירט געוואָרן אויך אַ כאראלע דעקלאמאציע, ביים קלאוויר — פרוי פּראָפ׳ סאק. אלס לעצטער נומער ווערט געגעבן אַ בילדל פון ח. נ. ביאליק ״למתנדבים־בעם״. עס נעמען אנטייל אַ גרעסערע צאָל עלטערע שילערינס, וועלכע האָבן ביים אַריינפיר געזונגען הינטער די קוליסן ״על נהרות בבל״ — ביים קלאוויר פרל׳ לענטשנער.

די העברעאישע אינסצעניזאציעס זענען געוואָרן געלערנט און רעזשיסירט דורכן פּראָפ׳ אורי טאָן, וועלכער ווערט פאַר די אזוי געלונגענע בילדעלעך באשאנקען מיט בלומען.

עזריאל יאַקובאָוויטש

(ציטירט פון ״טשענסטאָכאָווער צייטונג״ נומער 51, פון 23.12.38)



פורים־פאַרשטעלונג אין דער העברעאישער גימנאזיע אין טשענסטאָכאָוו אין יאָר 1931

ו. ה.

ד״ר אקסערס גימנאַזיע

איינע פון די וויכטיקע ערציונג׳ס אַנשטאַלטן אין אונדזער שטאָט איז געווען ד״ר אַקסער׳ס פריוואַט־גימנאַזיע.

איר גרינדער, ד״ר אַקסער, האָט אַרויסגעוויזן פיל דרייסטקייט און ענערגיע, שאַפענדיק מיט אייגענע כוחות און אויף אייגענער אַחריות אַ פריוואַטע גימנאַזיע און אַוועקשטעלנדיק זי אויף אַ הויכער מדרגה.

מיט דער צייט, האָבן אַ רייע געזעלשאַפטלעכע טוער און באַזונדערס, די עלטערן פון די קינדער, וואָס האָבן דאָרט געלערנט, זיך איבערצייגט, אַז די דאָזיקע פריוואַטע גימנאַזיע האָט זיך פאַרדינט, אַז די יידישע געזעלשאַפט זאָל זי נעמען אונטער איר שוץ און מיטהעלפן צו איר ווייטערן וווקס.

(ליידער, האָט דער אַרכיוו פון אַקסער׳ס גימנאַזיע געהאַט דעם זעלבן ביטערן סוף ווי אַלע יידישע אַרכיוון פון אונדזער שטאָט).

מיר מוזן זיך דערפאַר באַנוטצן צום פאַראייביקן אין ״ספר צ׳נסטוחוב״ דעם נאָמען פון דער גימנאַזיע בלויז מיט די פרטים וואָס מיר האָבן געפונען אין ״אונדזער עקספּרעס״ (טשענסטאָכאָווער אויסגאַבע) נומער 137, פון 16 יוני 1936, וועגן אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די עלטערן, וועלכע איז פאַרגעקומען זונטיק, דעם 14 יוני 1936, אין איבערפולטן זאַל פון האַנטווערקער־קלוב אויף וועלכער, עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, צו שאַפן אַ געזעלשאַפטליכן קאָמיטעט, וועלכער, זאָל זאָרגן פאַר דעם ווייטערן וווקס און אַנטוויקלונג פון דער גימנאַזיע.

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט און געפירט דער פרעזעס פון עלטערן־קאָמיטעט דענטיסט לייזעראָוויטש, וועלכער, האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן מצב פון דער גימנאַזיע און פאַרגעלייגט דעם פּלאַן וועגן דער געזעלשאַפטליכער שוץ, וואָס קאָן און דאַרף איר געגעבן ווערן.

נאָכדעם האָט ד״ר אַקסער דערציילט בהרחבה וועגן די ערשטע טריט פון זיין גימנאַזיע ביז זי האָט פאַרדינט דעם צוטרוי פון די טשענסטאָכאָווער יידישע עלטערן און וועגן זיינע פּלענער וועגן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון זיין לעבנ׳ס־ווערק — די גימנאַזיע און דערביי אויסגעדרוקט זיין האָפענונג, אַז מיט דער הילף פון דער געזעלשאַפט און באַזונדערס פון די עלטערן פון זיינע תלמידים און תלמידות, וועט ער זיין ביכולת צו פאַרווירקליכן זיינע ״חלומות״.

דער זעלבער פּלאַן איז אויך געווען אַרומגערעדט געוואָרן דורך די עלטערן: פעלדבערג, זשאַלאַנדזש און פרוי רייך.

די פאַרזאַמלונג האָט איינשטימיק באַשלאָסן אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג און אויך געוויילט אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל דעם פּראָיעקט ווי אַמגיכסטן פאַרווירקליכן.

גלייכצייטיק, האָט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די עלטערן, באַשלאָסן אויסצודרוקן אַ האַרציקן דאַנק דעם דירעקטאָר ד״ר אַקסער און דעם גאַנצן לערער־פּערסאָנאַל פאַר דער גוטער דערציונג און ברייטן וויסן, וואָס זיי געבן די שילער און שילערינס און אַ באַזונדער׳ס וואַרעמע ברכה פאַר די תלמידים וואָס האָבן יעצט פאַרענדיקט זייערע לימודים אין ד״ר אַקסער׳ס גימנאַזיע.

נאָכן פאַרטיילן די דיפּלאָמען דורכן דירעקטאָר ד״ר אַקסער האָט די שילערין ע. מייזנער געדאַנקט אין נאָמען פון די אַבסאָלווענטן און דערביי אין אַ קורצן שיין געבויטן רעפעראַט דערציילט וואָס אַ יידישע גימנאַזיע גיט דעם יידישן שילער און שילערינס, אַלס וועג־ווייזער פאַר זייער צוקונפט.

אין זעלבן זין האָט אויך גערעדט די מאַטורזשיסטין ר. גאָטליב.

נאָכדעם האָבן די שילער באַוויזן, אַז די שולע האָט זיי באַרייכערט נישט נאָר מיט וויסן נאָר אויך מיט אַרטיסטישע פעאיקייטן.

דער שילער קאַנטאָר האָט זער שיין דעקלאַמירט ח. נ. ביאַליק׳ס "מקראי־ציון" און די שילערין׳ס ז. אַפּאַטאָווסקאַ און ק. ציפּער האָבן געפירט אַ דיאַלאָג וועגן "א האַרץ" אין וועלכן זיי האָבן באַוויזן, אַז עשירות און אוצרות האָבן קיין שום ווערט נישט, אויב זיי האָבן נישט דערצו קיין גוט יידיש האַרץ, ווייל נאָר דאָס גוטע האַרץ, איז די גרעסטע און וויכטיקסטע מתנה.

נאָכדעם, האָט דער גימנאַזיע־כאָר געזונגען בעטהאָווענ׳ס "הימלען דערציילן" און אַ מאַרש פון הענדל׳ס אָראַטאָריום "יהודה המכבי" — "שישו ושמחו".

אין לעצטן טייל פון פּראָגראַם האָט די שילערין מ. שלעזינגער רעציטירט פרידריך שילער׳ס אַ ליד אין אָריגינאַל און צום סוף האָט די יונגע מאַניאַ יאַקובאָוויטש געליינט אַנ׳אַקטועלע סאַטירע וועגן דער וועלט־פּאָליטיק אין יענער צייט, וואָס איז פאַרפאַסט און אינסצעניזירט געוואָרן דורכן דירעקטאָר ד״ר אָקסער און עס האָבן זיך באַוויזן מאַריאַנעטן וואָס האָבן פאָרגעשטעלט זייערע ראָלן אַזוי געלונגען, אַז עס האָט זיך צייטנווייז געדאַכט אַז דאָס פירן אויס געניטע אַרטיסטן און נישט שול־קינדער. זיי זענען טאַקע דערפאַר באַשאָנקן געוואָרן מיט הילכדיקע אַפּלאָדיסמענטן פון באַגייסטערטן עולם.

עס דאַרף באַצייכנט ווערן, אַז די ראָלן זענען נישט געווען קיין לייכטע. זיי האָבן געוויזן טיפּן פון אַ געניטן זשורנאַליסט, גאַנדי — דער "זוכער" פון שלום און יושר, אַ שטייפן ענגלישן דיפּלאָמאַט, אַ פאַרשטייער פון ראַטן־פאַרבאַנד, דעם דיקטאַטאָר מוסאָליני און די "איידעלע ראַסע" — די היטלעריסטן.

צום סוף האָט די שילערין עפּשטיין דעקלאַמירט אַ ליד וועגן סאָקראַטעסן און דער כאָר האָט געזונגען דעם פראַנצויזישן הימנון און די "התקוה".

דאָס איז אַלץ וואָס מיר קאָנען איבערגעבן לדורות וועגן "אַקסער׳ס גימנאַזיע".

ו. ה.

א פייערונג אין שולע אויף זאפיא וויינשטאק׳ס נאמען

מיר האָבן נישט געקאָנט באַקומען קיין פּרטים וועגן דער דאָזיקער שולע, וועלכע האָט פאַרנומען אַ כבודיקן אָרט צווישן די ערציונגס אַנשטאַלטן אין אונדזער אַמאָליקן טשענסטאָכאָוו.

עס איז אונדז, אָבער געלונגען אויפצוזוכן אַ באַריכט וואָס איז זיינער צייט פאַר׳עפנטליכט געוואָרן אין אַ טשענסטאָכאָווער יידישער צייטונג.

כדי צו פאַר׳אייביקן דעם נאָמען פון דער דאָזיקער שולע אין אונדזער "יזכור־בוך", גיבן מיר דאָ איבער דעם תמצית פון דעם באַריכט.

די פייערונג פונעם פונאַנדערטיילן די יערליכע שול־צייגנישן אין דער שולע אויפן נאָמען פון דער באַוווסטער פּעדאַגאָגין זאפיא וויינשטאָק איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין שול־גאַרטן, וועלכער איז געווען שיין דעקאָרירט און ביים אַריינגאַנג האָט געפלאָטערט די גרויסע און פיין־אויסגעפּערטיגטע שול־פאָן.

דער גאָרטן איז געוועזן פול געפּאַקט מיט די שילער און זייערע עלטערן.


דער שול־דירעקטאָר ה׳ ל. וויינשטאָק האָט געעפנט די פייערונג מיט אַנ׳הספד אויף די ארץ־ישראל קדושים און גיבורים, וועלכע, זענען אומגעקומען אין קאמף פאר גאולת האָרץ ובנינה. די פאַרזאַמעלטע האָבן באערט דעם אנדענק פון די קדושים, אויסהערנדיק דעם הספד שטייענדיק.

נאָכדעם האָט דער שול־כאר געזונגען די "התקוה" און דירעקטאָר וויינשטאָק האָט פארגעזעצט זיין רעדע באַטאָנענדיק, אַז די קלאַנגען פון אונדזער נאַציאָנאַלן הימנון דאַרפן שטאַרקן דאָס גלויבן אין די האָפנונג, אַז די יידישע יוגנט וועט מיט איר ליבע און גבורה גובר זיין אויף אַלע שווערי־

קייטן און וועט אויסלייזן און אויפבויען אונדזער נאַציאָ־נאַלע היים אין ארץ־ישראל.

נאָכן פאַרטיילן די שול־צייגנישן און די באַזונדערע אויסצייכנונגען פאַר די בעסטע שילער און שילערינס, האָט דער פרעזעס פון עלטערן־קאָמיטעט ה׳ ה. הערצבערג פאַר־געלייגט צו באַערן דעם אנדענק פון דער פאַרשטאָרבענער זאָפיאַ וויינשטאָק מיט אַ מינוט־שטילשווייגן און באַדאַנקט דעם שול־דירעקטאָר און לערער־פּערסאָנאַל פאַר זייער איבערגעבנקייט ביים דערציען דעם יונגן דור אין נאַציאָ־נאַלן גייסט. ה׳ הערצבערג האָט אויך דערמאָנט, אַז מיט 20 יאָר צוריק איז ער זעלבסט געווען אַ שילער אין דער שולע און אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט, וואָס אויך זיין זון, ווערט דאָ אַזוי גוט דערצויגן אלס ייד און מענטש.

נאָך אים האָט אַ שילער פון 7 קלאַס, פּאַכטער, איבער־געגעבן אַ זער אינטערעסאַנטן באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער זעלבסטשטענדיקע שילער־זעלבסטפאַרוואַלטונג אין די אבסאָלווענטין פון דער שולע גוטקאַ ראַבינאָוויטש האָט געדאַנקט דעם דירעקטאָר און לערער־פּערסאָנאַל פאַר זייער גוטער לערע און דערציאונג, וואָס זיי האָבן געגעבן



אַ קלאַס פון דער שולע אויפן נאָמען פון זאָפיאַ וויינשטאָק צוזאַמען מיטן דירעקטאָר פּרופ׳ ל. וויינשטאַק און עטלעכע לערער

די וואָס פאַרלאָזן איצט די שולע — ״מיר וועלן תמיד שטאַלצירן דערמיט וואָס מיר האָבן דאָ געלערנט!״ האָט זי פאַרענדיקט און מיטן געזאַנג פון ״התקוה״, איז די פייערונג פאַרענדיקט געוואָרן.

א. גאָטליב און מ. פיינרייך

די האנטווערקער־שולע *)

די האַנטווערקער־שולע אין אונדזער שטאָט האָט זיך גע־עפנט, נאָך אין יאָר 1898, לויט דער איניציאַטיווע און ברחבות׳דיקער געלט־שטיצע פון הענריק מאַרקוספעלד צום פאַראייביקן דעם אנדענק פון זיינע עלטערן — אַדאָלף און ערנסטינא מאַרקוספעלד.


אין יענע צייטן האָט נאָך געהערשט ביי יידן דאָס געפיל, אז מלאכה איז נישט באַשטימט פאַר ״לייטישע מענטשן״ — פאַר קינדער פון מיוחס׳דיקע משפחות, וועלכע דאַרפן בע־סער שטרעבן צו לומדות און מסחר, כדי צו ווערן כלי־קודש אָדער סוחרים.

דער באַגריף וועגן אַ ״שניידער־יונג״, אָדער אַ ״שוס־טער־יונג״ אין יענע צייטן איז געווען, אַז די דאָזיקע פאַכן, ״דאַרפן״ לערנען נאָר די קינדער פון די וואָס זייער ״אבות־אבותיהם״ שטאַמען פון די נידעריקסטע שיכטן פון די יידישע מאַסן...

כדי צוציען תלמידים פאַר דער האַנטווערקער־שול, האָט מען זי געגרינדעט ביי דער ״תלמוד־תורה״, מיט דער האָפנונג, אז דאָרט וועלן זיך געפונען, צווישן די אָרעמע קינדער און יתומים, אויך אַזעלכע פון וועלכע מ׳וועט קאָנען

*) וועגען דער האַנטווערקער־שולע האָבן מיר באַקומען צוויי אינטערעסאַנטע ארטיקלען אין וועלכע די פאַקטן, זענען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויטענטיש.
כדי אויסצומיידן כפילות, דרוקן מיר דאָ בלויז דעם תמצית פוןביידע אַרטיקלען — צוזאַמען. רעדאַקציע

ווערבירן די נויטיקע צאָל שילער פאַר די דריי אפטיילונגן, וואָס זענען געעפנט געוואָרן: אַ מעכאַנישע שלאָסעריי, אַ מעבל־טישלעריי און אַ סטעלמאַכעריי (פעסער־אויסאַר־בייטונגן).



אַ גרופּע לערער פון דער האַנטווערקער פאַך־שולע אין יאָר 1908
זיצן (פון רעטכס צו לינקס): יצחק שטייער, ברידער גרינבוים, משה עפשטיין, משה בוכנער און יוסף עפשטיין
שטייען (ווי הויבן): שמואל שטייער, ש. בלום און מ. אפּענהיים

אַלס די ערשטע לייטער און לערער זענען באַשטימט געוואָרן: שרייבער — פאַר דער שלאָסעריי; אקרענט — פאַר טישלעריי און יאַדזשעבינסקי — פאַר סטעלמאַכעריי (דער לעצטער איז געווען, אַ פּאַליאַק, ווייל קיין יידישער פאַכמאַן פאַר סטעלמאַכעריי איז אין יענער צייט בכלל נישט מעגליך געווען צו געפונען אין גאַנץ פּוילן...).

אַלס לערער פאַר צייכנעריי איז איינגעלאַדן געוואָרן ה' זאַלצמאַן, וועלכער איז שוין דענסטמאָל געווען אַ ייד אַ זקן, אָבער דאָך אַ גרויסער ספּעציאַליסט צו צייכנעריי.

די ערשטע צייט איז אין שולע געווען זער ווייניק תלמידים, צוליב די סיבות וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט און אויך צוליב דעם, וואָס יעדער שילער האָט געדאַרפט באַצאָלן פאַר דריי יאָר שכר־לימוד, אזש — 150 רובל, אַ סכום, וואָס איז אין יענע צייטן געווען גענוג טייער פאַר אונ־פאַרמעגלעכע עלטערן.

די שולע האָט געאַרבעט מיט גרויסע דעפיציטן, וועלכע זענען געדעקט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט „י.ק.א.", דער קהלה, פאַמיליע מאַרקוספעלד, ווי אויך פון דעם שכר־לימוד, וואָס די עלטערן האָבן געצאָלט.

אָבער נאָך די ערשטע דריי יאָר, ווען אירע ערשטע אבסאלווענטן — שלום בלום, שלמה דזיאַלאָשינסקי, חיים און שלמה ווין און די ברידער אברהם און משה וועקסלער און מאיר פיינרייך, האָבן באַלד באַקומען גוטע אַרבעט און אלס קוואַליפיצירטע בעלי־מלאכות, זער שיין פאַרדינט האָט זיך אַנגעהויבן אַ דראַנג אין דער האַנטווערקער־שול און דער צושטראָם פון שילער איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר.

נישט נאָר בית־המדרש'ניקעס נאָר אויך גימנאַזיסטן, צווישן זיי אפילו קינדער פון רייכע עלטערן, האָבן אָנגע־הויבן זוכן זייער תכלית אין פאַכמענישער אויסבילדונג, אַלס בעלי־מלאכה און טעכניקער.

אין יענער צייט האָט זיך אויך געענדערט דער נאָמען פון דער שולע אַנשטאָט „האַנטווערקער־שולע ביי דער תל־מוד־תורה" האָט זי באַקומען דעם אָפיציעלן נאָמען „יידישע האַנטווערקער און אינדוסטרי־שולע".

די שילער האָבן ביי טאָג געאַרבעט אין די ווערקשטאַטן און געלערנט אין די אָוונט־קורסן.

פאַר דער צייט האָבן זיך געביטן די דירעקטאָרן פון דער שולע.

נאָכן דירעקטאָר שרייבער איז געקומען אַלס דירעקטאָר ה' יעבץ, נאָך אים — דירעקטאָר געווירצמאַן, וועלכער האָט באוויזן דורכפירן, אז די האַנטווערקער — שולע זאָל האָבן דאָס רעכט ארויסצוגעבן אירע צעך־אטעסטאטן, וועלכע האָבן געגעבן דאָס רעכט צו אַרבעטן ביים פאַך.


אין יאָר 1912 איז אלס דירעקטאָר אנגאַזשירט געוואָרן דער אינזשיניער עשרה־דבריא. אים איז געלונגען דערהויבן די שולע צו אַ הויכער מדרגה פון אַ מאָדערנער טעכנישער שולע, ער האָט איינגעפירט יערליכע עקזאַמענ'ס פאַר די שילער און אויך געשאַפן אַ סטיפּענדיע־פאָנד פאַר די פעאיקע תלמידים, וועלכע האָט זיי מעגליך געמאַכט פאַר־צוזעצן זייערע לימודים אין טעכנישע הויך־שולן.

מיט דער הילף פון י.ק.א. זענען דורך אים איינגעקויפט געוואָרן די מאָדערנסטע מאַשין־איינריכטונגען.

אויך דער לערער־פערסאָנאַל איז פאַרברייטערט געוואָרן, עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן אלס לערער די ה"ה: אָוונער (פוילִיש און דייטש), אקס (רוסיש, חשבון און נאַ־טור־וויסנשאַפט), פרץ ווילענבערג (האַנט־צייכנונגען) און וויסבערג (העברעאיש).

עס איז אויך געווילט געוואָרן (אין יענער צייט) אַ נייע געזעלשאַפטליכע פאַרוואַלטונג פון דער שולע אין וועלכער עס זענען אַריין (לויט א"ב): ד"ר באטאוויע, העניג, סטאַ־ניסלאַוו הערץ, העניק און יוזעף מארקוספעלד, איזש' עשרה־דבריא, פרענקל און אינז' ראטנער.

נאָכן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די שולע דורכגעמאַכט אַ זער שווערן קריזיס. די סובסידיע פון י.ק.א., וועלכע איז געווען דער הויפּט־יסוד פון שול־



די האַנטווערקער פאַך־שולע אין יאר 1928

אויבן: די פייערונג פון פוילנס אומהאבענדקייט אין יאר 1928, דער לער־פערסאנאַל מיט די שילער און דער שול־דירעקטאר אינזשינער פשיסוסקער

אונטן: די שילער מיט זייער לערערס אין אַ ווערק־שטוב

בודזשעט איז אפּגעשטעלט געוואָרן. אויך די שילער זענען נישט געווען ביכולת צו צאָלן דעם שכר־לימוד און אַ גרויסער טייל פון זיי האָט בכלל איבערגעריסן די לערע.

אָבער, אויך אין דער דאָזיקער שווערער צייט איז דער ״מלאך־הגואל״ געווען... העניק מארקוספעלד!

קורץ פאַרן מלחמה־אויסברוך, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה אין זיינס אַ פאַבריק און פיל פון די פאַבריקס־מאַשינען זענען באַשעדיקט געוואָרן, מאַרקוספעלד האָט אלץ געגעבן דער האַנטווערקער־שולע איבערצואַרבעטן און רעסטאורירן און דערפאַר גוט באַצאָלט, אַזוי האָט די שולע באַקומען געלט צו צאָלן אירע איסטרוקטאָרן, כאָטש אַ קליינע פענסיע און זיי אַזויערנאַך דערהאַלטן ביי דער שולע!

גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער האַנטווערקער־שולע אין טשענסטאָכאָוו, דאַרפן פאַרשריבן ווערן צום זכות פון דעם שול־דירעקטאָר איזשיניער פזשיסוסקער — אַ מענטש מיט הויכער בילדונג און איינגעבוירענע אינטעליגענץ און שטאַרקער ענערגיע און איניציאַטיווע. ער האָט פאַרברייטערט די פאַרשידענע אפּטיילונגן פון דער שולע, פאַרגרעסערט איר בנין און באַזאָרגט פאַר איר די מאָדערנסטע מאַשינען און מכשירים.

די שולע האָט זיך געפונען אין איר אייגענעם בנין אויף גארנצארסקא־גאַס, אינעם ריין־יידישן געגנט, פון וואַנעט עס זענען געפלאָסן אירע תלמידים.

פון די געוועזענע שול לערערס זענען דריי עולה געווען קיין ארץ־ישראל, לאנדסמאן — איז נפטר געוואָרן אין

ירושלים, לעווקאָוויטש אין תל־אביב, דער דריטער — יבדל מהם לחיים טובים וארוכים — איז אברהם גאָטליב, וווינט אין תל־אביב און אין זער אַקטיוו אין טשענסטאָ־כאָווער ארגון און דער עיקר — אין ועדת־הספר פון "ספר טשענסטאָכאָוו".

נאָך דער מלחמה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די עליה קיין ארץ־ישראל, האָט אויך די שולע אויפגעלעבט, מענטשן האָבן זיך געריסן דאָרט לערנען פאַכן — עס זענען געעפנט געוואָרן אָוונט־קורסן פאַר שלאָסעריי און טישלעריי, וועל־כע האָבן זייער געדינט די אינטערעסן פון דער עליה, פיל פון אירע אַמאָליקע שילער זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל און דאָרט מיטגעהאָלפן צום אויפבוי פון דער אינ־דוסטרי און האַנטווערקעריי אין אונדזער לאַנד!

און אַזוי האָט אויך אונדזערע האַנטווערקער שולע פאַר־שריבן אַ שיין בלעטל אין דער געשיכטע פון יידישן האַנט־ווערקערטום אין פוילן!

אָבער, אלץ איז געווען אַ מאָל!

(דער בלוט־מבול פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אויך אפגעשווענקט אונדזער טשענסטאָכאָווער האַנטווער־קער־שולע.

זאָלן די דאָזיקע שורות דינען אלס אייביקער דענקמאָל פאַר די וואָס האָבן געשאַפן, געלערנט און געבראַכט נוטצן פאַר אונדזער פאָלק און פאַר אונדזער לאַנד!

תהיינה נשמותיהן צרורות בצרור החיים הנצחיים של העם היהודי הנצחי בארצו!)

ו. ה.

די דערגענצונגס־קורסן ביי דער פאַך־שולע פון האַנטווערקער פאַראיין

דער אויבנדערמאָנטער פאַראיין האָט געעפנט נעבן זיך דערגענצונגס־קורסן פאַר קינדער פון בעלי־מלאכות, וועל־כע האָבן געוואָלט, אַז אויך זייער צווייטער דור זאָל ממשיך זיין און ארבעטן ביי זייערע פאַכן, פאַר׳פאָלקאָמענדיק זיך מיט וויסן און פראַקטישן אויסלערנען זיך די מאָדערנסטע שיטות פון גוט־קוואַליפצירטע האַנטווערקער.

אין "טשענסטאָכאָווער צייטונג" נומער 28 פון 26.6.1936 געפונען מיר אַ באריכט וועגן — אַ פייערונג וואָס איז פאָרגעקומען, זונטיק דעם 21 יוני 1938, אין לאָקאַל פון טשענסטאָכאָווער האַנטווערקער־פאַרבאַנד — מיר גיבן דאָ איבער דעם תמצית פון דאָזיקן באריכט.

אין שיין דעקאָרירטן זאַל, האָבן אויף דער טריבונע גע־פלאַטערט אַלע צעכן־פענער און עס האָבן זיך דאָרט פאַר־זאַמעלט די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון פאַראיין, אַלע לערער און לערערינס פון די דערגענצונגס־קורסן, די שילער און שילערינס מיט זייערע עלטערן און פאַרשטייער פון פאַר־שידענע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס.

די פייערונג האָט געעפנט דער פרעזעס ס. מיטלער, וועל־כער האָט ווארעם באַגריסט די אנוועזנדיקע און איבער־הויפט די 22 שילער און 23 שילערינס מיט וועלכע די האַנטווערקער־משפחה ווערט היינט פאַרגרעסערט און אויסגעדרוקט זיין האָפנונג, אז דאָס איז אַן׳אָנהויב צו ווייטערן וווקס פון יידישע יונגע פּראָדוקטיווע עלעמענטן, פאַר וועלכע די טירן פון די דערגענצונגס־קורסן און די טויערן פון פאַראיין־לאָקאַל, וועלן תמיד זיין אָפן און זיי וועלן דאָרט שטענדיק זיין די בעסטע און געווונטשטע — נישט נאָר געסט — נאָר ליבע חברים און חברות.

די לייטערין פון דער פרויען־שולע פּרל׳ אוונער האָט אויסגעדריקט איר דאַנק דעם האַנטווערקער־פאַרבאַנד פאַר זיין מאָראַלישער אונטערשטיצונג און דער י.ק.א. געזעל־שאַפט און דער יידישער קהלה פאַר זייער מאַטעריעלער שטיצע און זיך הייס געזעגנט מיט אירע שילערינס און זיי געווונטשן דערפאָלג אין זייער קינפטיקן לעבן.

דעם דירעקטאָר פון דער האַנטווערקער־שולע אינזש. פּשיסוסקער האָט באַגריסט די אבסאָלווענטן און באַטאָנט, אַז די טויערן פון דער האַנטווערקער־שולע, וועט תמיד

זיין אָפן פאַר די וואָס ווילן מיט זייער וויסן, טאַלאַנט — שטאַרקן די פּראָדוקטיווע עלעמענטן פון די פּוילישע יידן, אַ זאַך וואָס איז זער געוווּנטשן פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע טעמים און ראַטמאַן יוסף גאָלדבערג — אין נאָמען פון דער צענטראַלע פון האַנטווערקער־פאַרבאַנד — האָט באַגריסט די אַבסאָלווענטן און זיי געווינטשן הצלחה אין זייער נייעם לעבנס וועג.

עס האָבן נאָך געהאַלטן באַגריסונגס־רעדעס: פּרעזעס דזיאַלאָווסקי, דירעקטאָר מרגליות, סעקרעטאַר אַבא ווינער און רעדאַקטאָר ש. פראַנק.

נאָכן פאַרטיילן די דיפּלאָמען האָבן אין נאָמען פון די שילערינס און שילער גערעדט פרומעט שטשעקאַץ און דבורה לוסטיגער און געדאַנקט דער לייטערין פון דעם לערער־פּערסאָנאַל, ווי אויך דער פאַרוואַלטונג פון האַנטווערקער־פאַראיין פאַר זייערע באַמיונגען לטובת די שילער און שילערינס און דערביי איבערגעגעבן שיינע בלומען־קרענץ דער לייטערין פרל׳ אוונער און די דירעקטאָרען מרגליות און פשיסוסקער.

דאָס שלוס־וואָרט האָט געהאַלטן פּרעזעס מיטלער און מיט דעם האָט זיך געענדיקט דער אָפיציעלער טייל.

נאָכדעם האָבן די פאַרזאַמעלטע צוזאַמען פאַרבראַכט עטליכע שעה אין טענץ מיט געזאַנג און דערמיט האָט זיך די אימפּאַזאַנטע פייערונג פאַרענדיקט.

ו. ה.

די ״ארט״ געזעלשאַפט

אין יאַנואַר 1938 איז, אויך אין טשענסטאָכאָוו געעפנט געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון דער ״ארט״־געזעלשאַפט מיטן צוועק צו געבן די מעגליכקייט צו לערנען יידישע קינדער פאַרשידענע פאַכן ביי וועלכע זיי זאָלן זיך קענען פאַרזיכערן זייער צוקונפט און אויך פאַרשטאַרקן דעם כוח פון די יידן, וואָס ווילן ציען זייער פרנסה פון האַנטווערקעריי.

די צייטווייליקע אָרגאַניזיר־קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט אַ ברייטן פּלאַן פון איר טעטיקייט און באַשלאָסן, קודם־כל, עפענען צושניידער־קורסן, וועלכע, וועלן געפירט ווערן דורך אַן אינסטרוקטאָר, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער ״ארט״ צענטראַלע אין וואַרשע.

די דערעפנונג איז פאָרגעקומען דעם 9 יאַנואַר 1938 אין האַנטווערקער־קלוב.

עס האָבן זיך באַלד פאַרשריבן אויף די אָוונט־קורסן 60 געזעלן און צווישן זיי אויך עטלעכע מייסטערס, וואָס האָבן זיך געוואָלט פאַר׳פאַלקאָמען אין דאָזיקן פאַך.

״ארט״ האָט אויך געעפנט אַ קורס פאַר עלעקטראָטעכניקער, וועלכער איז געפירט געוואָרן דורך אינזשיניער פאַבריקאַנט.

דער טשענסטאָכאָווער ״ארט״ האָט אויך געעפנט אַ קורס פאַר אייזן־שווייסעריי, וועלכער איז געווען דער ערשטער אין פּוילן, עס האָבן דאָרט געלערנט 43 תלמידים.

די לערער זענען געווען: דירעקטאָר אינז׳ פשיסוסקער, אינז׳ אָרלינסקי, די טעכניקער פעלקא און ראָזנצווייג, דער ערשטער איז געווען דער מייסטער פון דער גרויסער אייזן־הוטע אין ראַקאָוו.

די לעצטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט ״ארט״ איז פאָרגעקומען אנהויב יולי 1939.

לויטן באַריכט, וואָס איז פאַר׳עפנטליכט געוואָרן אין ״טשענסטאָכאָווער צייטונג״ נומער 27 פון 7 יולי 1939 האָבן די לעצטע פאַרזאַמלונג פון ״ארט״ געפירט די ה״ה: זשאַרנאָוויעצקי — אַלס פאָרזיצער, יוסף איזראַעלעוויטש און הירש גאָטיינער — אַלס בייזיצענדע און ה׳ יאַקובאָוויטש אַלס סעקרעטאַר.

אין דער דיסקוסיע האָבן זיך באַטייליקט: ווינער, טענענבוים, ליפשיץ, שוואַרץ און שטרויס.

אין דער נייער פאַרוואַלטונג זענען געוויילט געוואָרן: ד״ר תנחום לעווקאָוויטש (פּרעזעס), יצחק יהושע נירענ־

בערג (וויצע־פּרעזעס), יהושע שטרויס (סעקרעטאַר), הירשל גאַטיינער (קאַסירער) און יוסף איזראַלעוויטש (פאַרוואַלטער).

אין דער פאַרוואַלטונג זענען אויך געווילט געוואָרן: אַדוואָקאַט גאָלדבערג, יוסף גאָלדבערג, י. וועקסלער און י. זשאַרנאָוויעצקי.

דער טעכנישער סעקרעטאַר פון ״אָרט״ איז געוועזן ה׳ בראַט.

ו. ה.

יודאאיסטישער אינסטיטוט

צווישן די אינסטיטוציעס וואָס האָבן פאַרשאַפן כבוד און באַרימט געמאַכט אונדזער שטאָט אין דער יידישער וועלט, אפילו אויסער די גרעניצן פון פוילן, דאַרף פאַרעכנט ווערן דער יודאאיסטישער אינסטיטוט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורכן ראַבינער פון דער נייער שול ד״ר ח. ז. הירשבערג (איצט פּראָפעסאָר אין דער אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון מאיר בערלין (בר־אילן), אַ קורצע צייט נאָך זיין קומען קיין טשענסטאָכאָוו.

ד״ר הירשבערג — אליין, איינער פון די חשוב׳סטע געלערנטע און אַ גרויסער מומחה אין חכמת־היהדות — האָט פאַרשטאַנען, אז די גרינדונג פון אַ יידישן יודאאיסטישן אינסטיטוט און אים אַוועקשטעלן אויף אַ הויכער וויסנשאַפטלעכע מדרגה, וועט צוציען צו זיך פיל פון דער יוגנט, וועלכע שטרעבט צו באַרייכערן זייערע ידיעות וועגן חכמת־ישראל, פון אירע ערשטע קוועלן.

ד״ר הירשבערג איז געוועזן אַן ״אומר ועושה״ און באַלד נאָכן פאַר׳עפנטליכן זיין פּלאַן, האָבן זיך פאַרשריבן צענדליקער יונגע לייט — שילער פון די העכערע קלאַסן פון גימנאַזיע, ״בית־מדרש״ בחורים און אפילו ״יונגערמאַנטשיקעס״ — קעסט־קינדער, נישט נאָר טשענסטאָכאָווער, נאָר אויך פון אַנדערע שטעט אין פוילן.

ד״ר הירשבערג האָט דעם אינסטיטוט געעפנט ביי דער נייער שול.

דער עצם פאַקט, וואָס הרב ד״ר הירשבערג האָט זיך דערלויבט אים אויפשטעלן ביי דער דאָזיקער — אַזוי גערופענער ״דייטשער״ שול, וועלכע איז געווען אַ נעסט פון די אַסימילאַטאָרישע קרייזן, האָט אַרויסגערופן באַגייסטערונג אין דער גאַנצער שטאָט און געשאַפן גרויס רעספּעקט אפילו ביי די פאַרביסנסטע אַסימילאַטאָרישע מתפללים פון דער נייער שול.

מיט דער צייט האָט ד״ר הירשבערג זיך באַמיט און עס איז אים אויך געלונגען דערפירן דערצו, אַז אויך דאָ זאָל בלאָזן ״נייע ווינטן״. דער נאַציאָנאַלער גייסט האָט באַהערשט אויך די קרייזן און אויך דער ציוניזם איז דאָרט געכשר׳ט געוואָרן.

ביי דער שול האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע ביבליאָטעק, וווּ העברעאישע און יידישע ביכער האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן.

אלס ביבליאָטעקאַר איז באַשטימט געוואָרן ה׳ טורנער, וועלכער האָט זיך באַמיט די ביבליאָטעק כסדר צו פאַרגרעסערן מיט די בעסטע ביכער, דארונטער אויך אין חכמת־ישראל.

צו דער פייערליכער דערעפנונג פון אינסטיטוט — זונטיק דעם 14 יאנואר 1937 — איז געקומען דער וואַרשעווער ראַבינער, סענאַטאָר פּראָפעסאָר משה שור, וועלכער האָט אין זיין רעפעראַט א. ד. ט. ״מקור היהדות״ אָנגעוויזן אויף די הויפּט יסודות פון יודאיזם לויט די תלמוד־מקורות, אין ווייטערן טייל פון זיין גייסטרייכן רעפעראַט האָט פּראָפ׳ שור זיך אָפּגעשטעלט אויף די גרונטשטריכן פון חכמת־ישראל אין דער אַלטער און נייער העברעאישער ליטעראַטור אין די פאַרשידענע תקופות, זייט איר אויפבלי אין שפּאַניע ביז צו דער תקופה פון רענעסאַנס.

דער קהלה פּרעזעס ה׳ ראָזענבערג האָט איז זיין באַג־

ריסונגס־רעדע אנגעוויזן אויף דער גרויסער באדייטונג, וואָס דער אינסטיטוט, ווערט געשאַפן דוקא אין דער צייט ווען אונדזערע שונאים ווילן פאַרניכטן אַלץ וואָס איז יידיש סיי מאַטעריעל סיי גייסטיג, ווערט דאָ געעפנט אַ אינסטיטוט פאַר יידישער וויסנשאַפט, וועלכע איז אין אַלע דורות געווען דער פאַנצער, וואָס האָט געשיצט דאָס יידישע פאָלק פון אונטערגאַנג.

ד"ר הירשבערג האָט דערציילט וועגן זיינע פּלענער און וועגן די הבטחות פון די פאַרשידענע וויסנשאַפטס־מענטשן — צווישן זיי געוו. סענאַטאָר ד"ר מ. ברודע, פּראָפעסאָר טויבער — דירעקטאָר פון לערער־סעמינאַריום אין וואַרשע און דאָצענט שטיין, וועלכע האָבן אים מבטיח געווען זייער הילף דורך קומען, פון צייט צו צייט, רעפערירן אין אינסטיטוט אויף אַקטועלע ענינים פון חכמת־היהדות.

דער יודאיסטישער־אינסטיטוט האָט זיך זער שיין אַנטוויקלט ביז ד"ר הירשבערג'ס פאַרלאָזן טשענסטאָכאָוו, (אין אָנהויב פון דער היטלער'ס אינוואַזיע.)

ו. ה.

דערציונג'ס אנשטאלטן אויף י. ל. פרץ'ס נאמען

נאָך אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסווייזן די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ יידיש אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעך לעבן, האָט עס, זעלבספאַרשטענדלעך, נישט דורכגעלאָזט אויך טשענסטאָכאָוו.

אין יענער שווערער צייט, ווען דאָס יידישע נאָרמאַלע טאָג־טעגליך לעבן איז אויפגעטרייסעלט געוואָרן, ווען גאַנצע יידישע קהילות זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע אַלט־איינגעזעסענע היימען און געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און ווערן היימלאָזע־דאַכלאָזע פּליטים, האָט זיך דער גרעסטער שטראָם, געוויינליך, געלאָזט קיין וואַרשע.

י. ל. פּרץ — דער גרויסער פריינט פון די ברייטע יידישע פאָלק'ס־מאַסן און זיין "רעכטע האַנט" — דער אמת'דיקער "למד־וואָניק" — יעקב דינעזאָן האָבן זיך געוואָרפן מיט לייב און לעבן צו ראַטעווען די היימלאָזע קינדער און יתומים פון אונטערגאַנג און אָנגעהויבן שאַפן די ערשטע קינדער־היימען און שפּעטער אויך פאָלקס־שולן.

די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף זייער אַפּעל זענען געווען די אַרבעטער־קלאַסן און די ראַדיקאַלע יידישע אינטעליגענץ.


דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין וואַרשע, אָבער, די אַרבעט האָט זיך אַנטוויקלט און פאַרשפּרייט אויך אין די גרעסערע יידישע שטעט אין פּוילן, דאַרונטער, אויך אין אונדזער טשענסטאָכאָוו.

די ערשטע קינדער־היים איז אין טשענסטאָכאָוו געעפנט געוואָרן דורך דער ס. ס. פּאַרטיי און איז אָנגעפירט געוואָרן דורך: חיה וואַגאַ, משה און רבקה וועקסלער, אסתר פוקס, רייזל פייערטאָג, רפאל פעדערמאַן און דודעק שלעזינגער, וועלכע האָבן געדונגען אַ שיינע וווינונג פון 5 צימער, אויף קרוטקא 17. זיי האָבן באַזאָרגט די "קינדער־היים" מיט פּרימיטיוו אַלט־מעבל און מיט פאַרשידענע שפּיל־צייגן, וואָס זיי האָבן געזאַמעלט צווישן חברים און גוט־הערציגע יידן.

עס איז זיי אויך געלונגען צו באַקומען אַ "פינאַנגאַ" און אויך געפונען אַ גוטע לערערין — יוזשקאַ שטאַם, וואָס איז געווען גוט קוואַליפיצירט און דערצו באַשאָנקען מיט הייסער ליבע און איבערגעבנקייט פאַר דער שאַפונג פון יידישע וועלטליכע שולן.

זי האָט אין דער קינדער־היים קאָנצענטרירט קינדער פון 4 ביז 7 יאָר פון די אָרעמסטע שיכטן און געזאָרגט פאַר זייער פיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג. מיט דער צייט האָט זיך ביי אונדז געעפנט די צווייטע קינדער־היים פון

די "פאַראייניקטע" אויף סטראַזשאַצקאַ גאַס 10, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך פר' חיה וואַגאַ.



דאס הויז אויף 17 קרוטקא־גאַס, וו ס'האט זיך געפונען די ערשטע קינדער־היים אין טשענסטאכאוו

מען האָט די קינדער געלערנט יידישע לידלעך, געמאַכט מיט זיי פאָרשטעלונגען און די פעיאיקע פון זיי אויך געלע־רנט מוזיק.

די קינדערלעך זענען אונטערגעוואַקסן און געוואָרן א קערן פאַר אַ יידישער פאָלקס־שולע.

עס האָט זיך געעפנט די ערשטע קלאַס פון דער פאָלק'ס־שולע, די ערשטע לערערינ'ס זענען געווען פר' נאַטשיאַ וואַרשאַווסקאַ און פר' רייזעל פייערטאַג. שפּעטער איז דאָרט געווען לערערין פר' רבקה צוקער און אין דער צוויי־טער קלאַס האָבן געלערנט פאַליאַ פרידמאַן,ביידע קלאַסן פון דער פאָלקס־שולע האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט'ן "קינדער־היים" אויף סטראַזשאַצקאַ־גאַס 10.



טשענסטאכאווער קאמיטעט פון דער צענטראלער יידישער שול־ארגאַניזאַציע — ציש"א (צוזאַמען מיט די דעלעגאַטן פון טשענסטאָכאָווער רעליף אין נוי־יאָרק)

זיצן (פון רעכטס צו לינקס): א. כראבאלאווסקי, ל. שווארץ, י. שימקאוויטש, ר. פעדערמאַן און ש. ניִרענבערג

שט־יען (ווי הויבן): וו. פייגע, נ. ווייס, ר. בערקענשטאט, ש. וויערז'ביצקי און מ. אַלטער

אין יאָר 1922 זענען קיין טשענסטאָכאָוו געקומען 2 דעלעגאַטן פון דעם טשענסטאָכאָווער רעליף אין אַמעריקאַ לואיס שוואַרץ און לואיס שימקאָוויטש און געבראַכט אַ גרעסערע סומע געלט כדי צו קויפן אַן'אייגן הויז פאַר די ק־נדער־היימען און דער פאָלק'ס־שולע, אָבער, בתנאי אַז די אַלע דריי פאַרטייען: "פאַראייניקטע", "פועלי־ציון" און "בונד" זאָלן זיך פריער פאַר'אייניקן און פירן די יידישע לער־אַנשטאַלטן מיט געמיינזאַמע כוחות.

די פאַראייניגונג איז צושטאַנד געקומען און עס איז געקויפט געוואָרן אַ שיינער פלאַץ אויף קרוטקאַ־גאַס 23, ווו דאָס הויז איז געבויט געוואָרן, מיט די בעסטע באַקוועמ־ליכקייטן.

זונטיק, דעם 6־טן יולי 1924, איז פאָרגעקומען דאָס פייערליכע חנוכת־הבית, צו וועלכען עס זענען געקומען פאָרשטייער פון אַלע דריי אַרבעטער־פאַרטייען יעקב זרו־בבל, ביינוש מיכאלעוויטש און אונדזער בן־עיר, ד"ר יוסף קרוק. עס זענען אויך געקומען פיל געסט פון דער אומ־געגענד.

עס איז פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזע פייערונג און נאָכדעם האָט זיך אַהערצו איבערגעטראָגן אויך די "קינדער־היים" פון סטראַזשאַצקאַ־גאַס 10, די אַלע אַנשטאַלטן האָבן געט־ראָגן דעם נאָמען פון י. ל. פּרץ.

אין זומער 1929 האָבן די שולע פאַרלאָזט די קינדער, וואָס האָבן דאָרט פאַרבראַכט גאַנצע ניין יאָר, אָנהויבנדיק פון דער קינדער־היים ביז'ן פאַר'ענדיק'ן די פאָלק'ס־שולע.

פון זיי האָבן זיך באַזונדער'ס אויסגעצייכנט פראַדעל



אַ רעגירונגס פאָלקס-שולע אין טשענסטאָכאָוו, אין יאָר 1935, אונטער די לייטונג פון פרוי שחר

און שמשון בערקאָוויטש, רייזעל גרייצער, גיטעלע ראָזען.

אָבער נישט, שטענדיק איז געווען יום-טוב. עס זענען געקומען אויך שווערע צייטן און די שולע אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ האָט זיך פאַרמאַכט, די רעאַקציאָנערע פוילישע רעגירונג האָט געקוקט קרום און נישט סובסידירט די יידישן שולן.

(די שולע האָט זיך געראַנגלט פאַר איר עקזיסטענץ, ביז די היטלער-האָרדעס האָבן אויך איר סוף געבראַכט).

ו. ה.

א יידיש געזעלשאפט פאר לאנד׳ס-קענטשאפט

טשענסטאָכאָוו האָט אויך פאַרמאָגט "א יידישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט", וועלכע האָט אויף פויליש געהייסן: "זשידאָווסקיע טאָוואַרזשיסטוואָ קראַיאָזנאַווטשע" הגם עס האָט אין פוילן עקזעסטירט אַזאַ פוילישע געזעלשאַפט, וועלכע איז אויך זער געשטיצט געוואָרן דורך דער צענטראַל-רעגירונג און די שטאָטישע מאַגיסטראַטן.

יידן זענען אפילו דאָרט צוגענומען געוואָרן אלס מיטגלידער, אָבער, גלייכצייטיק האָט מען זיי געגעבן א "איידעלע אנציהערעניש" — און מערסטן טייל אפילו אויף א ברוטאַלן אופן — "אַז זיי זענען איבעריק"... צוליב דעם האָבן זיך אין פיל שטעט און צווישן זיי אויך אין טשענסטאָכאָוו געגרינדעט אַ זעלכע יידישע געזעלשאַפטן, וועלכע פלעגן אָרגאַניזירן אויספלוגן אין פאַרשידענע אינטערעסאַנטע מקומות, איבערהויפּט אין די היסטאָרישע ערטער

פון לאַנד, ווי קענער פון דער פּוילישער געשיכטע האָבן דערציילט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון די ארטשאַפן.

די דאָזיקע יידישע געזעלשאַפט האָט צו זיך צוגעצויגן אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט און אויך סתם מענטשן.

מיר גיבן דאָ דעם תמצית פון אַ באריכט פון איינער פון די יערליכע אלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וואָס איז זיינערצייט פאַרגעקומען אין דער פאָלקס־שולע אויפן נאָמען פון פרוי ז. וויינשטאַק, אויף אַלעע 20, און אין וועלכער ס׳האָט זיך אויך באַטייליקט אַ דעלעגאַט פון וואַרשעווער צענטראַל־קאָמיטעט ה׳ דובראָוויטש.

אין פּרעזידיום זענען געזעסן: דירעקטאָר לילין, ד״ר לייזעראָוויטש, און — אלס סעקרעטאר פון דער פאַרזאַמ־לונג — פ. בלומענקראַנץ.

די געזעלשאַפט האָט אין יענע צייט דורכגעלעבט אַנ׳־אינערליכן קריזיס און עס האָט איר געדראָט אַ פולשטענ־דיקע ליקווידאַציע.

וועגן די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו אַזאַ מצב, האָט רעפערירט פּראָפ׳ ל. וויינשטאַק און פּראָפ׳ בראַנדלעוויטש האָט אפילו פארגעשלאגן, אז מ׳זאָל די געזעלשאַפט ליק־ווידירן.

דער דעלעגאַט פון דער צענטראַלע ה׳ דובראָוויטש האָט אין אַ לענגערן רעפעראַט אנגעוויזן וואָסער מאָראַלישע מפלה עס וועט זיין פאַר די פּוילישע יידן, אויב זייערע, מיט אַזויפיל מי געשאפענע אינסטיטוציעס, וועלן זיך אָנ־הויבן ליקווידירן און וואָסערע שמחה דאָס וועט ארויסרופן ביי די אנטיסעמיטן. ער האָט אפעלירט צום אחריות־געפיל פון די אנוועזנדע חברים און זיי אויפגעפאָדערט צו וויילן אַ נייע פאַרוואַלטונג פון אַקטיווע חברים, וועלכע זאָלן אומשטאנד זיין באַנייען און אויפלעבן די טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט.

נאָך די דעבאטן אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַטייליקט: ה״ה פ. בלומענקראנץ, פּראָפ׳ בראַנדלעוויטש, פרוי הארראוויטש, פרוי וואַסערמאַן, ד״ר לייזעראָוויטש, און ש. פראַנק איז געוויילט געוואָרן אַ נייע פארוואלטונג, וועלכע האָט זיך פארפליכטעט ענערגיש פארטצוזעצן די אַרבעט און אַוועק־שטעלן די געזעלשאַפט אויף איר פריערן צושטאַנד.

אין דער נייער פארוואלטונג זענען אַריין:

פ. בלומענקראַנץ, י. גאָלדמאַן, פּראָפ׳ ל. וויינשטאַק, ד״ר לייזעראָוויטש, ד״ר לילין, פרל׳ סאלאט, עפשטיין, י. רזשאנשינסקי און שטיבעל.

אין רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: פּראָפ׳ בראַנדלעוויטש, גרינ־בוים, און וואסערמאַן.

אין ערן־געריכט: אדוו. לעאָן אַש, א. פרץ און י. ראַזינער און אלס פארטרעטער: פרוי וואַסערמאַן און ש. פראַנק.

(די דאָזיקע וויכטיקע אינסטיטוציע האָט ווייטער עק־זעסטירט ביזן גרויסן חורבן פון יידישן טשענסטאָכאָוו!)



אַנ׳אויספלוג פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנד־קענטשאַפט אין טשענסטאכאוו אין יאר 1929 קיין מיראוו; צווישן אנדערע געפינען זיך אויפן בילד: ש. פראנק, א. לוקסענבורג, קאפינסקי, ראַבינאָ־וויטש, בארזשיקאָווסקי, שטיינהאַרט, פרוי שומאַ איער און שלעזינגער, לעווקאָוויטש, פרוי גאנאנא, ערליך, פרייערמויער און פרוי אפער

שעפּטל זאַק

יידיש טעאַטער

אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן (נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה), ווען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פּוילן האָט זיך ביסלעכווייז גענומען נאָרמאַליזירן האָט זיך אויך אָנגעהויבן מערקן אַ געוויסע אויפלעבונג אין דער טעאַטער פּראָפעסיע. כמעט אין אַלע גרעסערע שטעט זיינען אויפגעשטאַנען סטאַבילע טעאַטערן, אַ חוץ די וואַנדערנדיקע גאַסטראָלן־טרופּעס.

אין טשענסטאָכאָוו, אַ גוטע טעאַטער־שטאָט, ווי עס זיינען ביז דעמאָלט אויפגעטרעטן די בעסטע יידישע טרופּעס, אָבער בלויז אויף געציילטע גאַסטראָלן, האָט אַ חברים־טרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון אַקטיאָר־אונטערנעמער ישראל ביאַלקאָוויטש, געשפּילט מיט דערפאָלג כמעט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, הגם עס זיינען געווען שוועריקייטן ביים באַקומען אַ פּאַסיקן זאַל מיט אַ בינע.

ישראל ביאַלקאָוויטש האָט געהערט צו די פּראָווינץ־אַקטיאָרן וואָס האָבן שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז זייערע שאַנסן אַנגאַזשירט צו ווערן אין אַ צענטראַלער שטאָט זיינען זער קליינע און דערפאַר האָט ער, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע פון זיין קאַטעגאָריע, גענומען אויף זיך באהבה דעם שווערן עול פון אָרגאַניזירן און אָנצופירן אַלע זיינע יאָרן מיט פּראָווינץ־טרופּעס ביים טעאַטער.

די טרופּע איז באַשטאַנען פון די פאַראייננס־מיטגלידער: רבקה ליובאַרטאָווסקאַ, חנה ראָזענצווייג, לאה ליבראָווסקאַ און איר יונגע טעכטערל רייזל (די איצטיקע פרוי פון מאַקס באַזשיק), ליאַלאַ גאָלדשטיין, לייב ווינער, מאַקס פּאַקאַי, י. זובאַק, אברהם בלאַט און אַדאָלף ליבערמאַן. דער רעפּערטואַר — אַ געמיש פון דראַמע, מעלאָדראַמע און אָפּערעטע. אויף איין און דעם זעלבן אפיש האָט מען אַנאָנסירט שלום אַש׳ס ״מאָטקע גנב״ און יאָזעף לאַטיינער׳ס — ״כינקע־פּינקע״, אַנ־סקי׳ס ״דיבוק״ און ״שליאַמקע און ריקל״ פון באָריס טאָמאַשעווסקי.

צו זייערע פאָרשטעלונגען אין טשענסטאָכאָוו האָט די טרופּע אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלע באַציאונג, מען האָט פון וואַרשע אַנגאַזשירט דעם טעאַטער־דיריגענט סעם בלומשטיין און פאַרגרעסערט דעם אָרקעסטער; מען האָט אויך צו יעדער פּיעסע געמאָלן ספּעציעלע דעקאָראַציעס, און איז אַ פּיעסע געפעלן געוואָרן איז זי געגאַנגען אַ היפּש ביסל מאָל. ״אַ גרויסער שלאַגער״ איז געוואָרן די אָפּערעטע ״דאָס חזנדל״ מיט דער יונגיטשקער, טאַלאַנטירטער רייזל ליבראָווסקאַ אין דער טיטל־ראָלע.

אין משך פון סעזאָן זיינען אויך פאַרבעטן געוואָרן אויף גאַסטראָלן: די פּרימאַדאָנע מאַלווינאַ יאַלעס פון לעמבערג; אַניעלאַ באַריסאָוואַ, ראַבינאָוויטש און פּאָליאַקאָוו — פון דער קאַמפּאַניעץ־טרופּע (גראָד ווען די שורות ווערן געשריבן איז אָנגעקומען די טרויעריקע בשורה, אַז אהרן פּאָליאַקאָוו, דער פאַרדינסט־פולער און באַליבטער אַקטיאָר איז געשטאָרבן אין פּאַריז, אין עלטער פון 70 יאָר); דער ״העלדן־טענאָר״ בעני אַבעלמאַן מיט זיין גאָלדפּאַדען־רעפּערטואַר און דער ״געזאַנגס־ליבהאָבער״ — מיכאל טריינג.

די טרופּע האָט שטאַרק נושא־חן־געווען. די ״טשענסטאָכאָווער צייטונג״ האָט דעמאָלט געשריבן: ״...די טרופּע שטעלט מיט זיך פאָר דאָס בעסטע וואָס אַ פּראָווינץ־שטאָט קאָן האָבן. מיר טשענסטאָכאָווער מעגן זיין שטאָלץ אויף זייערע דערגרייכונגען״.

גלייכצייטיק קריטיקירט אָבער די צייטונג זייער שטאַרק דעם רעפּערטואַר און איז אויך נישט צופרידן מיט געוויסע אַקטיאָרן.

אויך דאָ האָט די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט, אַ דאַנק די באַמיאונגען פון אָרטיקן פּוילישן טעאַטער, אָנגעהייבן צו מאַכן שוועריקייטן דער יידישער טרופּע: די פּיעסן האָבן געמוזט ווערן צענזורירט דורכן אינערן־מיניסטעריום אין

וואַרשע; די פאַרשטעלונגען האָבן זיך געמוזט ענדיקן נישט שפּעטער ווי עלף אזייגער און דער פוילישער טעקסט אויף די אפישן האָט געמוזט ווערן געדרוקט מיט גרעסערע אותיות ווי דער יידישער. די כוונה איז געווען: פאַרטרייבן די יידישע אקטיארן פון דעם קאַטאָלישן טשענסטאָכאָוו.

כדי "אָפּצושרייען" די גזירה און העלפן די טרופּע זיך שטעלן אויף זיכערע פינאַנציעלער יסודות קומט קיין טשענסטאָכאָוו דער פּארוואלטער פון יידישן אַרטיסטן־פאראיין מארק יוווילער. נאָך אַ רייע קאָנפערענצן מיט פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע אינסטיטוציעס ווערט אויך דאָ געשאַפן אַ טעאַטער־קאָמיסיע מיטן אנטייל פון י. ראָזענבערג, אהרן פרץ, ר. פעדערמאן, י. סאק, ז. שטילער און אַנדערע. דער קאָמיטעט מיט דער זיך גענומען צו זיין אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער טרופּע און זי שטיצן מאָראַליש און מאַטעריעל, ר. פעדערמאן — אַ ראטמאן אין ארטיקן שטאָטראט — איז אויך געווארן דער פארטרעטער פון יידישן ארטיסטן־פאראיין אין פוילן פאר די פּראָפעסיאָנעלע ענינים פון די טעאַטער־טרופּעס.

דער פּארוואלטער פון ארטיסטן־פאראיין מ. יוווילער האָט אויך אפּגעהאלטן אַ קאָנפערענץ מיטן שטאָט־פּרעזידענט, אין רעזולטאַט פון דער אינטערווענץ איז די טרופּע תיכף באַפרייט געוואָרן פון צאָלן די שטאָטישע שטייערן און בקרוב איז דעם יידישן טעאַטער אפילו צוגעטיילט אַ סובסידיע פון טשענסטאָכאָווער שטאָט־ראט. די סובסידיע וועלכע עס האָט אויך געהאָלפן אויסקעמפן דער טעאטער־קאָמיטעט, איז געווען זייער אַ נעבעכדיקע (צוועלף הונדערט זלאָטעס), אָבער אין יענער אַנטי־יידישער אַטמאָספערע האָט עס באטייט ווי אַ מאָראַלישע סאטיספאקציע און אנערקענונג פאַרן יידישן טעאַטער.

די טשענסטאָכאָווער טרופּע פלעגט פון צייט־צו־צייט מיט דערפאלג אויך שפּילן אין די שכנות'דיקע שטעט.

אין די דאָזיקע שטעט האָבן זיי אָבער, אפט זיך געטראָפן מיט די וואַנדערנדיקע נישט־פאראיינס־טרופּעס, וועלכע האָבן זיך דערלויבט אויף אזעלכע מעשים וואָס האָבן געבראַכט שאדן דעם אנזעען פון יידישן טעאַטער, הן מאָראַליש הן מאַטעריעל. עס איז נישט זעלטן אויך דערגאַנגען ביז באַנוטצן זיך אפילו מיט מסירות...

ווען די טשענסטאָכאָווער טרופּע איז געקומען קיין סאָסנאָוויץ מיט אַ אָפּערעטע "די פּוילישע חתונה" האָט זיך דאָרט גלייכצייטיק באַוויזן אַ נישט־פאראיינס־טרופּע און אנגעהויבן צו שפּילן אין אַ צווייטן זאַל. וועלנדיק פאַרקאָנקורירן די "טשענסטאָכאָווער" האָט דער אקטיאר־אונטערנעמער פון דער נישט פאראיינס־טרופּע, נאָך זייער יעדער פאַרשטעלונג, אגיטירט פון דער בינע קעגן דער טשענסטאָכאָווער פאראיינס־טרופּע צו וועלכער יידן דאַרפן נישט גיין, אויך צוליב פּאָליטישע טעמים, ווייל — און דאָ האָט ער געשוואָרן ביי זיין צוגעקלעפּטער "באָרד און פּיאות" — "דער ארטיסטן־פאראיין איז אַ "קאָמוניסטישע גגיאזדע" (טעאטער־אַרכיוו, ייוואָ, ניו־יאָרק).

דער אנטי־פאראיין אונטערנעמער האָט אויך געלאָזט טיילן פלוג־בלעטלעך איבער די גאַסן ווו עס איז געזאָגט געוואָרן בזו הלשון:

"... יידן, גייט נישט זען די טשענסטאָכאָווער!!! זיי נאַרן אָפּ!!! זייער "פּוילישע חתונה" איז נישט די ריכטיקע חתונה. אין דער ריכטיקער "פּוילישער חתונה" דאַרף מען זען ווי די ליכטיקע מלאכים זינגען אויפן הימל און ווי די שוואַרצע ציגיינער זינגען און טאַנצן אין זייער טאבאר און נאָך אַנדערע עפעקטן.

די טשענסטאָכאָווער קאָנען אַזאַ פארשטעלונג נישט באַווייזן, ווייל עס איז נישט קיין טרופּע נאָר אַ מושב־זקנים!"

איז לאָזט זיך נישט אָפּנאַרן און קומט צו אונדז אין טעאָטער ווו מיר וועלן אייך דאָס אַלעס באַווייזן!!!"

(דער מקור — אין טעאַטער־אַרכיוו פון ייוו"אָ, ניו־יאָרק).

✶

דער געלונגענער ערשטער סטאַבילער סעזאָן אין טשענסטאָכאָוו האָט גורם געווען, אַז דעם קומענדיקן יאָר זאָל זיך דאָרט שטעלן א טרופּע אויף שכירות, אונטער דער דירעקציע פון דעם באַקאַנטן אקטיאר־אונטערנעמער שלמה הערשקאָוויטש בשותפות מיטן ארטיקן טעאַטער־מענטש שלמה קייזער.

בראש פון דער טרופּע איז געשטאַנען די ביז גאָר טאַלענטירטע, טעמפּעראַמענטפולע אָפּערעטן־ארטיסטין רעגינא צוקער, וואָס איז געווען שטאַרק באַליבט און פּאָפּולער ביי די ברייטע מאסן, נישט נאָר אין פוילן. געשפּילט האָט זי אין די פאַרשיידענע ביליקע אָפּערעטקעס, אין מעלאָדראַמעס נישט אנערקענענדיק די עלעמענטאַרסטע בינע־דיסציפּלין, און דערפאָר האָט מען זי געקרוינט מיטן נאָמען: די קעניגין פון שונד. אין אַן ערנסט טעאַטער, אָבער ביי אַ געהעריקער רעזשי, וואָלט אַזאַ רעגינא צוקער אָן ספק געקאָנט פאַרנעמען אַ בכבודיקן ארט.

איר פּאַרטנער אין טשענסטאָכאָװ איז געװען דער גוט באַקאַנטער אַקטיאָר און זינגער **מיכאל קליין, װאָס האָט** נאָך אָנגעהויבן זיין בינע־קאַריערע אין װאַרשעװער מוראַ־נאָװער טעאַטער.

צום אַנסאַמבל האָבן געהערט: מאַלװינאַ װײַדלאַנד, פאַניע לאַשער, רוטאַ קאַליש, אַדעלאַ גאָטפריד, **יוליאַ** האָכבערג, הערש הארט (דער אויסגעצייכנטער **אַקטיאָר און** טעאַטער־טוער איז פלוצים, די טעג, געשטאָרבן אין תל־אביב, אין עלטער פון עטלעכע און זעכציק יאָר), קאַרל צימבאַליסט, לעאָן געטליכערמאַן, יצחק גאָטפריד און שלמה הערשקאָװיטש.

אויפגעפירט האָט די פיעסן, דער מאַן פון רעגינאַ צוקער — קאַרל צימבאַליסט; מיטן אָרקעסטער **האָט אָנגע**פירט סעם בלומשטיין און די טענץ האָט איינגעשטעלט דער באַלעט מייסטער אַדאַלפיני. פונקט װי די ״ביאַלקאָװיטש־טרופּע״ דעם פאַרגאַנגענעם סעזאָן האָבן זיי אויך געשפּילט אין די שכנותדיקע שטעט און געמאַכט גוטע געשעפטן.

טשענסטאָכאָװ װי אַ סטאַבילע שטאָט **איז געװען דאָן** ממש אַ געװינס פאַרן יידישן טעאַטער, זי **איז געװען איינע** פון די ערשטע נישט גרויסע שטעט װוּ **אַ דירעקציע האָט** געקאָנט אויסהאַלטן אַ טרופּע אויף גאַנצע **אַ גאַנצן סעזאָן.**

(טשענסטאָכאָװ איז פאַרבליבן אַן ״עיר ואם״ פאַרן יידישן אַקטיאָר ביזן גרויסן חורבן, װאָס האָט געמאַכט אַ סוף פון די יידן און פון אַלץ װאָס זיי האָבן געשאַפן און פאַרמאָגט!)

פישל בלומענקראַנץ


אַ פּאָר װערטער װעגן דראַמאַטישן קרייז

(ביי דער יידישער **געזעלשאַפט פּאַר** לאַנד־קענשאַפט אין טשענסטאָכאָװ)

מיר ברענגען דאָ דעם תמצית פון אַ רעצענזיע װאָס דער באַגאַבטער פישל בלומענקראַנץ, געװ. סעקרעטאַר פון דער יידישער קהלה האָט געשריבן װעגן אַ פאַרשטעלונג פון דראַמאַטישן־קרייז.

טשענסטאָכאָװער יוגנט האָט נישט געװאָלט בלייבן אונטערשטעליג לגבי אונדזערע גרויסע שטעט אין פּוילן און האָט דערפאַר געפּרוּװט אירע כוחות אויף אַלע געביטן — צװישן זיי אויך ביים אַנטדעקן אייגענע אַרטיסטן, װעלכע זאָל טאַקי פאַרמאָגן טאַלאַנט און אויך האָבן די דרייסטקייט זיך צו װייזן פאַרן ברייטן יידישן עולם מיט זייערע טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

מיר זענען אומשטאַנד עפּיס צו דערציילן װעגן דעם, װי אַזוי דער דאָזיקער דראַמאַטישער קרייז האָט פאָרגעשטעלט ליװשיצ׳עס קאָמעדיע אין 4 אַקטן, אונטער נאָמען ״הערשעלע אָסטראָפּאָליער״ — דער באַװוּסטער לץ, װאָס זיינע ״חכמות״ און ״אויפטועכצן״ **װערן דערציילט** אַזש ביז היינטיקן טאָג און זענען **פאַרבליבן, ממש, פּערל** אינעם יידישן פאָלקלאָר.



דראַמאַטישער קרייז ביי געזעלשאַפט ״טאז״ אין טשענסטאָכאָװ (אין יאָר 1939)

אויפן בילד: מ. אורבאַך, דוד ריפּשטיין, זיידמאַן, קויפמאַן, זיסמאַן, דזיאַלאָװסקי און פרוי גניאַ בערקאָװיטש־פעדערמאַן

די טשענסטאָכאָווער בחורים און מיידלעך האָבן אויף זיך גענומען אַ גענוג שווער שטיקל אַרבעט און עס איז גאָר־נישט געווען מקנא זיין דעם רעזשיסער ש. פראַנק, וואָס האָט געדאַרפט איינשטודירן די ראָלן פון די דאָזיקע אַר־טיסטן־ליבהאָבער און דערצו אויך נעמען אויף זיך די הויפּט־ראָליע פון ר׳ הערשעלע אָסטראָפּאָליער און ווערן, פּלוצלינג, אויס ערנסטער מענטש און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ ״חסידישן לץ״ און משמח זיין דעם רבין — זאָל לעבן! — וואָס קוועלט אָן פון זיינע חסידישע חכמות.

אורבאַך — וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון רבין — האָט פיל צוגעהאָלפן צום דערפאָלג, פאַרוואַנדלדיק זיך, פשוט, אין אַ רבין, מבטן ולידה...

שוואַכער זענען געווען לפידות (אַלס ״חנינא״) און ראָזנצווייג (אַלס ״שמחה״).ביידע האָבן זיך געמאַכט פאַר צו ״שטייפע חסידים״.

דאַגעגן איז דער צווייטער ראָזענצווייג — אין דער ראָל פון ר׳ עוזרן — געווען ווונדערבאַר און אַנטציקט די צושויער מיט זיין אַרט שפּילן.

קלענערע אויפגאַבן ביי דער פאַרשטעלונג האָבן געהאַט: אקרענט — אַלס ר׳ חנינא׳ס איידעם; ווינטער — אַלס ״מת־נגד״ און זילבערשאַץ — אַלס הערשעלעס מחותן.

אין דער פאַרשטעלונג האָבן זיך אויך באַטייליקט פרוי־ען: פרוי ראָזינער — אַלס ״רביצ׳ן״ און די פריילייגט שטיינהויער און זילבערשאַץ — אַלס פאַרשטעלטע חסי־דים״...

די דעקאָראַציעס זענען געווען זער באַשיידענע, וואָס האָט אויך באַוויזן, אַז דער געזעלשאַפטליכער גראָשן איז ביי אונדז יוגנט געווען טייער!

(אויב מיר געבן אין אונדזער ״ספר הזכרון״ אבפרטות׳־דיקן באריכט וועגן אָט דער פאַרשטעלונג, איז עס, ווייל מיר ווילן פאַר׳אייביקן דעם נאָמען פון דער טייערער יוגנט, וועלכע האָט זיך באמיט פריילעך מאַכן טשענסטאָכאָווער יידן און וועלכע האָט אַזוי טרויעריק און טראַגיש געענ־דיקט זייערע יונגע לעבענס.)

ע. בן־משה

אונדזער יידישע פּרעסע

דער אָנהויב פון דער יידישער פּרעסע אין טשענסטאָכאָוו איז געווען קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ביז דעמאָלט האָט דער טשענסטאָכאָווער עולם געפונען זיין ״גייסטיקע״ שפּייז פון דער ליטעראַטור, וואָס די ״מוכרי־ספרים״ — בייגעלע און לאַפּידעס האָבן פאַר אים באַזאָרגט.

די אַגענטן פון די וואַרשעווער יידישע צייטונגען זענען געווען לעווענשטיין, גוטפריינד און פראַנקפורטער.

די ערשטע צייטונג, וואָס איז ביי אונדז דערשינען, איז געווען — דאָס ״טשענסטאָכאָווער רעקלאַמען־בלאַט״, וועל־כע האָט דעם ערשטן נומער אַרויסגעגעבן דעם 6־טן דע־צעמבער 1912, געדרוקט געווען אין בערל באַטשאַנס דרו־קעריי.

די צייטונג האָבן געגרינדעט: אַ. כראַבאַלאָווסקי, הער־



צבי הירש פּייוולאָוויטש
פון די גרינדער פון דער יידישער פּרעסע אין טשענסטאָכאָוו

שעלע פייוולאָוויטש, משה צ׳יעשינסקי און יעקב ראָזנבערג, עס האָבן זיך אין איר אויך באַטייליקט פייטל שמולעוויטש און לעאָן קאַפּינסקי.

דאָס "רעקלאַמע־בלאַט" האָט נישט געהאַט קיין אריכות ימים. עס זענען דערשינען נישט מער ווי ניין נומערן.

אין 1913 האָט זיך באַוויזן אַ נייע צייטונג "טשענסטאָכאָווער וואָכנבלאַט", וועלכע האָט פון צייט צו צייט פאַרגרעסערט דעם פאָרמאַט און באַקומען אַ צורה פון אַ צייטונג. אויך אין דער דאָזיקער צייטונג זענען די הויפּט־מיטאַרבעטער געווען: ה. פייוולאָוויטש און מ. צ׳יעשינסקי און זי איז רעדאַגירט געוואָרן דורך י. מ. ברוין פון וואַרשע.

דער לעצטער נומער פון אָט דער צייטונג איז דערשינען דעם 26־טן דעצעמבער 1913.

אין יענער צייט איז אויך דערשינען אַ קאָנקורענץ־צייטונג, אַלס וואָכן־בלאַט, אונטערן נאָמען "אונדזער צייטונג", זי האָט זיך געדרוקט אין דער דרוקעריי פון צימערמאַן און רעדאַגירט געוואָרן דורך קראָנענבערגן פון לוי־וויטש.

אין די יאָרן 1913—1919, איז דערשינען, מיט פיל הפסקות, אויך אַ טאָג־צייטונג מיטן נאָמען "טשענסטאָכאָווער טאָגבלאַט". די דאָזיקע צייטונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בשותפות דורך באַטשאַן און ראָזענבערג. רעדאַגירט געוואָרן דורכן באַוווּסטן לאָדזשער זשורנאַליסט צבי כהן (באַקאַנט אונטער זיין פּסעוודאָנים "צבי"). אין דער צייטונג האָבן מיטגעאַרבעט: אימיך, מענדל אַש, א. וואַרשאַווסקי, פייוולאָוויטש, פּאַוּל פעדערמאַן, לעאָן קאַפּינסקי, ראַטנער, און שאַיאַ הערמאַן. פון צייט־צו־צייט האָבן דאָרט פאַרעפנטלעכט זייערע מאמרים אויך די רבנים נחום אש און ישעיעוויטש.

אין טשענסטאָכאָוו זענען אויך דערשינען עטלעכע אַרבעטער־צייטונגען, איין צייטונג אונטערן נאָמען: "דאָס נייע וואָרט", אונטער דער רעדאַקציע פון ר. פעדערמאַן און א. כראַבאַלאָווסקי, אַ צווייטע — "אונדזער שטימע". אין די צייטונגען האָבן מיטגעאַרבעט ד״ר יוסף קרוק און שמואל פראַנק.

די אויבנדערמאָנטע פרטים וועגן דער יידישער פרעסע אין טשענסטאָכאָוו זענען ציטירט פון בוך "טשענסטאָכאָווער יידן", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1947 אין ניו־יאָרק.

די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פרעסע דאַטירט זיך נאָך פון דער ערשטער וועלט־קריג און באַזונדערס פון די לעצטע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

סטאַביל זענען דערשינען דריי וואָכן־צייטונגען ווי אויך איין "האַלבע־טאָג־צייטונג".

(1) די "טשענסטאָכאָווער צייטונג" — אַלס וואָכן־צייטונג.

די צייטונג איז געווען אַן־אומפּאַרטייאיש וואָכנבלאַט, אַרויסגעגעבן דורך בערל באַטשאַן און געדרוקט אין זיין דרוקעריי. אין די ערשטע יאָרן איז ישראל פלאַצקער, אַ מזרחי־טוער, געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר. אין משך פון דער צייט איז איר רעדאַגירן אַריבער צו שמואל פראַנק.

די שטענדיקע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג זענען געווען:

דעם רב׳ס דריי זין: לעאָן, מענדל און משה אַש, שושנה טשענסטאָכאָווסקאַ, משה־לייב לעווענשטיין, די דריי ברידער אברהם, לייבל און עקיבא פאָגעל, פייגענבוים, פייוולאָוויטש, ליפּמאַן און לעאָן קאַפּינסקי, מרדכי קויפּמאַן, פ. שמולעוויטש און דער שרייבער פון די שורות.

די "טשענסטאָכאָווער־צייטונג" האָט געגעבן אַן׳אמתדיק בילד פונעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן.

שמואל פראַנק אַליין האָט אויסגעפילט כמעט אַ האַלבע צייטונג. זיין וואָכנטליכער איבערבליק, אונטערן נאָמען "וואָס געהערט און וואָס געזען" איז געווען אַ אַקטועלע אָפּשפּילונג פון טשענסטאָכאָווער יידישן לעבן. בכלל האָט די צייטונג געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך גערעכנט מיט איר מיינונג, איבער פאַרשידענע געזעלשאַפטליכע ענינים.

(2) "אונדזער וועג" איז געווען דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו.

אויך די צייטונג איז דערשינען אַלס וואָכנבלאַט און זיך געדרוקט אין העלפגאָטס דרוקעריי. איר אָפיציעלער רעדאַקטאָר איז געווען משה טאָוויעוויטש, אַ דרוקער־אַרבעטער וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ענערגיע און טיכטיקייט ביי דער אַרבעט.

די לייטער און רעדאַקטאָרן זענען געווען ד״ר מערינג און אהרן לוקסענבורג.

אין דער צייטונג האָבן מיטגעאַרבעט אַ סך אַרטיקע ציוניסטישע געזעלשאַפטלעכע טוער, צווישן זיי: פישל בלומענקראַנץ, סעקרעטאָר פון דער יידישער קהלה, און


Rok III. Nr. 7.
NOWY
Cena 10 groszy
CZĘSTOCHOWSKI
דער פראלעטאריער
(PROLETARJUSZ)
רעקלאמען-בלאט
REKLAMEN-BLAT
די צייט
„Di Cajt"
וואכענבלאט
WOCHENBLAT
טשענסטאכאווער
וועקער
Czenstochower Weker
טאגעבלאט
אונזער עקספרעס
ארבעטער-צייטונג
GAZETA ROBOTNICZA
טשענסטאכאווער צייטונג
דאס
נייע ווארט
„DOS NAJE WORT"
Nr 29
UNZER WEG
אונזער וועג
אונזער שטימע

זעליגפעלד, וועלכער איז געווען באַרימט מיט זיינע גלייכווערטלעך, וויצן און פעליעטאָנען, די אַנדערע שטענדיקע מיטאַרבעטער זענען געווען (לויט א״ב): ח. בירענהאָלץ, ד״ר אַ. בראַם, אַברהם גאָטליב, דאַנציגער, ד״ר ח. ז. הירשבערג, טורנער, פּראָפ׳ יאַנאָווסקי, ב. לאַז׳נאַזש, חיים לוסטיגער, ל. לעווקאָוויטש, מ. פינקלשטיין, י. ש. קאַבלענץ, דוד קאָניעצפּאָלער, י. קליינער, י. קראַק, ראָזענווײַן, ד״ר גרשון שפר, אַ. שיינוועקסלער און מ. ח. שיפער.

אין משך פון דער צייט איז ״אונדזער וועג״ געוואָרן דער אַרגאַן פון דער יידישער אינטעליגענץ און אַ דאַנק זיינע מיטאַרבעטער בלומענקראַנץ און זעליגפעלד, האָט די צייטונג אויך באַקומען אַ ליטעראַרישן כאַראַקטער.

(3) ״די צייט״ איז געווען אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג, אַרויסגעגעבן דורך דעם רעדאַקטאָר ווייסבערג און געדרוקט אין זיין דרוקעריי. אייגנטלעך איז ווייסבערג געווען אַ סוחר און אין משך פון דער וואָך האָבן — ער מיט זיין זון — זיך אויך פאַרנומען אין געשעפט מיט שרייבן אַרטיקלען; דער זון איז אויך געווען דער זעצער און דער דרוקער פון דער צייטונג, וועלכע האָט געהאַט אַ גאַר קליינעם קרייז לייענער אין טשענסטאָכאָוו, זי איז, אָבער, געווען מער פאַרשפּרייט אין דער סביבה; ווי וויעלון, ראַדאָמסק, קלאָבוצק, גאָרזשקאָוויץ און אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך. קיין גרויסע פּרנסה האָט ווייסבערג פון דער צייטונג נישט געהאַט אָבער ער האָט, צוליב כבוד, יאָרנלאַנג זיך געמוטשעט און אַרויסגעגעבן ״זיין״ צייטונג...

(4) ״אונדזער טשענסטאָכאָווער עקספּרעס״ איז באַמת דערשינען אין וואַרשע, אַלס טאָג־צייטונג, אָבער, לויט אַנ׳־אָפּמאַך מיט באַציאַנען, האָט מען דעם לעצטן עמוד געדרוקט אין טשענסטאָכאָוו און צום קעפּל ״אונדזער עקספּרעס״ איז צוגעגעבן געוואָרן דאָס וואָרט ״טשענסטאָכאָוו״. אויף דעם לעצטן עמוד פון דער צייטונג האָט זיך געדרוקט ספּעציפֿישע לאָקאַלע נייעס, און אויך אַרטיקלען פון שמואל פראַנק. די צייטונג וועלכע האָט בכלל געהאַט אַ גרויסע צאָל לייענער אין פוילן, איז אויך אין טשענסטאָכאָוו, צוליב דער דאָזיקער קאָמבינאַציע שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן, געווען אומפּאַרטייאיש און געטראָגן אַ פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער.

פּויליש יידישע פּרעסע

פון צייט צו צייט, זענען אין טשענסטאָכאָוו דערשינען יידישע צייטונגען אין דער פּוילישער שפּראַך, ווי למשל ״גלאָס פּאָווששעכני״ און ״עקספּרעס טשענסטאָכאָווסקי״. זיי זענען רעדאַגירט געוואָרן דורך סעמיאַטיצקי, ס׳האָבן מיטגעאַרבעט אינז׳ שפּיץ, קראַק און אַנדערע.


ריין פּוילישע צייטונגען

אין טשענסטאָכאָוו זענען דערשינען צוויי פּוילישע טאָג־צייטונגען, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זייער ווילדער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע; זיי האָבן גערופן מ׳זאָל בויקאָטירן די יידן און אַפילו געהעצט צו מאַכן פּאָגראָמען אויף זיי.

דער רעדאַקטאָר פון דער ענדעקישער צייטונג ״גאַזעטאַ טשענסטאָכאָווסקאַ״ איז געווען דער באַקאַנטער שונא־ישראל פּאַטשערקאָווסקי און פון ״גאָניעץ טשענסטאָכאָווסקי״ — נישט קיין קלענערער אַנטיסעמיט — ווילקושעווסקי.

חיים בירנהאלץ

ספּאָרט און ספּאָרטלער



די ועדת-הספר פונעם ״ספר טשענסטאָכאָוו״, האָט זיך געווענדעט צו מיר, אַלס צו איינעם פון די אַזוי ווייניקע לעבן-געבליבענע טשענסטאָ-כאָווער יידישע ספּאָרט-עסקנים, מיט דער אויפ-פאָדערונג אָנצושרייבן די געשיכטע פון יידישן ספּאָרט און ספּאָרטלער אין טשענסטאָכאָוו.

הגם ס׳איז פאַר מיר געווען זער א שווערע אויפגאַבע צוליב צוויי טעמים:

ערשטענס — ס׳איז שווער זיך צוריקציען צו יענעם טרויעריקן קאָשמאַר און אויפלעבן אין זכרון די אַלע — מערסטן טייל יונגע און געזונטע מענטשן — וואָס האָבן תמיד באַוויזן, זייער גבורה, יידישן שטאָלץ און זייער שטאַרקן ווילן צום לעבן, כדי צו פאַרשאַפן וואָס מער כבוד דעם יידישן פאָלק, (און זענען אַזוי אַכזריות׳דיק אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים).

און צווייטנס — שרייבן וועגן אַלע זייערע מעשים אין משך פון כמעט אַ גאַנצן דור, וואָלט איך בלויז צוליב דעם צוועק געדאַרפט שרייבן אַ באַזונדער גרויס בוך — אַ ״ספר הזכרון״ פון יידישן ספּאָרט אין טשענסטאָכאָוו.

אָבער, ווייל כ׳קאָן נישט מסכים זיין, אז דער יידישער ספּאָרט און זיינע טוער זאָלן נישט פאַראייביקט ווערן, כאָטש בקיצור, אין אונדזער ״ספר-זכרון״, האָב איך אויף מיר גענומען די דאָזיקע שווערע אויפגאַבע און מיט טיפן צער און ווייטאָג שרייב איך די דאָזיקע געשיכטע פון די, וואָס זענען געווען און פאַרבליבן הייליק און טייער פאַר יעדן פון אונדז!

✶

טשענסטאָכאָוו איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע שטעט אין פוילן, דענסטמאָל, ווען די יידישע יוגנט האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיטן ספּאָרט און האָט אויך באַלד געשאַפן פאַרשידענע ספּאָרט-קלובן.

דעם אויבן-אָן אין דער דאָזיקער טעטיקייט האָט פאַרדינט דער יידישער ״טורן און ספּאָרט-פאַראיין״, וועלכער האָט געזאָרגט פאַר אַ גוטער פאַרוואַלטונג, ערשט-קלאַסיקע אינסטרוקטאָרן-ספּעציאַליסטן און אויך פאַר אַ פּאַסענדיקן לאָקאַל, ווו מ׳זאָל קאָנען פירן אַ נאָרמאַלע טעטיקייט.

נישט ווייניקער אַקטיוו איז אויך געווען דער ס.ק. ״וואַרטאַ״, אַרום וועלכן ס׳האָבן זיך קאָנצענטרירט די אָנגעזעענסטע פאַבריקאַנטן, אינזשעניערן און אַדוואָקאַטן פון שטאָט, וועלכע האָבן זייער ספּאָרט-טעטיקייט גענומען זער ערנסט און איר געשענקט פיל פון זייער צייט און געלט.

זיי האָבן געזאָרגט וועגן אַן אייגענעם ספּאָרט-פּלאַץ אויף דער קאַשאַראַווע-גאַס אין אַ יידישער סביבה — און אַזוי-ערנאָך אויך צוגעצויגן צו זיך אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט.

די צוויי ספּאָרט-פאַראיינען — ״אסכלה״ און דער אַרבעטער-קלוב ״בליסקאַוויצאַ״ האָבן געהאַט געניטע ספּאָרט-טוער, אָבער, די טשענסטאָכאָווער ספּאָרט-יוגנט האָט דערמיט נישט יוצא געווען און עס איז נאָך געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ריי קליינע קלובן ווי ״יוטרזענקאַ״, ״הכוח״, ״גוויאַזדאַ״, ״שטורעם״, ״לאַאודע״, ״ספּאָרט״, ״גדעון״, ״אביב״, און ״נורדיה״.

זעלבסטפאַרשטענדליך, האָט אַזאַ צושפּליטערונג, פון די ספּאָרטלער נישט געבראַכט קיין נוצן דער וויכטיקער זאַך און צוליבן מאַנגל אין געלט און אין ספּאָרט-עסקנים

האָבן זיך די אויבנדערמאָנטע קלובן שנעל ליקווידירט און זייערע חברים זענען „איינגעשלינגען" געוואָרן דורך דער זש.ט.ג.ס. „וואַרטא".

עטלעכע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן אויך געפּרוווט שאַפן אייגענע ספּאָרט־קלובן ווי „יוטרזשניא" („בונד"), „נור־דיה" (בית״ר), „גוויאַזדא" (לינקע „פּועלי־ציון"), און „הפּועל" (רעכטע „פּועלי־ציון") אָבער, די אַלע קלובן האָבן נישט זוכה געווען צו אריכות־ימים און זיך שנעל ליקווידירט, אָבער, זייערע נעמען דאַרפן דערמאָנט ווערן!

✶

ביי אונדז האָבן געהערשט זער גוטע באַציונגען צווישן די יידישע און פּוילישע ספּאָרטלער, אַזוי, אַז די יידישע ספּאָרט־עסקנים זענען אפילו געווען פאַרטרעטן אין די אַלגעמיינע ספּאָרט־אינסטאַנצן און דאָרט געהאַט אַ גרויסע השפּעה.

אין דער ערשטער ריי דאַרף דערמאָנט ווערן ה׳ פּינקוס, וועלכער, איז געווען דער איינציקער ייד, וואָס האָט גע־הערט צום ערשטן פּוילישן־ראַווערן־פאַרבאַנד אין טשענ־סטאָכאָוו (C. T. C.) און דאָרט געבליבן, אפילו, נאָך דער אַנטשטייאונג פון דעם יידישן ראַווערן־פאַרבאַנד.

עס דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן אַדוו. מ. האַסענפעלד פון „וואַרטא", וועלכער איז געווען פּרעזעס פון קיעלצער פוטבאָל־פאַרבאַנד אַפּטיילונג טשענסטאָכאָוו, ד״ר ל. גאָלד־מאַן וויצע־פּרעזעס, אפרים שמאַראַגד, ט. קעמפּנער, בנימין פּערענס, וועלכע, זענען עטליכע מאָל געוויילט געוואָרן אלס מיטגלידער פון פאַרבאַנד, ווי — אויך דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז עטליכע יאָר געווען סעקרעטאַר פון פוטבאָל־פאַרבאַנד, ווי אויך פון אמט פאַר שפּיל און דיס־ציפּלין. אַדוואָקאַט דניאל מאַרקאָוויטש — פאַרזיצער פון דעם פוטבאָל־שופטים־פאַרבאַנד (ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה), ישעיהו גליקסמאַן, חבר אין אמט פאַר דיסציפּלין.

צום ריכטער־קאָלעגיום האָבן געהערט: אַרנשטיין, מנחם בירנהאָלץ, בראַניאַטאָווסקי, יוסף גיטלער, גרין, בינום האַפּמאַן, אַ. האַראָוויטש, העניך העלמאַן, זעמעל, געמפּנער, וו. ראָזנצווייג, שטאַרקמאַן, לייבל שייקאָוויטש, נתן און ק. שערער.

אַקטיוו אויף פאַרשידענע געביטן פון ספּאָרט־לעבן, פאַר־בינדן מיט די פּוילישע ספּאָרט־פאַרבאַנדן, זענען אויך גע־ווען: בריל, גאָלדשטיין, וויינבערג, ווייס, עפּשטיין און רייך.

צום סוף, וויל איך אויך דערמאָנען, אַז טשענסטאָכאָוו איז געווען די ערשטע שטאָט אין פּוילן, וועלכע האָט גע־געבן די איניציאַטיוו צום אָרגאַניזירן דעם פּוילישן „פּינג־פּאָנג"־פאַרבאַנד און די ערשטע אַל־פּוילישע מייסטער־שאַפטן זענען פאָרגעקומען אין פייער־לעשער זאַל אין טשענסטאָכאָוו.

די איניציאַטאָרן דערצו זענען געווען:

אַ. האַראָוויטש און יוסף גיטלער (פון „וואַרטא") און חיים בירנהאָלץ (פון „אסכלה").

דער יידישער טורן און ספּאָרט־פאַראיין Z. T. C. S.

דאָס אויפלעבן פון יידישן קולטורעל־געזעלשאַפטליך־לעבן אין טשענסטאָכאָוו האָט דערוועקט ביי דער יוגנט דעם רצון צו אַנטוויקלען ברייטע טעטיקייט אויך פאַר פיזישער קולטור.

לויט די מקורות וואָס עס איז מיר געלונגען אויפצוזוכן, קאָן איך מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז דער געדאַנק וועגן שאַפן אַ ספּאָרט באַוועגונג צווישן דער יידישער יוגנט, שטאַמט נאָך פון די צאַרישע צייטן — פאַר׳ן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, — אָבער, ווי באַקאַנט, האָט די צאַרישע רעגירונג — וועלכע האָט געהערשט אויך אין קאָנגרעס־פּוילן — געקוקט מיט חשד אויף יעדער געזעל־שאַפטליכער אַרבעט און געזען אין איר סימנים פון „קראַ־מאָלע" און צוליב דעם האָט זי — צווישן אַנדערן — אויך געשטערט וועלכע עס איז אָרגאַניזירונג אויך אויף דעם געביט פון ספּאָרט.

ערשט אין יאָר 1915 — ווען פּוילן איז באַפרייט געוואָרן פון רוסישן יאָך (הגם עס האָבן דענסטמאָל געהערשט אין פּוילן די דייטשע אָקופּאַנטן) — איז דאָך געשאַפן געוואָרן די מעגליכקייט עפּעס צו טון פאַר דער פיזישער אַנטוויק־לונג פון אונדזער יוגנט.

אַ גרופּע יונגע־לייט, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער געזעלשאַפט „לירא" און האָבן זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון דעם גרויסן פילאַנטראָפּ און פריינט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן ה׳ הענריק מאַרקוספעלד און זענען אויך דורך אים געשטיצט געוואָרן מיט זיין ברייטער האַנט און האָבנדיק דערצו — פון דער צווייטער זייט — אויך צו דיספּאָזיציע דעם האַנטווערקער־קלוב אויף אַגראַדאָווע־גאַס 22, האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער יידי־שער ספּאָרט־באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו.

די ערשטע גרינדער זענען געווען: גאָלדשיידער, גאָס־

טינסקי, ישעיעוויטש, כראבאלאָווסקי, און קרויסקאָפּ, זיי האָבן עס געשאַפן די „יידישע געזעלשאַפט פאַר טורן און גימנאַסטיק" אין טשענסטאָכאָוו.

הענריק מאַרקוספעלד איז געוויילט געוואָרן אלס ערן־פרעזעס און דער דייטשער גימנאַסטיק־לערער ה׳ האלטהויזן האָט געלערנט אויך די ערשטע יידישע ספּאָרטלער.

יוסף אַראָנאָוויטש און ברום זענען דעלעגירט געוואָרן צום צענטראַלן־פאַרבאַנד פון די יידישע טורן־פאַראיינען אין פוילן — וועלכער, איז דענסטמאָל געווען אין לאדזש — און באַקומען זיין הסכמה צו דערעפנען אַן׳אָפּטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

דער ערשטער עפנטליכער ארויסטריט פון די יידישע ספּאָרטלער איז פאָרגעקומען אין ל״ג בעומר.

די פייערונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט דער באַטייליקונג פון אַלע ארטיקע ציוניסטישע גרופּירונגען, גימנאַזיעס, גערטנער־פערמע און סקויטן־אָרגאַניזאַציעס.

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מאַרש פון דער יוגנט איבער די הויפּט־גאַסן פון שטאָט און זיי האָבן מאַרשירט מיט זייערע בלוי־ווייסע פענער קיין בלעשנא, ווו דער „יידישער טורן און ספּאָרט־פאראיין" האָט דורכגעפירט פאַרשידענע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען און אימפּאָזאנטע פאַרוויילונגען.

דאָס איז געווען די התחלה צו אַ אינטענסיווער אַרבעט וואָס איז שפּעטער געפירט געוואָרן און וועלכע האָט אמבולט׳סטן באַוויזן אירע רעזולטאטן אויפ׳ן „טורן־פעסט קאָנקורס" פון דעם זאגלעמביער ראיאָן, אין יאָר 1917, ווען די טשענסטאָכאָווער טורנער ברום, קראקאָוויאַק און פייגע שטייניץ האָבן פאַרנומען די ערשטע פלעצער אינעם קאָנקורס.

די פּוילישע־באָלשעוויסטישע מלחמה אין יאָר 1920 האָט פאַראַליזירט די ספּאָרט־אַרבעט. דער גרעסטער טייל חברים זענען מאָביליזירט געוואָרן און דער לאָקאַל אויף אגראַדאָווע גאַס נומער 22, איז אויך באַזעצט געוואָרן דורכן מיליטער, אָבער, באַלד נאָך דער מלחמה איז די אַרבעט צוריק באַנייט געוואָרן.

די גימנאַסטישע גרופּן זענען געפירט געוואָרן דורך דעם גימנאַסטיק־אינסטרוקטאָר מאַרעק קראַקאָוויאַק.

צווישן די בעסטע טורנער זענען דענסטמאָל געווען: העלפגאַט, וויינבערג, מאיערטשיק, פייגע, קעלצ׳יגאָווסקי, ראַבינאָוויטש, ראָזענצווייג, רייך, שאיא און שלעזינגער.

צווישן די פרויען האָבן זיך אויסגעצייכנט: **גיסקע**, זלאָטניק, טריימאַן, מאוער, ערליך און שלעזינגער.

די יערליכע טורן־פעסט־פייערונג אין קינאָ־זאַל „נאָוואשטשי" ווי אויך אין שטאָט־פּארק האָבן תמיד אַרויסגערופן באַגייסטערונג צווישן דער באַפעלקערונג צוליב זייער הויכן ניוואָ און האָבן צוגעצויגן נייע כוחות פאַר דער ספּאָרט־באַוועגונג.

גרויסע פאַרדינסטן פאַרן דערפאָלג האָבן געהאַט די פּרעזעסן פון פאראיין ד״ר היפּאָליט גייסלער, חיים דאַווידאָוויטש און דענטיסט אהרן פּרץ.

באַזונדערס אויסגעצייכנט האָט זיך ביים פאַרנעמען דעם אמט פון פּרעזעס ה׳ שמריהו כאיוטין. צוזאַמען מיט שמואל נעמיראָווסקי און מיכאל רוזשעוויץ, האָבן זיי פיל געהויבן דעם ניוואָ פון פאראיין, אין זייער צייט איז אויך דורכגעפירט געוואָרן די פאַראייניקונג מיט דעם י. ס. ק. „ירדניה", ווי אויך, פאָרגעקומען דער 10 יעריקער יובילעאום פון פאראיין, וועלכער איז געפייערט געוואָרן מיטן אנטייל פון פיל געסט־ספּאָרטלער פון פאַרשידענע שטעט אין פּוילן.

אויך ביים קאָנקורס פון „טורן־פעסט" פון אַלע יידישע טורן־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן, וועלכער איז פאָרגעקומען אין לאָדזש, אין יאָר 1828, האָבן אונדזערע טורנער פאַרנומען דעם צווייטן פּלאַץ.

★

ביים פאראיין האָט אויך עקזיסטירט אַ בלאָז־אָרקעסטער, וועלכער האָט געהאַט 40 מענטשן און איז געפירט געוואָרן דורך ה. ראוואשקיעוויטש און שפּעטער — דורכן דיריגענט פון פּאָליציי־אָרקעסטער.

דער אָרקעסטער איז געשאַפן געוואָרן, אַ דאַנק די באַמיאונגען פון שמריהו כאיוטין און ד״ר ל. אַש.

איינע פון די אינטערעסאַנטע סעקציעס אין י. ט. ס. פּ. איז געווען די ציקליסטן־סעקציע, וועלכע האָט עקזיסטירט פון אָנהויב, ביז צו דער פאראייניקונג מיטן „מכבי" און נאָכדעם, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די סעקציע איז געפירט געוואָרן דורך יוסף ראָזענבערג און פון אירע מיטגלידער האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: אוויעטשקא, בארזשיקאָווסקי, ברוין, בריל, גאָלדפאַרב, האפטקע, האָפמאַן, וואלמאַן, וואַסערמאַן, וויינבערג, וולאדאווסקי, זיז׳אווסקי, טענענבוים, לאקס, מאוער, מאיראָוויטש, מאשקאוויטש, עפּעלבוים, ראַבינאָוויטש און שאכער.

צווישן די פרויען־ציקליסטינס האָבן אמבעסטן אויפגע־

טרעטן: פרל׳ אלטמאַן, ברוין, נירענבערג, פיינרייך, פיכ־טענצוויג, פישמאַן און שיליט.

עס זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן גרעסערע אויפלוגן (ביז 30 קילאָמעטער־געיעג) מיטן אנטייל פון אַלע זאגל־עמביער ציקליסטן־סעקציעס און שטענדיק האָבן זיך אונד־זערע ציקליסטן אויסגעצייכנט.

נאָכדעם ווי ה׳ קראַקאָוויאַק האָט פאַרלאָזט זיין אַרבעט אין י.ט.ס.פ. איז אויף זיין אָרט געקומען ה׳ דאַטנער פון ביעליץ־ביאַלע און מיט די פרויען־סעקציעס האָט אָנגע־פירט פרל׳ ה. טריימאַן.

אַ קורצער צייט האָט די ריטמישע גימנאַסטיק פאַר פרויען געלערנט ה׳ בארזשיקאָווסקי, פון בענדינער "הכח".

דער פלוצלינגער טויט פון שמריהו כאיוטין ז״ל. — אין יאָר 1929 — האָט אויף אַ געוויסער צייט פאַראַליזירט די אַרבעט. אָבער, אַביסל שפּעטער האָט זיך אין שפּיץ פון פאַראיין געשטעלט אַדוו. ד״ר ל. אַש, וועלכער האָט די אַרבעט געפירט מיט דער ענערגישער מיטהילף פון שמואל נעמיראָווסקי, מיכאל רוזשעוויטש, ל. ווייס, ראובן בריל, פייגע, פרל׳ טריימאַן, יוסף ראָזענבערג און אפרים שמאַראַ־גד, (וועלכער האָט באַגלייט דעם יידישן ספּאָרט אין טשענ־סטאָכאָוו ביז זיין טראַגישן טויט, ווען ער איז דורך די־דייטשע מערדער דערשאָסן געוואָרן, צוזאַמען מיט זיין פרוי (די באַרימטע ספּאָרטלערין פרל׳ נירענבערג) און זייער זין, ווען זיי זענען אַנטדעקט געוואָרן אין אַ בונקער).

ביים י.ט.ס.פ. איז אויך געווען אַ דאַמען־סעקציע פאַר נעץ און קוישבאַל אין וועלכער עס האָבן זיך אויסגעצייכנט: פרל׳ הויפטמאַן, וואַלמאַן, טריימאַן, יאַקובאָוויטש, לענקינ־סקאַ, נירענבערג, קאַנטאָר, קאַרנבראַט, ראָזענבערג און שטייער.

אַזאַ סעקציע איז אויך געווען פאַר מענער, דאָרט האָבן זיך אויסגעצייכנט: בינדער, וויינבערג, פּשעראָווסקי, קויפ־מאַן, רייך און שיין. זיי האָבן אַ סך מאָל פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט ביי צוזאַמענטרעפן מיט שפּילער פון אַנדערע ספּאָרט־פאַראיינען.

ביים פאַראיין איז אויך געווען אַ ספּעציעלע גימנאַסטישע גרופּע פאַר מענער־סעניאָרן וועלכע האָט ווינטער איינגע־אָרדנט צוויי מאָל אין וואָך גימנאַסטישע איבונגען וועלכע זענען געפירט געוואָרן דורך די אינסטרוקטאָרן, ווייס, שאיא און שמאַראַגד.

אַ זעלכע גימנאַסטישע גרופּן, זענען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר עלטערע פרויען.

שמאַראַגד, וועלכער איז אליין געווען אַ גוטער לייכט־אַטלעט האָט אויך געשאַפן אַ גוטע לייכט־אַטלעטישע־סעקציע, ער האָט אין די ספּאָרטלער געזען פאַסנדיקע קאַנ־דידאַטן פאַר לייכט־אַטלעטיק און זיך באַמיט זיי לערנען און פאַרפאַלקאָמען.

מ׳האָט אים געקאָנט זען אין מיטן דער נאַכט לויפן מיט זיינע ספּאָרטלער איבער די טשענסטאָכאָווער גאַסן, אויס־פּרוּווענדיק זייער פעהיקייטן אין לויפן... כדי זיי פאַר־צובערייטן צו ערנסטע לויף־פאַרמעסטונגען!

צווישן די אויסגעצייכנטע ספּאָרטלער פון דער לייכט־אַטלעטישער סעקציע זענען געווען: זעליגמאַן, יאשינסקי, די ברידער כוואַט, קויפּמאַן און קרויזע.

אַ געוויסע צייט האָט אין זיין הויז אויף "וואַלנאַשצי־"־גאַס אפּגעגעבן אַ גרויסן פּלאַץ פאַר די גימנאַסטישע איבונגען אין נעץ־באַל פון די ספּאָרטלער, איבערהויפּט פון די קינ־דער־גרופּן.

די פאַראייניקונג צווישן די זש.ט.ג.ס.־"וואַרטאַ" און "אסכלה" האָבן געבראַכט אַ נייע ווענדונג לטובת דער אַנט־וויקלונג פונעם יידישן־ספּאָרט אין טשענסטאָכאָוו.

די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער דאָזיקער פאַראייניקונג האָבן, אין נאָמען פון "וואַרטאַ", געפירט: ד״ר ל. אַש, שמואל נעמיראָווסקי, א. שמאַראַגד, ל. ווייס, ראובן בריל און י. פייגע.

ספּאָרט־קלוב "וואַרטאַ"

דער ספּאָרט־קלוב "וואַרטאַ" איז געווען אין אַ גליקליכער לאַגע, איינער פון זיינע בעסטע ספּאָרטלער — אפרים שמאַראַגד, האָט פאַר אים געשאַפן אַ לאָקאַל — פּריער אויף אַלעע 10 און שפּעטער — אין דעם הויז פון ה. אייזנער, אויף אַלעע 23.

דאָס האָט דער "וואַרטאַ" געגעבן די מעגליכקייט זיך שנעל צו אַנטוויקלען און פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם טעטי־קסטן קלוב פון גאַנצן זאַגלעמביער קאַנט.

הגם אין דעם דאָזיקן ספּאָרט־קלוב האָבן, בדרך־כלל, געהערשט אַסימילאַטאָרישע טענדענצן, איז ער דאָך געווען דער רום און שטאָלץ פון די טשענסטאָכאָווער יידן און דאָס האָט אים געגעבן די מעגליכקייט אריינצוציען אין זיינע רייען יידישע יוגנט פון אַלע שיכטן.

אין אָנהויב האָט זיך "וואַרטאַ" ספּעציאַליזירט, בעיקר, אין פוטבאָל און האָט עטליכע מאָל באַקומען די "מייסטער־שאַפט" פון טשענסטאָכאָוו, ווי אויך דאָס ערשטע אָרט

צווישן די ספאָרט־קלובן פון זאגלעמביער קאנט צו וועלכע, אויך טשענסטאָכאָוו, האָט געהערט פאַרמעל.

אין יענער צייט זענען אין דער פאַרוואַלטונג געווען: אינזשיניער רייצעס (לאַנג־יעריקער פּרעזעס), ד״ר ל. גאָלדשטיין, סט. גייסלער, אַדוואָקאַט האַסענפעלד, ברידער זיגמאַן, וו. כאַיוטין, מאַרקאָוויטש (אינהאַבער פון דער גנאַשינער פאַבריק), אַדוואָקאַט מאַרקאָוויטש, **לאַווניק ט.** פויגלבוים, פינקוס,קעמפנער, ט. ראטבארד, לאַווניק **פּ. שפּי**־רא און אַדוואָקאַט שפּערלינג.

די פּאַטראָנין פון ״וואַרטא״ איז געווען **פרוי בעלא** זיגמאַן.

די ספּאָרט־ענינים האָבן געפירט:

סט. גייסלער, אַדוו. האַסענפעלד, דניאל און ס. מאַרקאָ־וויטש, בנימין פּערענס, אפרים שמאַראַגד און נתן שעכטער.

עס איז כדאי צו דערמאָנען אויך די נעמען פון די ״וואַר־טא״ פוטבאָליסטן וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגע־צייכנט. ב. ביבער, אינז׳ יוז. גאָלדמאַן, אינז׳ יא. גאָלדמאַן, ס. מאַרקאָוויטש, י. קאָרנבראָט, ל. ראָזענבערג, ז. ראָטשטיין, א. גאָלדשיידער, ל. גוועורצמאַן, ט. גרינבערג, טראַובמאַן, שוסטערמאַן און ק. שערער.

די ״וואַרטא״ האָט געהאַט עטליכע מאַנשאַפטן צווישן זיי אויך אַ ״יוניאָרן־סעקציע״, וועלכע האָט זיך אויך שיין רעפּרעזענטירט. פון זיי דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן: **אָרנ**־שטיין, **ביבער, י. בראַניאַטאָווסקי, ל. גרונדמאַן, דוד דיאַ**־מענט, מ. וויינשטאָק, י. מייער, סקוועערעס, **נתן עפּשטיין**, קאַזשושניק, קעמפּנער, מ. ראָזענצווייג, די ברידער **ראָט**־שטיין, שמאַראַגד, נתן שערער, מיכאל שפּערלינג, און שצופּאַק.

״וואַרטא״ האָט אויך איינמאָל געשפּילט מיט דער ארץ־ישראל׳דיקע רעפּרעזענטאַנץ און האָט געהאַט אַ נצחון (2 — געגן 1).

✶

זייט יאָר 1928 — נאָכדעם ווי דער שטאָט־מאַגיסטראַט האָט פאַר איר באַשטימט אַ ספּאָרט־פּלאַץ אויף דער קאַשאַ־ראַווע־גאַס — איז די ״וואַרטא״ כסדר געוואַקסן און געהאַט אַ גרויסן נצחון געגן דער ״ארלענטא״.

צו איר ווייטערער אַנטוויקלונג האָט אויך פיל געהאָלפן די מתנה פון איר ערן־מיטגליד ד״ר באַטאַוויע, וועלכער האָט איר געשענקט דעם גרויסן לאָקאַל אויף דער צווייטער אַלעע נומער 26. אין דעם לאָקאַל האָט ״וואַרטא״ געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט. זי האָט אויך אָרגאַניזירט פאַר־וויילונגען און אַראָפּגעבראַכט דאָס אָפּערעטן־טעאַטער פון ווילנע, וועלכעס האָט סטאַביל דאָרט געשפּילט. די באַדיי־טענדיקע אַרטיסטישע כוחות, וואָס דאָס טעאַטער האָט פאַרמאָגט האָבן צוגעצויגן פיל באַזוכער און געבראַכט גרויסע הכנסות פאַרן ספּאָרט־קלוב.

עס זענען דאָרט אויך איינגעאָרדנט געוואָרן פּאַרלעזונגען, אויף פאַרשידענע טעמאַטן, וועלכע, האָבן פאַרשאַפט דעם טשענסטאָכאָווער עולם גייסטיקן פאַרגניגן.

אַ דאַנק אירע גרויסע הכנסות האָט ״וואַרטא״ געשאַפן פאַרשידענע ספּאָרט־צווייגן.

אין דער לייכט־אַטלעטישער סעקציע — וועלכע איז גע־פירט געוואָרן דורך אפרים שמאַראַגד — האָבן אויף פאַר־שידענע געביטן זיך אויסגעצייכנט: אפרים, א. גאָלדשיי־דער, ס. גרייצער, מאירטשיק, ענגעל, פּאַרבערג, די ברי־דער ראָטשטיין, שטייער און שמאַראַגד.

עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גוטע ציקליסטן־סעקציע, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן טשענ־סטאָכאָווער ציקליסטן־וועטעראַן פינקוס און ה׳ ניעזנאַ־נאָווסקי.

ביי דער ״וואַרטא״ האָט אויך עקזיסטירט אַ גוטע קויש און נעץ־מאַנשאַפט, וועלכע איז געפירט געוואָרן דורך ה. גאָלדשטיין און אַ גוטע ״פּינג־פּאָנג־סעקציע געפירט דורך א. האַראָוויטש. אירע ערשטע 6 רעפּרעזענטאַנץ־שפּילער זענען געווען: ביעדא, גיטלער, העלמאַן, זאַמעל, **י. זעל**־קאָוויטש און מיסקא.

די שווערדן־סעקציע האָט רעפּרעזענטירט נתן עפּשטיין און די טעניס־סעקציע — ה׳ קאַזשושניק.

זיינע ״הקפות״ זענען אַזוי באַרימט געוואָרן, אז צו זיי זענען געקומען הונדערטער מענטשן, פרומע און פרייע, ווייל עס איז באמת געווען אַ הערליכע און זעלטענע דער־שיינונג.

דער רבי פלעגט זיך אַיינהילן אין זיין גרויסן טלית מיט דער זילבערנער עטרה און געהאַלטן דאָס ספר־תורה אונ־טערן טלית און אַזוי איז ער שעה׳נווייז אַרומגעגאַנגן מיט דער ספר־תורה אַרום דער ״בימה״. אין זיין גרויסן ״בית־המדרש״ האָט זיך איבער דער גאַנצער לענג געשאַפן אַ לאַנגע רייע חסידים, וועלכע האָבן מיט גרויס התלהבות געזונגען און צוגעפּאַטשט מיט די הענט. צום גרעסטן ענטו־זיאַזם אין דער עולם געקומען, ווען דער רבי האָט אַרויס־גענומען דאָס ״ספר־תורה״ פון אונטערן טלית און געטאַנצט דערמיט, אויפהייבענדיג עס כסדר אין דער הויך.

דאָס באַגייסטערונג פון די אַנוועזנדיקע איז נישט מעגליך צו שילדערן, דאָס געזאַנג מיט דער הילכדיקע פּאַטשעריי האָט זיך פאַרשפּרייט וואָס ווייטער און ווייטער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ ריזן־כאָר זינגט ווי איין מענטש, ווי איין נשמה. עס האָט פאַרהילכט די גאַנצע געגנט. שיל־דערן די שמחה וואָס איז געוואָרן אויסגעגאָסן אויף די פּנים׳ער פון די חסידים און ווי זיי האָבן געשטראַלט פאַר נחת, האָבן געקאָנט, נאָר די וואָס זענען דאָרט געווען...

נאָך די הקפות האָט דער רבי אָנגעהויבן פראַווען דעם טראַדיציאָנעלן יום־טוב ״טיש״.

ער האָט בלויז טועם געווען פון יעדן מאַכל און די ״שיריים״ האָט דער גבאי צוטיילט צווישן די חסידים.

בכדי אַז יעדער חסיד זאָל האָבן די זכיה טועם צו זיין פון די ״שיריים״ איז דער גבאי ארויף אויפן טיש און גע־זאָרגט, אז קיינער זאָל, חלילה, נישט בלייבן אָן ״שיריים״...

(אַזוי האָט זיך עס געפירט יאָרן־לאַנג ביז צו דער אויס־ראָטונג פון טשענסטאָכאָווער יידנטום, דורך די היטלער־בעסטיעס.

עדי־ראיה דערציילן, אז ווען מען האָט אַרויסגעפירט די יידן צו זייער אויסזידלונג, איז דער רבי אַרויס פון די ערשטע.

✶

ער איז געגאַנגען אין די שורות, איינגעהילט אין זיין טלית, באַוווּנדערט מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישן געשטאַלט זייענדיק שטאָלץ און מיטן קאָפּ אַרויף, פילענדיק, אַז ער גייט אויף קידוש־השם און זיינע ליפּן האָבן געמירמלט תפילות — די תפלת־זכה פון אַ גרויסן הייליקן ייד, וואָס האָט מיטגעמאַכט דעם גורל פון פאָלק ישראל און פון זיינע געטרייע חסידים... ד׳ ינקום דמם השפוך!)

ע. בן־משה (יאקובאָוויטש)

דאס ״גערער שטיבל״ אויף נאדרזעצ׳נא 36


אין טשענסטאָכאָוו זענען געווען עטלעכע גערער שטיבלעך, אָבער זייער שטיבל אויף נאַדרזעצ׳נאַ גאַס, האָט געהאַט אַ ספּעציפישן כאַראַקטער, — שוין בלויז דערפאַר, ווייל עס האָט זיך געפונען אין דער געגנט פון די אָרימסטע יידישע מאַסן.

יאָרן לאַנג איז דאָס שטיבל געווען אין ר׳ יחזקאל פישל׳ס הויז (פון דער פירמא: ״פישעל און דז׳ובאַס), נישט ווייט פון דער אַלטער שול און נאָכדעם ווי דער ז׳וריקער רבי האָט דאָס הויז געקויפט, איז דאָס שטיבל איבערגעגאַנגען אין הויז פון קופּפער, אויף דער זעלבער גאַס.

דער עולם חסידים וועלכע האָבן געדאַוונט — כ׳מיין אין דער לעצטער תקופה — אין שטיבל, איז באַשטאַנען פון די

אַרימע אַרטאָדאָקסישע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, טאַקי די פרומסטע יידן — ערליכע מענטשן, אָבער, דער גרעס־טער טייל פון זיי, זענען געווען גרויסע אַרימע לייט — קבצנים, צווישן זיי קליין־בירגער און האַנטווערקער, וועל־כע האָבן געגלויבט בשלימות אין גאָט און אין זייער רבין זאָל לעבן! זיי זענען געווען אמת׳דיקע חסידים, מיט ספּעציעלער דביקות און מסירות־נפש, כאָטש זייער שווע־רע מאַטעריעלע לאַגע די טאָג־טעגליכע מלחמה פאַר זייער עקזיסטענץ, זענען זיי געווען איבערגעגעבן, מיט לייב און לעבן, דעם חסידישן אידעאַל און זענען תמיד געווען צופרידן און פריילעך מיט זייער שווערן גורל, זיי האָבן געזונגען און געטאַנצט, געפּראַוועט ״שלוש־סעודות״ און ״מלוה־מלכות״, אַפילו מיט אַ טרוקן שטיקל חלה און הערינג, אָבער מיט אַ מיסטישער גייסטליכער שטענדיקער צופרידנקייט און תמימות־דיקן גלויבן!

אין אָט דעם דאָזיקן שטיבל, האָב אויך איך יאָרן פאַר־בראַכט מיט מיין גאָטזעליקן פאָטער, כאָטש מיין פאָטער איז געווען בלויז אַ בעל־מלאָכה — אַ קאַמאַשנמאַכער — איז ער געווען פון די איבערגעגעבנסטע געררער חסידים און זיי האָבן אים געקרוינט מיטן נאָמען ״משה חסיד״.



ר׳ משה (חסיד) יאַקובאָוויטש ז״ל

איך פלעג באַגלייטן מיין פאָטער, זכרונו־לברכה ,אין שטיבל, אַפילו ווען כ׳בין שוין געווען גאַנץ ווייט פון חסידות. כ׳האָב דאָס געטון, כדי מקיים צו זיין מצות ״כיבוד אב״ און איך טראָג אין מיין זכרון, ביז היינטיקן טאָג, די חסידישע התלהבות, וואָס כ׳האָב דאָרט איינגעזאַפּט אין מיין נשמה.

שמואל פראנק, ז״ל

ארום דעם נייעם בית המדרש

(איבערגעדרוקט פון אַמאָליקער ״טשענסטאָכאָווער צייטונג״)

ס׳איז כדאי זיך אַביסל אַדורכצושמועסן וועגן נייעם בית־המדרש, וואָס איז איצט ווידער געוואָרן ווי אין די אַמאָ־ליקע אַלטע צייטן, אַ מקום תורה.


כ׳ווייס פריער, אז אַ טייל ליינער וועלן הויבן די פּלייצעס און זיך טראַכטן: וואָס פאַרדרייט ער אונדז אַ קאָפּ מיט אַ בית־מדרש? וועמען ליגט עס אין זינען? ווי אַזוי דאָס בית־המדרש זעט אויס, צו מען לערנט דאָרט אָדער מען דאַוונט דאָרט בלויז. איך ווייס, אָבער, אַז ס׳זענען דאָ ליינער און זייער צאָל איז דווקא נישט קליין, וואָס וועלן זיך מיט דעם ענין בית־המדרש אינטערעסירן און מהאי טעמאַ, וויל איך טאַקי וועגן דעם דערציילן באַריכות.

אין דער כראָניק פון דער טשענסטאָכאָווער יידישער קהלה איז פאַרשריבן, אַז מיט הונדערט און צוויי יאָר צוריק, ווען דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו איז געוואָרן אַ ביסל גרעסער, איז שוין די איינציקע שטאָט־שול געוואָרן ענג, האָט מען דענסטמאָל אויפגעשטעלט אויך אַ בית־מדרש, וואָס האָט געדינט אויסער צו דאַווענען אויך צום לערנען בין מנחה למעריב. ווי אַזוי דאָס בית המדרש האָט אויסגעזען מיט הונדערט יאָר צוריק, ווייסט קיינער נישט פון אונדז, מיין עלטער־זיידע וואָלט אונדז אפשר געקאָנט וועגן דעם עפּיס דערציילן, ער לעבט אָבער שוין נישט עטלעכע צענדליגער יאָר... מוז מען זיך דערפאַר באַגניגנען מיט דעם, וואָס מיר אַליין געדענקן, שוין פון די שפּעטערדיקע יאָרן.

✶

מיט העכער 30 יאָר צוריק האָט דאָס היגע בית־המדרש וואָס איז געווען געבויט לויטן אַלטן שטייגער, צו זיך

געצויגן אַ סך בחורים פון פאַרשידענע שטעט, אַזוי אַז צוזאַמען מיט די היגע בחורים, האָבן אין היגן בית המדרש זיי אַלע געלערנט מיט ברען און התלהבות — ס׳איז נאָר אַ ווונדער, ווי מען האָט זיך געקאָנט אין אַזאַ ענגשאַפט אַנ׳עצה געבן. האָט מען זיך טאַקי געשלאָגן פאַר אַ פּלאַץ און די, וועלכע זענען געקומען אַביסל שפּעטער, האָבן געמוזט לערנען אָנגעשפּאַרט אין אַ שטענדער שטייענדיק.



די פייערונג פון לעגן דעם פונדאמענט פון נייעם בית־המדרש, דער רב נ. אש מיטן קאמיטעט און אנגעזעענע בעלי־בתים

שוין פון 4 אַ זייגער פאַרטאָג׳ס האָט מען געהערט דעם קול־התורה, וואָס האָט געקלינגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. געלערנט האָבן דאָרט כל׳ערליי בחורים: ראַדאָמסקער און גערער חסידים, דאָספשער און סאָכאַטשאָווער און ווען אַ טייל האָבן אַפילו צוליב דער גרויסער ענגשאַפט געלערנט אַ שיעור אין אַ חסידים־שטיבל, האָבן זיי, אָבער, עטליכע שעה אין טאָג אינדערפרי אָדער אויף דער נאַכט אויך געלערנט אין בית המדרש.

דאָס בית המדרש האָט געהאַט אַ גרויסן אוצר פון ספרים, וואָס, זענען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון די בחורים גופא, וועלכע האָבן געשאַפן אַ קאָמיטעט מיט גבאים און האָבן אויך געזאַמעלט קאָפּיקעס, כדי די ספרים, אין נויטיקן פאַל איינצובינדן.

ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, זענען די באַדינגונגען געווען ווייט נישט קיין באַקוועמע, דער אויוון האָט, מערסטנטייל, געהאַלטן אין איין רויכערן און נישט אַלעמאָל האָט מען געהאַט די נויטיקע הייץ־מאַטעריאַלן. אויך די באַלייכטונג איז באַשטאַנען פון טונקעלע פאַררויכערטע לאָמפּן און ווען עמיצער האָט געהאַט אַ גראָשנדיק ליכטל, איז ער געווען גליקליך.

אַזוי איז געווען, אַמאָל, מיט דרייסיק יאָר צוריק.
ווי אַזוי זעט עס אויס היינט?

✶

ווי באַוווסט איז דאָס בית המדרש די לעצטע יאָרן געווען שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט, עס איז געוואָרן אַלט, אָפּגעריסן און נישט בלויז מען האָט דאָרט נישט געלערנט, נאָר, אפילו דאַוונען איז אויך דאָרט געווען אַ סכנה. די פענסטער, וועלכע גייען אַרויס אין גאַס, זענען גאַנצע טעג געווען פאַרהאַקט מיט לאַדענס ביז — מען האָט זיך דערמאָנט, אַז עס ווערט הונדערט יאָר זינט דעם אויפבוי פון בית־המדרש און עס איז געוואָרפן געוואָרן אַ לאָזונג פון אונדזער רב ז״ל. ״צוריק אויפבויען דאָס בית־המדרש, ס׳זאָל זיין חזרה עטרה ליושנה, אָבער, ס׳זאָל זיין צעגעפּאַסט צו די היינטיקע באַדינגונגען — מיט קאָמפאָרט!״.

מיט דעם דאָזיקן ענין האָט זיך, צווישן אַנדערע, אויך פאַראינטערעסירט אַ געוועזענער בית־המדרש־בחור, הענריק שפּאַלטען, וועלכער האָט זיך צו דער זאַך גענומען מיט זיין גאַנצן אונטערנעמונגס־גייסט, צוגעקריגן זיין ברודער, שלמה שפּאַלטען, דאַן רבי משה אַש און נאָך אַנדערע בעלי־בתים און מען האָט אָנגעהויבן בויען אַ ניי בית־המדרש.

דערציילן די חבלי לידה, וואָלט עס פאַרנומען צופיל פּלאַץ; איך וויל נאָר איבערגעבן, ווי אַזוי ס׳זעט אויס אין איצטיקן מאָמענט. אַנשטאָט דעם אַלטן קליינעם בית־המדרש׳ל; איז אויפגעבויט געוואָרן אַ פּרעכטיקער בנין, הויך, ברייט, לופטיק, היגיעניש. אויך די גאַלעריע איז אַזוי ווי ביי לייטן — אין דער הויך. דער ה׳ ישעיהו מיענטקעוויטש האָט אַריינגעשאָנקן אַ פּרעכטיקן ״אָרון־קודש״. ווייטער זענען פאַרלייגט געוואָרן, אַ סך עלעקטרישע לעמפּ, אויך האָט מען געבראַכט אַ מאָדערנעם אויוון, וואָס איז אין טשענסטאָכאָוו נאָך נישטאָ, וואָס באַוואַרעמט דעם גאַנצן גרויסן בנין.

פאַרטיק געוואָרן מיט דעם הערליכן בנין, איז מען צוגעטרעטן פאַרווירקליכן די כוונה פון רב ז״ל, אז מען זאָל דאָרט אָנהויבן צוריק לערנען תורה. דערווייל האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז פון דעם אוצר הספרים, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען באַהאַלטן ביי דער חברה־קדישא, פעלן מאַנכע ספרים און אַנדערע זענען פאַר דער צייט קאַליע געוואָרן, האָט מען אַרויסגעלאָזט אַ ״קול קורא״ צו דער יידישער באַפעלקערונג: ״שענקט ספרים״! אונדזערע יידן האָבן געפאָלגט און געגעבן און מסתמא וועלן זיי ווייטער געבן!

ע. בן-משה

די תלמוד תורה "מחזיקי-הדת"

איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן געהאַט זער גרויסע פאַרדינסטן אויפן פעלד פון דער רעליגיעזער דערציאונג פון יידישע קינדער — באַזונדערס פון די פרומע און נישט פאַרמעגליכע קרייזן — איז געווען די תלמוד-תורה "מחזיקי-הדת", וועגן וועלכער מיר האָבן די מעגליכקייט צו דרוקן אין אונדזער "ספר הזכרון" אינטערעסאַנטע זאַכן.

אַזוי, האָבן מיר געפונען אַן׳ אָרגינעלען יערליכן בילאַנס (פאַר דער צייט פון 1 אַפּריל 1925 ביז 31 מערץ 1926), וועלכן מיר דרוקן — צוליב זיין ספּעציפישן כאַראַקטער — צום סוף פונעם מאַטעריאַל, וועגן דער "מחזיקי-הדת" תלמוד תורה *.

מיר זענען אויך אומשטאַנד איבערצודרוקן אַן׳אַרטיקל פון ע. בן-משה (ע. יאַקובאָוויטש), וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דער "טשענסטאָכאָווער צייטונג" נומער 7, פון 12 פעברואַר 1937, אין וועלכן מיר האָבן געפונען אינטערעסאַנטע איינדרוקן פון זיין אַ באַזוך דאָרט, זונטיק דעם 7 פעברואַר 1937, אַט ווי ער שילדערט זיין דאָזיקן באַזוך.

אין אַ פראָסטיקן זונטיק אינדערפרי זענען מיר עטליכע זשורנאַליסטן געקומען אין "מחזיקי הדת", כדי אַ קוק טון ווי אַזוי עס לעבן דאָרט די הונדערטער "תלמוד-תורה" קינדער.

מיר טרעפן שוין דאָרט דעם פאַרוואַלטער ה׳ זעליגמאַן, וועלכער זיצט פאַרטיפט אין זיינע ביכער, שרייבט און רעכנט, שטעלט צונויף דעם בילאַנס פאַר דער נאָענטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון דער אינסטיטוציע.

ה׳ זעליגמאַן נעמט אונדז אויף זער פריינטלעך, ער אינפאָרמירט אונדז וועגן דעם צושטאַנד פון דער "תלמוד-תורה".

ער דערציילט אונדז, אַז איצט לערנען אין "מחזיקי הדת" בערך, 400 קינדער, דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פון די אָרעמסטע שיכטען פון דער היגער באַפעלקערונג. ער דערציילט ווייטער, אַז "מחזיקי הדת" איז איצט צוטיילט אין 6 מחלקות. די קינדער גייען לערנען אין צוויי משמורות: ביז מיטיק לערנען די וועלכע גייען נאָכמיטיק אין די "פּאָוושעכנע" שולן, נאָכמיטיק ווידער — די, וואָס לערנען אין די פאָלקס-שולן פאַר מיטיק.

אַלע מלמדים זענען ערשט-קלאַסיקע פאַכלייט און באַזיצן פּעדאַגאָגישע דערפאַרונג פון אַ סך יאָרן. פאַר זייער שווערער אַרבעט באַקומען זיי אַ מינימאַלן לוין, — נישט מער ווי 120 זלאָטעס אַ חודש, דאָך אַרבעטן זיי אינטענסיוו און זער איבערגעגעבן, באַמיענדיק זיך איינצופלאַנצן אין די מוחות פון די קינדער אַ חוץ תורה אויך פיל ידיעות פון אונדזער אַלטן אוצר און מידות-טובות.

אויף אונדזער פראַגע: ווער דעקט די הוצאות פון "מחזיקי הדת"? דערקלערט אונדז ה׳ זעליגמאַן — אַז דער בודזשעט פון "מחזיקי הדת" ווערט געדעקט דורך פאַרשידענע הכנסות ווי: שטענדיקע חודש-בייטראַגן פון די מיטגלידער, נדבות ונדרים און אַנדערע שפּענדונגען ווי אויך דורך ספּעציעלע תרומות פון יאָרצייטן און אַנדערע געלעגנהייטן.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז די גרעסטע מנדבים זענען פון די אָרטאָדאָקסישע קרייזן.

מיר מאַכן אַ שפּאַציר צווישן די קינדער אין די פאַרשידענע קלאַסן און מיר איבערצייגן זיך, אַז די קינדער קומען פון גרעסטן דלות און דחקות וועלכע הערשן אויף דער יידישער גאַס. דאָס רוב זענען דאָס קינדער פון טרעגער, שוסטער און סתם אָרימעלייט.

עס איז אינטערעסאַנט דערביי צו דערמאָנען אַז פיל עלטערן פון די שילער זענען פרייגעזאָנענע מענטשן, מאָנכע זענען אַפילו בונדיסטן, פיל פון זיי האָבן גאָר מער ראַדיקאַלע-לינקע אַנשויאונגען און דאָך שיקן זיי די קינדער אין דעם חדר. איינער וויל האָבן אַ קדיש-זאָגער, אַ צווייטער —

---

* באַמערקונג פון רעדאַקציע:

נאָכ׳ן אָפּדרוקן דעם "בילאַנס" לויטן געדרוקטן "דאָקומענט", האָבן מיר קאָנטראָלירט די ציפערן און געפונען, אַז ער איז נישט גענוי... דעריבער האָבן מיר נישט קיין מעגליכקייט די זאַך אויפצוקלערן. מיר דרוקן דאָך דעם "בילאַנס" לויט ווי מ׳האָט אים געדרוקט און פאַרשפּרייט מיט איבער 40 יאָר צוריק...

וויל סתם אַז זיין קינד זאָל קאָנען אַביסל יידיש און זאָל האָבן אַ באַגריף וועגן יידישן פאָלק און וועגן זיין עבר.

ליידער, לערנען די גרעסטע טייל קינדער זיך נישט מער, ווי אין די ערשטע צוויי־דריי מחלקות. די וועלכע בלייבן ווייטער לערנען ביז צו דער 6־טער מחלקה געהען — צום גרעסטן טייל — אויך ווייטער בדרך התורה והמסורה, לער־נען נאָכדעם אין די ישיבות און בתי־מדרשים.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די שפּייזונגס־אַקציע פאַר די קינדער, עס איז נישט קיין לייכטע זאַך צו שפּייזן קרוב 400 קינדער!



ה' זעליגמאַן פירט אונדז אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, ווו עס געפינט זיך די קוך. דאָרט טרעפן מיר צענדליקע קינדער עסן, ווייל אַלע עסן נישט מיט אַ מאָל, נאָר גרופּנווייז. אַרום די קינדער געפונען זיך עטליכע פרויען וועלכע קאָכן און באַדינען די קינדער, וועלכע זיצן און עסן. זיי זענען ליידער, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. פון די בלאַסע דאַרע פנים׳לעך קוקן אַרויס די אויסגעלאָשענע אויגן, כאָטש זיי געען אַן פאַלטענס אָן זאָקן און אָן שיך, זעט מען, אַז דאָ זענען זיי ווי עס איז צופרידן, פאָרט וואַרימער ווי אינדער־היים, ווו מען ווערט געשוואָלן פאַר קעלט און הונגער, דאָ דערוואַרימען זיי זיך זייערע קישקעלעך און אין זייערע אייגעלעך בליצט דאָך אויף אַ פייערל פון פרייד...

ווי עס אינפאָרמירט אונדז ה' זעליגמאַן פאַרנעמט זיך מיט דער גאַנצער באַשפּייזונג און באַקליידונגס־אַקציע די פרוי ד״ר ליפּינסקאַ, קיינער ווייסט נישט פון וואַנעט און פון ווו פרוי ליפּינסקאַ ברענגט געלט. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט צו הילף אַ קרייז פרויען, וועלכע העלפן איר אין איר איידעלער אַרבעט, פיל אַרבעט מיט אויך פרוי ד. ש. ערליך. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַפילו אין די גרויסע פרעסט, ווען מענטשן זענען זעלטן אַרויסגעגאַנגען אין גאַס איז פרוי ליפּינסקאַ געקומען צו לויפן טאָג־טעגליך אין ״מחזיקי הדת״ ברענגענדיק מיט זיך שפּייז פאַר די קינדער און מלבושים.

עס איז באמת צו באַוואונדערן ווי אַזוי פרוי ליפּינסקאַ אַרבעט אונערמידליך אָן אונטערשטיצונג פון וועלכער עס איז אינסטיטוציע אָדער געזעלשאַפט, (אויסער אַ קליינע שטיצע פון ״טאָז״).

פאַר די איבערמענטשליכע אָנשטרענגונגען פון דער דאָזיקער כלל־טוערין און איר גרויסער אַרבעט לטובת די אָרימע יידישע קינדער קומט איר באמת אויסצודריקן אַ הייסן דאַנק.

אַ זער שיינע אויפגאַבע האָט אויף זיך אויך גענומען ה' צמח גאָנשאַראָוויטש, וועלכער העלפט צו אין דער אַרבעט אין קוך, ביים שפּייזן די קינדער, שענקענדיק דערצו יעדן טאָג עטלעכע שעה.

צום סוף האָט ה' זעליגמאַן באַצייכנט, אַז די איצטיקע פאַרוואַלטונג איז איינע פון די ענערגישסטע און אַ דאַנק איר, איז אויך געלונגען צו פאַרזיכערן דעם בודזשעט.

עס ווערן פונקטליך אויסגעצאָלט די פענסיעס פאַר די מלמדים און דעם איבעריקן פערסאָנאַל.

היינטיק יאָר איז געווען דער 25־יעריקער יובילעאום פון "מחזיקי הדת", עס איז צו האָפן, אַז די אַזוי־נוצליכע יידישע אינסטיטוציע, וועלכע, שטיצט די קינדער פון די אָרימע יידישע מאַסן מיט "קמח" און "תורה", וועט ווייטער קאָנען פאָרטזעצן איר גרויסע אַרבעט און באַקומען די אונטערשטיצונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

עזריאל יאַקובאָוויטש האָט אין זיין שילדערונג וועגן די "מחזיקי הדת" טעטיקייט אויך דערמאָנט די פרוכטבאַרע אַרבעט פון פרוי ד. ש. ערליך — פאַרוואַלטונגס מיטגלידערין פון דער תלמוד תורה "מחזיקי הדת" אין טשענסטאָכאָוו.

מיר דרוקן איבער איר אַנ׳אויפרוף, אונטערן נאָמען "גאולה תהיה לו" וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דער "טשענסטאָכאָווער צייטונג" נומער 20 פון 20־טן מאַי 1938.

גאולה תהיה לו...

(צו דער אויסלייזונגס־אַקציע פון דער תלמוד תורה "מחזיקי הדת")

דער נאָמען תלמוד תורה "מחזיקי הדת" איז געווען באַקאַנט אַלע טשענסטאָכאָווער יידן, אַלע ווייסן, אַז דאָרט ווערט געגעבן — שוין איבער 26 יאָר — תורה בילדונג פאַר קינדער פון די אָרעמע ברייטע יידישע שיכטן וועלכע קאָנען זיך נישט דערלויבן שיקן זייערע קינדער אין געצאָלטע חדרים. אָן דער תלמוד תורה, וואָלטן די קינדער געבליבן ביי זייער עם־הארצות זייער גאַנץ לעבן, נישט באַזיצנדיק אַפילו די עלעמענטאַרסטע יידישע דערציאונג, זיי וואָלטן אַפילו נישט געקאָנט דאַווענען.

אַלע ווייסן אויך, אַז דאָרט — אינם "תלמוד־תורה"־בנין — געפינט זיך אויך אַ "בית־המדרש, וווּ די זעלבע ברייטע אָרעמע יידישע שיכטן, האָבן אַנ׳אָרט צו קומען בוקר־וערב אין די וואָכן־טעג און שבת און יו"ט, דאַווענען ל"רבון־העולמים". עס איז באמת אַ שמחה פאַר יעדן יידיש האַרץ, וואָס מיר פאַרמאָגן אַ מאַסן־אַנשטאַלט פאַר תורה און תפילה אין אַנ׳אייגענעם שיינעם בנין — גרויסע, הויכע, ברייטע און שיינע צימערן, אָבער... נישט אַלע ווייסן, אַז אויף דעם בנין ליגט אַ שווערע פרעמדע משא — אַ חוב פון צען טויזענט זלאָטעס, וועלכע מיר זענען שולדיק דער היגער "קרעדיט־געזעלשאַפט", דער אַזוי גערופענער "טאָוואַרזשיסטוואָ קרעדיטאָווע".

ווען ס׳איז געווען "שנים כתיקונן" און די תלמוד תורה האָט באַקומען סובסידיעס סיי פון מאַגיסטראַט, סיי פון דער קהילה, איז לייכט אַנגעקומען צו באַצאָלן די האַלב־יערליכע ראַטעס און אַפילו שפּעטער — ווען די סובסידיעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און דאָס צאָלן די ראַטעס איז שוין אָנגעקומען ממש כקריעת ים־סוף — האָט מען אויך נישט געפונען פאַר נויטיק צו קלינגען מיט קיין אַלאַרם־גלאָק, ווייל מ׳האָט געוווּסט, אַז דער פרעזעס פון "מחזיקי הדת" ה׳ י.מ. קרעל, איז גלייכצייטיק דירעקטאָר פון דער שטאָטישער "קרעדיט־געזעלשאַפט", און דאָס האָט אונדז געגעבן די האָפנונג, אַז ס׳וועט נישט קומען צו קיין ליציטאַציע און ווירקליך איז עס אַזוי געווען. יעדעס מאָל האָט טאַקי דער חשובער פרעזעס, ה׳ קרעל, אויסגענוצט זיין איינפלוס און נישט דערלאָזט צו אַ ליציטאַציע ; מ׳האָט אַ טייל איינגעצאָלט און דאָס רעשט פּראָלאָנגירט אָן צינזען און אַזוי האָט מען זיך — ווי מ׳זאָגט — אַדורכגעשטופּט...

איצט, אָבער, האָט זיך די לאַגע — ווי ס׳איז אַלעמען באַוווּסט — ראַדיקאַל געענדערט. די יידישע השפעה אויף דער "קרעדיט־געזעלשאַפט" איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, מ׳קאָן זיך שוין מער נישט פאַרלאָזן אויף קיין נסים און אויב מ׳וועט איצט נישט באַצאָלן פונקטליך די ראַטעס, איז אומר ועושה — פאַרטיק אַ ליציטאַציע פון אונדזער בנין.

כדי צו פאַרמיידן די דראָענדיקע געפאַר איז אויף אַ זיצונג פון ועד — צוזאַמען מיט די נכבדי־העיר — אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צו צוטרעטן צו "אַנ־אויסלייזונגס־אַקציע", אַזוי ווי עס שטייט אין דער היינטיקער סדרה : "גאולה תהיה לו", ד. ה. די טשענסטאָכאָווער יידישע באַפעלקערונג האָט איצט די פליכט אויסצולייזן דעם בנין און איינמאָל פאַר אַלע מאָל פטור ווערן פון דעם דערמאָנטן חוב. יעדער פון אונדז איז מחויב בייצוטראָגן זיין נדבה צו דער דאָזיקער "אויסלייזונגס־אַקציע".

מיר גלויבן, אַז די היגע יידישע באַפעלקערונג, וועלכע איז באַקאַנט מיט איר הויך־אַנטוויקעלטן געזעלשאַפטליכן חוש, — אויף וואָס עס באַווייזן די פיל

היגע אינסטיטוציעס וואָס זיי האָבן געשאַפן און לעצטענס דאָס אויפבויען דעם פּרעכטיקן בנין פון דער יידישער גימנאַזיע, אָט די זעלבע באַפעלקערונג, וועט אַ ודאי נישט שטעלן פונדערווייטנס, ווען ס׳האַנדלט זיך צו דערהאַלטן אין אונדזער באַזיץ דעם איינציקן תורה אַנשטאַלט אין וועלכן עס לערנען קרוב 400 קינדער. די חז״ל לערנען אונדז, אַז דער דאַך פונם בית הכנסת דאַרף זיין העכער, פאַר אַלע אַנדערע פּריוואַטע דעכער, דאָס הייסט אַז מ׳מוז שטעלן דאָס גייסטיקע העכער פון דאָס מאַטעריעלע און ווען די היגע יידישע באַפעלקערונג האָט אַזוי פיל אויפגעטון אויפן מאַטעריעלן געביט, גיט דאָס די בעסטע האָפנונג, אַז זי וועט, דאָס גייסטיקע — דעם ״לימוד־התורה״ פאַר די אָרימע יידישע קינדער — אוודאי הויך האַלטן און זי וועט פאַרווירקליכן די תורה־לאָזונג: ״גאולה תהיה לו״.

מיר האָבן אויך באַקומען דעם באַריכט פון דער לעצטער אַלגעמיינער־פאַרזאַמלונג פון ״מחזיקי הדת״, וואָס איז פאַרגעקומען זונטיק, דעם 17־טן יוני 1939.

מיר ציטירן דאָ דעם דאָזיקן באַריכט, וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין דער ״טשענסטאָכאָווער צייטונג״ נומער 25, פון 23 יוני 1939.

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון ״מחזיקי הדת״

פאַרגאַנגענעם זונטיק, דעם 17 יוני 1939, איז אין אייגענעם לאָקאַל פאַרגעקומען די יערליכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון ״מחזיקי הדת״.

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דער פּרעזעס ה׳ י. מ. קרעל, וועלכער האָט איבערגעגעבן דעם פאָרזיץ דעם ה׳ ישכר מאַשקאָוויטש. ביים פּרעזידיום־טיש זיצן אויך די ה״ה: דוד פעלץ און אברהם טשענסטאָכאָווסקי און אַלס סעקרעטאַר — ה׳ יהושע זעליגמאַן.

ה׳ קרעל האָט אָפּגעגעבן דעם יאָר־באַריכט און דעם בילאַנס, וועלכער האָט באַטראָפן די סומע פון 14,313,23 זלאָטעס.

נאָך דער דיסקוסיע אַרום באַריכט אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען די ה״ה: טשענסטאָכאָווסקי. מאַשקאָוויטש, פּרעסמאַן און אַנדערע, איז דער באַריכט באַשטעטיקט געוואָרן און עס איז אויסגעדרוקט געוואָרן צוטרוי דער פאַרוואַלטונג.

דער בודזשעט אויפן נייעם יאָר, אין דער סומע פון 18 טויזנט זלאָטעס, איז איינשטימיק באַשטעטיקט געוואָרן.

עס זענען אויך אָנגענומען געוואָרן פאָלגענדיקע פאָרשלאָגן: 1) פון ה׳ קליינמאַן — וועגן איינלאַדן לערער פאַר לימודי־חול; 2) פון ה׳ טענענבערג — וועגן ווערבירן נייע מיטגלידער; 3) פון ה׳ יאַרקאָוויזנע — וועגן פאַרשפּרייטן ״מחזיקי־הדת״ פושקעס אין אַלע יידישע דירות.

עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ ״בייראַט״ פון 10 חברים וועלכע זאָלן העלפן, פאַרגרעסערן די הכנסות פון ״מחזיקי הדת״.

אין דער פאַרוואַלטונג זענען אויסגעוויילט געוואָרן אַלס נייע פאַרוואַלטונגס־חברים אַנשטאָט די אָפּטרעטנדע, די ה״ה: יחיאל לאַנדוי, מנשה מרגליות, דוד קאַהן און הירשל וויינבוים.

(דריי חדשים פאַרן גרויסן אומגליק פון פּוילישן יידנטום, האָבן די טשענסטאָכאָווער עסקנים נאָך געמאַכט אַנאַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, געוויילט נייע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, באַשטימט בודזשעטן און געגלויבט, אַז זיי וועלן זייערע פּלענער קאָנען פאַרווירקליכן...

די ביטערע ווירקליכקייט האָט אַלץ חרוב געמאַכט! אויס ״מחזיקי הדת״, אויס אַלץ!).

(אָבער נישט נאָר דריי חדשים פריער האָבן די טשענסטאָכאָווער יידן נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ בלוט־מבול וואַרט אויף זיי... אַפילו קנאַפּער ווי דריי וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער בלוטיקער וועלט־מלחמה — **דעם עלפטן אויגוסט פון יאָר ניינצן הונדערט, ניין און דרייסיק**) — האָט אַ טייערער טשענסטאָכאָווער ייד — אַנאיבערגעגעבענער עסקן פון ״מחזיקי הדת״, אָפּגעדרוקט אין דער ״טשענסטאָכאָווער צייטונג״ (נומער 32) אַנ׳אַלאַרם־אַרטיקל, אונטערן נאָמען:

״מען מוז דאָך פאָרט ראַטעווען דעם ״מחזיקי הדת״!

פאָלגנדיקע האַרציקע ווערטער:

יאָ, וואָס פאַר אַ באַציאונג מען זאָל נישט האָבן צו דער תלמוד־תורה ״מחזיקי הדת״, מוז מען, אָבער, פעסטשטעלן אַז דאָס איז אַ וויכטיקער מוסד, וועלכן מען טאָר נישט לאָזן אונטערגיין!

אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע לערנען ביז 400 קינדער, פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, מען קאָן האָבן געוויסע טענות צו דער מעטאָדע

פון דער דערציאונג, אַ פאַקט איז, אָבער, אַז ווען די דאָזיקע אינסטיטוציע וואָלט נישט עקזיסטירט, וואָלטן עטליכע הונדערט יידישע קינדער איבערהויפּט נישט באַקומען קיין שום דערציאונג.

די ״מחזיקי הדת״ זענען מיט יאָרן צוריק, — דורך דער אָנשטרענגונג פון עטליכע סימפּאַטיקער פון ״מחזיקי הדת״ — געקומען צו אַן׳אייגענעם בנין. דאָס, אָבער, איז נאָך נישט גענוג אַז די אינסטיטוציע זאָל זיך אויך קאָנען אויסהאַלטן. פאַרשידענע חובות ליגן אויף דער אינסטיטוציע און עס דראָט אַ סכנה, אַז מען זאָל דאָס הויז פאַרקויפן אויף אַ ליציטאַציע צוליב די חובות און במילא, וועט ווערן אַ תל פון דער גאַנצער מי און אָנשטרענגונגען פון לאַנגע יאָרן.

די אָנפירער פון ״מחזיקי הדת״ טוען אַלץ, כדי די אינסטיטוציע צו ראַטעווען, אָבער, עס מוז זיי צו הילף קומען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אָן אונטערשייד פון ריכטונג, ווייל די ״מחזיקי הדת״ געהערט צום פאָלקס־פאַרמעגן פון יידישן טשענסטאָכאָוו און מיר אַלע זענען מחויב זי צו באַשיצן!

עס זענען צונויפגערופן געוואָרן פאַרזאַמלונגען פון אָנגעזעענע בעלי־בתים, גבאים פון די חסידישע שטיבלעך און ״מנינים״ און אויף די באַראַטונגען זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער פאַר דער ״רעטונגס־אַקציע״.

אין משך פון דער קורצסטער צייט, מוז געזאַמעלט ווערן אַ גרעסערע סומע און צו דעם צוועק וועט פאַרקומען אַ פאָלקס־זאַמלונג.

יעדער ייד מוז געבן זיין איינמאַליקע באַשטייערונג פאַרן פדיון שבויים. מען מוז אויסלייזן די אינסטיטוציע פון אירע חובות. די קלענסטע נדבה דאַרף זיך אָנהויבן פון איין זלאָטי וויינִיגסטן, כדי איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַפרייען די געביידע פון די חובות!

עס איז צו באַדויערן, וואָס נישט אַלע טיילן פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג האָבן דאָס דאָזיקע פאַרשטאַנען, אַ סך איינגעלאַדענע גבאים און כלל־טוער זענען נישט געקומען. מיר האַלטן, אָבער, אַז קיינער וועט נישט וועלן נעמען אויף זיך די אחריות, אַז, צוליב זיין פאַרנאַכלעסיגקייט זאָל חלילה, אַזאַ וויכטיקער מוסד אונטערגיין!

די אַקציע פאַרן ״מחזיקי הדת״ הויבט זיך שוין אָן, זאָל קיין איינער פון אייך נישט פאַרפעלן מיט זיין נדבה!

ישיבות פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך נעמען אַרויס פון טשענסטאָכאָוו גענוג געלט, זאָל מען געדענקען אין מאַמר חז״ל: ״עניי עירך קודמין״ — די אָרעמע קינדער פון אונדזער שטאָט זענען פאַר אַלעמען״, און מען דאַרף זיי שטיצן!

די ״מחזיקי הדת״ טאָר נישט ליקווידירט ווערן, דאָס דאַרף זיין אַ אפּרעסטיזש־פראַגע פאַר יעדן טשענסטאָכאָווער ייד.

דער חלף ליגט אויפן האַלדז און מען מוז, אומבאַדינג, ראַטעווען די ״מחזיקי הדת״!

(בלויז קנאַפּע דריי וואָכן פאַרן חורבן, האָט דער דאָזיקער עסקן געזעען, אַז דער חלף ליגט אויפן האַלדז פון מוסד ״מחזיקי הדת״. ווי גרויס איז דער צער און צאָרן, אַז דער דאָזיקער חלף האָט אויסגעשאָכטן כמעט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין פוילן!

די זאָרגערס פאַר די תינוקות של בית רבן, זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן צוזאַמען מיט די ״צעירי הצאן שלא חטאו!״).

אישים ודמויות

על אישים ודמויות

צ׳נסטוחוב, כמו יתר ערי ישראל בפולין, הצטיינה ברב־גוונותה.

נמצאו בה, מחד גיסא, אנשים גדולים בתורה ובחסידות, שומרי־דת ומוסר ולעומתם — פשוטי־עם.

היו בה אנשי־רוח בעלי השכלה שאפשר היה ללמוד מהם הרבה בעניני תרבות ודעת.

לא מעט היה מספרם של אנשי־שם בשטח המסחר והתעשיה ומולם — על יד פועלים ואומנים מנוסים — גם רבים מחוסרי כל השכלה מקצועית. דבר טוב והיפוכו מצאנו בכל שטחי החיים בעירנו.

בעמדנו כיום על חורבותיה של צ׳נסטוחוב היהודית וברצוננו להקים לה מצבת־זכרון, עולים בזכרוננו כל האישים הדגולים שפיארו את חיינו במעשיהם הטובים ובפעולותיהם המבורכות ויחד אתם דמויות שונות מבני העיר לכל סוגיהם. הננו מרגישים את העול הכבד והאחריות הרבה שנטלנו על עצמנו, במשימתנו זאת.

מי מאתנו יכול לקבוע בלב שקט, כי הנה מלאנו את חובתנו ולא פסחנו על מי שהוא מאישי עירנו או מאותן הדמויות שהטביעו את חותמן על חיי העיר מכל הבחינות — חיוביות ושליליות כאחת ?

עשינו כל מה שבכחנו — ואפילו למעלה מזה — בכדי למלא את המגמה החשובה והאחראית הזאת.

פנינו לכל מי שבכחו לתרום משהו להשלמת התמונה ומתוך צער וכאב עלינו לקבוע, כי יודעים אנו, שלא הצלחנו למלא את תפקידנו זה, במלואו.

רשימת האישים והדמויות אינה שלימה, כי לצערנו, לא מצאנו אוזן קשבת אצל כל יוצאי צ׳נסטוחוב, שהיה בידם לסייע לנו ולא סייעו !


כשאנו מתבוננים על מה שהצלחנו, בכל זאת, לאסוף ולרשום על ״בני העליה״ שב־צ׳נסטוחוב, — בין אלה שהלכו לעולמם במיתה טבעית ובין אלה שנפלו חללים על קדושת שם ישראל, — אנו קובעים בחרדה, מה רב ומה מר היה חלקנו באסון האומה — בהשמדת שליש עמנו, בידי רוצחיו ומעניו !

עצום הכאב ומי ירפאנו ? גדול האבל ומי ינחם אותנו ? ובמה ננוחם ? . . .

ד״ר צבי קנטור

ו. ה.

הרב הגאון ר' נחום אש ז"ל



ישנה אגדה, המספרת על שני יהודים שנפגשו פעם ברכבת ושאלו איש את רעהו לעיר מגוריו וכשזה ענהו "אני איש קובנה!" הוסיף לשאלו: "ומדוע שם עירך קובנה?" השיב לו בתמיה "וכי אתה לא יודע שבה מכהן פאר כרב־העיר הגאון רבי יצחק אלחנן ספקטור?" "ומה זה שייך לענין?" שאלו שוב השואל, וזה ענהו: "האם עדיין לא ברור לך שמאחר שרבה — "דער קאָוונער גאון" — מוכרחה גם העיר להיקרא על שמו...

איננו יודעים כמה מן האמת יש ב"שאלות ותשובות" הללו, אבל, מה שברור וגלוי לכולנו הוא, כי בשנים כתיקונן כשהיו נפגשים שני יהודים, בין שהיו לומדי תורה, חסידים ואנשי־מעשה — חרשתנים, סוחרים ואפילו בעלי־מלאכה — כשהתוודעו אחד לשני, משנשמעה שמה של צ'נסטוחוב מיד יכולת לשמוע: "כן! כן! אני יודע, הרי רבכם הוא רבי נחום אש שליט"א!

זכות גדולה היתה לקהילתנו שזכתה לכך, שרב גדול בישראל כמוהו כיהן בה בכהונת הרבנות, כמעט קרוב ליובל שנים ואם הצטיינו בני עירנו במידותיהם הטובות — במעשי הצדקה והחסד, במוסדותיה הציבוריים המפוארים ובעיקר בלימוד התורה ובחיזוק המסורת הדתית — הרי זה, במידה רבה, הודות לפעולותיו של רבנו הנערץ, שמלבד גאונותו ובקיאותו בכל חדרי התורה ממקורות הראשונים שבראשונים עד לאחרון שבאחרונים, היה גם בבחינת החכם "העדיף" מנביא, שידע ברוב תבונתו כיצד להשפיע על כל חוגי הציבור (ועירנו הרי נתברכה בחוגים שונים — לומדים גדולים וחסידים מובהקים, משכילים יהודים, המחונים בהשכלה עברית וכללית, בעלי־השכלה אירופאית ואנשים פשוטים — יראי ד') לכל חוג, לפי דרכו והבנתו ודבריו היו תמיד נשמעים, בין מתוך קיום המצוה של "שמיעה לדברי חכמים", ובין מתוך הערצה והוקרה לאישיותו ולדבריו, שהושמעו תמיד בנחת, כדרכם של גדולי ישראל בכל הדורות.

*

הרב ר' נחום אש נולד בשנת תרכ"ד (1864) בגרודזיסק (פלך ורשה) לאביו ר' דוד צבי ז"ל, שהיה מגדולי הלמדנים ומחסידי קוצק הנלהבים וגם בעל עסקים גדולים. מצד אמו היה נצר מגזע הגאון ר' יהודה ליב לנדוי בעל ה"נודע

ביהודה" ומגזע הגאון ר' נתן נטע שפירא מחבר הספר "מגלה עמוקות".

עוד בימי נעוריו ניכר היה כי לגדולות נוצר ויצק מים בישיבתו המהוללת של הגאון המפורסם ר' אביגדור ליבוש לוונטל, רבה של קויל (קאלא) ושמו נתפרסם כאחד ה"עילויים" שבישיבה מפורסמת זו.

בעודנו צעיר לימים לקחו הגאון הנודע ר' שמשון אורנשטיין, רבה של קאליש ומחבר הספר "תפארת שמשון" כבעל לבתו וסמכוהו בסמיכת־רבנים "להורות ולדון כדינה של תורה", לאחר שלמד בבית מדרשו במשך כמה שנים.

בעודנו צעיר לימים נבחר לרב אב"ד בנישיאבה והוא כיהן שם רק כמה שנים, כי כבר בשנת תרמ"ט — בהיותו רק בן כ"ה שנה — עלה על כסא הרבנות בצ'נסטוחוב.

אכן ידעה קהילת צ'נסטוחוב כי עתיד רבה הצעיר לפאר את עדתו ולהקנות לה מקום־כבוד בין הקהילות היותר חשובות שבפולין. ואין כל פלא בדבר, כי מי כמוהו זכה לכך, שבהיותו עוד עול־ימים ממש, תפורסמנה הגהותיו לכל חלקי "משנה תורה" להרמב"ם כתוספת לספר זה, בשם "ציוני מהר"ן".

הרב אש לא הסתגר בד' אמותיו של ההלכה בלבד, כי לבו היה ער ומחשבתו היתה נתונה לתביעות החיים וצרכיהם והשכיל למצוא את הדרך להבנה והתאמה, מבלי לפגוע ומבלי לוותר, אפילו, על קוצו של יו"ד במשמעות ההלכה.

רבנו המנוח היה תמיד הראש והראשון העושה והמעשה בכל צרכי הציבור והודות להשפעתו הרבה על כל בני העיר בכלל ועל עשיריה ונדבניה בפרט, זכינו לכך שהוקמו בצ'נסטוחוב מוסדות ציבוריים חשובים, שהיו לתהילה בכל מדינת פולין ואפילו מחוצה לה.

הרב אש לא הסתגר בעניני צ'נסטוחוב בלבד. הוא השתתף באופן פעיל גם בצרכי הכלל, כאחד מגדולי הרבנים ואישי הציבור היהודי בפולין, ודבריו היו נשמעים ומתקבלים על דעת כל המשתתפים בועידות יהודיות כלל פולניות ושל רבני ישראל שבמדינה.

כאשר הצירים האנטישמיים שבסיים הפולני נהפכו לפתע־פתאום ל"דואגים" ל"צערם" של "בעלי־חיים" בעקב השחיטה היהודית האכזרית ונוצרה הסכנה, ש"שחיטת היהודים" תיאסר לגמרי לפי החוק, ערך רבנו ז"ל חוברת בשפה הפולנית, שבה הוכיח, ששחיטת היהודים אינה מוסיפה שום צער ל"בעלי־החיים" ושאין לבטלה, ולדבריו — שהופצו ברבים — היתה השפעה רבה על כל אלו שלא התכוונו להציק ליהודים...

הרב אש היה בין ראשוני הרבנים הגדולים שבפולין שהצטרפו ל"המזרחי" והוא היה פעיל מאד למען הסתדרות דתית־לאומית זו.

כן עזר — בהשפעתו הרבה — למגביות למען "קרן היסוד" ו"קרן הקימת" והשתתף תמיד בהכרזותיהן והלהיב בדבריו את הנאספים להרבות בתרומותיהם למען גאולת ובנין הארץ.

פעולתו המבורכת של רבנו ז"ל בתקופת כהונתו בצ'נסטוחוב היתה שרשרת ארוכה של מעשים טובים שבני עירנו ידעו להעריכה כראוי.

את חיבתם היתירה לרבם ומורם הדגול, הוכיחו פרנסי עירנו בהחליטם באסיפתם — שהתקיימה ביום כ"ה אדר תרצ"ד — כי "בית המדרש" החדש שייבנה, לציון מלאות מאה שנה להקמת בית המדרש הראשון בצ'נסטוחוב, ייקרא "אוהל־נחום" על שם הרב אש "לאות הוקרה והערצה של כל יהודי העיר כלפיו".

ביום כ"א באייר תרצ"ו (13 למאי 1936) בטכס־האזכרה הראשון למותו של המרשל יוזף פילסודסקי השמיע רבנו את נאומו הפומבי האחרון ובאותו לילה לקה בהתקפת לב, ששמה קץ לחייו המפוארים ורבי־המעש.


קהילת צ'נסטוחוב נתיתמה ואתה יחד בני משפחת הרב, בניו: ר' שמואל יוסף, מגדולי הלמדנים והעסקנים שבאורזורקוב, בנו ר' משה, — שגם הוא היה תלמיד־חכם גדול — פירסם מדי שבוע דברי תורה וחכמה ב"טשענסטאָכאָווער צייטונג". בנו מנדל היה עתונאי מחונן, בנו דוד, ובנו הצעיר, העו"ד אריה ליאון אש, היה עסקן ציבורי וציוני נאמן.

להרב היו גם ארבע בנות: דורה, טוניה, בלומה ופלה, כל בניו ובנותיו הושמדו ורק נכדה אחת של הרב (בתה של דורה) ניצלה ונמצאת בארץ ונשואה לד"ר לונסקי.

גדול היה הכאב והאבל בגלל מותו הפתאומי של רבנו החביב, אם כי היה זקן ושבע ימים ומעשים טובים וכמעט כל בני עירנו וסביבתה חלקו לו את הכבוד האחרון, וגדולי הרבנים הספידוהו כהלכה.

(לא עברו אלא כשנתיים ורבע מיום פטירתו של רבנו וכל המפעלים המוצקים, שהוקמו ביוזמתו ובעזרתו נשברו לרסיסים על ידי הצר הצורר ימ"ש וקהילת צ'נסטוחוב המפוארת הושמדה, אבל שארית הפליטה של יהודי צ'נסטוחוב המתאבלים על כליונה, יזכרו ויזכירו ביראת־הכבוד את מורם ורבם האחרון — הגאון ר' נחום אש ז"ל).

הרב ר׳ מאיר חנוך ישעיוביץ ז״ל



הרב ר׳ מאיר חנוך בן ר׳ פסח ישעיוביץ׳ שמוצאו מהעיר וואליה בקרבת וארשה השתקע בצ׳נסטוחוב לאחר שנשא לאשה את הרבנית שרה — אחותו של הרב נחום אש. עם בואו לצ׳נסטוחוב ולאחר שנתמנה כראב״ד בעירנו יסד בה ישיבה, שהיתה נקראת בשם ״ישיבת הרב מוואליה״.

לישיבה נתקבלו כתלמידים ילדים, החל מגיל עשר ומעלה, כאשר היתה להם כבר ידיעה כל שהיא בגמרא. בישיבה זו לימדו את התלמידים, נוסף לגמרא ומפרשיה, גם תנ״ך, הלשון העברית ודקדוקה. כמו כן גם שפת המדינה וחשבון. הרב ישעיוביץ בחר לו לישיבתו את המובחרים שבמלמדים ובמורים שבעיר: ר׳ משה וואלבראמער, ר׳ יצחק רוזנברג ור׳ פייבוש פייבלוביץ, שהיה מורה לתנ״ך ועברית. אחריו מלא תפקיד זה ר׳ בעריש וויינברג. בין מורי הישיבה היו גם אדליסט, אבנר ומסר.

בסוף השנה נערכו בחינות שהתקיימו ב״חדר בית־הדין״ של הרב ר׳ נחום אש ז״ל והבוחנים היו הרבנים ר׳ נחום אש, ור׳ מאיר חנוך ישעיוביץ ואליהם הצטרפה גם ועדת בחינה ציבורית מטובי למדני העיר: ר׳ מנשה מרגלית, ר׳ דוד יצחק אדליסט, ר׳ יצחק מאיר קרעל. התלמידים שהצטיינו בבחינות קבלו פרסים מטעם הועדה הבוחנת.

כעבור שנים מספר משנסגרה הישיבה מחמת קשיים תקציביים, לא יכול היה הרב ישעיוביץ לוותר על תלמידיו הטובים ובעיקר, מבני העניים שמהם תצא תורה, ובחר בכמה מבין התלמידים המצטיינים ולימד אותם תורה בביתו, כמובן, שלא על מנת לקבל פרס. אף שהרב ישעיוביץ הצטיין בטוב לבו וביחסו לבני אדם בכלל היה בכל זאת מקפיד מאד בלימודים עם תלמידיו אלה והשתדל לפתח בהם את מחשבתם העצמאית ולהחיש על ידי כך את התקדמותם בלימודים.

כדאי לציין שאחד מתלמידיו, ישעיהו קוזלובסקי, בנו של סבל פשוט, והיה מטובי תלמידיו והרב הקדיש לו תשומת לב מיוחדת ובזכותו נעשה למדן מובהק, לתפארת אבותיו.

במשך ימי כהונתו בצ׳נסטוחוב כראב״ד נתחבב על בני עירנו ורבים היו משכימים לפתחו ונהנים ממנו עצה ותושיה, במילי דשמיא ובמילי דארעא.

בשנת 1925 עלה הרב ישעיוביץ ארצה עם משפחתו לאחר ש״עיבר״ את שמו ל״בן ישי״.


הרב ישעיוביץ הוציא ספר שכלל ״לוח לאלף שנים״.

בבואו ארצה נתקבל מיד כרב בשכונת ״נוה שאנן״ ותפס מקום חשוב בין רבני ישראל בארץ.

בשנת ת״ש נפטר בתל אביב, לאחר שכיהן בה ברבנות כחמש עשרה שנה. וכבוד גדול עשו לו במותו כבחייו ונספד כהלכה. ת. נ. צ. ב. ה.

א. ג־ב

הרב משה האלטר הי״ד



אחד האישים הבולטים בתנועה הדתית־הלאומית בצ׳נסטוחוב. תלמידו של הגאון, רבי מאיר יחיאל הלוי זצ״ל, רבה של אוסטרוביץ והגאון רבי שאול משה זצ״ל, רבה של ווירושוב ואח״כ בתל־אביב. מטובי הנואמים העממיים ופרשן טוב־טעם בהלכה ואגדה. נאה דורש ונאה מקיים. מכובד על הבריות ודעתו נשמעת עליהן בהקשבה יתירה. להרצאותיו ושיעוריו בתורה היו שומעים רבים, כי ידע להסביר ולהנעים את דבריו בדרכו המיוחדת, בין שעשה זאת במסיבת ״עונג שבת״ ב״מחזיקי־הדת״ ובין שהרצה בחוגי ״המזרחי״

— דבריו היו שקולים ומדודים ובנויים על יסודות מוצקים.

נתכבד על ידי תושבי עירנו — גם בזכות עצמו, כלמדן גדול וירא־שמים, ובזכות גיסו, — רבינו ר׳ נחום אש ז״ל.

ביקר בארץ על מנת להשתקע ולא זכה לכך, וכל ימיו הצטער על כך ורגיל היה בכל נאומיו והופעותיו לציין, שמחובתו של כל יהודי, חובב ציון באמת, לבקר, לכל הפחות, פעם בחייו בארץ ישראל ולחזות במו עיניו את הדרה ותפארתה ולחונן את עפרה.


בשנת תר״ף פורסם ספרו הראשון ״נופך משלי״, הכולל דרשותיו, שדרש בכל שבתות השבוע ובמועדים בצ׳נסטוחוב.

בשנת תרפ״ט פירסם הספד על רבו הגאון ר׳ מאיר יחיאל הלוי זצ״ל, רבה של אוסטרוביץ, בשם ״עמודי שש״, שכלל גם שני דרושים משלו.

בשנת תרצ״ו פירסם חוברת ״אראלים ומצוקים״ — הספד על גיסו הרב אש ז״ל ובשנת תרצ״ח פירסם ״ציון לציוני מהר״ן״ — ההספד שנשא על גיסו הרב ביום הקמת המצבה על קברו.

(הניח הרבה חידושי תורה בכתב־יד, אבל גורלם היה כגורלו המר, הצר־הצורר שם קץ גם לחייו רבי־התפארת והתהילה). **ז. ה.**

ר׳ יוסף שמעון קובלנץ ז״ל



המנוח היה יליד רוסיה הלבנה. עוד משחר ימי ילדותו ניכר בו שלגדולות נוצר, כי הוא הפליא את מוריו ורביו בתפיסתו החדה ובהתמדתו המופתית. ממש לא פסק פומיה מגירסא ורב היה חילו לאורייתא.

נוסף לכך, היה גם יפה־תואר ויפה־מראה ורבים התברכו בו וניבאו לו עתיד מזהיר.

אכן, בהתקרב זמן התייצבותו לצבא, חרד אביו, הרב המגיד רבי מרדכי ז״ל, שבן־פורת זה ייקרא לשירות הצבא ויצטרך להפסיק את לימודיו בש״ס ומפורשיו. לפי עצת הרב דמתא — שהדריכו לתורה וליראת שמים — החליף את שם משפחתו ״קגן״ — ויהי לאיש אחר — ויוסף שמעון קובלנץ שמו!...

באותו זמן נשא לאשה את רבקה לבית פולוניצקי ויחד עם אביו הזקן, הרב המגיד ר׳ מרדכי, נדד לפולין והשתקע בהתחלה בעיר פיוטרקוב — טריבונלסקי, בה עסק במסחר של תוצרת חלב, אבל, לא הצליח בעסקיו ועבר לצ׳נסטוחוב.

בהיותו מחונן בכשרון של נואם בחסד עליון, נתבקש לצאת לערי רוסיה ולעשות נפשות לרעיון הציוני ולמצות ישוב ארץ־ישראל, מטעם הועד האודסאי של ״חובבי ציון״ ששמו הרשמי היה ״הועד לתמיכת בני ישראל עובדי־אדמה ובעלי־מלאכה בסוריא ובארץ־ישראל״.

לא עברו אלא ימים מועטים ושמעו נתפרסם לתהלה בכל רחבי המדינה ומכל המקומות הזמינוהו להטיף לציון.

והנה, בבואו לעיר אומאן שבאוקראינה, נהרו המונים לבית הכנסת לשמוע את נאומו. נהירת ההמונים עוררה את חשדו של ראש המשטרה המקומית, שחשש, שהוא עומד להטיף נגד השלטונות...

אם כי נוכח, שעומד לפניו, רב עטור זקן יפה ועטוף בטליתו ולא ״ריבולוציונר״ אסרו, בכל זאת, ורק כאשר ראשי הקהל קיימו מצות ״פדיון שבויים״ ביד רחבה, שחררו לנפשו.

לאחר המקרה הזה חדל ״המגיד״ (כך כונה, בפי כל), לנדוד למרחקים ויהי לרוח החיה שבכל הפעולה הלאומית־הדתית בצ׳נסטוחוב וראש וראשון לכל עבודה ציבורית.

הוא היה ממיסדי התלמוד־תורה ״מחזיקי הדת״, חבר בועד למען בית החולים היהודי, הגימנסיה העברית, גבאי ה״חברה קדישא״ וגם המוסדות הציבוריים שבעיר נהנו ממנו בעצה ותושיה, כי היה רב־תבונה ושקל כל ענין, בהשכל ודעת.

כן הקים בית כנסת משלו, בו לימד שיעורים וערך הרצאות, שכל שוחרי תורה ודעת שבעירנו נהרו אליהם. הוא נבחר כנציג ״המזרחי״ בועד הקהילה היהודית וכחבר הועד המרכזי של ״המזרחי״. את פרנסתו מצא לו בכבוד במסחרו, בתוצרת חלב, והיה מן הנדבנים רחבי־הלב לכל דבר שבצדקה.

היה אהוב למקום ונחמד לבריות וממעצבי הדמות הנכונה של יהודים שומרי־דת וחובבי־ציון באמת, עושה ומעשה למען הקרנות הלאומיות.

נפטר בחודש כסלו תרצ״ח ואם כי היה כבר זקן ושבע־

ימים — בגיל למעלה משמונים — גדול היה האבל על אבדן רב־פעלים זה וקהל אלפים השתתף בהלויתו וכל המספידים הדגישו את גודל האבידה לצ׳נסטוחוב, שכל־כך הרבה פעל ועשה למענה!


ואמנם היה ר׳ יוסף שמעון קובלנץ ז״ל מאלה, שמאצי־לים מרוחם ותפארתם על כל סביבתם ושרגשי הוקרה והע־רצה שמורה להם לנצח! ז. ה.

המו״צ ר׳ יוסף פרוקוש ז״ל

נולד בשנת 1872 בגליציה והובא משם על ידי הגביר הנודע ר׳ נטע פנקובסקי, ללמד את בניו וחתניו תורה. אחרי שנתחבב בעיר נשא לאשה את בתו של ר׳ הירש יוסף אמסטובר ובמשך הזמן זכה ונתמנה כמו״צ בעירנו.

הרביץ תורה, ביחוד בחוגי הנוער התורני שכולם השכימו לפתחו בשמחה והוא התאמץ לגדלם ולחנכם לתורה ולמע־שים טובים ובעיקר למידת הענוה, שהיתה יסוד חייו ממש.

היה חביב על הציבור ובשכלו הרב ובכוח השכנוע שבו הצליח להשלים בין יריבים ולהסדיר בדרך נבונה סכסוכים שבין אדם לחברו.



ר׳ יוסל׳ה קירה

גם רבנו הגאון ר׳ נחום אש, כיבדו מאד והיה רגיל להשתעשע עמו בדברי תורה ולרדת עמו לעומקה של הלכה. ז. ה.

דירעקטאָר הענריק מאַרקוספעלד



אַ ליכטיקע געשטאַלט וואָס באַווייזט זיך אויפן יידישן האָריזאָנט אַ מאָל צווישן אַ סך דורות איז געווען דער פאַר־שטאַרבענער. אַ מעצענאַט — איינער פון די גרעסטע אין זיין דור און דערצו אַ פשוטער ייד אַנ׳עניו, וואָס עס איז שווער געווען צו געפונען אין זיין צייט. אַ מענטש מיט אַנ׳אויסערגעוויינליכן חוש־השמיעה — דער שטילסטער קרעכץ פון אַ ליידענדן מענטש, וואָס איז אַרויס מן המע־מקים, — אַ ״קול דממה דקה״ — איז גלייך דערגאַנגען צו זיין אויער... פאַר אים איז נישט געווען קיין שום אונטער־שייד פון וועמענס האַרץ קומט דער קרעכץ: פון אַ ייד צו פון אַ קריסט, פון אַלט צו יונג, ער האָט עס באַלד דער־הערט און תיכף האָט זיך זיין בייטל געעפנט... און מיטן געפיל פון אַ מענטש, וואָס דערפילט אַ געטליכע שליחות האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט אויסגעשטרעקט זיין הילף.

ער האָט זיך תמיד באַמיט טון זיין ״געטליכע שליחות״ אין אַזאַ פאָרם, אַז דער נצרך, זאָל עס נישט פילן... זאָל נישט פאַרשעמט ווערן... ער האָט תמיד זיין מאַטעריעלע שטיצע באַגלייט אויך מיט אַ מאָראַלישע אונטערשטיצונג, ער האָט דערמוטיקט דעם מקבל און געשטאַרקט זיין גלויבן

אין אַ בעסערער צוקונפט, וואָס קומט פאַרן געליטענעם ווי אַמשנעלסטן און נישט נאָר לגבי יחידים האָט ער אַזוי געהאַנדלט.

פאַר אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס איז ער געווען דער ראש וראשון פון די מנדבים. שטענדיק געגעבן מיט דער ברייטער האַנט און ער איז אַזויערנאָך אויך געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַנדערע נדבנים און אויב טשענסטאָכאָוו האָט פאַרמאָגט אַזעלכע שיינע און נויטיקע אינסטיטוציעס איז עס — אין דער ערשטער ריי — צוליב דעם וואָס זי האָט געהאַט די גרויסע זכיה צו האָבן צווישן אירע בירגער — מען מעג זאָגן אַלס ערשטן בירגער — הענריק מאַרקוספעלד, דעם זון פון אַדאָלף און ערנסטינאַ ז״ל.

אגב, הענריק מאַרקוספלעד, האָט געקאָנט שטאָלצירן אויך מיט יחוס אבותיו.

פראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן דערציילט אין זיין היסטאָרישער אָפּהאַנדלונג וועגן אַנטייל פון יידן אינם פוילישן אויפשטאַנד (אין יאָר 1863, אין זיינס אַן׳אַרטיקל, געדרוקט אין ״נאַש פר׳זעגלאָנד״ פון 26 יאַנואַר 1937), אַז צווישן דער דעלעגאַציע וואָס איז אין יאָר 1861 געפאָרן קיין ווין, כדי צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן עסטרייכישן מיניסטער שמערלינג, וועגן די פוילישע ענינים, זענען צווישן די דריי פאַרשטייער פון דער ״יידישער שטאָט״ — אַזוי האָט קראָקע דענסטמאָל געהייסן — געוועזן הענריק מאַרקוספעלד — דער עלטער־זיידע פון פאַרשטאָרבענעם מעצענאַט, וואָס איז שוין אין יענע צייט געוועזן אַ גרויסער אינדוסטריעלער און אַ באַוווסטער געזעלשאַפטליכער טוער. אין דער שפּיץ פון דער יידישער דעלעגאַציע איז געשטאַנען אברהם גומפּלאָוויטש — דער פאָטער פון פּראָפעסאָר לודוויק ג. און דער זיידע פון פּראָפעסאָר וולאַדיסלאָוו ג. און פון דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם היסטאָריקער ד״ר מאַקסימיליאַן ג. ווי אויך ד״ר יוזעף עטינגער, (וועלכן די ווינער־עסטרייכישע מאַכט האָט געמאַכט שוועריגקייטן ביים פאַרנעמען אַ וויסנשאַפטליכן אַמט אין דער יאַגעלאָנער אוניווערזיטעט אין קראָקע און ערשט אין יאָר 1867 איז ער דאָרט באַשטימט געוואָרן אַלס דאָצענט).

די יידישע דעלעגאַטן זענען — גלייך ווי די פּאָליאַקן — דערשינען פאַרן מיניסטער אין זייערע פוילישע מלבושים, כדי עפנטליך באַווייזן זייער פוילישן פּאַטריאָטיזם. קייזער פראַנץ־יאָזעף האָט זיי דעם דאָזיקן ״חטא״ נישט געקאָנט מוחל זיין, איבערהויפּט, די יידישע דעלעגאַטען...).

הענריק מאַרקוספעלד איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1852 און וועון — כמעט 69 יאָר שפּעטער — אין אַ פרייטיק׳דיקן טאָג, פון אָקטאָבער 1921, האָט אויפגעשיינט די זון און מען האָט זיך דערוווסט וועגן פּלוצליגן טויט פון הענריק מאַרקוספעלד ז״ל, איז ממש דער טשענסטאָכאָווער הימל געוואָרן פאַרפינסטערט...

אַלע טשענסטאָכאָווער יידן, פון אַלע קלאַסן, זענען דערציטערט געוואָרן פון דער טרויעריקער ידיעה וועגן זיין פּלוצלינגן טויט און נישט נאָר די יידן, אַפילו, די גאַנצע קריסטליכע באַפעלקערונג האָט געפילט די גרויסע אַבידה פאַר דער גאַנצער שטאָט, ווייל דער פאַרשטאָרבענער האָט אַלעמען געהאָלפן אָן אונטערשייד פון גלויבן אָדער פאַרטייאישע ריכטונג.

אַ פאַראייניקטער לויה־קאָמיטעט פון אַלע יידישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס האָט פאַר׳עפנטליכט, זונטיק דעם 9־טן אָקטאָבער 1921, אַ פלוג־בלאַט אין יידיש און אין פּויליש, אין וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק דער טיפער טרויער פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג צוליבן פּלוצלינגען טויט פון דעם גרויסן פילאַנטראָפּ, עסקן און מענטשן־פריינט.

מיר דרוקן דאָ איבער די צוויי אַרטיקלען אין יידיש, ככתבם וכלשונם.

צום אַנדענק פון הענריק מאַרקוספעלד ז״ל

מיט׳ן אויפשיינען פון פרייטאָגדיקן טאָג, דעם 7־טן אָקטאָבער, האָט בליץ־שנעל זיך צוטראָגן די טרויעריגע ידיעה וועגן פּלוצלינגען טויט פון דעם דורך די גאַנצע, אָהן אויסנאַהם באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָדט בעליבטן, דעם פּאָפּולערען צווישן אַלע שיכטן פון אונדזער בעפעלקערונג, אונפערגעסליכן הענריק מאַרקוספעלד ז״ל, וועלכע האָט אונגעוועהנליך גערירט אַלע הערצער און זענען גלייכצייטיק כמעט אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין.

דאָס איז געווען אַ הומאַניטאַרע פּערזאָן אין פולען זינען פונ׳ם וואָרט — אַ פּערזאָן, פאַר וועמען קיינער פון אונדזער געזעלשאַפט, קיין שום שטרעמונג און קיין שום טענדענץ פון אונדזער אַפילו אָממעהרסטען קאָמפּליצירטען לעבן, איז נישט פרעמד געווען.

בעגאַבט מיט אַן׳אונגהויערער ענערגיע און אַ לויטערען אינטעלעקט, ווי אויך מיט אַן׳אמת׳ן אַלטרואיזם טראָגט ער אַריין אין אַלע לעבענס־געביטן אַ שעפערישען אימפּולס, אָהן שום אונטערשייד פון שטאַנד

און ריכטונג, רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט, וועלכער דיענט בלויז פאַר דער אידעע פון מענשענטום.

זעהר זעלטען שענקט דער גורל דער געזעלשאַפט אַזאַ פערזאָן, וועגן וועלכען מ׳קאָן גאַנץ דרייסט זאָגן, אַז ער אַליין האָט אַ סך מעכטיגער געווירקט לטובת אונדזער שטאָדט און איהר קולטורעל־געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג פון יעדען איינציגען פריהער פאַר איהם און אַז ער אַליין האָט מעהר אויפגעטהון, ווי אַ גאַנץ דור ביז איהם.

ער איז אָבער געוועזן נישט נאָר די נשמה פון דער ענטוויקלונג פון אונדזער שטאָדט, ער האָט נישט נאָר געשטיצט די דורך איהם געשאַפענע אינסטיטוציעס, ער האָט נישט נאָר אַלעמען געדיענט מיט ראָט און טאָט, נאָר דורך זיין אונבעגרעניצטער אָפּפערוויליגקייט האָט ער בעוויזן צו ציהען מיט זיך די גאַנצע בעפעלקערונג מיט׳ן צוועק צו שאַפען אינסטיטוציעס מיט געהעריגער הויך, וואָס ס׳איז אונמעגליך פאַר אַנ׳איינצעלנער פערזאָן.

איהם זענען נאָהנט געווען אַלע גייסטיגע, ווי אויך פיזישע בעדערפענישען פון דער בעפעלקערונג, ער האָט געזאָרגט צו שאַפען און צו ענטוויקלען גלייכצייטיג שולען פאַר אַלגעמיינע בילדונג, ווי די יידישע גימנאַזיעס און מוזיקאַלישע־פאַראיינען פאַר די יידישע יוגענד, ווי אויך די האַנטווערקער — און גערטנער — שולע פאַר פראַפעסיאָנעלע בילדונג.

אַנערקענענדיג די פיזישע ענטוויקלונג פון דער יוגענד אַלס אַן׳אונבעדינגטער תנאי פאַר דער מענשליכער געזונטהייט, גרינדעט ער אַ יידישן ספּאָרט — און טורן — פאַראיין און וועקט די יוגענד צו שאַפען אַ יידישע סקויטען־אָרגאַניזאַציע.

ס׳איז נישטאָ ביי אונדז קיין שום פּלאַץ, סיי געזעלשאַפטליכער, סיי פינאַנציעלער און סיי וואָהלטעטיגער, וווּ ער זאָל נישט זיין דער אָנפיהרענדער גייסט אין איהם און אין וועלכען ער זאָל דורך זיין געדאַנק און אונגעהייערער ענערגיע נישט אויפלעבן זיין טעטיקייט.

מיט אַ ביישפּיעל־לאָזען שוץ האָט ער בעשאַנקען אָרימע און פערלאָזטע און קיינער איז ביי איהם אָהן הילף נישט אַוועק.

דורך זיינע דירעקטע וואָהלטעטיגע מעשים, דורך זיין שטאַרקען די הערצער פון די פאַרצווייפעלטע און געפאַלענע, האָט ער זיך ערוואָרבען יענע אויסעראָרדענטליכע און אַזאַ בכבוד׳ע פּאָפּולאַריטעט, וועמעס אָנדענקען עס וועט אייביג לעבען צווישן אונדזער באַפעלקערונג.

אונגעהויער גרויס איז געווען די קולטורעלעגעזעלשאַפטליכע טעטיגקייט פון הענריק מאַרקוספעלד ז״ל ער איז געווען: פּרעזעס פון דער יידישער געמיינע; אַמאָליגער לאַנג־יעהריגער טעטיגער פּרעזעס און לעצטענס עהרען־פּרעזעס פון יידישן "דאַבראָטשינאָשטש"; גרינדער פון יידישן שפּיטאָל; פונדאַטאָר און פאַרוואַלטונגס־פּרעזעס פון דער האַנטווערקער־שולע און תלמוד־תורה; פונדאַטאָר און פּרעזעס פון דער גערטנער־פערמע; גרינדער און פערוואַלטונגס־מיטגלידער פון די יידישע גימנאַזיעס; עהרען־מיטגלידער און קאַסירער פון די פייערלעשער; עהרען־פּרעזעס פון יידישן טורן — און ספּאָרט — פאַראיין; גרינדער און פּאַטראָן פון דער סקויטען־אָרגאַניזאַציע "שומרים"; מיטגרינדער און דירעקטאָר פון דער טשענסטאָכאָווער "קרעדיט־געזעלשאַפט"; מיטגרינדער און מיטגליד פון ראָט פון דער טשענסטאָכאָווער געגנזייטיגער קרעדיט־געזעלשאַפט; גרינדער און עהרען־פּרעזעס פון יידישן סוחרים — און פאַבריקאַנטן — פאַראיין; פונדאַטאָר און עהרען־פּרעזעס פון דער נייער סינאַגאָגע; מיטגרינדער פון דער נייער מקוה; געוועזענער לאַנג־יעהריגער פּרעזעס — לעצטנס עהרען־פּרעזעס — פון "לינת־הצדק"; עהרען־פּרעזעס פון יידישן קליינהענדלער־פאַראיין; עהרען־פּרעזעס פון יידישן האַנטווערקער־קלוב; עהרען־מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט פון האַנדעלס — און אינדוסטריע־אָנגעשטעלטע; עהרען־מיטגליעד פון דער תלמוד־תורה "מחזיקי־הדת"; עהרען־פּרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו; עהרען־פּרעזעס פון "הכנסת־אורחים"; עהרן־מיטגליעד פון פרויען־פאַראיין "עזרה"; עהרן־פּרעזעס און פּאַטראָן פון דער יוגנד־אָרגאַניזאַציע "הרצליה"; עהרען־פּרעזעס פון צענטראַלען פערבאַנד פון די יידישע טורן — און ספּאָרט — פאַראיינען אין פּוילען.

דער פערלוסט פון דער דאָזיגער פּערזאָן אין אַנ׳אונגעהויערער שאָדען פאַר אונדזער גאַנצער געזעלשאַפט.

עהרע זיין אָנדענקען! ת. נ. צ. ב. ה.

ט. ק.

אַ זעלטענער טיפּ איז דאָס געווען

אָרם און רייך, יונג און אַלט, פֿאַבריקאַנטען און אַרבייטער, מאַן און פרוי, יוד און קריסט, אַלע האָבען איהם געקענט און אַלע האָבען וועגען איהם געוווּסט, ווייל אויך ער האָט אַלע געקענט, אויך ער האָט וועגען אַלע געוווּסט.

נישט מיט דער לעדיגער האַנט איז ער צו זיי געקומען. האָט נאָר העריק מאַרקוספעלד זיך דערוווּסט, אַז ביי אונדז אין שטאָדט גרייט זיך צו גרינדען אַ נייער פֿאַראיין, אַז מען וויל אויפבויען אַ פרישען אַנשטאַלט, איז ער גלייך געקומען און מיט זיין גרויסער נדבה געלעגט דעם גרונדשטיין פֿאַר דער אינסטיטוציע און געזאָרגט אויך ווייטער וועגען איהר עקזיסטענץ.

און געגעבן האָט ער אָהן אונטערשייד וואָס פֿאַר אַן׳־אינסטיטוציע דאָס זאָל נישט זיין, צו וועלכער ס׳איז ריכטונג דאָס זאָל נישט געהערען.

העריק מאַרקוספעלד גיט אַלעמען. ער שענקט פֿאַר אינסטיטוציעס, וואָס העלפען געזונדע און אויך אַזעלכע, וואָס זאָרגען פֿאַר קראַנקע, שטעהט אין דער שפּיץ פון געגענזייטיגע קרעדיט־אינסטיטוציעס, שאַפט און העלפט מיט צום אויפבוי פון יידישן שפּיטאָל; ער גיט פֿאַר הענדלער — און פֿאַבריקאַנטן — פֿאַראיינען און שטעלט זיך נישט אָב, גלייכצייטיג, צו שטיצען אַרבייטער־אינסטיטוציעס, העלפט אין אַ גרויסער מאָס אויפצושטעלען די נייע שוהל, בעמיהט זיך מיט אַלע מעגליכקייטן אויפצובויען די גרויסע מקוה און שענקט אין דער זעלבער צייט פערשידענע מכשירים פֿאַר די שטאָדטישע פייערלעשער און אויך פיעל געלד פֿאַר דער קריסטליכער "לוטאַניאַ".

אשתו של ר׳ לוי יצחק מרת רחל, היתה בתו של הרב ר׳ נחמיה, בנו של הצדיק ר׳ דוד׳ל בידרמן זצ״ל, שהתפרסם בשמו ר׳ דוד׳ל ללוב׳ער ואחותו של האדמו״ר ר׳ יעקלי מאפטא. בנו, של ר׳ לוי יצחק היה ר׳ יעקב אלחנן, שהיה נקרא בפי הבריות ״ר׳ חנא ר׳ לוי׳ס״ והיה מגדולי החסידים וממיסדי ה״שטיבל״ דשידלוב (על שם ר׳ מאיר דוד מרדכי האדמו״ר משידלוב, שהיה בנו של ר׳ יעקלי מאפטא שכבר הזכרתי וחסידו של בעל ה״תפארת שלמה״ מראדומסק).

בניו של ר׳ יעקב אלחנן (דמתקריי ר׳ חנא) היו: 1) דוד ישכר שו״ב, מזקני השוחטים בצ׳נסטוחוב ומותיקי חסידי

ראדומסק שבה; 2) משה נחמיה; 3) ר׳ שלמה מאיר (השו״ב בצ׳לאדז׳); 4) חתנו ר׳ יוסף ישעיה ווארגון.

בניו של ר׳ דוד ישכר שו״ב היו: ר׳ מגדל שלמה (אביהם של אברהם, יעקב ויצחק גוטליב ואחותם דורקה שזכו לעלות ארצה), ור׳ נחמיה שו״ב, שנרצח על ידי הרוצחים הפולנים בזמן הפוגרום, ביום 27 למאי 1919.

כפי שכבר הזכרתי לעיל הסתעפה ממשפחה זו גם משפחת ווארגון.

הסבא של ר׳ יוסף ישעיה ווארגון, (מצאצאי ר׳ שלמה ווארגון מוולושצובה, הנודע לתהלה) היה מנכבדי הסוחרים שבצ׳נסטוחוב. בעל שתי חנויות למנופקטורה ב״שוק החדש״ ובסמטת ה״שוק הישן״. מחסידיו הנאמנים והמסורים ביותר של האדמו״ר מראדומסק (בעל ה״חסד לאברהם״), התפלל אצל רבו ״תפלת השחרית״ בימים הנוראים והתוקע בשופר בראש השנה, והיה גם בין מלוויו בנסיעותיו לאדמו״ר ר׳ אברהם, ״המגיד מטריסק״ זצ״ל.

לסבי היו ארבעה בנים והם: ר׳ שלמה, ר׳ שמואל־ליב, ר׳ צבי הירשל ודודי ר׳ לוי יצחק, שהצטיין במיוחד במדותיו התרומיות, התפרסם כעילוי ולמדן מופלג מבחירי תלמידיו של ר׳ משה אהרן הלוי, רבה של פצנוב ומחבר הספר ״נר למאור״.

דודי ר׳ לוי יצחק היה מפורסם במסירותו לצרכי ציבור ובמיוחד בעסקנותו למען ישיבת ״כתר תורה״ מיסודו של הרבי מראדומסק. (הוא מת מות־קדושים וטהורים על ידי קלגסי היטלר ימ״ש, יחד עם בני עדתו).

מצאצאיו ניצולו שלש בנותיו: שפרה־סטפה, רחל ורייזל, זכו לעלות ארצה ולהשתרש בה.

י. א. פלאי־פיליק

השו״ב ר׳ דוד גוטליב ז״ל

ר׳ דוד שו״ב היה בנו של ר׳ יעקב־חנא, שהיה מכונה בפי יודעיו כר׳ חנא ר׳ לוי׳ס (נינו של הצדיק רבי דוד מללוב זצ״ל) וחתנו של השו״ב ר׳ משה קאופמן.

ר׳ דוד דנן לא ראה את מקצועו — השחיטה — כמקור פרנסה גרידא, אלא כעבודת־הקודש וברכתו ״על השחיטה׳ היתה נאמרת על ידו בדחילו ורחימו ממש.

כל שעתו הפנויה הקדיש ללימוד תורה, ועיון בספרי חסידות ואפילו בהמצאו בבית המטבחיים או בחדר־השחיטה לעופות היה מונח לפניו ספר פתוח והיה מעיין בו בין שחיטה לשחיטה בכדי לקיים מצות ״והגית בו יומם ולילה״.




השו״ב ר׳ דוד גוטליב ז״ל

הוא היה מחסידי ראדומסק ובמשך שנים רבות שימש גבאי ״בית־החסידים״ דראדומסק וכאחד העוברים לפני התיבה ב״ימים הנוראים״, במועדי ישראל ובשבתות השנה.

עד לשנת פטירתו כובד בהוצאת ספרי־התורה לפני תפלת ״כל נדרי״ ובאמירת ״אור זרוע לצדיק ולישרי־לב שמחה״ ופסוק זה נאמר על ידו בהתרגשות רבה ובחרדת־קודש.

האדמו״ר מראדומסק כשהיה סר לצ׳נסטוחוב התארח בבית השו״ב ר׳ דוד, שהיה מתמלא מהמון החסידים שנהרו לרבי מאנשי המקום ומכל הסביבה.




אשתו גיטל ז״ל

הוא נפטר בגיל של 72 שנה בער״ח שבט תרפ״ד. ארונו הובא לבית־החסידים דראדומסק והרבי ר׳ פייביש ז״ל הספידו בדברים נרגשים וסיפר על מעשיו הטובים והתנהגותו במילי דשמיא ודארעא.

אשתו גיטל האריכה ימים אחריו ונפטרה בשיבה טובה בשנת תרצ״ז.

ר׳ מנחם מענדל שלמה גוטליב ז״ל



בנו־בכורו של השו״ב ר׳ דוד נולד בצ׳נסטוחוב בשנת תר״ל (1870). מנעוריו למד בחדרים שונים ובעיקר — אצל ר׳ חיים צבי־הירש ברקוביץ ז״ל שהיה בדורו אחד הלומדים המובהקים, בקי בש״ס ובפוסקים במידה יוצאת מן הכלל. ר׳ מנחם שלמה נמנה בין תלמידיו עד לנשואיו עם פערל — בת רבו הנזכר.

גם הוא נמנה על חסידי ראדומסק והיה סר לבית רבו לכל ראש־השנה ולקח אתו גם את בנו הצעיר, בכדי לחנכו בדרכי החסידות ויראת־שמים.

הנסיעה היתה נערכת תמיד בצוותא כשעדת חסידים עושה את דרכה בשירה ובזמרה של פרק תהלים ובשתית ״לחיים״.

כל ימי חייו קבע עתים לתורה והקפיד על תפילה בציבור בכל ימות השבוע.

ביום הכיפורים בשנת תרצ״ה התפלל וצם כרגיל בבית־החסידים דראדומסק ובשובו, במוצאי יום הצום, לביתו הבדיל כנהוג וכשהתיישב על יד שולחנו לסעוד את סעודתו שלאחר הצום הותקף בשטף דם במוח שגרם גם לשיתוק חלקי. כל מאמצי הרופאים לא הועילו ובמוצאי הימים הראשונים של חג הסוכות נפטר והוא רק בן 64 שנה.

המנוח השאיר אחריו ארבעה בנים ושלש בנות שמהם עלו ארצה (מחוץ לאשתו פערל) גם שלשת בניו ואחת מבנותיו עם משפחותיהם (יתרם נספו יחד עם משפחותיהם על ידי קלגסי היטלר ימ״ש).



אשתו פערל ז״ל

אשתו, פערל, הצטיינה במידותיה הטובות והיתה גם בבחינת ״עזר כנגדו״ בעניני פרנסה. והרבתה לפעול למען עניי העיר ודאגה לצרכיהן של כמה משפחות והפרישה מלחמה וגם משל נדבנים אחרים לטובת הנזקקים.

היא עלתה ארצה יחד עם בנה הצעיר יצחק בשנת 1936.

נפטרה בשיבה טובה ביום כ״ד בסיון תש״ח והובאה למנוחת עולמים בבית־העלמין שבנחלת־יצחק.

א. ג־ב

פינף דורות פון משפחת קאַן

אין די היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן יידישן טשענסטאָכאָוו געפינען מיר אפט פרטים וועגן די פאָרדינסטפולע מעשים פון די משפחת קאַן, מאַרקוספעלד, גינזבורג, לאַנדוי. די דאָזיקע נעמען ווערן דערמאָנט אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכע אָדער עקאָנאָמישע מעשים. אין די קולטורעלע און פילאַנטראָפישע מעשים טובים ווערן באַזונדערס דערמאָנט, די מאַרקוספעלדס, אין די מוניציפּאַלע

ענינים — די קאָנ׳ס און וועגן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון שטאָט, די דערמאָנטע נעמען און אויך די גינזבורג׳ס און די לאַנדוי׳ס.

די דאָזיקע נעמען זענען געווען ענג פאַרבונדן אין איין פאַמיליען־בונד, און זייער מגילת־היוחסין האָט זיך אנגעהויבן פון יוסף קאָן, דער פאָטער פון בערנאַרד קאָן.

וועגן בערנאַרד (בער) קאָן ווייסט מען, אז ער איז געווען דער ערשטער פולבארעכטיקטער יידישער שטאָט־ראטמאַן, שוין אין יאָר 1862 און האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער האַרמאָנישער צוזאמענאַרבעט צווישן דער יידישער און נישט־יידישער טשענסטאָכאָווער באַפעלקערונג.

נאָך דער גרויסער שריפה אין יאָר 1862, ביי וועלכער אַ גרויסער טייל פון דעם אָרעמען שיכט יידן האָבן באַזונדערס געליטן, איז געשאַפן געוואָרן אַ „געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט״ פון יידן און פאָליאַקן און אין זיין שפיץ זענען געשטאַנען דער אָרטיקער גלח און, להבדיל, דער שטאָט־רב, פאַרזיצער פון דעם קאָמיטעט איז געווען בערנאַרד קאָן.

ס׳איז נישט קיין שום ספק, אז דאָס וואָס בערנאַרד קאָן האָט זוכה־געווען צו זיין אלס יידישער שליח־ציבור — פאַרזיצער פון געמיינזאַמען קאָמיטעט, ווי אויך ראטמאן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, פון דער יידישער קהלה (וועלכע האָט דעמאָלט שוין געציילט 3660 נפשות) צוזאַמען מיט נישט־יידן, מענטשן מיט הויכער וועלטלעכער בילדונג און מיט פאַרשידענע אַמביציעס אין זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז געווען אַ רעזולטאט פון זיינע באַזונדערע פעאיקייטן צו ווערן אַן אנגעזעענער טוער אינעם יידישן לעבן.

בערנאַרד קאָן איז אויך מאַטעריעל געווען אין אַ גוטער סיטואַציע אלס באַזיצער פון אַ מיל, וועלכע איז שפּעטער, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער באַקאַנטע פּאַפּיר־פאַבריק. ער איז געווען פאַרקניפּט דורך קרבת־משפחה און געשעפטלעך מיט די אויבנדערמאָנטע אנגעזעענע משפחות פון טשענסטאָכאָוו: מארקוספעלד, גינזבורג און לאַנדוי. מיט די דאָזיקע משפחות וועלכע זענען געווען אַזוי צוגעבונדן צו טשענסטאָכאָוו, דאָרט געלעבט צוזאַמען געשאַפן און ברייט־אַנטוויקלט פאַרשידענע פּראָדוקציע־צווייגן וועלכע זענען געוואָרן אַ ברכה פאַר דער שטאָט ווי למשל: די פּאַפּיר־פאַבריק „וואַרטע״, די טאַפּעטן פאַבריק א. ז. וו.

הגם, די דאָזיקע משפחות האָבן אין אַ געוויסע תקופה געהאַט אַסימילאַטאָרישע באַגריפן, האָט קיינער פון זיי נישט פאַרלאָזט דאָס יידישע פאָלק (איין איינציקער פּאַל



אַ בילד פון פאַמיליע קאָן — פון די ערשטע בויער פון שטאָט

האַט געטראָפן אין די ענג־פאַרקניפטע משפחות, דווקא פון לעצטן דור און ערב דעם היטלער־חורבן, האָט איינער פון זיי זיך געשמדט צוזאמען מיט זיין פרוי).

לודוויק קאַן האָט באַקומען אַלגעמיינע וועלטלעכע בילדונג, זיך ספּעציאַליזירט אין עקאָנאָמישע אינסטיטוטן אין ברעסלוי (שפּעטער וורצלאַוו), און אויך באַהערשט עטלעכע אייראָפּעאישע שפּראַכן.

לודוויק האָט חתונה־געהאַט מיט משה פיינקינדס אַ טאָכטער, קאַראָלינא (משה פיינקינד איז דעמאָלט געווען דער פאַרזיצער פון דער גרעסטער יידישער קהלה אין פוילן — וואַרשע). קאַראָלינע קאַן, וועלכע האָט נאָך איר חתונה זיך באַזעצט מיט איר מאַן אין טשענסטאָכאָוו האָט אַסך משפּיע געווען, אז די משפּחה קאַן זאָל ווערן איינע פון די מוסטערהאַפטע יידישע משפּחות אין טשענסטאָכאָוו.

לודוויק קאַנס הויז איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַנדערע פיל יידישע משפחות מיט זייער באַשיידענעם לעבנסשטייגער און פשטות, מאכנדיק דערביי זייער באשיידענע וווינונג אין דער מיל (שפּעטער — פּאַפּיר־פאַבריק) אויף דער קראָקאָווער גאַס, ממש פאַר אַ בית־פּתוח לרווחה, זיי האָבן אויסגעהאַלטן דאָס באשיידן איינגעאָרדנטע שולעכל אויפן שטח פון דער פאַבריק, ווי אויך זיך ארומגערינגלט מיט יידישע באַאַמטע וועלכע זיי האָבן באַשעפטיקט ביי זיך, זייער גאַנץ לעבן. די קאַנס האָבן אויין געזאָרגט דערפאַר, אז די קינדער פון זייערע באאמטע זאָלן באַקומען מאָדערנע, וועלטלעכע בילדונג און אַסך פון זיי האָבן טאַקע דערגרייכט צו העכערע שטאַפּלען אינעם אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַחוץ זייער מאַטעריעלע שטיצע, וואָס זיי האָבן געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט פאַר אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס — האָבן לודוויק קאַן, צוזאַמען מיט זיין פרוי קאַראַלינא, אייך גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער וויכטיקער אַרבעט לטובת די אינסטיטוציעס אינעם גייסט פון יענער תקופה.

לודוויק קאַן איז געשטאָרבן אין יאָר 1919 אין עלטער פון 77 יאָר, זיין פרוי האָט געלעבט נאָך 16 יאָר און איז געשטאָרבן אין 1935, אַלט זייענדיק 93 יאָר. קאַראָלינא קאַן האָט אויך נאָך איר מאַנס טויט דערהאַלטן די גאַנצקייט פון דער משפחה. ביז די לעצטע טעג פון איר לעבן איז איר מוסטערהאַפט פאַמיליען־הויז געווען דער צענטראַלער פונקט פאַר דער גאַנצער קאַן־משפחה.

לודוויק און קאַראַלינא קאַן האָבן געהאַט צוויי טעכטער און דריי זין, די עלטסטע טאָכטער, מעלא, האָט חתונה געהאַט מיט דעם באַקאַנטן מעדיצין־דאָקטאָר, גוסטאַוו היימאַן (געשטאָרבן אין 1951 אין לאדזש), די צווייטע טאָכטער, טעקלא, האָט חתונה־געהאַט מיט מאוריצי שפּרעכר, אַ זון פון אַ מיוחסדיקער משפּחה פון לעמבערג (ביידע זענען אומגעקומען אין דער היטלער־צייט), די ביידע איידעמס האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די געשעפטן פון משפּחת קאַן, היימאַן האָט פּראַקטיצירט אלס דאָקטאָר און שפּרעכער איז געוואָרן אַ גרויסער אינדוסטריעלער אין עסטרייך; אָבער די דריי זין: לעאָפּאָלד, אַלפרעד און מאוריצי האָבן אַקטיוו געאַרבעט און זיי האָבן פאַרברייטערט זייערע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען מיט גרויס הצלחה.

לעאָפּאָלד, דער עלטסטער פון די ברידער איז געבוירן אין 1867 (געשטאָרבן אין געטאָ אין יאָר 1942). ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע און באַקומען אַ דאָקטאָר־טיטל, ער איז געווען פאַרהייראַט מיט נעמי בעקערמאַן, די טאָכטער פון גרויסן גביר און באַקאַנטן נדבן פיאטר בעקערמאַן פון ראַדאָם.

לעאָפּאָלד, דער עלטסטער פון די ברידער, איז געווען גלייך צו זיין קוזין, דער באַקאַנטער פילאַנטראָפּ, הענריק מארקוספעלד, וואָס איז נוגע די טעטיקייט אייפן געביט פון געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן, הגם, בדרך־כלל, האָט ער נישט געהאַט קיין באַזונדערע אַמביציעס האָבן אים זיינע גרויסע פינאַנציעלע פעאיקייטן דערמעגלעכט צו באַווייזן אַ געוויסע אַמביציע — דערפירן זיין לעבנסווערק — די פּאַפּיר־פאַבריק — אלס איינע פון די גרעסטע פּאַפּיר־פאַבריקן אין פוילן. ד״ר לעאָפּאָלד קאַן איז יאָרן לאַנג געווען אַקטיוו אינעם אַלגעמיינעם פוילישן אינדוסטריעלן פאַראיין אלס געוויילטער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד ווי אויך, אין די איבעריקע דעצידירנדיקע פאַקטאָרן פונעם פוילישן פּאַפּיר־סינדיקאַט.

נאָכן טויט פון זיין קוזין, הערמאַן גינזבורג, איז ער אויך געוויילט געוואָרן אַלס פּרעזעס פון דער ״וואַרטא״ און איז געבליבן אויף דעם דאָזיקן אַמט ביז צום היטלער־חורבן. ער איז אויך געווען במשך זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן, איינער פון די טעטיקע מיטגלידער אין דער ״בני־ברית״־לאזשע, אין דער קראָקאָווער אפּטיילונג.

פון ד״ר לעאָפּאָלד קאַנס צוויי טעכטער, לעבט אין ישראל פרוי יאנינא, אַן אַלמנה וועלכע איז געווען פאַרהייראַט מיט ד״ר יוליוס שלייכער, אַ זון פון

ד״ר פיליפ שלייכער, וויצע שטאַט־פּרעזידענט פון לעמבערג, איינער פון די אנפירנדיקע פערזענלעכקייטן פון גאליצישן יידנטום. הגם ער איז געווען לויט זיין איבערצייגונג אן עקסטרעמער אסימילאַטאָר, האָט ער אין זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן געענדערט זיינע אַנשויונגען, זיך געווידמעט דער אויפבוי־אַרבעט פון ארץ־ישראל און געווען פון די אַקטיווע אגענץ־מיטגלידער צווישן די נישט־ציוניסטן אין פוילן.

אינזשיניער אלפרעד קאַן — דער דריטער ברודער פון דער משפחה, האָט אויך גענומען אן אַקטיוון אנטייל אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון דער קאַן־משפחה, אַדאַנק זיין פרוי אַדעלאַ (פון דערהיים פרענקל), וועלכע איז דערצויגן געוואָרן אין קיעוו אין אַ משפחה פון געזעלשאַפטלעכע טוער אין גרויסן פאַרנעם. נאָך פאַר דער ערשטער מלחמה־צייט איז אויך ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער לאָקאַלער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. נאָכדעם ווי אַלפרעד און אַדעלאַ קאַן האָבן זיך באַזעצט אין טשענסטאָכאָוו, איז זייער הויז געוואָרן אַ צענטער פאַרן ציוניסטישן געדאַנק.

פרוי אַדעלאַ איז געווען די גרינדערין און אַקטיווע טוערין פון דער ציוניסטיער פרויען־אָרגאַניזאַציע, „וויצא״.

יאנינא שלייכער

מהווי עירנו

עזריאל בן-משה (יעקוביביץ)

הפרעות ביום 20 למאי 1919

כשפרצו הפרעות ביהודי צ׳נסטוחוב, בשנת 1919, הייתי בן ארבע, אולם לא אוכל למחות מזכרוני את תמונות הפוג־רום שנחרתו בזכרוני וניצבות הן לנגד עיני, עד היום הזה.

זכורני את אזהרת אבי, בשעות הבוקר המוקדמות של אותו יום חמישי ״בל תהין לצאת לרחוב״. הרגשתי שמשהו בלתי רגיל עומד להתרחש. ראיתי ריכוזים גדולים של פולנים מערים אחרות וביניהם בלטו במיוחד ה״האלרצ׳י־קים״.

המתיחות הלכה וגברה מרגע לרגע ופתאום החלו היהו־דים לסגור את החנויות ולבצר את שערי הכניסה לבתיהם.

והנה החלו לזרום מחנות פורעים. בני־בליעל ואנשי ״העולם התחתון״ התנפלו על החנויות היהודיות, פתחון ושדדון. הצעקות המחרידות ״מות ליהודים״ הדהדו באויר ואותם היהודים האומללים, שלא הספיקו להימלט ולהיעלם מתחום ראייתם של הפורעים נהרגו במקום.

מחלונות דירתנו, — בביתו של שמאי טננבוים, — יכולתי לחזות במחזה־אימים זה.


יהודי אחד, שאיחר להסתתר, רץ מבית לבית, משער לשער וניסה להינצל מידיהם האכזריות של הפורעים. מכיוון שכל דלתות ושערי הבתים היו נעולים, השיגוהו הפורעים והכוהו עד זוב דם והוא נפל ליד שער ביתם של המלמדים פנחס ארקוש וגולד. היהודי ניסה להתגונן, אך כוחותיו עזבוהו והם לא סרו ממנו עד אשר ראו שלולית דם מסביבו.

לרגע הושלך הס, חשבנו שכבר חלפה הרעה, והנה הופיע פולני, לבוש נאה, הוא נגש ראה את הגופה השותתת דם וקבע כנראה שעדיין נושמת היא. חשבתי שהוא בא להגיש עזרה לפצוע קשה, אך ה״פולני האדיב״ בעט בגופה כמה פעמים (שמו של הנרצח היה צבי דזיאלושינסקי).

ההתרגשות בביתנו, שבו התאספו גם השכנים, היתה עצומה. נשים התעלפו וגעו בבכי. אבי דרש לפתוח את השער, לצאת ולאסוף את הגוסס, אולם השכנים התנגדו וטענו, שההמון הפרוע והצמא לדם עלול להתפרץ פנימה ויתווספו עוד קרבנות...

באותו יום־דמים נהרגו יהודים במקומות שונים ברחבי העיר. ביחוד הצטיינו הפורעים במלאכתם בבית־המטבחיים, בו נהרגו גם כמה שוחטים. להלן שמות היהודים שנרצחו באותו יום מר ואכזרי.

משה ניסנוביץ, משה בראקמן, צבי הירש דזיאלושינסקי, אנטשל צימרמן והשוחט ר׳ נחמיה גוטליב הי״ד, ששניהם מחבריו לעבודה נפצעו קשה בבית המטבחיים.



קבר־האחים של חמשת ההרוגים, בפרעות בשנת 1919

מספר היהודים שנפצעו קשה הגיע ל־15 ושל הפצועים קל — 37.

א. כראַבאַלאָווסקי, ז״ל

די בלוטיקע טראַגעדיע

איך האָב אַדורכגעמאַכט דעם גיהנום פון לעבן אין זיין גאַנצער ברייט. אין דער וועלט־מלחמה האָב איך מאַרשירט איבער פעלדער מיט הרוגים און זיך געבאָדן אין ים פון הונגער־טויט, פּיין און מענטשלעכע ליידן. נאָר דאָס אַלץ ווערט בלאַס קעגן דעם, וואָס מ׳רופט פּאָגראָם, דער שרעק פון אַלע שרעקן, דער מענטש אין זיין בלוטיקער משוגעת און אַכזריות. ווי דורך אַ מאַך מיט אַ טייוולאָנישער האַנט ווערן אָפּגעמעקט אַלע געזעצן פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. דער מענטש ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ בלוטדאָרשטיקער חיה און שוינט קיינעם נישט — קיין זקן, פרוי און קינד; ער ברעכט, שטעכט, דערמאָרדעט, רויבט, ווערט צוריק אַ באַרבאַר, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

פון אַלטע צייטן איז דער בלוטיקער נעראָן געבליבן אַ שרעקנסוואָרט; כדי זיין הערשאַפט צו באַפעסטיקן, האָט ער דעם אָנגעזאַמעלטן צאָרן, הונגער, ליידן און כעס פון שקלאַף און אונטערטאַן, געוואָלט שטילן מיטן בלוט און מאָרד פון שוואַכערן און הילפלאָזן. זיין גייסט געפונט נישט קיין מנוחה און ווערט געיאָגט פון איין אָרט אויפן צווייטן און איינמאָל איז זיין בלוטיקער גייסט אַראָפּ אויך אויף אונדזער טשענסטאָכאָוו.

ס׳איז געווען אַזוי:

אין חודש מאַי 1919, ווען דער פרילינג האָט געבליט. דער שאַפערישער וועלט־כח האָט מאַלעריש באַפּוצט מיט גרינס און בלומען פעלדער, פּאַרקן, גערטנער און הויפן. די צווייגן פון די צוויי רייעןביימער אויף דער צווייטער אַלייע האָבן זיך צעוואַקסן, צעבליט און זיך פון ביידע זייטן צוזאַמען געפלאָכטן, ווי זיי וואָלטן געמאַכט אַ פּאַראַדע־וועג פאַר׳ן פרילינג.

ס׳איז געווען אַ שווערע צייט, ס׳איז נישט געווען וואָס צו עסן. עס נאָגט דער הונגער דעם אָרימען מענטשן; ס׳פעלט אַרבעט פאַר׳ן מענטשענ׳ס הענט; ס׳וויינען קינדער און שרייען ברויט! עס גייען אַרום פאַרצווייפלטע טאַטע־מאַמע און שטילן זייער ווייטאָק מיט׳ן ביטער׳ן טראָפּן, וואָס ס׳איז זיי געלונגען ערגעץ צו באַקומען.

און אויף די קרעסן פון פּוילן פלאַקערט אַ מלחמה פאַר פּוילנס היסטאָרישע גרענעצן. אויף די גאַסן הערשן הפקר־מענטשן, אויסוואָרפן פון דער גאַנצער וועלט אין פאַרשידענע מיליטערישע מונדירן, ווילדעווען פריי און הפקר; שלאָגן יידן, שניידן יידישע בערד; עס וואַקסט דאָס הפקרות, עס פאַרשווינדט דער מענטש, און עס געוועלטיקט די חיה.

און די אַנטיסעמיטישע צייטונגען העצן: ״יידן שיסן פון זייערע באַהעלטענישן אויף פּוילישע זעלנער״, ״יידן שפּיאָנירן פאַרן שונא״, עס זאַמעלט זיך אין פאַרביטערטע, פאַרצווייפלטע הערצער כעס, צאָרן און מאָרד־לוסט!

פּלוצלינג, אין איין טאָג, געפינען מיר זיך אין אַ וויסטן, ווילדן מדבר. אַ מענגע גאַסן־ברוקירער וואַרפט זיך אויפן יידישן פעלדשער נאָסאַנאָוויטש, וואָס אַ זעלנער פירט צו אַ צווייטן פאַרוווּנדעטן זעלנער, און צעהאַקט אים מיט זייערע לאָמען און רידלעס. דאַן הייבט זיך עס אָן. ווי אַ חיה, וואָס האָט פאַרזוכט בלוט, לאָזן זיך מאַסן ציווילע און זעלנער אויף די יידישע אָרימע גאַסן, שלעפּן אַרויס דעם שוחט ר׳ נחמיה גאָטליב פון שעכט־הויז און צעהאַקן זיין שיידל מיט שטעקנס און דרענגער; דערהרגענען דעם בעקער־געזעלן לעבן זיין בעקעריי, דערשטעכן דעם מעקלער הערשל דזשאַלאָשינסקי לעבן דער טיר פון זיין אַלטער מוטער, וואָס ער איז געלאָפן באַשיצן, זיי דערשטעכן אים מיט אַ זעלנערישן באַגנעט פאַר דער מאַמעס אויגן, איר יונגן, איינציקן זון, ברעכן פענצטער, טירן, צעשיטן אויפן גאַס קישנ׳ס און פערינעס פון אָרימע היימען און רויבן, ווילדעווען, שעלטן און שרייען: ״שלאָג, מאָרדע!״ ״פּוילנס פאַררעטער — ״דעם יידן!״.

עס איז נאַכט געוואָרן. אַ וויסטער עלנט און נאַכט־

פינצטערניש האָט באַהערשט די אָרימע יידישע גאַסן. קיינער האָט קיין ליכט אין הויז נישט אָנגעצינדן. די קליינע הייזלעך האָבן זיך ווי איינגעקאָרטשעט, זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן, ווי אַ שוצלאָזע סטאַדע שאָף, וואָס איז באַפאַלן געוואָרן פון בלוטיקע וועלף. דער אַלטער, אייבי־קער אומגליק האָט דאָ ווידער זיין האַנט פאַרשפּרייט!

אויף צומאָרגנס איז ביי זיי געווען יום־טוב פון "היימ־גאַנג". מאַסנווייז, — צווישן זיי אויך די אנטיסעמיטישע העצער און די מערדער — האָבן זיי געקניט פאַר'ן בילד פון דער הייליקער מוטער, די באַשיצערן פון פוילן און מוטער פון געקרייציקטן, דער סימבאָל פון ליבע און רחמנות צום מענטשן... די זון האָט געשיינט, אויף די טראָטואַרן און אין די פּאַרקן האָבן שפּאַצירט יונגע פּאַר־לעך און זיך געפרייט מיט זייער יוגנט און ליבע...

און ביי אונדז איז געווען תשעה־באב, אַלע זענען מיר געווען אָבלים, קיינער האָט דאָס פּנים נישט געוואַשן. אַ וויסטער טרויער האָט זיך צעלעגט אויף יידישע פּנימער און אין יידישע הערצער, ווייל דאָרט, אין מתים־שטיבל פון יידישן שפּיטאָל, זענען געלעגן פינף יידן, אַלטע און יונגע, מיט צעבראָכענע קעפּ־שיידלעך, אַרויסגעזעצטן מאַרך, אויס־געגאָסענע אויגן, פאַרבלוטיקטע הערצער, ווי עדות פון שאַנד און בראָך פון מענטשן.

צומאָרגנס — דעם דריטן טאָג — האָט זיך די גאַנצע שטאָט יידן, מענער און פרויען, פאַרזאַמלט פאַרן יידישן שפּיטאָל און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פאַרביטערטע הערצער געוואַרט אויף דער לוויה. זיידעס און קינדער, שוואַרץ־האָריקע און גרויע קעפּ, האָבן זיך צוזאַמען גע־מישט. פאַר די טויערן האָבן זיך אויסגעשטעלט צוויי רייען בחורים, צונויפגעפלאָכטן די הענט, כדי צו האַלטן פריי דעם וועג אַדורכצולאָזן דעם טויטן־צוג.

עס האָבן זיך געעפנט די שפּיטאָל־טויערן און אַ שוואַרץ־פינצטערער פּאַראַד פון ארונות האָט זיך באַוויזן: פרומע יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס האָבן געטראָגן זייער שוחט, מיטל־יעריקע יידן אין קאַפּעלושן האָבן געטראָגן זייער פעלדשער, פאַרשידן־געקליידעטע יידן־הענדלער, האָבן געטראָגן זייער מעקלער; יונגערע בעקער־געזעלן האָבן געטראָגן זייער בעקער־אַרבעטער און גאָר יונגע אַרבעטער האָבן געטראָגן זייער חבר.

פּלוצלינג האָט זיך ווי אַ צעשטורעמטער ים אויפגעהויבן אַ יללה־געוויין פון דער ריזיקער מאַסע, וואָס האָט צעש־טורמט די לופט און זיך געריסן צום הימל. דאָס האָט די אָרימע מאַסע פון יידישן קוואַרטל אויפגעהויבן אַ געשריי צום הימל מיט דער ווייטאָקדיקער פראַגע: "פאַרוואָס?" פאַרוואָס איז אַזוי שווער זייער לעבן און אַזוי גרויזאַם זייער



די 5 קרבנות, פונעם פּאָגראָם — דעם 20־טן מאַי 1919.
משה ניסענאָוויטש, משה בראָקמאַן, צבי־הירש דזיאַלאָשינסקי, אנטשל צימערמאַן און דער שוחט ר׳ נחמיה גאָטליב — ד׳ ינקום דמם!

טויט? שווערע, הונגעריקע מלחמה־יאָרן פון עפּידעמיעס און טויט פון זייערע קינדער האָבן זיי געליטן, געהאָפט און געוואַרט, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, דער הונגער וועט נישט נאָגן זייערע לייבער און די עפּידעמיעס וועלן נישט פאַרצערן זייערע עופעלעך — נו, האָבן זיי זיך דערוואַרט דעם "ליכטיקן טאָג" פון פּוילנס באַפרייונג! און אָ, גאָט, אַ, הימעל, פאַרוואָס און פאַר ווען??

און איבערן הימעל האָבן זיך געצויגן שוואַרצע וואָלקנס, ווי ער וואָלט פאַרשטעלט זיין פּנים נישט צו זען דעם צער און פּיין פון די מענטשן אויף דער ערד...

דערנאָך האָט זיך אַ שוואַרצער צוג געצויגן אויפן וועג צום בית־עולם. פוןביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן גרינע לאָנקעס און אויפגייענדיקע זאַנגען־פעלדער, נאָר היינט האָבן זיי זיך, ווי די הערצער פון די מענטשן אין לוויה־צוג, פאַרשלייערט אין שוואַרצן, ווי זיי וואָלטן מיט־געגאַנגען מיט דער שוואַרצער לוויה. דער מענטשן־צוג מיט די פינף אָרונות איז דערגאַנגען צום בית־עולם, אַרומגע־רינגלט די פינף ברידער־קברים און מיט דערשיטערנדיקע קולות געשריגן צו די טויטע נישט צו שווייגן אין הימעל און נישט לאָזן פאַרשווייגן זייער שוידערלעכע טראַגעדיע.

נאָר די טויטע וועלן ווייטער רואיק ליגן אין זייערע קברים. קיין רו קענען גאָר נישט געפינען די לעבעדיקע. אַ ווייטאָקדיקער פּיין וויקלט זיך, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג, אַרום האַרצן און וויל זיך נישט קילן און וויל זיך נישט שטילן!

ו. ה.

דער דריי טעגיקער פּאָגראָם

(אין חודש מאַי 1937)

מיר האָבן געפונען פאַר נויטיק איבערצודרוקען די שילדע־רונג פונ׳ם פּאָגראָם אויף יידן, וואָס די פּוילישע כוליגאַנעס האָבן דורכגעפירט אין משך פון 3 טעג — פון שבת דעם 19 מאַי 1937 ביז מאָנטיק, דעם 21 מאַי, וועלכע איז פאַר׳עפענ־טליכט געוואָרן אין "פאָרווערטס" פון 27 מאַי 1937, דורך אברהם ליטמאַן.

די דאָזיקע שילדערונג גיט אַ באַגריף אין וועלכע באַדינ־גונגען האָבן אונדזערע טשענסטאָכאָווער ברידער געלעבט אין די לעצטע יאָרן, פאַר זייער פולשטענדיקן אונטער־גאַנג:

"...שבת, דעם 19־טן מאַי האַלב צען אינדערפרי, ווען דער חזן אין דער שטאָט־שול האָט געהאַלטן ביים ענדיקן די תפילת מוסף, איז פּלוצלינג אַריין אַ ייד און מודיע גע־ווען, אַז אַ ייד האָט אין גאַס דערשאָסן אַ פּאָליאַק. עס איז באַלד געוואָרן אַ גרויסע פּאַניק. מען האָט אויף שנעל אַראָפּ־געוואָרפן די טליתים און זיך געלאָזט לויפן אַ היים. די גאַסן זענען שוין געווען פול מיט דערשראָקענע יידן, וואָס האָבן זיך געאיילט אַ "היים"...

ביז זעקס פאַרנאַכט זענען פאָרגעקומען בלויז עטליכע אָנפאַלן אויף יידן. אבער פון זעקס ביז עלף ביינאַכט האָט זיך דער פּאָגראָם אויף יידן צושפּרייט איבער פאַרשידענע גאַסן. מיר זענען אַרויס פון שטוב און זיך געלאָזט אין די אַלעען, אַבער דאָרט האָב איך דערזעען אַ שרעקליך בילד. די כוליגאַנעס האָבן אַרויסגעריסן די בענק פון די אַלעען און מיט זיי צו האַקט און אויסגעבראָכן די פענסטער.

אַבער, ביז צו דער "נחמה" — פּאָליצייאישע פּאַטרולן — איז אַרויס די "נשמה"... די כוליגאַנעס האָב׳ן דערווייל באַוויזן אויפצוברעכען די גרעסטע געשעפטן אין די אלעען און אין די שכנות׳דיקע גאַסן, ראַבירן די סחורות און אַזוי פאַרוואנדלט צענדליקר יידישע סוחרים פאַר אָרעמע לייט...

די פּאָליציי־פּאַטרולן האָבן כלומר׳שט "געהיטן", אָבער, די כוליגאַנעס זענען דאָך "אייגענע" און די יידן זענען דאָך פאָרט "פרעמדע"...

די יידישע קהלה האָט זיך פאַרבינדן מיט די יידישע סיים־דעפּוטאַטען אין וואַרשא, כדי זיי זאָלען אינטערווענירן ביי דער העכערער מאַכט אָבער, לײדער, האָט זייער אינטער־ווענץ ווייניג געהאָלפן.

זונטיק איז געוואָרן אַביסל רוהיגער. עס האָבן זיך באַוויזן

פאַליציייאישע פּאַטרולן, וועלכע, האָבן אַביסל געשטערט די כוליגאַנעס אין זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט, אויך מאַנטיק האָבן די יידן מורא געהאַט צו עפענען זייערע געוועלבער און סטראַגאַנעס. אין דער יידישער גמינע האָבן הונדערטער געליטענע רעגיסטרירט זייער שאָדענ׳ס. ביי מיר פערזענליך — שרייבט ווייטער דער אינפאָרמאַטאָר — איז די לאַגע זער אַ שווערע. ווי איר ווייסט האַנדעל איך, כמעט, בלויז מיט קריסטן אין די באַציהונגען צווישן אונדז מיט זיי האָט זיך שטאַרק פאַרשאַרפט... און ווער ווייס, צי עס וועט זיך עפּעס ענדערן צום גוטן... אפילו די ליבעראַלע קריסטן האַלט׳ן שוין, אַז עס איז נישט כדאי מיט די יידן צו האַנדלן...

דער שטאַט־פּרעזידענט האָט אַפילו פּובליקירט אַנ׳אויפרוף אין וועלכען ער בעט זיך באַרוהיגן, ווייל עס איז אַחרפּה פאַר אויסלאַנד... דער אויפרוף האָט אַביסל באַרוהיגט אַבער די קלעפּ וואָס מיר האָבן באַקומען, האָט ביי אונדז ארויסגערופן א געפיל פון חרפּה, פילענדיק, אז מיר זענען הפקר מיט אונדזער פאַרמעגן און לעבן... די פינסטערע עלעמענטן דרייען זיך אַרום פראַנק און פריי... אונדזער גורל איז אין די הענט פון דער מאַכט... אָבער, זי דערפילט נישט איר פליכט לגבי אירע יידישע בירגער!

דינסטאג פאַרטאָג׳ס דעם 22־טן מאי, איז די שטאָט דערציטערט געוואָרן פון דעם וואַנדאַלישן אָנפאַל אויפ׳ן נייעם בית־המדרש. די כוליגאַנעס האָבן זיך אַריינגעריסן און צוּוואָרפן דעם מאָדערנעם אויוון, וועלכער האָט אָפּגעקאָסט 1,500 זלאָטעס. זיי האָבן אויך צובראָכן דעם אָרון־קודש און צוריסן די ספרי־תורות... יידן וויינען און זיצן "שבעה". די וואַנדאַלען האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דעם חילול־הקודש און זיי האָבן אויך אונטערגעצינדן עטליכע יידישע געשעפטן!

דער טעראָר הערשט ווידער און מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן ווייס קיינער נישט!

אין אַ זעלכע באַדינגונגען, האָבן אונדזערע ברידער געלעבט אין׳ מאי 1937 אין אונדזער ליב טשענסטאָכאָוו.

מ. ח. טיברג

מאורעות הימים העגומים

במצב המתוח ששרר בפולין אחרי דיכוי הריבולוציה בשנת 1905/06, מצאו האנטישמים הפולניים כר נרחב לפעולותיהם נגד היהודים ועל רקע זה קרו התפרעויות גם בצ׳נסטוחוב. על אחת מהן ברצוני לספר.

הדבר אירע במוצאי שבת. אבי ר׳ בעריש טיברג חזר מ״שלוש סעודות״ מה״שטיבל״ דחסידי אלכסנדר, ברחוב האיטליזים, יחד עם ר׳ דוד ברוק ור׳ יעקב קרימולובסקי. בכדי לקצר את הדרך, הם חצו רחוב צדדי בכיוון לבתיהם שברחובות גארנצארסקה ונאדרז׳צ׳נה, ושם התנפלו עליהם בריונים פולניים ופצעו אותם קשות בפגיונות שבידיהם ולאחר שבצעו את ההתנפלות הסתלקו. הפצועים הגיעו לבתיהם כל עוד נשמתם בקרבם. אבי איבד הרבה דם בדרך ומשהגיע לבית התעלף ושכב כמה שבועות במיטה עד שהחלים. טיפל בו הד״ר וואסרטל.

במוצאי השבת ההיא קרו בעירנו למעלה מעשרים מקרי־התנפלות על יהודים, שרבים מהם נפצעו קשה. היו נסיונות לחדור לבתים ולשלוח יד בביזה. הבריונים השתמשו גם בנשק חם, אולם כל הנפצעים נשארו ב״ה בחיים.

(כך היו חיינו בפולין, אפילו בשנים כתיקונן! אבל "שכנינו הטובים" — הראו את "פרצופיהם" האמתיים בעיקר, לאחר כיבושה של פולין על־ידי הנאצים. הם מצאו בהם "אחים־לדעה" בפעולותיהם האכזריות להשמדת היהודים).

ח. ז. רוזן

ה"בעל תשובה"

בסמטא שבין הרחובות קרקובסקה וה"איטליזים" היתה המספרה של החובש דוד ווינדמאן.

החובש היה פורק עול, לעג לכל קדשי היהדות ומנהגיה, חילל שבת בפרהסיה.

בשבתות נהג לסור לר' דוד הופר, שהיה חסיד ושומר מצוות ועשה שם מעשי להכעיס. ר' דוד היה מתחנן, דורש ממנו שיעזוב את הבית, אבל החובש היה פורץ בצחוק ולועג.

לפתע נתחוללה מהפכה בנפשו ואיש לא ידע את סיבת השינוי.

החובש ווינדמאן נהפך ל"בעל-תשובה" ונעשה אדוק במצוות וירא־שמים, זהיר במצוה קלה כבחמורה.

היה בא לבית המדרש הישן בכל בוקר וערב ובידיו סידור תפילה ומרבה בתחנונים עד שחשבוהו לבלתי שפוי בדעתו.

הוא התחיל לבקש מאת הבחורים, חובשי בית המדרש, שילמדוהו תורה ולא הרפה מהם. ישב שעות רבות ושמע בהקשבה רבה את השיעורים בגמרא.

הוא עורר תשומת לב גם בחיצוניותו. היה בעל קומה זקופה, עטור זקן, לבוש בגדים ארוכים, כדרך היהודים החרדים וצועד ברחוב ורשבסקה מביתו של דז'יובס עד לבית המדרש.

התקרב לבתי החרדים, לאותם הבתים שאליהם היה בא עד כה בכדי להכעיסם ומעתה שאף לקרבתם. הוא היטיב לנגן בכינור והזמין לביתו בחורים היודעים לשיר ניגונים חסידיים והוא ליוום בכינורו.

חזר למקצועו ונתפרסם כרופא חולים בעל מקצוע ומומחה גדול. החוגים החרדים התיחסו אליו בהערצה ובמשך הזמן רכש לו אמון בחוגים רחבים בעיר.

האדמו"ר מפילץ, כשבא אליו אחד מחסידיו לבקש תרופה ומזור, יעץ לו ללכת לר' דוד ווינדמאן ולשמוע לעצתו. גם הרופאים התייחסו אליו בכבוד. הד"ר קוניצפולסקי, כשהיה נקרא לחולה, יעץ לקחת את התרופות שרשם לפניו החובש דוד ווינדמאן.

ה"בעל-תשובה", אחרי שבדק את החולה ורשם לו תרופה, היה נוהג לחזור על שם התרופה בקול ומוסיף: "תרופה זו נועדה לרפא מחלה פלונית וה' ישלח רפואה שלמה".

ר' דוד ווינדמאן נשא לאשה את בתו של המו"צ ר' יוסף קליינפלץ ז"ל ונולדו לו שני ילדים, (גם הוא ומשפחתו נספו בימי השואה).

חיים שמעונוביץ

מטיפוסי עירנו

כמו בכל עיר ועיירה זכתה גם צ'נסטוחוב לטיפוסים שונים ומשונים ועלי להנציח כמה מהם, כפי שנחרתו בזכרוני.

1. ישעיהו הקטן

יהודי נמוך־קומה, עני ואביון כמעט מבטן אמו, אולם תמיד שמח בחלקו. כל "מסחרו" היה מרוכז בסל קטן, שכלל כמה תריסרים "יו־יו" שהיה מקפיץ אותם על גומי למטה ולמעלה, כשתינוקות רצים אחריו וקוראים אליו: "עוד פעם!" "עוד פעם!". למרות גופו הצנום ופרנסתו המצומצמת זכה לארי־

כות ימים והגיע כמעט לגיל של תשעים — עד מאה ועשרים! הוא טען, ש"מלאך המות" הוא קצר־רואי ולכן, אינו מבחין ב"יהודי קטן" כמוהו, ועובר עליו מבלי לפגוע בו...

2. "מושכי קונים"

כידוע, היתה צ'נסטוחוב עיר שנוצרים רבים ביקרוה לעתים קרובות, וכמובן, קנו בה גם מצרכים שונים. תגרני המקום, שהיו להוטים למכירת סחורתם, שלחו לקראתם "סוכנים" שונים אשר "משכו" אותם לחנויותיהם ושלמו להם דמי־תיווך מכל "עיסקא" שנעשתה בעזרתם. הצטיינו בשטח זה אלימלך קוטנר ומילשטיין, בנה של ה"מילדת" המפורסמת שבעיר.

3. אחים זורסקי

האחים זורסקי, אמנם, לא היו בעלי "פירמה מסחרית מפורסמת" בעיר, אבל כל ימיהם חיו באשליה, שהם "החזנים הטובים ביותר בעיר", בשל קולם הערב ומנגינותיהם היפות, שבהן גרמו נחת־רוח לקהל כשהם מתפללים כ"שליחי ציבור". נכון אמנם, שהם הצחיקו בהתנהגותם. שניהם, היו גרים בחדר קטן וצר והיתה להם מיטה אחת בלבד, ובכל זאת היו שמחים בחלקם...

4. "פירורון" העגלון

היה בעירנו עגלון קבצן ועגלתו היתה תמיד קשורה עם חבלים ו"תחבושות". הוא התהלך שנים אחרי העגלה והמריץ את סוסו בצעקותיו, ש"יתקדם" ואף פעם לא העז להתישב בעגלה.

מפאת מצבו הקשה רצה לחסוך אוכל מפיו של הסוס ותיכנן "להרגיל" את סוסו לאכול בכל פעם פחות. אולם לא עלה יפה, הסוס מת ו"פירורון" נשאר עם עגלתו, ללא סוס...

5. "מפורסמים" בעיר

בעיר היו ידועים טיפוסים מיוחדים כגון: א') אדם המכונה בשם "צימעס". גלמוד ומסכן היה האיש ולכל עובר היה קורא: "אבא, תן לי לאכול"; ב') "ריבלה" הגמדה, שהסתובבה בקטע הסואן של השדרה הראשונה ואוספת נדבות ומי שלא נזדרז להושיט לה את הנדבה שלו, היתה "מזכירה" אותו, לפעמים, ב"צביטה"...; ג') מוכרת לכולם היתה גם "המלכה ידביגה", שטענה כי היא תעזור לעם ישראל לקבל עצמאות וכתר מלכות; ד') "יהודית'ל הקטנטונת"; ה') "גור־דעלע ריבעלע"; 6) "מעכעל", שהיה לו קומפלקס ש"הנהר בוער... ואין כבאים בעיר"!

(גם כל הטיפוסים הללו הושמדו ונרצחו על־ידי הנאצים!).

משה אש

עטליכע "תקנות" פון אמאליקער "חברת־חייטים"

אין "טשענסטאָכאָווער צייטונג" נר. 4 פון 24־טן יאַנואַר 1936 אינעם אַרטיקל (געשריבן דורך משה אַש) זענען אפגעדרוקט געוואָרן פאלגענדיקע תקנות.

(לײדער איז נישטאָ קיין אויפקלערונג פאַרוואָס די סעיפים 1—2 זענען נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן:)

...(3) קיין שום מיטגליד פון דער "חברה" טאָר נישט מסיג גבול־זיין זיינע חברים דורך צונעמען זייער אַרבעט ווי אויך נישט קאָנקורירן מיט זיי.

מיטגלידער וועלכע וועלן די דאָזיקע תקנה נישט האַלטן וועלן, חוץ דעם, וואָס זיי וועלן אויסגעשלאָסן ווערן פון דער "חברה־חייטים", אויך מוזן צאָלן קנס.

(4) קירזשנערס טאָרן נישט אָננעמען קיין שניידער־אַרבעט, דאָס זעלבע אויך פאַרקערט.

ס'איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מחלוקתביים באַשטע־טיקן פון דער תקנה 5:

(5) די שניידער האָבן פאַרלאַנגט אַ דערלויבעניש פון דער קהלה צו מעגן דאווענען (באַזונדערס, שבתים

און ימים-טובים) אין זייער שול כדי צו האָבן אַ הכנסה פון די נדרים. די ראשי-הקהל האָבן נישט געוואָלט מסכים זיין, ווייל די שול וועלכע איז ערשט מיט 3 יאָר צוריק — אין יאָר תק״ע (1810) — געוואָרן פאַרענדיקט האָט נאָך פאַראורזאַכט דער קהלה גרויסע חובות וועלכע די קהלה מוז באַצאָלן. דערפאַר איז ביים חנוכת בית-הכנסת (וואָס איז אין זעלבן יאָר פאָרגעקומען) אָנגענומען אַ באַשלוס נישט צו דערלויבן קיין שום באַזונדערע בתי-תפילה, נאָר אַלע מוזן דאַוונען אין דער שול. געבן די חייטים אַ רשות אויף אַ בית-התפילה האָבן די ראשי הקהילה געהאַלטן אַלס אַ סתירה פון די קהלה-תקנות ווי אויך אַ געפאַר פאַר דער קהלה. סוף כל סוף איז געפונען געוואָרן אַ פשרה און עס זענען באַשטעטיקט געוואָרן פאָלגנדיקע תקנה:

(5) די ״חברת-חייטים״ ווערט דערלויבט דורכן רב און די ראשי הקהל צו קריאת-התורה פאַרלאָזן די שול און באַזונדער לייענען, אָבער זיי מוזן נאָך קריאת-התורה צוריקומען אין דער שול צום דאַוונען מוסף.

(6) בעת דער קריאת-התורה מעגן זיך דאָרט געפינען נאָר חברים פון די ״חברת-חייטים״, אַנדערע מתפללים טאָר מען דאָרט נישט אַריינלאָזן.

(7) דער חדר ווו די ״חייטים״ וועלן לייענען די פרשת-השבוע דאַרף זיין ריין. די ספר-תורה דאַרף זיך געפינען אויף אַ פאַסיקן אָרט.

שטאַרקע ויכוחים האָט ארויסגערופן דער וויטערדיקער פונקט וויפעל זאָל ״חברת-חייטים״ **צאָלן קהלה-שטייער?**

אין יענער צייט איז די ניי-געשאַפענע קהלה נאָך נישט געווען לעגאַליזירט דורך דער רעגירונג און דאריבער נישט געהאַט דאָס רעכט צו נעמען אַ צוואַנגס-שטייער, היות ווי די קהלה האָט זיך געניטיקט אין געלט איז געשאַפן געוואָרן אַ ״צדקה גדולה״ ווו יעדער יידישער איינוווינער האָט געמוזט דאָרט זיין אַ מיטגליד און צאָלן אַ געוויסן יערלעכן מס, געהייסן האָט עס פרייוויליקע נדבות. די ראשי-קהל האָבן פאַרלאַנגט אַ גאַראַנטיע פון די ״חייטים״ אַז זיי וועלן ווייטער בלייבן מיטגלידער אין דער ״צדקה גדולה״ און צאָלן פונקטלעך דעם מיטגלי׳דס אָפּצאָל.

די ״חייטים״ האָבן זיך געוואָלט באַפרייען פון דער ״צדקה גדולה״ לטובת זייער חברה. זייער פאָרשטעער, לייבעלע שענקער, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ למדן האָט מאָטיווירט דעם שטאַנדפּונקט פון די שניידער מיט אַ פסוק פון דער תורה און געטענהט, אַז ווען אונדזער זיידע אברהם האָט געשאַפן די ערשטע יידישע קהלה אין דער וועלט האָט ער געשוווירען נישט צו נעמען פון די ״חייטים״ קיין אָפּצאָל און געזאָגט הרימותי ידי אם מחוט (אַ שניידער) ועד שרוך נעל (אַ שוסטער), אם אקח מכל אשר לך: וועל איך אויך קיין שטייערן נישט נעמען.

דערפאַר האָט לייבל ווייטער געזאָגט: מוזט אויך איר, די ערשטע גרינדער פון דער טשענסטאָכאָווער קהלה האַלטן די שבועה פון זיידן ר׳ אברהם און באַפרייען די ״חברה חייטים״ פון אָפּצאָל. ער האָט אָבער באַקומען אַ געהעריקע תשובה פון ראש הקהל יהודה פרענקל, וועלכער האָט דערקלערט אַז, דאָס וואָס אבינו אברהם האָט נישט געוואָלט נעמען פון די חייטים קיין שטייער פאַרשאַפט זיי נישט קיין איבעריקן כבוד ווייל אברהם, וועלכער איז געווען: ״כבד מאד במקנה בכסף ובזהב״, אַן עושר, אַ גרויסער מכניס אורחים האָט זיך באַרעכנט אַז ס׳לוינט זיך אים נישט צו נעמען פון זיי אַן אָפּצאָל כדי עס זאָל אים קיינער נישט זאָגן קיין דעה: ״ולא תאמר אני העשרתי את אברם״. ביי אונדז, אָבער, אין אונדזער פריש — געבאַקענער קהלה געפינט זיך ניט קיין בעלי-צדקה און קיין מכניסי-אורחים ווי ער איז געווען — אונדזער זיידע — און מיר מוזן האָבן געלט און מיר קאָנען אייך נישט באַפרייען.

נאָך לאַנגע טענות און דינגענישן זענען באַשטעטיקט געוואָרן די פאָלגנדיקע תקנות:

(8) כדי די שטאַטישע ״צדקה גדולה״ זאָל נישט האָבן קיין שאָדן צוליבן אַנטשטיין פון דער ״חברה חייטים״ פאַרפליכטעט זיך די חברה צו צאָלן דער ״צדקה-גדולה״ 3 רענדלעך (אדומים) אַ יאָר. די ערשטע ראַטע אין חודש חשון, די צווייטע — אייר.
די ״צדקה גדולה״ מוז ארויסגעבן קבלות אויף די באַצאָלטע געלטער.

(9) אויב די קהלה וועט באַקומען די הסכמה פון דער מאַכט ארויפצולייגן אַ צוואַנג-שטייער אויף דער יידישער באַפעלקערונג און דער עטאַט פון די מיטגלידער פון די חייטים וועט באַטרעפן מער ווי 3 רענדלעך, איז יעדער פון זיי מחויב צוצאָלן דעם

אונטערשיד וואס מאכט אויס אויף זייער חלק מער ווי ער האט דערויף איינגעצאלט ביי די ″חברת חייטים″.

(10) אויב די ראטעס פאר דער ″צדקה גדולה″ וועלן נישט ווערן פונקטלעך געצאלט, וועלן די חייטים פארלירן דאס רעכט פון קריאת־התורה פאר זיך.

אזוי, האבן אונזערע זיידעס אין די אמאליקע צייטן רעגולירט צווישן זיך, זייערע געזעלשאפטלעכע ענינים!

גאדל פרייטאג

די ערשטע יידישע קהילה

(אנ׳אינטערסאנטער עפיזאד)



בערך מיט 200 יאר צוריק, האבן אין טשענסטאכאוו געוווינט בין 30 יידישע משפחות, זיי האבן נישט געהאט קיין אייגענע שול און קיין אייגן בית־הקברות.

דער קליינער יידישער ישוב איז געווען פארבינדן מיט דער קהילה פונם קליינעם שטעטל יאנאוו, נעבן טשענסטאכאוו, וועלכן זיי האבן באצאלט, אזש 16 (זעכצן) גילדן א יאר, אלס מס־קהלה!...

אויף די ″ימים נוראים″ האט זיך דאס הייפל טשענסטאכאווער יידן געלאזט קיין יאנאוו, ווייל צווישן זיי, איז נישט געווען קיין מענטש, וועלכער, זאל קאנען זיין זייער שליח־ציבור און מסוגל זיין ″אויסבעטן″ פאר זיי א ″גוט קוויטל″ צום נייעם יאר.

אמאל — מוצאי יום כיפור — ווען די דאזיקע יידן זענען ארויס פון שול מיט זייערע פרויען און קינדער און זיך געוואלט לאזן א ″היים″ — האבן זיי דערזעען, אז עס פעלט א ראד פון זייער א וואגן... זיי האבן געמאכט א ″געוואלד″, אבער, דער יאנאווער שמש האט זיי באלד בארוהיקט זאגענדיק, אז דאס ראד האט קיינער נישט גע׳גנבט נאר ער — דער שמש — האט עס ארופגענומען אלס ″משכן″... ביז די טשענסטאכאווער יידן, וועלן אים באצאלן די 32 גילדן, וואס זיי זענען שולדיק דער יאנאווער קהלה פאר 2 יאר ″מס־הקהלה″...

זיי האבן געמוזט שיקן אזש — צוויי שליחים אהיים כדי צו ברענגען די 32 גילדן ווייל קיינער פון זיי האט, צוליב יום־כיפור, נישט געהאט ביי זיך קיין גראשן געלט — זיי האבן געמוזט נעכטיקן אין יאנאוו און ערשט צומארגנס האט דער פלייסיקער שמש זיי צוריקגעגעבן דאס ″פארהאלטענע″ ראד און זיי האבן זיך געלאזט אין די שבת׳דיקע מלבושים — א היים.

דער דאזיקער אינצידענט האט, אבער, פאר זיי געבראכט גוטע רעזולטאטן.

די טשענסטאכאווער יידן האבן באשלאסן — ″יעבור עלינו מה″, אבער, מיר מוזן האבן א באזונדערע אייגענע קהלה.

זיי האבן זיך גענומען ענערגיש צו דער זאך. געזאמלט געלט, יעדער פון זיי האט געגעבן איבער די כוחות און מ׳האט געקויפט א פלאץ ביי דער ווארטע און מיט דער צייט איז דארט געשטאנען די ″אלטע שול″, דאס ″בית־המדרש″ און די אלטע מקווה!

שפעטער האבן זיי אויך געקויפט א ″פעלד″ אין דארף קעצעלין פארן בית־הקברות און אזוי האט זיך טשענסטאכאוו ″באפרייט″ פון דער יאנאווער קהלה און פון איר אזוי ″ענערגישן″ שמש!

טשענסטאכאוו איז געוואקסן פון יאר צו יאר, געווארן א גרויסער האנדלס און אינדוסטרי צענטער און האט אין יאר 1939 געציילט 35.000 יידן!

יאנאוו איז פארבליבן, א קליין שטעטעלע, ווי מיט 200 יאר צוריק.

וועגן דער געשיכטע מיטן פאַרכאַפּטן ראַד — וואָס האָט גורם געווען, אז די עטלעכע יידישע פאַמיליעס האָבן גע־לייגט דעם "פונדאַמענט" פאַר דער גרויסער יידישער קהלה אין טשענסטאָכאָוו, האָב איך געהערט פון משה מאַריקער, וועמענס משפחה איז געווען פון די ערשטע יידן אין טשענ־סטאָכאָוו נאָך מיט 200 יאָר צוריק און האָבן דאָס דערציילט מדור לדור.

(עס איז כדאַי אַז דאָס זאָל אויך דערמאָנט ווערן אינם "יזכור־בוך", פון ביידע קהלות — די טשענסטאָכאָווער און די יאַנאָווער — וועלכע עקזיסטירן שוין מער נישט!).

י. ה.

פאַראיין פון די יידישע קאַמבאַטאַנטן

ביי אונדז אין שטאָט האָט אויך עקזיסטירט אַן אָרגאַניזאַציע פון די געוועזענע פראָנט־קעמפער און רעזערוויסטן, אונטער דעם נאָמען "פאַראיין פון יידישע קאַמבאַטאַנטן".

די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן פאַראיין איז געווען, צו פאַרשטאַרקן דעם באַוווּסטזיין פון די געוועזענע פראָנט־קעמפער און זיי באַאיינפלוסן ווייטער צו ווידמען זייער צייט און ענערגיע כדי צו שטאַרקן די פוילישע מלוכה, אָפּהיטענדיק, גלייכצייטיק, אויך די יידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן דורך דער פאַרזיכערונג פון זייערע נאַציאָנאַלע בירגער־רעכט אין פוילן און צו שטאַרקן זייער אַקטיוון אָנטייל ביים אויפבוי פון אונדזער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.

דער פאַראיין האָט אויך געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט צווישן זיינע מיטגלידער, אָרגאַניזירענדיק פאַר זיי פאַרלעזונגען אין דער עקזעסטירענדער ביי אונדז פאָלקס־אוניווערזיטעט, ווו מ'האָט סיסטעמאַטיש געגעבן לעקציעס וועגן דער אַלגעמיינער געשיכטע, פוילישע און אויך געלערנט די ארץ־ישראל'דיקע געאָגראַפיע. עס איז אויך געגעבן געוואָרן, וויסנשאַפטליכע אויפקלערונגען, ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן ביי — גאַז־אָנפאַלן פון שונא און לעקציעס וועגן שנעלער מעדיצינישער הילף און וועגן היגיענע בכלל.

מיט דער אַרבעט האָבן אָנגעפירט די געוועזענע מיליטער־לייט: גאָלסטער, ערליך און פרוינד.

(ליידער, האָבן מיר נישט געפונען קיין פרטים וועגן די ערשטע גרינדער און זייער טעטיקייט.

ביים חורבן פון טשענסטאָכאָווער יידנטום איז אויך די וויכטיקע אָרגאַניזאַציע חרוב געוואָרן).

חיים שמעונוביץ

פראַגמענטן פון יידישן לעבן

(דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו איז שוין ליידער, נישטאָ), אָבער, עס לעבט נאָך אין יעדן יידיש האַרץ, נישט נאָר פון דער, אַזוי קליינער צאָל געראַטעוועטע אויפן נאָרמאַלן אופן (דורכ'ן פאַרלאָזן באַצייטנ'ס דעם גלות און עולה זיין קיין

ארץ־ישראל, נאַר, אַפילו דורך עמיגרירן אין איינער פון די פרייע לענדער) נאָר איבערהויפּט, ביי די שארית־הפליטה ביי די, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם שרעקליכן גיהינום פון היטלער׳ס באַרבאַרישע ממשלה, זיינע לאַגערן און פאַרפּייניגונג׳ס־צענטרען און זענען געבליבן לעבן, אָט די ווילן אַזוי שטאַרק פאַראייביקן, כאָטש עפּעס, פון זייערע זכרונות פון זייער אַמאָליקער קינדער־היים, פון זייערע ליידן און פריידן אין זייער טייערן טשענסטאָכאָוו).

טשענסטאָכאָוו האָט אין אירע נאָרמאַלע צייטן געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 135 טויזנט, דערפון יידן, נאָר 35 טויזנט, בערך. אָבער, דאָך, האָט די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע מינדערהייט" פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין ווירטשאַפטליכן לעבן פון שטאָט. די יידן האָבן אַנטוויקלט די אינדוסטרי, געשאַפן אַרבעט פאַר פיעל טויזנטער קריסטליכע אַרבעטער (ווייל די צאָל יידישע אַרבעטער אין די פאַבריקן איז געווען זער אַ קליינע).

דאַגעגן אין האַנטווערקעריי זענען די יידישע בעלי־מלאָכות געווען דער וויכטיקסטער עלעמענט. דאָס זעלבע איז אויך געווען ביי דער קליין־פאַבריקאַציע. יידישע מוחות און יידישע אַרבעט׳ס־הענט האָבן פון יאָר צו יאָר פאַר־גרעסערט זייער צאָל. טשענסטאָכאָווער יידן — גרויסע ווי קליינע פאַבריקאַנטן, הורט־סוחרים און קליין־הענדלער זענען געווען באַרימט מיט זייער אַרבעט׳ס־זאַמקייט און פלייס און דאַרום זענען טאַקי זייערע אונטערנעמונגען כסדר געוואַקסן.

הגם די רייכע יידן זענען אויך געווען „פּאָלקס־מענטשען" און פון זיך „נישט געבלאָזן"... זענען דאָך, בדרך הטבע, געשאַפן געוואָרן, ווי באַזונדערע, וווינונג׳ס־קוואַרטאַלן.

אויף די גאַסן סענאַטאָרסקאַ, קאַזשאַ, גאַרנצאַרסקאַ און נאַדערז׳עצ׳נא (וועלכע, מ׳האָט אויך גערופן דער „מעק־סיק") האָבן, בעיקר געוווינט אַרבעטער און נישט־פאַרמעג־ליכע בעלי־מלאָכות.

דאַגעגן אויפן אַלטן מאַרק, וואַרשאַווסקאַ ביז דער ענדע פון דער ערשטער אַלעע האָבן שוין געוווינט פאַבריקאַנטן, סוחרים און די רייכערע האַנטווערקער און אין אַרומיקע גאַסן האָבן שוין געוווינט די גאָר גרויסע גבירים.

ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט האָבן יידישע פאַבריקאַנטן באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער אין אַ קליינער צאָל, נישט תמיד איז עס געווען זייער שולד... די פּוילישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַרצוימט דעם וועג... און נישט דערלאָזט אַפילו קיין יידישע לער־יונגלעך זאָלן קאָנען זיך לערנען און קוואַליפיצירן אין יידישע פאַבריקן...

און אויב, בדרך כלל, האָבן יידן געצויגן זייער פּרנסה, בעיקר, פון דער קריסטליכער באַפעלקערונג און פון די הונדערטער טויזנטער פרומע קריסטן און קריסטינ׳ס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון גאַנץ פּוילן צו דער „הייליקער מוטער" אויף דער „יאַסנאַ־גורא", האָט די ווילדע העצע פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן, וועלכע, האָבן געשטעלט, אונגעשטערט, „פּיקעטן" ביי די יידישע געשעפטן און נישט אריינגעלאזט קיין פּוילישע קונים, געברענגט פיל שאָדן דעם יידישן מסחר און האַנטווערקערטום.

די ווילדע אַגיטאַציע האָט אָנגענומען שאַרפע פאָרמען, איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַ שטיקל נחמה איז געווען, וואָס אַ טייל פון די פּוילישע אַרבעטער־סאָציאַליסטן, האָבן פאַרשטאַנען צו וואָסער רעזו־שים עס שטרעבן די פּוילישע אַנטיסעמיטן און זיי האָבן, אין אַ געוויסער מאָס, געפירט אַ געגן־אַגיטאַציע און די יידישע ראַדיקאַלע יוגנט האָט דאָך געפונען אַ מעגליכקייט מיט זיי צוזאַמען פירן אַ קולטורעלע אַרבעט צווישן די אַרבעטער־יוגנט.

(שיין איז געווען דאָס יידישע לעבן אין טשענסטאָכאָוו אין אַלע הינזיכטן, אָבער, דער גרעסטער אַשמדאַי פון אַלע דורות האָט אַלץ חרוב געמאַכט!).

ליפּא גוטפריינד

דער ערשטער קאָנצערט

(זכרונות פון אמאל)

דאָס אַרויסלאָזן פון מויל דאָס וואָרט "קאָנצערט" האָט אַמאָל ביי רעליגיעזע יידן שוין געהייסן אַפּיקורסות.

הגם אַ גרויסער טייל פון דער דעמאָלסטיקער טשענס־טאָכאָווער יוגנט איז געווען נאָענט צום נייעם מאָדערנעם לעבן, האָבן מיר דאָך געדאַרפט זיין זער פאָרזיכטיק.

אויף אונדז די יוגנטלעכע האָבן שוין דעמאָלט שטאַרק משפיע געווען די יידישע צייטונגען: "דער פריינד", "דער טעלעגראַף", "היינט", "מאָמענט" און פאַרשידענע יום־טוב־בלעטלעך, ווי אויך די וועכענטלעכע "ראָמאַן־צייטונג", ווו עס איז אויך געווען אַן אָפּטיילונג וועגן מוזיק און קאָנצערטן.

אַזוי, אַז מיר האָבן באַקומען די "דרייסטקייט" צו גייען אויף דעם ערשטן קאָנצערט וואָס איז פאָרגעקומען אין גרויסן טעאַטער, אונטער דער לייטונג פון די באַוווּסטע קאָנצערטיסטען פנחס קאָכאַנסקי און זיינע צוויי ברידער. עס איז געווען אַ טריאָ־קאָנצערט פון וויאָלאַ, פּיאַנאָ און וויאָלאָנטשעל.

דער גרויסער טעאַטער איז געווען פול מיט דער יידישער און פוילישער אַריסטאָקראַטיע, ווי אויך, פון די רוסישע העכערע בעאַמטע פון אונדזער שטאָט. מיר זענען געווען "פאַרשטעקט" אויף דער העכסטער גאַלעריע. ביי דעם ערשטן אַרויסטריט זייערן האָבן אַ טייל פון אונדז פשוט געמאַכט אַ "שהחיינו", אַזוי גרויס איז געווען אונדזער איבערלעבונג. אונדזערע ענטוזיאַסטישע און אומאויפהערלעכע אַפּלאָדיסמענטן, זענען געווען אין לשער. עס האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט. די טענער זענען טיף אַריינגעדרונגען אין אונדזערע הערצער און ווען דער יונגער קאָכאַנסקי איז אַרויס מיט די תפילה־טענער פון "כל־נדרי" אויף זיין וויאָלאָנטשעל, זענען מיר מיטגעריסן געוואָרן מיט די תפילה־טענער און שטיל נאָכגעזאָגט, וואָרט ביי וואָרט, די הייליקע תפילה פון "כל־נדרי" און אַ הייליקער ציטער איז אַדורך אונדזערע לייבער. עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז מיט אונדז געפונען זיך אויך די אַנוסי־ספרד און זיי מירמלען מיט, צוזאַמען מיט אונדז, די דאָזיקע תפילה, אַ כוואַליע פון שטורמדיקע אַפּלאָדיסמענטן, האָט אונדז אויפגעוועקט פון אונדזערע חלומות און מיר האָבן זיך איינציקווייז אָנגעהויבן אַרויסצושאַרן פון קאָנצערט־זאַל מען זאָל אונדז, חלילה, נישט כאַפּן ביי דער "עבירה"...

אַזוי איז געווען בעת אונדזער ערשטן "חטא" פון זיך "אַריינ׳גנב׳ענען" צו אונדזער ערשטן קאָנצערט.

עס איז געווען דער ערשטער, אָבער — נישט דער לעצטער!... געווען צייטן!

גאדל פרייטאג

פון מיינע זכרונות

טשענסטאכאווער אין דייטשלאנד אין יאר 1914



דאָס בילד פון מחבר אין יאָר 1914

גלייך ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן — אין יאָר 1914 — האָבן די דייטשן געכאַפּט יונגע מענטשן צו צוואַנגס־ארבעט און זיי געשיקט קיין דייטשלאַנד, אזוי האָט מען פאַרשיקט אַ גרופּע טשענסטאכאווער יידן.

אבער אויך אין געפאַנגען־לאַגער זענען מיר געווען אַקטיוו און מיר האָבן געשאַפן אַ פאַרוואַלטונג, וואָס האָט געפירט אַ קולטורעלע טעטיקייט און געווען אין פאַרבינדונג מיט אונדזער שטאָט, ביזן סוף פון דער מלחמה.

טשענסטאכאווער אלס אייזנבאַן־ארבעטער

ווען איך בין צוריקגעקומען פון דייטשלאַנד קיין טשענסטאַכאָוו אין יאָר 1916 האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן אויף דער באַן.

אַלס מעטאַל־אַרבעטער האָבן מיר זיך אָנגעשלאָסן אין פּראָפעסיאָנעלן־פאַראיין פון דער "ס. ס.־פּאַרטיי" און איך בין אויך געווילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג.

ווען די דייטשן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט האָב איך אונטער דער פירונג פון קאָמענדאַנט א. כראַבאַלאָווסקי זיך באַטייליגט אין דער אַנטוואָפנונג פון די דייטשן, וועלכע האָבן בהלות׳דיק פאַרלאָזט פוילן.

נאָכ׳ן אַנטשטייען פון דער פוילישער רעגירונג, האָט זי אָפּגעזאָגט אַלע יידישע באַן־ארבעטער. מיר האָבן געשיקט אונדזער אַ דעלעגאַציע קיין וואַרשע צו פאָדערן אַנטשיידיגונג. די דעלעגאַטן זיינען געווען: יעקב לענקינסקי, אברהם גאָטליב און דער שרייבער פון די שורות.

נאָך לאַנגער מי האָבן מיר די אַנטשיידיגונג באַקומען, נאָך דעמסטמאָל האָבן מיר פּלאַנירט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט פאַרזוצן אַלס אייזן־באַן־ארבעטער, אָבער, ליידער, האָבן מיר נישט באַקומען קיין סערטיפיקאַטן.

מ. ח. ט.

פשוטע יידן

אונדזער שטאָט טשענסטאָכאָוו האָט געשמ׳ט מיט איר אינטעליגענץ, סיי ביי חסידישע און סיי ביי פאַרגעשריטענע קרייזן. ס׳ווערט אין אונדזער ספר־זכרון פיל דערמאָנט וועגן פערזענליכקייטן פון פאַרשידענע שאַטירונגען און ריכטונגען. אָבער, ס׳טאָר נישט פעלן אין אים אויך יענער סאָרט יידן, וועלכע מ׳טרעפט נישט ביי דער מזרח־וואַנט,

אַבער, ס׳קומט אויך זיי, אַט די פשוטע, ערלעכע יידן, זיי זאָלן דערמאָנט ווערן, נישט נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען אויך געווען צווישן די קדושים, נאָר אויך צוליב זייער באַשיידענעם ערליכן לעבענסשטייגער: זיי האָבן געאַרבעט שווער און ביטער אויף פרנסה, געהאָלפן איינער דעם צווייטן און גלייכצייטיק נישט פאַרפעלט צו גיין פאַרטאָג, אין בית־מדרש אַריין, כדי מקיים זיין די מצוה פון תפילה בציבור. אַט די פשוטע יידן — וואָס אַ טייל פון זיי געדענק איך שוין ,אפילו, נישט ביי די נעמען — וויל איך ווידמען מיינע ווייטערדיקע שורות.

1. בייער׳ס ״האָטעל״

אַ הויף אויף דער נאַדרז׳עצ׳נאַ גאַס נומער 16, וועלכער האָט געהערט צו דעם קריסטליכןווירט, בייער. אַ לאַנגער הויף, וואָס האָט זיך געצויגן ביז דער ״וואַרטאַ״. האַרט ביי דער גאַס איז געשטאַנען אַ צווייסטאָקיק הויז, פון וועלכן דער אונטערשטער שטאָק איז געלעגן כמעט האַלב אין דער ערד און די פענסטער זענען געווען גאַנץ ווייניג העכער ווי די גאַס, האָט מען, ווען מ׳האָט זיך דערנענטערט און אַריינגעקוקט, געזען אַ קליין טישל, פול מיט פושקעס הילצערנע שטיפטלעך, שטיקלעך לעדער און אַנדערע שוסטער־צודאָטן. אויף די נידעריקע שוסטער־בענקעלעך זענען געזעסן דער שוסטער מיט זיינע בנים און געאַרבעט זייער פלייסיג.

פוןביידע זייטן פונעם לאַנגען הויף זענען געשטאַנען געביידעס. אין איין זייט — קליינע דירות פון איין, אָדער, צוויי צימערן. אין וועלכע ס׳האָבן געוווינט בעלי־מלאָכות, סתם אַרבעטער און, בעיקר, בעלי־עגלות. פון דער צווייטער זייט הויף זענען געווען — שטאַלן פאַר פערד. אויף די שטאַלן, זענען ווידער געווען אויסגעבויט ״בוידעם־דירות״, באַדעקט מיט משופע׳דיקע הילצערנע דעכער, איבערגע־צויגן מיט פאַפע. האַרט אונטערן דאַך, צום הויף צו, זענען געווען די קליינע פענצטערלעך פון די דירות. ביי איינעם פון די פענצטער האָט מען געקענט זען, ווי אַ פרוי וואַשט און פוצט מיט אַ שמאַטע די שויבן פונעם קליינעם פענצ־טערל און זינגט זיך אונטער אַ לידל.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט עטלעכע חדר־יינגלעך אַרומצושפּאַצירן אויף דעם משופע׳דיקן פאַפענעם דאַך, וועלכער האָט שוין אויף זיך נישט געהאַט קיין שום זכר פון סמאָלע. זיי האָבן זיך אַרויפגעדראַפעט אויפן דאַך פון שכנות׳דיקן הויף, מורא־האָבנדיק פאַר די הויז־איינוווינער, ווייל פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט פלעגן זיי באַקומען אַ פיינע פאַרציע קלעפּ וועלכע זיי האָבן געדענקט אַ לאַנגע צייט. אַ מאָל, האָט איינער פון זיי, אַ יינגל אין אַ לאַנג כאַלאַטל — פלוצלינג דערזען, אַז ער איז געבליבן אַליין. זיינע חברים האָבן באַוויזן זיך שנעל אַפּצוטראָגן. ער איז דערציטערט געוואָרן פון די קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון הויף: ״הער נאָר, דו לאַבוז, אויב דו טראָגסט זיך נישט אָפּ פון אויבן, רייס איך דיר אַרויס אַ פוס!...״ און אומר־ועושה, האָט ער געכאַפּט אַ דרענגל פון וואָגן און געוואָלט מכבד זיין דעם נישט־געבעטענעם גאַסט אויפן דאַך. אָבער, דאָס יינגל אין בליץ־שנעל נעלם געוואָרן אויף אַ שכנות׳דיקן, נידעריקן דאַך און געמאַכט אַ ״ויברח״...

די נאַדערז׳עצ׳נאַ־גאַס, — איינע פון די עלטסטע אין שטאָט, — איז געווען זייער שמאָל. פון איין ריי הייזער ביז צו דער צווייטער איז געווען אַ קליינער מרחק. אויך די הויפן זענען געווען גאָר שמאָלע, אַזוי אַז, אויסדרייען אַ וואָגן אויפן הויז איז כמעט נישט מעגלעך געווען. עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה, ווי אַריינצושטופּן יעדן וואָגן צוריק וועגס, אָבער, פּונקט קעגן טויער איז געווען דעם קאַשע־מאַכערס הויז, מיט די פענצטער אין סאַמע פראָנט. ווי דער שטייגער איז, האָט יעדער וואָגן אַ דישל און אַ לאַסט־וואָגן האָט אַ גאָר לאַנגן דישל, ר׳ לייבל בלעשנער האָט נאָר־וואָס אויסגעשפּאַנט זיין וואָגן אָפּלאָזנדיק זיינע פערד; זיי האָבן שוין געוווּסט דעם וועג צום טויער און פון דאָרט גלייך אַריין אין שטאַל. ווי דער שטייגער כאַפּט מען דערנאָך אָן דעם דישל און מ׳שטופּט דעם לאַנגן וואָגן אויף צוריק. קיינמאָל אָבער האָט דער בעל־הבית פון וואָגן נישט געמאַכט די דאָזיקע אַרבעט אַליין. תמיד האָט זיך געיאָוועט אַ ״העלפער״, — על־פּי־רוב אַ ״פאַך־קאָלעגע״, ווייל אַזאַ שטיקל אַרבעט האָט פאַרלאַנגט נישט נאָר ״כוח״, נאָר אויך ״מוח״.

2. ״האַרט״ וואַסער און ״ווייך״ וואסער

טשענסטאָכאָוו איז — ווי באַוווּסט — געווען געבענטשט מיט אַ סך וואַסער. כמעט אויף יעדן הויף איז געווען אַ ״פּלומפּ״, אָבער דאָס וואַסער וואָס איז געווען ״האַרט״ האָט נאָר גענוצט צו וואַשן כלים און ״נטילת ידים״. אָבער, אַז מ׳האָט געדאַרפט וואַשן וועש, האָט מען געבראַכט פון טייך ״ווייך״ וואַסער. אַ חוץ דעם האָט מען גענומען באַזונדער וואַסער אויף צו קאָכן, ״טיי וואַסער״. דאָס האָט מען געבראַכט אַזש פון דער דריטער גאַס און מיט דער אַרבעט, האָט זיך

פאַרנומען ר׳ בערל וואַסער־טרעגער (ר׳ בערל באַמבע). אַ הויכער ייד מיט אַ צעשויבערטע באָרד, מיט "נאַשידלעס" אויף די פּלייצעס. פון ביידע זייטן, צוויי הילצערנע "וויאַד־רעס" מיט וועלכע ער פלעגט פאַרזאָרגן די באַלעבאַטעס מיט "ווייך" ווי אויך מיט "טיי־וואַסער".

יעדן פרימאָרגן, באַלד נאָכן דאַווענען, איז ר׳ בערל אַרויסגעגאַנגען פון "בייערס" הויף, טראָגנדיק די נאַשיד־לעס מיט די צוויי "העמער" כדי אָנצופילן די פעסלעך אין די דירות. בשעת־מעשה פלעגט ער צוואַרפן אַ שמייכל פאַר די קליינע קינדער און אַ מאָל אויך אַ צוקערל און אַזויערנאָך זיך באַליבט געמאַכט ביי פאַרשידענע יידישע משפחות. נאָך פיל ליבער, איז ער געווען פאַר פסח, ווען ער האָט זיך באַוויזן מיט זיינע שפּאָגל־נייע העמער, און אַריינגעגאָסן דאָס וואַסער דורך אַ "זיי־טוך" אין פסח׳דיקן פעסל. ר׳ בערל׳ס לאַכעדיק פּנים האָט דעמאָלט אויסגעד־רוקט אַ סך נחת, ווייל ער האָט געטון נישט סתם אַן אַרבעט, נאָר "אַן עבודת־הקודש" — לכבוד דעם גרויסן יום־טוב פסח.

3. די "צוויי ברידער"

אַז אַ וואָגן געשפּאַנט מיט איין אָדער צוויי פערד, פלעגט אַרויספאָרן פון הויף, האָט עס — פאַרשטייט זיך — נישט געמאַכט קיין שום רושם. קיינער האָט זיך אויף דעם נישט געחידוש׳ט, אָבער ווען מ׳האָט געזען די "צוויי ברידער" און יעדער פון זיי האָט געפירט אַ פערד ביים צוים, אָן אַ וואָגן און דערצו איז אויך געווען זיי שווער צו דערקענען, אָבער ווען מ׳האָט זיי שפּעטער געזען אין גאַס, ווען די פערד האָבן זיך געשלעפּט פאַר דעם שוואַרצן "אָרון", האָט מען שוין פאַרשטאַנען אַז ס׳איז עמיצער געשטאָרבן. יעדער פון זיי האָט געטראָגן אַ לאַנגן שוואַרצן ברייטן מאַנטל, פאַרקנעפּלט מיט גרויסע קנעפּ און אויפן קאָפּ שוואַרצע ווייכע קאַפּעלושן מיט ברייטע ראַנדן. מען האָט זיי געקאָנט דערקענען אויך לויט זייערע פיין־פאַרשווירענע בערדלעך, די זעלבע "מונדירן" האָבן אָנגעטון, להבדיל, אויך זייערע צוויי פערד: שוואַרצע איבערדעקן מיט בלויזע אויסשניטן ביי די אויגן.

דאָס איז בלויז אַ קליינע שילדערונג פונעם לעבן אין איין הויף אויף דער נאַדרז׳עצ׳נאַ גאַס. אין אַנדערע גאַסן האָבן געוווינט יידישע אַרבעטער פון די פאַבריקן, וועלכע, זענען יעדן פרימאָרגן אַיילנדיק געלאָפן צו דער אַרבעט, טראָגענדיק בלויע קענדלעך אין די הענט, מיט אַביסל עסן, — כדי צו קומען צו דער צייט אין די פאַבריקן. יעדן אינדערפרי, מיטאָג־צייט און פאַר נאַכט האָט געהילכט דאָס פייפן פון די פאַבריקן, קינדער פלעגן שוין דערקענען, לויטן קול פון פייפער, די פאַבריק, "זיין פאָטערס פאַבריק", און אַזוי אַרום וויסן, אַז באַלד וועט דער טאַטע אַהיים־קומען פון דער אַרבעט.

4. טרעגער

אַ ספּעציפיש ריין־יידישע פרנסה אין טשענסטאָכאָוו זענען געווען די טרעגערס. שטאַרקע יידן מיט ברייטע פּלייצעס האָבן זיי זיך פאַרדינגען און געשלעפּט שווערע משאות אויף זיך, אָדער, מיט אַ וועגעלע. איין "סטאַציע" זייערע איז געווען אין אַלטן מאַרק, ווו זיי פלעגן שטיין אַרומגעבונדן מיט גראָבע שטריק, אין דער ריי, ווי סאָלדאַטן; אַ טייל פון זיי מיט וועגעלעך, מיטן דישל צום מאַרק, גרייט צו אַרויסצופאָרן. די צווייטע "סטאַציע" איז געווען אין נייעם מאַרק — אויפן טראָטואַר פון ר׳ מענדל עפּשטיינ׳ס וויין־געשעפט ביז צום "פּעטער" מרדכי שוואַרצבוים׳ס טאַבאַק־געשעפט, דאָ זענען אַלע געשטאַנען מיט וועגעלעך.

5. "מאיר ריז"

מאיר ריז איז געווען אַ קורץ דיק יידל, וואָס זיין גבורה האָט געשפּראָצט ממש פון אַלע אברים. ער איז נישט געווען בלויז אַ טרעגער, נאָר אויך איינער פון די "אָרדנונגס־האַלטער", ביי דער "דייטשער שול", אין די ימים טובים, אָדער ווען ס׳איז דאָרט געווען אַ פייערונג, אָדער, אַ "קבלת־פּנים" פאַר אַ חשובן גאַסט. מאיר ריז האָט זיך דענסטמאָל אַוועק געשטעלט אויף די טרעפּ, ביים אַריינגאַנג. זעענדיק אים, האָט שוין קיינער נישט געוואָגט אַרויפצוגייען אויף די טרעפּ, אָן אַ בילעט, אַפילו, ווען פּראָפעסאָר מאיר באַלאַ־באַן האָט דאָרט געהאַלטן אַ רעדע און זיין קול מיט זיין שאַרפן אַקצענט און מיט זיינע ווייכע, יידישע "ריש׳ן", און ס׳האָט זיך זייער געוואָלט אַריינגעען אין שול — אָבער, אַז מען האָט דערזען, אַז מאיר ריז שטייט אויף די טרעפּ, איז דער "אַפּעטיט" אַוועק און מ׳האָט זיך שנעל אַפּגעטראָגן!...

6. "סויקע"

נישט דער רייכער לייבל, אָדער לעאָן סויקע — דער גרויסער סוחר און נדבן — נאָר אַ גאַנץ אַנדערער — אַפילו נישט קיין קרוב פון אים — נאָר בלויז געטראָגן זיין פאַמיליע־נאָמען, אַנ׳עלטערער ייד מיט אַ גרויליכער באָרד, האָט

זיך נוהג געווען, ערב־שבת, אָדער, ערב יום־טוב אַרבעטן נאָר ביז צוועלף אַ זייגער. פאַר קיין שום אוצר אין דער וועלט וואָלט ער נישט מסכים געווען צו ענדערן זיין דאָזיקן מנהג. געוואָרן 12 אַ זייגער האָט ער געכאַפּט דאָס וועגעלע, בליץ־שנעל דערמיט געלאָפן אַ היים און זיך געגרייט צום שבת אָדער יום־טוב. באַלד נאָך מיטאָג־צייט איז ער געגאַנגען אין שול אַריין, אויסגעפּוצט שבתדיק און דאָרט געווען פון די ערשטע! אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען כל ימיו.

7. ״אַנ׳איידעם אויף קעסט״

אַ גרויס גערודער און אַ טומעל — איז געוואָרן באַלד איינדערפרי צווישן די טרעגערס פון אַלטן מאַרק, ווען ס׳האָט זיך דאָרט באַוויזן זייער׳ס אַ קאָלעגע — דער שווער מיט זיין ״נייעם איידעם״. דאָס איז געווען אַ חברה־מאַן, אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס און אַ רויט פּנים. געטראָגן הויזן וועלכע זענען געווען צו קורץ פאַר אים. ווי אַ געניטער ״פּאַכמאַן״ אין דער בראַנזשע, האָט ער אַרום גענומען זיך מיט אַ שפּאָגל־נייעם ווייסן שטריק און איז געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר, צוזאַמען מיט׳ן שווער און די אַנדערע טרעגער.

די טרעגער האָבן זיך אַ לאָז געטון צו אים מיט אַ ברייטן ״ברוך הבא״ און אים געווונטשן מזל־טוב! און בשעת־מעשה אים געגעבן אַ געזונטן קוועטש אין דער האַנט און געקוקט וואָס פאַר אַ מינע ער מאַכט. איינער פון זיי האָט אים מכבד געווען מיט אַ זעץ אויף דער פּלייצע אַזוי שטאַרק אַז דער מאַרק האָט פּשוט געהילכט. די קלעפּ אין פּלייצע פון אַ״נאַש־בראַט״ האָבן געקענט ״מחיה־מתים״ זיין, אָבער ״דער איידעם״ איז דערפון נישט איבעראַשט געוואָרן, ווייל ער איז אַליין אַ מומחה, אויך אין געבן קלעפּ אין פּלייצע. ס׳איז אים געווען אַביסל פריקרע, ווייל ר׳האָט פאַרגעסן צו פרעגן זיין יונג ווייבל, וואָס מ׳ענטפערט אויף אַ ״ברוך־הבאָ״. מיט דער צייט האָט ער זיך דערוווסט, אַז מ׳דאַרף ענטפערן ״שכוח״ (יישר כח). ער האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און אַז מ׳האָט אים געפרעגט, ווי ער פילט זיך נאָך דער חתונה, האָט ער באַלד געענטפערט: ״נישקושער״ (געמיינט — נישט־קשה...).

זיין שווער איז געווען אַ ייד אַ מבין אויף עפּעס גוטס און ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן שידוך, האָט ער באַלד דערשנאַפּט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ פּאַסיקן מאַן פאַר זיין טאָכטער און ער האָט אים טאַקע באַלד ״אויפגעכאַפּט״, מסכים געווען אויפן שידוך און אַפילו צוגעזאָגט קעסט. דער געטרייער איידעם האָט זיך נישט געקאָנט אַרומדרייען ווי אַ ״פּועל בטל״ און נאָך אין די ״שבעת ימי המשתה״ איז ער אַרויסגעגאַנגען מיטן שווער אויפן מאַרק און טאַקי אַריינגעכאַפּט אַזאַ פייערדיקן ״קבלת פּנים״.

צופרידן דערפון, האָט דער שווער איינגעלאַדן די גאַנצע חברה אויף אַ ״לחיים״ ביי ״ביינישן״ אין שענק. און באַלד דאָרט האָבן די ״קאָלעגן״ באַשלאָסן געבן אויך דעם איידעם דאָס רעכט צו שטיין אין דער ערשטער ריי, אויפן טראָטואַר.

דער איידעם איז באַלד אַריין אין שפּאַן און געוואָרן אַ שם־דבר. ער האָט געהויבן די גרעסטע און שווערסטע משאות. ס׳איז אויך נישט געווען מקנא צו זיין דעם שייגעץ, וואָס האָט געהאַט אַ סכסוך מיט׳ן ״איידעם״, אָדער ס׳האָט זיך אים סתם פאַרגלוסט מאַכן ליצנות פון יידן. אַזאַ ״שייגעץ״ איז קיין גאַנצער שוין נישט אַרויס פון זיין האַנט, ער האָט זיך שוין נישט געטאָרט באַווייזן אויפן מאַרק...

דער שווער און דער איידעם האָבן געאַרבעט און ביים אָנלאָדן אַ פור מיט זעקלעך מעל אָדער תבואה האָבן זיי פיין צוגעזונגען אַ יידיש לידל.

דער שווער האָט נישט מקיים געווען זיין הבטחה וועגן די ״קעסט״, ווייל אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט מען אים טאַקע געזען ״עסן קעסט״ ביים איידעם...

(אָט, די אַלע זענען געווען טייערע יידן, געלעבט ווי ברידער און זיך מוסר־נפש געווען פאַר אַ יידן.

כבוד זייער אַנדענק!).

אלקנה כראבאדאווסקי ז״ל

דאס געשריי פון די פויגל

צווישן דער צווייטער און דריטער אַלייע, פון דער קולינסקאַ ביז דער דאָמבראָווסקאַ גאַס — געפינט זיך דער ״פּלאַץ מאַגיסטראַטסקי״, וואָס איז דאָס רעזידענץ־אָרט פון דער שטאָט. דאָ געוועלטיקן די ״הערשנדיקע געטער״ און די ״מענטשלעכע הערשער״. דער ״הערשנדיקער גאָט״ וווינט אין אַ געביידע מיט הויכע קופּאָלן אַרומגערינגלט מיט אַ שטילן, שיינעם גאָרטן. די ״מענטשלעכע הערשער״ — אין אַ הויז מיט אַ טורעם און אַ תּפיסה דערנעבן, אַן וועלכער ס׳איז נישט מעגלעך קיין מענטשלעכער עקזיסטענץ אויף דער ערד . . .

די געביידע מיט די ביזאַנטישע קופּאָלן איז אייגנטליך געבויט געוואָרן פאַר׳ן ״פּראַוואָסלאַוונעם״ גאָט, ער האָט דאָ אין די פריערדיקע צייטן געשפּילט אַ גרויסע ראָל. נאָר אין דער לעצטער צייט, האָט מען אים פון זיין באַקוועמער וווינונג אַרויסגעוואָרפן און אַהין אַריינגעזעצט דעם ״גאָט״, וואָס האָט איצט די ממשלה. דער אַמאָליקער מעכטיקער הערשער, דער ״פּראַוואָסלאַוונער גאָט״, האָט אַפילו נישט געהאַט דאָס רעכט פון לאַקאַטאָרן־שוץ געזעץ . . . און האָט נעבעך, געטיילט דעם גורל פון אַ סובלאָקאַטאָר, וואָס יעדערער קען וואַרפן ווען אים ״פאַרגלוסט״ זיך . . .

די הערשנדיקע מענטשן האָבן זיך אויך געביטן צוזאַמען מיטן גאָט קעגנאיבער. אָדער פאַרקערט: די געטער האָבן זיך געביטן צוזאַמען מיט די מענטשלעכע הערשער.

אויפן פּלאַץ צווישן די צוויי הערשער־הייזער קומען פון צייט־צו־צייט זעלנער־באַטאַליאָנען דעמאָנסטרירן זייער געווער, כדי צו פאַרזיכערן די הערשער פוןביידע־זייטן, אַז זייער הערשאַפט איז אַזוי זיכער און אַזוי אייביק, ווי די מאַכט, אויף וועלכער זיי שטיצן זיך . . .

דעמאָלט קומען די פּשוטע בירגער פון שטאָט אין זייערע שענסטע גאַרדעראָבעס, שטעלן זיך אויס אויף די טראָטואַרן פון ביידע זייטן און צוגיסן זיך פון נחת און פרייד הערנדיק זייער מיליטערישן אַרקעסטער שפּילן, זייער מיליטער מאַרשירן אין אַ דעפילאַדע.

דאָרט זיינען אויך געשטאַנען אַ רייע טאָפּאָלעס, דיק און הויך, ווי אַלטע ריזן. דורות־לאַנג זיינען זיי דאָ געשטאַנען, נישט אינטערעסירנדיק זיך מיט אַלע וואַנדלונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַר זייערע אויגן: דאָס שפּילן זיך קינדער מיט יענע ״קנעפּלעך״ אָדער די ״קנעפּלעך״ . . . פאַר זיי זיינען דאָס אַלץ רגע־שפּילערייען. אייביק איז נאָר דער זומער, יעשן, ווינטער, דערנאָך דער פרילינג, ווען זיי צובליען זיך, צורוישן זיך און צוזינגען זיך מיטן אייביקן געזאַנג פון לעבן.

אויף די בוימער האָבן זיך איינגענעסטערט אַ סך, פייגעלעך. זיי די פוגעלעך וווינען דאָ נאָר זומער. ווינטער מאַכן זיי פּיס, נישט אַרויסנעמענדיק קיין פּעסער, קיין וויזעס און ממילא נישט צאָלנדיק די טויזנט און איינע שטייערן. אָבער דאָס ערגסטע, וואָס זיי האָבן זיך דערלויבט איז געווען: אינמיטן דער אימפּאָזאַנטסטער דעפילאַדע, ווען די בירגער פלעגן זיך פאַרגאַפן מיט קעלבערנע התפּעלות און אָפענע מיילער — זיי אָפּגעטאָן אַ שפּיצל, באַמיסטיקט עמיצן אויפן עלעגאַנטן הוט אָדער עפּעס נאָך ערגער׳ס . . .

די שטאָט־טאַטעס האָבן אַזאַ מעשה נישט געקענט אַדורכלאָזן אומבאַשטראָפט, האָבן זיי געמאַכט אַן אַסיפה און באַשלאָסן אויסצוהאַקן די דיקע, הויכע טאָפּאָלעס, ווו עס נעסטן די פייגעלעך, וואָס טוען אָפּ אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן . . .

אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן די פייגל, וואָס האָבן אָנגעהויבן צוריק צו קומען פון די וואַרימע לענדער, דערזען ווי מענטשן שניידן אונטער די טאָפּאָלעס, ווו זייערע נעסטן געפינען זיך. האָבן זיי אויפגעהויבן אַן אַלאַרעם, צוזאַמענגערופן גאַנצע סטאַדעס, גאַנצע מחנות, געשוועבט

און געקרייזט אַרום זייערע נעסט און אין איין קול נישט אויפגעהערט צו שרייען:

ציף־ציף־ציף — אונדז פאַריאָגט איר פון אונדזערע נעסטן, אונדזערע דירות צושטערט איר, ווייל מיר האָבן אומשולדיק פאַרפלעקט עמיצענס הוט אָדער הוילע קעפּ, אָבער איר אַליין פילט אָן טאָג־איין, טאָג־אויס מענטשלעכע קעפּ, מענטשלעכע הערצער און נשמות, מיט פאַלשקייטן, שנאה און קנאה, וואָס פאַרוואַנדלט זיי אין רוצחים און מערדער — איר בלייבט אומבאַשטראָפט און איר משפט נאָך אַנדערע...

ציף־ציף־ציף — צווישן אייך גייען אַרום פראַנק און פריי מערדער און רוצחים, וואָס זיינען אינמיטן העלן טאָג באַפאַלן אומבאַוואָפנטע, אומשולדיקע מענטשן, גערויבט, געמאָרדעט און באַפלעקט זייערע הענט מיט אומשולדיק בלוט און איר, שטאָט־טאַטעס, האָט אפילו קיין פּראָטעסט־רעזאָלוציע נישט געוואָלט אָננעמען, אָבער אונדז באַשטראָפט איר מיט דאַכלאָזיקייט, מיט נע־ונד אָן שום משפט...

ציף־ציף־ציף — מיר פאָדערן יושר, מיר פאָדערן גערעכטיקייט! די וועלט איז נישט הפקר, ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און ער וועט זיך אָננעמען אונדזער עוולה!

צבי ראזענוויין

טשענסטאכאווער אלעען

(רעפלעקסן)

מיט אַ הייליקן אינערליכן ציטער דערמאָנט יעדער ייד, וואָס איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין טשענסטאָכאָוו זיינע אַלעען. עס דערוועקן זיך זכרונות פון פאַרגאַנגענעם לעבן, פון לעבן פון די עלטערן, קרובים, פריינט, חברים און פון דער גאַנצער סביבה. עס דערוועקט זיך צוריק די אייביק־נאָגענדע, אונשטילענדע בענקשאַפט נאָך דעם רייכן, רומ־פולן יידישן פולסירענדיקן לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אָנדענק פון די טשענסטאָכאָווער אַלעען.

*

אין די טשענסטאָכאָווער אַלעען זענען איינגעשלאָסן צוויי ריזיקע קלויסטער׳ס; איינער אין נייעם מאַרק (אין האַרץ פון אַמאָליקן יידישן קוואַרטאַל) און דער אַנדערער איז די וועלט־באַרימטע ״יאַסנאַ גוראַ״. דער ערשטער איז — ביים אָנהויב און דער צווייטער — ביים סוף פון די אַלעען. אין וועלכער זייט מען האָט זיך נישט געפונען האָבן זיך אַרויסגעוויזן די הויכע קלויסטער־טורעמס מיט זייערע גלאַנציקע און מיט די פּחד־אָנוואַרפנדע צלמים.

האָבן חסידישע יידן געווענדט זייערע בליקן צו דער ערד, כדי אויסצומיידן און נישט צו זען די טומאה פאַר זיך.

זענען פרומע חסידישע יינגעלעך פון די אָרעמע פאַרחושכ׳דיקע געסלעך, וועלכע האָבן אַמאָל געוואָלט זען די שענע אַלעען מיט די בליענדע בוימער, זענען זיי אַריבער אויף דער אַנדערער זייט טראָטואַר פון דעם געסל, וואָס פאַרבינדט דעם אַלטן מיט דעם נייעם מאַרק ווו דער קלויסטער געפונט זיך, בכדי חלילה נישט נכשל צו ווערן מיט כאַפּן אַ בליק אויף דער ״טומאה״.

האָבן זיך יידן האָרעפּאַשניקעס, נאָך אַ פולער וואָך שווערע אַרבעט און נישט ווייניק הונגער און קעלט, זיך אַרויסגעלאָזט שבת נאָך מיטאָג פון זייערע קעלער־וווינונגען און בוידים־שטיבלעך, פון די נידריקע איינגעהויקערטע הייזקעס פון די קאָזשע געסלעך, צו די אַלעען.

אַנדערע יידן זענען סתם געגאַנגען אריינאָטעמען אַ ביסל פרישע לופט און באַוווּנדערן די שענע מאַיעסטעטישע אַלעען. מען איז געגאַנגען ווער צו זיין פאַראיין אָדער פּאַרטיי, כדי זיך צוזאַמענטרעפן מיט נאָך אַנדערע האָרעפּאַשניקעס און צוזאַמען זיך טיילן מיט די שווערע מחשבות און אויך הערן, פון צייט צו צייט, ווערטער פון טרייסט און אויפמונטערונג וועגן אַ בעסערער און שענערער וועלט, וואָס וועט קומען.

זענען זיך יידישע יוגנטלעכע געגאַנגען צו זייערע יוגענט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין די אַלעען, צו טרוימען דאָרטן זייערע יוגענט־חלומות האָבן אַנדערע

יוגנטלעכע. אויסגעפוצטע אין זייערע שענסטע קליידער, זיך געלאָזן אין די אַלעען, כדי זייערע יוגנטלעכע שטיפע־רייען ברענגען צום אויסדרוק.

האָט זיך דאָס רעוואָלוציאָנערע געזאַנג וועגן מענשליכן פּראָגרעס אויסגעמישט מיט דעם גמרא־ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די חסידישע שטיבלעך און זיי אַלע האָט פאַר־הילכט דאָס געלעכטער און געזאַנג פון די קינדער און יוגנטלעכע, וואָס האָבן צוזאַמען געשאַפן אַ הערלעכע אומ־פאַרגעסלעכע הימלישע סימפאָניע.

✶

האָבן בייזע שרעקליכע ווינטן אָנגעהויבן בלאָזן, וואָס האָבן נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. איז דער יידן־האס און טעראָר גרעסער געוואָרן, האָט מען זיך אָנגעהויבן באַגרענעצן און ענגער קאָנצענטרירן. איז מען נישט ווייטער געגאַנגען ווי ביז פּאָזדערסקיס זייגער. ביז צו דער ענדע פון דער צווייטער אַלעע. איז די ענגשאַפט נאָך גרעסער געוואָרן. האָט מען אין אַ שבת־פאַרנאַכט אָדער אין אַ סתם זומער־פאַר־נאַכט, ממש דאָרטן נישט געקענט אַדורכגייז.

האָט זיך אַ יונג פאַרחלומ׳ט פּאָרל פאַרגלוסט אַרויסצו־רייסן זיך פון דער ענגשאַפט און פּרובירט שפּאַצירן ווייטער אין דריטער אַלעע, נענטער צום הייליקן קלויסטער, אָדער זיי האָבן זיך געוואָלט אַוועקזעצן אין אַ רואיקן ווינקל אין פּאַרק, ביי דער ענדע פון די אַלעען, האָבן זיי גלייך דערפילט דעם טעם פון פּוילישע כוליגאַנישע שטעקנס, וועלכע האָבן זיי דערמאָנט, אַז יידן טאָרן נישט געניסן פון פּאַרק.

✶

שפּעטער, אין די צייטן פון "אָווּשעם" האָבן פּוילישע כו־ליגאַנעס פאַרהילכט די אַלעען מיט אויסגעשרייען צו באַי־קאָטירן יידן, אויסרופענדיק דערביי די נידעריקסטע באַליי־דיגונגען אויפן יידישן חשבון. האָבן יידן מיט ווייטאָג און האַרצקלעמעניש דאָס צוגעזען און געמוזט שווייגן. פאַרמאַכן זיך, איינציקווייז, יידישע געשעפטן אין די אַלעען, ווי עס זענען געווען כמעט בלויז יידישע געשעפטן. עס הויבן זיך אָן עפענען פּוילישע געשעפטן, וואָס ענדערן דעם אויסזען פון די אַלעען. זעט מען, דעריבער, אָפענע געשעפטן אום שבת און דאָס שאַפט אַ דיסהאַרמאָניע צו דעם וואָס עס איז אַמאָל געווען. עס איז אָבער נאָך אַלץ געווען דער יידישער דופק, וואָס האָט אויסגעשמידט דעם כאַראַקטער און אויס־זען פון די אַלעען!

אסתר ראזענטאל (שניידערמאן)

ביי פּוש׳ן אויפן הויף

(זכרונות)

מיין טאַטע טוישט אָפט די דירות, נישט חלילה דערפאַר, וואָס זיי געפעלן אים נישט. אַדרבה, די דירה איז אַ גוטע. זי איז נאָר פאַר אים אַביסל צו טייער. זוכט ער יעדעס מאָל אַ ביליגערע, און ביליגע דירות איז דווקא שווער צו באַקומען. ס׳רוב — זענען זיי אין פאַרוואָרפענע גאַסן און אַזוי "וואַנדערן" מיר. פון דער אַגראַדאָווע גאַס גייען מיר אויף דער קראָקעווער און פון דאָרט אויף דער גאַרנ־צאַרסקאַ... און אַזוי רוקן מיר זיך אַלץ ווייטער פון שטאָט צענטער, ביז מיר וווינען שוין ביי דעם דייטש "הער פּוש" אויף דער וואַרשעווער גאַס נומער 33, נישט ווייט פון די דריי צלמים און פון דער שטאָטישער ראַגאַטקע.

די מאַמע קלאָגט זיך — "פאַרוואָס האָסט דו אונדז פאַר־שלעפּט ערגעץ צו אַלדע רוחות" — דער טאַטע האַלט אָבער, אַז די איצטיקע דירה האָט ממש טויזנט מעלות. "דאָ — פאַרזיכערט ער אונדז — איז דירה־געלט אַ סך ביליגער, דער הויף איז אַ גרויסער און די לופט איז ממש ווי אויף אַ זומער־וווינונג, אויף דער גאַרנצאַרסקאַ גאַס איז דאָך געווען ממש דערשטיקט צו ווערן פון ענגשאַפט".

אמת, דער הויף איז דאָ טאַקי, אַ האַלב־גוישער און די "שקצים׳לעך" פון דעם שכן מאַלינאָווסקי האָבן שוין די ערשטע וואָך באַוויזן אונדזער מוז׳יניקל, דעם דריי־יאָריקן אַברהם־שלומ׳לען צו געבן מיט אַ שפּיציקן שטיין,

גלייך אין זיין ליכטיק פנימ׳ל אַריין: ״זאָל ער זיך נישט רוקן, דאָס בלאָנדע זשידעק׳ל, אין זייער פּוילישער זייט!״ ״סוואָי דאָ סוועגאָ״ — יעדער אין זיין ווינקל — הייסט עס.

אַברהם־שלומ׳ל האָט לאַנג געוויינט, נישט אַזוי פון ווייטיק, ווי פון פאַרדרוס, וואָס מ׳האָט אים אַזוי ברוטאַל אַוועקגעטריבן פון דעם בלוי־אויגיקן שייגעצ׳ל, וועלכער איז, אגב, אַזוי ענלעך צו אים...

וואָכן־לאַנג האָט מען געדאַרפט היילן די וווּנד אויף זיין ראָזע, צאַרט בעקעלע, וועלכע האָט שוין געהאַט אַ סך ״מאַטעריע״ און האָט איבערגעלאָזט אַ קענטיקן סימן אויף זיין פּנימ׳ל, אויפן גאַנצן לעבן, פון אברהם־שלומ׳לס ערשטן פּרוּוו זיך צו חברן מיט אַ פּויליש קינד.

אונדזער דייטשן ״בעל־הבית״, זענען נישט געווען צום האַרצן אַזעלכע צוזאַמענשטויסן און ער האָט געזוכט אַנ׳־אויסוועג און אים געפונען.

דעם רעכטן פליגל פון זיין גרויס הויז, האָט ער פאַרדינגען נאָר פאָליאַקן און דעם לינקן — בלויז יידן. דעם דאָזיקן פּרינציפּ האָט ער אָפּגעהיטן מיט דייטשער פּונקטליכקייט...

דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. די ״טעריטאָריע״ פון זיין גרויסן הויף האָט געהאַט אַ גרענעץ־ליניע: די רעכטע זייט — פאַר פאָליאַקן און די לינקע — פאַר יידן...

די גרענעץ־ליניע, איז נישט קיין אַבסטראַקטע, נישט בלויז להלכה נאָר אויך, למעשה, זי איז אַ גאָר קאָנקרעטע: איבער דער גאַנצער לענג פון זיין נישט ברוקירטן הויף האָט ער אויסגעגראָבן אַ שמאָלן פּאַס, וואָס האָט זיך, דרך אגב, בעת אַ רעגן פאַרוואַנדלט אין אַ רינשטאָקל. אָט דאָס ״רינשטאָקל״ איז דער ״נויטראַלער״ פּאַס, וואָס געהערט קיינעם נישט און קיינער פוןביידע צדדים טאָר אים נישט אַריבערגיין.

בעת׳ן פאַרדינגען אַ דירה האָט דער הער פוש געמאָלדן דעם נייעם לאָקאַטאָר וועגן אָט דעם נישט־געשריבענעם געזעץ. ער האָט אים אויך צוגעפירט צום רינשטאָקל און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עובר זיין אויף דעם נישט־געשריבענעם געזעץ, קאָן ברענגען צו נישט־געווּנטשענע מעשים מצד די איינוווינער פון דער צווייטער זייט גרענעץ. אויך די אַלטע יידישע שכנים האָבן געוואָרנט די נייע שכנים: ״זייט פאָרזיכטיק, היט אייערע קינדער״.

אָבער, קינדער בלייבן דאָך קינדער און זיי פאָלגן נישט טאַטע־מאַמע, זיי ווייסן נישט פון קיין חכמות און קריכן אַריבער פון איין זייט אויף דער צווייטער. זיי, די צוויי־

דריי־יאָריקע קינדער לעבן נאָך צווישן זיך בשלום און ווילן זיך שפּילן דווקא ווי ״גלייכע״ מיט ״גלייכע״.

אָבער, די פיר־פינף־יאָריקע שקצימ׳לעך פאַרשטייען שוין מער אין די גרענעץ־פראַגן. זיי ממית׳ן די נישט־געבעטענע קליינע געסט און טרייבן זיי אכזריותדיק צוריק צו זייער אייגענער ״טעריטאָריע״, שרייענדיק — אַרויס פון דאַנעט ״זשידאָווסקי ממזר!״.

די עלטערע קינדער גייען זעלטן אַרויס פון זייער מחיצה. דאָס שטערט אָבער נישט, די פּוילישע שקצימ׳לעך גאַנץ אָפט באַוואַרפן ״דעם יידישן חלק פון הויז״ מיט אַ האָגל שטיינער, אָפט דערגייט עס אַפילו ביז בלוט. דעמאָלט קומען צו לויפן די יידישע און די גויישע מאַמעס און מיט אַ קללה אויף די ליפּן כאַפּן זיי שנעל זייערע קינדער אין שטוב אַריין. די שולדיקע צולויפן זיך, די ״מלחמה״ ווערט איבערגעריסן, אָבער, נישט אויף לאַנג, אַביסל שפּעטער ווערט זי באַנייט. איצט קעמפן שוין צוויי נייע פּאַרטיעס פאַרביסענע שונאים: מ׳נעמט נקמה פאַר די געליטענע...

איר וועט אין ערגעץ נישט זעען, אַזוי־פיל פאַרבאַנדזשירטע קעפּ, פיס און הענט, ווי ביי די קינדער פון אונדזער הויף!...

די יידישע חברה־לייט האַלטן דאָס ״געזעץ״: זיי קריכן כמעט קיינמאָל אַהין. זיי זענען נישט די ערשטע, נישט חלילה ווייל זיי זענען ״נעבעכלעך״ — פחדנים, נישט דאָס איז די סיבה, זיי האָבן פּשוט קיין צייט נישט, ווייל אַ חוץ זייער שטענדיקער ״קריגס־גרייטקייט״ — אויב מען וועט זיי באַפאַלן — זענען זיי פאַרנומען מיט וויכטיקערע ענינים. עס פעלט דען אויף דער וועלט שפּילערייען?

ווייל ביידע צדדים געפינען זיך אין אַ ״שטענדיקן מלחמה צושטאַנד״, תמיד זענען זיי גרייט און ״האָבן די נויטיקע סקלאַדן מיט אַמוניציע״. עס ליגן אָנגעגרייט גרויסע קופּעס שטיינער פון אַלע סאָרטן: גרויסע, מיטעלע און קליינע...

אַפילו די עלטערע קינדער ווי אויך זייערע טאַטע־מאַמעס היטן די דאָזיקע אַמוניציע.

די מלחמה אין אונדזער הויף פירט זיך נישט נאָר מיט די הענט, יעדער וואָרף מיטן שטיין ווערט באַגלייט מיט אַ געהעריקן עפּיטעט. די עפּיטעטן זענען סטאַבילע, צוגעפּאַסט צו יעדער סיטואַציע, זיי ווערן קיינמאָל נישט פאַרעלטערט!

מיר געבן דאָ די שיינע עפּיטעטן בלויז אין אַ יידישער איבערזעצונג:

"איי, זשיד פאַרך!", "זשידעק מיט פּיאות!", "זשידאָוואָסקע בהמה!", "זשידאָווסקע מאָרדע!".

"איי! ווײַ, איי מוישע!", "רויטע ריווקע!", אָבער דער מער "פּאָפּולערסטער" אויסרוף איז געווען — "ביילים — גיי קיין פּאַלעסטינאַ".

דאָס סאַמע גאַנגבאַרסטע זידל־וואָרט איז דעמאָלט געווען: "פּאַלעסטינאַ".

אונדזער לינקער פליגל פאַרמאָגט אויך זיין אַרסענאַל מיט זידל־ווערטער. געוויינטלעך צילן זיי נישט אין נאַציאָנאַלן געפיל פון קעגנער: "חזיר!", "כאַם!", "אידיאָט!", "נאַרישע באַשקאַ!".

די עלטערע ייִנגלעך ווייסן שוין, אָבער, ווי אַנצורירן אויך די נאַציאָנאַלע סטרונע פון שונא און שרייען אויף אַ קול: "פּאַראַנייטיס!", "העלענאַ!", "מאַצאַך!", "צעביראַצ'קאַ!". דער רעכטער פליגל פילט זיך פון דעם באַזונדערס באַליידיקט און ענטפערט דאַרויף מיט אַ פאַרשטאַרקטן אַנגריף.

פון צייט צו צייט רוקט זיך אַרויס ביי יעדן צד אַ הויפּט־העלד, און דער נצחון איבערן שונא ווערט זיין איינציקער ציל אין לעבן.

מאַלינאָווסקי'ס תכשיט, וואַצעק, גייט שוין נישט אין שולע. ער העלפט זיין טאַטן "קוילן" חזירים אין זייער שטאַל. וואַצעק דרייט זיך אַרום אויפן הויף פון גאַנץ פרימאָרגן ביז אין שפּעט'ן אָוונט. זיינע קעשענעס מיט אָנגעשטאָפּטע שטיינער. ער איז תמיד גרייט אַנצופאַלן. וואַצעק איז אָבער אַ פּחדן. ער הויבט נישט אָן די מלחמה ביז עס קומען נישט אָן זיינע "קאַלעגן".

אונדזער חברה האָבן אים פיינט שנאת־מות. זיי צילעווען די שטיינער דוקא אין אים. טרעפט אין אים אַ שטיין, הערט מען תיכף זיינע געוואַלדן. ער לויפט זיך פאַרקלאָגן פאַר'ן טאַט'ן, וואָס איז אַ גיבור. אָבער ווען וואַצעק'ס פאָטער קומט טרעפט ער שוין אַ ליידיקן הויף...

דער שונא האָט אויך אַנדערע שיטות אין זיין קאַמף קעגן דעם לינקן פליגל. פון צייט צו צייט רייסט עמיצער ביי נאַכט אַראָפּ דאָס שלעסל פון אַ יידישער שטאַל און טרייבט פון דאָרט אַרויס די הינער.

אין די סוכות־טעג ווערט שטאַרק "אָנגעוואָרעמט" די "קריגס־אַטמאָספערע" ביי אונדז אויפן הויף. דעמאָלט איז דער פיינטלעכער לאַגער גרייט אָפּצוטאָן דאָס מיאוסטע.

שוין צו מאָרגנ'ס נאָך יום־כיפור, האַלט אונדזער דייטשער הויזווירט פאַר נויטיק מאַכן אַ "באַזוך" ביי זיינע לאָקאַטאָרן פון דער רעכטער זייט גרענעץ און זיי וואָרענען: "עס דערנענטערט זיך די "קוטשקעס", שטערט נישט די "איזראַעליטן" — רעדט וועגן דעם מיט אייערע קינדער — אַפּעלירט ער צו זייער געוויסן, מיט זיין שטענדיקן שמייכל. יעדעס יאָר חזרט ער איבער דאָס זעלבע. אָבער, עס איז אומזיסט זיין טרחה, ער ווייסט עס זייער גוט, בעסער ווי אַלע.

ביי נאַכט צערוקט עמיצער שטילערהייט דעם סכך אויפן דאַך און שפּרינגט אַריין אין סוכה. דאָס שלעסעלע אויף, יעדער סוכה בלייבט, דוקא, גאַנץ און הענגט זיך ווי קיינמאָל גאַרנישט. אָבער די פילפאַרביקע קייטן, פאַפּירענע לאָמטערנדלעך און "מגן־דוד'לעך" וואַלגערן זיך צעפליקטע אויף דער ערד און אויפ'ן טיש פון דער פאַרשלאָסענער סוכה.

אונדזער שכן, מענדל דער מאַלאַרזש, האָט פאַרגעסן אַראָפּצונעמען די ליילעכער, וואָס פאַרדעקן די ווענט פון זיין סוכה. אין דער פרי געפינט ער זיי צוריסענע אויף שטיקלעך, אויף דער ערד.

מיר אַלע ווייסן, אַז דאָס איז "זייערס" אַ שטיקל אַרבעט. אָבער ביי דער האַנט האָט מען קיינעם נישט געכאַפּט און מען קאָן נישט קומען צו קיינעם מיט קיין טענות.

אַ מאָל האָט מען אין אַ רעגנדיקער נאַכט אַראָפּגע'גנבעט דעם טעפּיך, וואָס האָט אַזוי שיין באַצירט די סוכה פון אַ שכן, וועלכער האָט געוווינט איבער אונדז.

עס איז נישט געווען קיין אנדער עצה ווי אַראָפּצונעמען יעדע נאַכט אַפילו די קלייניקייטן און יעדן אָוונט זענען די סוכות געבליבן שטיין פאַראַרעמטע און אַרומגעצופּטע.

אָבער, אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, דער פרומער און אָפּגעהיטענער קאָלישער חסיד, וועמענס אָרעם סוכה'לע איז געשטאַנען האַרט ביי דער טיר פון זיין דירה'לע האָט געפונען אין דער פרי אויפן טיש, צוגעדעקט מיט סכך... אַ גרויסע געפגר'טע מויז, וואָס די אַנטיסעמיטישע שקצים האָבן ביי נאַכט דאָרט אַריינגעוואָרפן...

פון גרויס עגמת־נפש איז די שוואַכינקע קאָלישער שכנה — וואָס איר נשמה האַלט זיך קוים אין גוף — אָפּגעלעגן אַ גאַנצן יום־טוב אַ קראַנקע אין בעט. איר פאַרשעמטער מאַן מיט זייערע קינדערלעך האָבן די פאַרבליבענע יום־טוב־טעג געגעסן זייערע מאָלצייטן אין דער סוכה פון מענדל דעם מאַלאַרזש. כאָטש ביים טיש איז געווען גענוג פּלאַץ פאַר ביידע משפחות, האָט דער קאָלישער חסיד מיט זיינע פינף בלאַסע, דערשראָקענע ייִנגלעך, געוואָרט געדול־

דיק ביז מענדל מאַלאַרזש וועט ענדיקן זיין סעודה און פאַרלאָזן די סוכה. מיר האָבן אַלע פאַרשטאַנען די סיבה. די אײדעלע און שטאָלצע קאַלישער שכנה האָט נישט געוואָלט אַז עמיצער זאָל חלילה, זען, וואָס זי דערלאַנגט איר מאַן און קינדער אין דער סוכה אַריין. די קאַלישער משפחה איז געווען די אײדלסטע און פרומסטע, אָבער אויך די אָרעמסטע אויף אונדזער הויף.

ווען ביי דעם מעל־סוחר הענעך קאַלין, וואָס האָט גע־וווינט נאָך ווייטער ווי מיר, גאָר האַרט ביי דער שטאָט־ראָגאַטקע, האָט מען ביי נאַכט אונטערגעצונדן די סוכה און נאָר דורך א נס איז זיין משפחה געראַטעוועט געוואָרן פון אומקום. האָט מען אויפן הויף ביי אונדז איינגעשטעלט אַ נאַכט־שמירה אָפּצוהיטן די סוכות. יעדע נאַכט איז אַן אַנדער שכן געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שומר.

(דאָס אַלץ איז געווען אַ מאָל!

איצט איז שוין אין פוש׳ס הויז נישטאָ קיין גרענעצן... אַלץ איז אין די גוישע הענט! זיי זענען פטור געוואָרן פון די יידן!...).

אסתר ראזענטאל (שניידערמאן)

דער נס

זינט מיין מאַמע איז געוואָרן אַ פאַרדינערין, בלייבט איר מוזיניקל אברהם־שלומ׳ל אַלע דינסטיק און פרייטיק אָן השגחה. (דאָס זענען געווען די צוויי ירידים־טעג אין טשענסטאָכאָוו).

דאָס קינד בלאָנקעט אַרום איבערן גרויסן הויף פון פוש׳ס הויז און בענקט נאָך דער מאַמען.

אין איינעם, אַ פאַר־פסח׳דיקן מאַרק טאָג, ווערט אים נמאס די איינזאַמקייט און ער האָט זיך געלאָזט זוכן זיין מאַמען. די מאַמע איז געווען גאַנץ ווייט פון אים, אָבער ער האָט געוווּסט דעם וועג...

נישט איין מאָל האָט אַברהם־שלומ׳ל דורכגעמאַכט דעם דאָזיקן וועג צום נייעם מאַרק, האַלטנדיק זיין הענטל אין דער מאַמעס וואַרעמער האַנט.

ער ווייסט, אַז קודם־כל דאַרף מען גיין מיט דער וואַר־



אַ ״יריד־טאָג״ אויפן נייעם מאַרק, ביים גרונד פון ״קאָשציאָל״ אויפן נאָמען פון הייליקן זיגמונט

שעוועַר גאַס, לענגאויס דער פּאַטשינע און אַז מ׳קומט צום ראָג, איז שוין צו דער מאַמען נישט ווייט. דאָרט איז שוין דער נייער מאַרק, ווו די מאַמע שטייט ביי איר סטראַגאַן מיט גלאָזוואַרג.

און אט איז ער טאַקע געווען אויף דעם ראַשיקען מאַרק.

אָבער, אַנשטאַט, צו פאַרקערעווען רעכטס, איז ער געגאַנגען פאָראויס — ביז צום קאָשטשאָל פון ״הייליקן זיגמונט״. אברהם־שלומ׳ל האָט פאַרגעסן צו זוכן זיין מאַמען. אַ פאַר־חלומ׳טער זיך אַרום געדרייט צווישן אויסגעשפּאַנטע פערד און וואגנ׳ס, וואָס נעבן הויף פון קאָשטשאָל. די פורן זענען אָנגעשטאָפּט מיט געבונדענע עופות און גרינוואַרג, מיט קעלבלעך און פּירות. מענטשן קומען און גייען אַוועק. אַרום אים איז אַ גערויש און אַ געפּילדער.

אַ יונגע פויערטע דערזעט דאָס בלאָנדע יידישע ייִנגעלע אין ווייסן העמדל. זי פאַרקוקט זיך אויף זיין פאַר׳ריסן סלאַוויש נעזל. זיינע אייגעלעך דערמאָנען איר די בלויע קאָרן־בלימעלעך אין אַ תבואה־פעלד. ״אַ! הייליקסטע גאָטס מוטער!״ — לויפט איר אַדורך אַ געדאַנק — ״דו אַליין שיקסט מיר צו דעם גרויסן נסיון: מ׳דאַרף ראַטעווען דאָס קליינע נשמה׳לע פון די אומריינע יידישע הענט!״ און זי צלמ׳ט זיך פרום, און רופט אויס: ״יעזוס־מאַריאַ! יעזוס־מאַריאַ!״.

צוויי גלאַנציק־רויטע צוקער־פּישעלעך זיינען גענוג געווען, אַז מיין ברודער׳ל, זאָל זיך לאָזן אַרויפנעמען אויף דער פור און דאָרט בלייבן רואיק זיצן נעבן דער צושמייכלטער פויערטע.

אַברהם־שלומ׳ל זיצט און לעקט מיט הנאה די צוקער־פּישעלעך.

דער אַלטער פויער — וואָס איז דערווייל געקומען — שיט צו געשמאַק האָבער אין דער טאָרבע און טראַכט זיך: זאָלן מיינע פערדלעך נישט אָפּשטיין אין וועג. ער שפּאַנט איילניק די פערד צום וואָגן. ער פרייט זיך דער אַלטער, ער פירט אַ היים אַ גרויסע מציאה: נאָך אַ יאָר־צוויי און ס׳וועט אויסוואַקסן אַ פרום קריסטלעך פּאַסטוכל פאַר זיינע שאָף און בהמות.

צופעליק, איז אָנגעקומען אונדזער קוזינע גיטעלע שטשעקאַץ. זי זוכט אויף די פויערשע פורלעך אַ וואָלוועל זעקל קאַרטאָפל אויף פסח.

פלוצלינג דערזעט זי איר קלייניקן קוזין — דער מומע דבורה׳לעס מוז׳יניקל — אברהם שלומ׳לען. זי זעט ווי ער זיצט אויף דער שויס פון אַ יונגער צופרידענער פויערטע און לעקט צוקערלעך. אַן אויפגערעגטע זאָגט זי, ווער דאָס קינד איז און וויל עס אַראָפּנעמען פון דער פור, אָבער, די פויערטע צושרייט זיך און דער אַלטער פויער העלפט איר צו: ״דאָס איז מיין אייניקל!״ ״אַוועק פון דאַנען!״ דראָט ער מיט זיינע פויסטן. נאָך אַ מינוט און ער וועט רירן פון אָרט...

״מיין מומעס ייִנגעלע!״ — שרייט גיטעלע וואָס אַ מאָל העכער — ״גיט אָפּ דאָס קינד!״ ס׳ווערט אַ צוזאַמענלויף, קריסטן און יידן. די לופט ווערט אָנגעגליט, דער טומעל איז גרויס. ס׳הערן זיך שוין פיינטלעכע אויסרופן קעגן די זשידעס.

די ניי־געבאַקענע מאַמע שטופּט דעם קינד אַ צוקערקע נאָך אַ צוקערקע. אברהם־שלומ׳ל נאַשט און קוקט זיך צו ניי־געריק.

די קולות ווערן אַלץ שטאַרקער: ״פּאָליאַקן! ראַטעוועט! אַ קאַטוילישע נשמה איז אין געפאַר! זשידעס ווילן צורויבן אַ קריסטלעך ייִנגעלע!״.

און שוין גיבן זיך אַ לאָז פאַרדעכטיקע טיפּן צו די יידישע סטראַגאַנעס און ווילן שטאָפּן זייערע קעשענעס מיט יידישער פּראַצע.

מאַמעס כאַפּן זייערע קינדער און לויפן אַ היים. יידן הויבן אָן פאַרמאַכן די געוועלבער. מאַרקשטייערס שאַרן צוזאַמען און באַהאַלטן זייער ביסל האָב און גוטס...

די דרייסטערע יידן שטעלן זיך אַרום דער פור: זיי ווילן נישט דערלאָזן זי זאָל זיך רירן פון אָרט... אַ טייל פון די אַנטשלאָסענע, הענגן זיך פעסט אויף די ״פאַרענטשעס״ פון דער פור.

די פאַרצווייפלטע גיטעלע פאַלט אויף אַ המצאה: זי לויפט אַריין אין קאָשטשאָל, זי דערשלאָגט זיך צום גלח און בעט ביי אים הילף... ״הייליקער פאָטער! ראַטעווע! דאָס איז דאָך אַ יידיש קינד!״. ער זאָגט איר נישט אָפּ. אָבער איילן זיך דאַרף מען נישט. ער וועט באַלד אַרויסקומען... ער קומט אָבער נישט. יעדע רגע ציט זיך ווי אַ יאָר. דער טומעל ווערט וואָס אַ מאָל גרעסער. אין דער צווייטער זייט מאַרק שרייט שוין אַ יידענע: ״ראַטעוועט, מען ראַבעוועט מיין ביסל סחורה״. דאָרט אין אַ ווינקל שלאָגט זיך שוין אַ הייפל קריסטן מיט יידן. ״אַ צאָרן אויף די זשידעס!״ ״פּאָליאַקן ראַטעוועט!״. עס ווערט אַ פּייפעריי.

ווער ווייסט מיט וואָס די מהומה וואָלט זיך פאַרענדיקט. נאָר האָט קומט דער גלח, די יידן אָטעמען פרייער אָפּ. די

גוים אַנטבלויזן די קעפּ.ביידע צדדים אַפּעלירן הייס צו זיין הייליקייט.

דער גלח קוקט אָן דאָס קינד... "וואָס דאַרפט איר זיך אַמפּערן" — זאָגט ער צום עולם — "מיר׳ן זוכן סימנים, צי דאָס קינד איז אַ יידישעס..."

אַ טויטע שטילקייט באַהערשט דעם מאַרק. די שפּאַנונג ווערט גרעסער. אַלעמענס אויגן זענען געווענדעט צום "הייליגן פאַטער!".

ער נעמט דאָס קינד אויף די הענט, שפּילעט אָפּ זיינע הייזלעך און איז אים בודק... דער עולם האַלט איין דעם אָטעם.

און אָט הייבט דער גלח הויך אויף דאָס קינד, אַלע זאָלן זען. "זעט, טייערע ברודער קריסטן" — ווענדעט ער זיך מיט אַ שמייכל צו זיין עדה — דאָס קינד איז געמל׳ט, עס געהערט נישט צו אונדזער הייליקער אמונה" — און גיט עס איבער דער גליקלעכער גיטעלען.

ווען מיין מאַמע איז אין טויט־שרעק, אָן אָטעם געקומען צו לויפן, האָט זי שוין געפונען איר קינד אויף די הענט ביי דער דערפרייטער גיטעלען.

אברהם־שלומ׳ל דערזעט, דער ערשטער, זיין מאַמען און שרייט אויס: "מאַמעשי!" — "שלומ׳ל, קינד מיינס!" שרייט די מאַמע — און דריקט צום האַרצן איר ניצל געוואָרן מוז׳יניקל, און טרערן באַוואַשן איר פּנים.

שבת ביים דאַווענען האָט מען אין די טשענסטאָכאָווער בתי־מדרשים און שטיבלעך געדאַנקט גאָט פאַר דעם דאָ־פּלטן נס:

געראַטעוועט אַ קינד פון שמד און אָפּגעהיט די שטאָט פון אַ פּאָגראָם.

עזריאל בן-משה (יאקובאוויטש)

ביי טאג אויפן אלטן מארק

(אַ שילדערונג פון זיין אַמאָליקן אויסזען)

איך וויל דאָ שילדערן, ווי עס האָט אויסגעזעען דער אַלטער מאַרק אין די דרייסיקער־יאָרן, ווען עס זענען שוין דאָרט נישט געשטאַנען קיין בודעס און ווען אויפן אָרט פון אַ קליין הייזל, האָט גייסלער אויפגעשטעלט אַ גרויסע "קאַמיעניצאַ". עס איז מעגליך, אַז איך וועל פאַרגעסן ווען עס איז און אָט־די, בעט איך, מיר מוחל זיין.

פאַר׳ן שילדערן די פאַרשידנאַרטיקע טיפּן, וועלכע האָבן געלעבט און געשאַפן אויפן אַלטן־מאַרק, וועלן מיר כראָ־נאָלאָגיש דורכגעען די הייזער וועלכע זענען געווען אַרום דעם מאַרק און האָבן מיט זיך געשאַפן אַ פיר־קאַנטיג געשטאַלט.

איך הויב אָן ביי די הייזער פון נומער 1. קומענדיק פון נייעם־מאַרק אין אַלטן־מאַרק אַריין, גייט מען אַדורך אַ שמאָל געסל, געענגאיבער דעם "קאַשציאָל", וואָס פרומע יידן האָבן עס גערופן, די "טומאה".

ליידער, פעלט היינט אַ גאַנצע זייט הייזער. אַ גאַנצער בלאָק הייזער איז געוואָרן "אַבראַזירט", דורך די נאַציס, וועלכע האָבן געוואָלט שאַפן אַ פרייען פּלאַץ צווישן נייעם־מאַרק ביזן אַלטן־מאַרק, זיי האָבן אַראָפּגערוימט" די הייזער און ווען מען שטייט איצט אין דער ערשטער אַלעע, זעט מען דאָרט שוין אַרויס דעם אַלטן־מאַרק.

ווי איר געדענקט נאָך געוויס, האָט דאָס ערשטע הויז (אין ווינקל) זיך אָנגעהויבן מיט וועלגרינס הערינג־גע־וועלבל, צו וועלכן מען האָט געדאַרפט אַרויפגעען עטלעכע טרעפּ, נאָכדעם די אַפּטייק פון אַ קריסטליכן אַפּטייקער, און ווייטער ראַזענ׳ס מעל־געוועלב און נאָך אים — האָפמאַנס פאַרבן־געשעפט, וועלכעס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט סחורות, אויך אין די מאַגאַזינען אויפן הויף. נאָך די אַלטע, קרויזענ׳ס הויז איז געווען גרונדמאַנ׳ס אייזן־געשעפט און קאַרמאַזינ׳ס גאַלאַנטעריע־געוועלב און אויפ׳ן הויף האָט איינער פון די ברידער "ליישלעך" פאַרקויפט שיך און דער פרומער שטעפער, אייכענוואַלד, מיט זיינע פרייע און לינק געשטימטע קינדער, האָבן געניט כאַלעוועס צו שיך און שטובלעטלעך.

אין שייקע גאָלד'ס הויז איז געוועזן זיין גרויס וויינגעשעפט און יאַקאָבאָוויטש האָט דאָרט געהאַט אַ גלאָז־געוועלב און דער מלמד פנחס אַרקוש האָט אויפן הויף געהאַט זיין חדר, ווו ער האָט אַריינגעקנעלט תורה אין זיינע תלמידים. דאָ האָט אויך געוווינט דער גרויסער למדן ר' וואלוויש באַרענשטיין.

און אַזוי שפּאַצירן מיר ווייטער און קומען צו יאַקאָבאָוויטש'ס אייזן־געשעפט, אָדער ווי מען האָט עס גערופן "פּוליפּיפּע" און צו שלעזינגערס צוקערלעך־געוועלבל און דערביי צימבערקנאָפּ'ס לעדער־געשעפט. יעצט זענען מיר ביי כתריאל שענקער, וואָס איז געוועזן אַ שם־דבר. דאָ האָבן אויך געוווינט די קויפמאַנס, אַבאַ'לע שוחט'ס דינאַסטיע און די זלאָטניקעס מיטן גלאָז־געוועלב און קראָמאַלאוווסקי מיט זיין לעדער־געשעפט און רייכמאַן מיטן שפּייזגעוועלבל. אין הויף געהען כסדר די אלעקסאַנדער חסידים דאַווענען אין זייער שטיבל. און איצט הויבט זיך אָן "גייסלערס הויז" — די גרויסע פעסטונג, געבויט פון רויטע ציגל מיט זער אַ סך געוועלבער, וועלכע נעמען אַרום דריי גאַסן. אַט גייען מיר אַריין צו פראַניען עסן אַ גוט שטיקל מאַרינירטן הערינג מיט אַ גלאָז ביר. נאָך פון דרויסן האָט מען געפילט דעם ספּעציפישן ריח פון די "גוטע זאַכן"... ווייטער איז פונטוווויטש'עס לעדער־געוועלב און אין צווייטן ווינקל פון געסל, האָט גיטל עסטערלער'ס איר אַ גאַלאַנטעריע־קראָם און מאַנאָוויטש זיין שפּייז־געוועלבל און נעבן אים באַקט שיפּער זיינע "געבעקסן". פריער האָט אליהו בער מיט דער לאַנגער באָרד דאָ געהאַט זיין בשמים־קרעמל.

און אַט זענען מיר שוין ביי אַבעלע קרומקאָפּן'ס הויז. אויך דאָרט האָט אַ מאָל גרויסקאָפּף געבאַקן ברויט. ווייטער — אין צווייטן הויז — וווינט ווידער אַ ברודער פון די "ליישלעך", וואָס פאַרקויפן שיך און איצט קומען מיר אָן צו קופּקע־זאַמפּער'ס אַ גוט שטיקל פּוטער, אַ פרישקעזל און אויפן הויף געפונט זיך שוין יאָרן־לאַנג דאָס "שידלאָווער שטיבל".

איצט קומען מיר צו טורנער'ס עסיג און אייל־געוועלב און דורך אָפּינסטער'ן טויער קומען מיר צום "קאָזאַצקער שטיבל" (ראַדאָמסקער) און צו דער ישיבה "כתר־תורה" און אין דעם זעלבן הויז, וואָס גרענעצט זיך מיט דער "אַלטער ראַנדע", וווינען די "אַיינגעריסטע" און דאָ איז דאָס "האַלבע רונדע טויער", — אַ זכר פון אַ מאָליקן "געטאָ". דאָס שמאָלע געסל פירט אונדז צו דער גאַרצאַרסקא און נאַדרז'עצ'נא גאַס און אַפילו גלייך צו די "קאַסטענעס" אין דעם געסל — באַלד ביים עק וווינען די "לעמעלעך". און פון דאַנעט קען מען אַריינקומען צו "לאָזער־הויקער" און זיין שענק און זעען קליינמאַנס אַנגעפּראָפּט געוועלבל מיט לעדער.

מיר שפּאַצירן ווייטער:

אין קאָפּינסקיס הויז איז געוועזן וואַרגאַנס אַ שענק, נאָכדעם האָט ראַדאָשיצקי זיך דאָ געעפנט אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט. אין דעם הויז וווינט אויך דער שוחט בערגמאַן און ווידער אַ קליינמאַן, וואָס האָט לעדער צו פאַרקויפן, זער אַ חסידישער ייד, וואָס האָט, רחמנא־ליצלן, אַ טאָכטער אַ אינטעליגענטקע, אַפילו מיט זער לינקע איבערצייגונגען.

און נאָכדעם שמאי טענענבוים'ס הויז, וואָס האָט שפּעטער געהערט צו זוסמאַן קרויזע, דאָס הויז איז באַרימט געוואָרן צוליב דעם, וואָס ער האָט אין זיין וווינונג אויפגעהאַלטן, עטליכע וואָכן, דעם ז'וריקער רבין, בעת זיין באַזעצן זיך אין טשענסטאָכאָוו.

די זיידמאַנס האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן פיעטרושקע אויפן הויף. משה "חסיד" פאַרנעמט זיך דאָ זייט לאַנגע יאָרן מיט שטעפעריי. אַרדאַן האָט דאָ זיין סקלאַדאַפּטעטשני און זיינס אַ יידישער אַנגעשטעלטער, פראַשקעוויטש קויפט עס ביי אים. סעלקע, ראובן שולוויץ'ס טאָכטער האָט אַ שפּייז געוועלבל און די נודלמאַנס האָבן דאָ פאַרקויפט "אַנצוגער".

דאָס נאָענטסטע הויז איז פון די באַרימטסטע הייזער פון אַלטן־מאַרק, צוליב דעם מוכר־ספרים, עמנואל בייגעלע. ווער איז נישט געקומען צו אים קויפען ספרים און לערן־ביכער? אין אַריינגאַנג אין טויער פאַרקויפט מען אויך "זויערע" אוגערקעס ביי "ביניבוטן", אין דער הויך וווינט דער היטלמאַכער אלי־בער זיידמאַן און ווען עס קומען פאַר וואַלן זענען זיינע פענסטער פול מיט טראַנספּאַראַנטן פון "לינקע" און רעכטע "פּועלי־ציון". אין פראַנט האָט טאַביאַש אַ אייזן־געשעפט און שפּעטער פאַרקויפט ער עס די לעדער־סוחרים יעשאַנאָוויטש און שלינגבוים. אויך נודעלמאַן דער "מאַרשעליק" וווינט אין דעם הויז.

אַזוי קומען מיר ביז ראָטבאַרט'ס "סטאַדאָלעס" הויז, דאָ האָבן מיר ווידער לעדער געשעפטן פון "ליכטער און לאַקס". עס איז אויך געוועזן אַנ'הויז וואָס האָט געהערט צו אַ קריסט. אין דעם הויז וווינט דער שטעפּער משה דזיאַלאָווסקי, וועלכער דערציילט אינטערעסאַנטע מעשיות נאָך פון דער רוסישער־יאַפּאַנישער קריג.

אוןווידער זענען מיר ביי אַ באַרימט־הויז, צוליב דעם וואָס דאָרט וווינט דער מוכר ספרים לאַפּידעס. אין דעם הויז וווינט אויך אַ סופר־סת״ם און אַ פישער — דער "שטומער נתן" און העלפגאַט האָט דאָרט אַ לעדער־געוועלב. עס איז אויך דאָרט געווען, אַ קליין געוועלבל פון צוקערלעך פאַר אַ גראָשן. ווייזט אויס, אַז צוליב דעם וואָס די טירן זענען געווען געשמירט מיט רויטער פאַרב האָט מען עס גערופן — "דאָס רויטע־געוועלבל".

און נאָכדעם — אין ווינקל — האָט מאַנטשע טרוסקולאַסקי זיין באַרימטע שענק. די לעצטע צייט האָט ער עס פאַרקויפט אַ פוילישן לעדער־סוחר אולטשיק. יאָ אין דעם געסל וווינען אויך די פאַמיליעס שיין, דאַרפגאַנג, שוויערצינסקי און קעגנאיבער האָט בייניש בראָדער די שענק און יאָסל גאָלדבערג "זאביוק" זיין פריזירײַ.

מיר קומען צו גרינבוימען מיט זיין לעדער־געשעפט און גאָנשאַראָוויטשעס בראָנפן־געשעפט.

אין צווייטן הויז וווינט דער שטעפער טאַוזיעוויטש און קאָזשושניק. וולאַדאַווסקי האָט דאָ יאָרן־לאַנג אַ פּרוכטן־געשעפט.

און דאָ זיינען מיר שוין ביי זשובראָווסקי׳ן אין הויז, מיט זיין קריסטליכע שענק, דאָ האָט וויינבערג אַמאָל געהאַט אַ וויין־געשעפט און דאָ וווינען אויך די משפחות: עדעליסט, ווייספּעלנער און וואָלסקי. נאָך דעם איז דאָ אַ קליין הייזל, דאָ האָט הערץ אַנ׳אייזן־געוועלבל און געווירצמאַן אַ גאַלאַנטעריע קראָם און פייערמאַן — אַ גרויס אייל און זייף געשעפט און דאָ הויבט זיך שוין אָן די "יאַטקע־גאַס".

דער אַלטער־מאַרק האָט חוץ דעם אַלעמען נאָך געהאַט פאַרשידענע טיפּן, וועלכע האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַהין און צוריק. אַזוי איז דאָרט געשטאַנען דער באַרימטער "פּאָ פּיענטש אי זאַ פּיענטש", ער איז געגאַנגען אין אַ ווייַן פאַרטוך און פאַרקויפט פאַר פינף גראָשן "עפּעס" צו עסן. אָדער "שאָקעלע" מיטן קרומען קאָפּ און איין זייט אַ שטעקן אויף דער האַנט און אין דער צווייטער זייט — אַ פּאָר הויזן אָדער אַ מאַרינאַרקע צו פאַרקויפן. אַ געלער ייד האָט דאָ פאַרקויפט זומער "פּאַפּיער נאַ מוכי" און ווינטער "הייסע" "קאָכעדיקע אַרבעס". אַ פרוי האָט דאָ פאַרקויפט הייסע "קאַרטאָפל־פּלעצלעך".

שליטען" האָט פאַרקויפט הערינג פון אַ פעסל און האָט גערודערט און געשריגן: "אוליקי, אוליקי — יאַק טע פיינס־

אַ הויכער ציגיינער וועלכן מען האָט גערופן "שייע־קיע ביקי" און אַ הויכער ייד מיט אַ געל בערדל, האָט דאָ פאַרקויפט הערינג ביי אַ קליין טישל.

צווישן די מאַרק־שטייער׳ס איז אויך געווען אַ שוסטער, וועלכן מען האָט גערופן דער "קאָז׳יאָל", אַ הויכער ייד מיט אַ געלער באָרד און אַז עס האָט זיך עמיצן פאַרגלוסט אים צו פאַרטשעפּן און דורכגייענדיק אין מאַרק אַ געשריי געגעבן "מע־מע", האָט ער אים געיאָגט איבער אַלע גאַסן ביז ער האָט אים געפּאַקט און אים גוט אָנגעבראָכן די ביינער...

אַ שווערן קאַמף האָבן געפירט צווישן זיך די סוחרים זעלבסט. יעדער האָט געהאַט זיינע "רופער", וועלכע האָבן אים געבראַכט די "שלאָנזאַקעס", גלייך פון דער באַןסטאַציע. מען האָט אָנגעהויבן כאַפּן איינער פון צווייטן דעם קונה. די גרעסטע מלחמות זענען פאָרגעקומען צווישן די שניידערס.

די אינטערעסאַנטסטע טעג זענען געווען די "יאַר־מאַרקן", די פויערן האָבן געבראַכט פּוטער און הינער, זיי זענען געקומען פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן און קויפן וואָס זיי דאַרפן.

יעדן אינדערפרי האָבן זיך ביי "בייגעלעס" הויז אַוועקגעשטעלט די "פּאַכציאַרעס", וועלכע זענען געקומען פון ד׳ דערפער מיט מילך־פּראָדוקטן.

אין אַלטן־מאַרק האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט די "שטאַרקע", אָדער, די אַזוי גערופענע, "ווילע יונגען". אַ לענגערע צייט איז דאָ געשטאַנען מיט פיש "יאַנקל־הודיס" — ער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט געזאָגט, אַז ווען ער גייט שאָקלען זיך די שטיינער אונטער אים...

אויך שמעון מאַלפּע "שנעלצוג", און די "זומפּערס", האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט און געזוכט פּרנסה...

די "סטראַגאַנעס" אין מאַרק זענען געגאַנגען לויט אַ געוויסן סדר. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט מעל־סוחרים און נאָכדעם שיך, אַנצוגער, לעדער, און נאָכדעם פיש און צום סוף — הינער און פּוטער. יעדער מאַרק שטייער האָט געהאַט זיין סטאַבילן פּלאַץ אין מאַרק. אין דער פרי פלעגט ער אויפשטעלן זיין "סטראַגאַן" מיט דרענגער און פלאַכטעס און פאַרנאַכט, זיך איינגעפּאַקט זיין "געשעפט".

אויך די טרעגערס האָבן געהאַט זייערע פּלעצער — געגן שייקע גאָלד׳ס הויז זענען געשטאַנען די געזונטע יידן מיט די רויטע פּנים׳ער מיט זייערע וועגעלעך, אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק. אַ זאַק צוקער, אַ זאַק מעל אויפצוהויבן, איז ביי זיי געווען פון די לייכסטע זאַכן. זיי זענען געווען

פשוטע מענטשן, אָבער, גוטע יידן מיט וואַרימע הערצער שבת נאָכמיטאָג, ווען מען האָט זיך אויסגעשלאָפן נאָכן עסן, זענען די מענער געגאַנגען לערנען פרק אין בית־מדרש, די חסידים — פאַרשטייט זיך — אין שטיבל צו שלוש־סעודות און די ווייבער האָבן אַרויסגענומען בענקלעך פאַר׳ן טויער, זיך אויסגעזעצט און עוסק געווען אין רכי־לות־טרייבעריי.

די יוגנט פון דעם אַלטן־מאַרק איז געווען טעטיק אין אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, דאָ זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע ספּאָרט־קלובן און דאָ זענען געמאַכט געוואָרן די התחלות פון אַמאַטאָרן־קרייזן. מען האָט געשפּילט טעאַטער און נישט איינמאָל האָט מען געהערט ביי נאַכט פון אונטער די פענסטער, ווי מען זינגט יידישע פאָלקס־לידער פון קיפּניסען אין שבת זינגט מען זמירות, מען רעציטירט יוסף קאַמיענס דעקלאַמאַציע. און מען ברומט אויך אונטער די לידלעך פון מישא קאָלאָדני, דזיעק רעכטצייט און פון ביאַלקאָוויטש׳ס האַרצרייסנדע מעלאָ־דראַמעס און אַנדערע יידישע אַרטיסטן, וועלכע פלעגן אַזוי אָפט באַזוכן דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו.

(ליידער איז מיין שילדערונג אַ רעזולטאַט פון אַמאָליקן זכרון מיינעם. ווען כ׳בין אין יאָר 1945, געקומען קיין טשענסטאָכאָוו האָבן געוועבט אין מיין זכרון "פאַנטאַזיע"־חלומות פון אַ מאָל...

אין דער ווירקליכקייט בין איך געשטאַנען אויף די חורבות פון יידישן, מיר אַזוי טייערן, טשענסטאָכאָוו.

אונדזערע בלוטיקע שונאים האָבן געפייערט זייער טייוולאָנישן נצחון — דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו — איר אַלטער און נייער מאַרק, אַלץ איז אָפּגעווישט געוואָרן אין בלוט־מבול פון פוילישן יידנטום!).



די אַלטע ראַנדע — די ירושה פון דער היסטאָרישער געטאָ אויפ׳ן אַלטן מאַרק

י. אלחנן פלאי-פיליק

א הויף אויף דער ווארשעווער גאס

וואַרשאַווסקאַ 5 איז געווען דאָס הויז פון די גריטשמאַנסקי׳ס, וואָס האָבן געשטאַמט פון פוילישן אַדעל (שלאַכטשיצעס), דער מאַן האָט שוין נישט געלעבט, נאָר די אַלמנה, אָן קינדער, וועלכע זענען יונגערהייט געשטאָרבן. עס איז געווען איינס פון די גרעסטע הייזער אין שטאָט און זיך געגרעניצט מיט דער אַגראַדאָווע גאַס. אין דעם דאָזיקן קריסטלעכן הויז האָבן געוווינט כמעט בלויז יידן, — לאָקאַטאָרן, — וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט כמעט אַ פיל־פאַרביק שטעטעלע: סוחרים, בעלי־מלאָכות, טאָרג־שטייער, עסקנים און בני־תורה. אין דעם הויז האָבן אויך געוווינט עטליכע משפחות מוזיקאַנטן, צווישן זיי משפחת שמולעוויטש, מען האָט טאַקע שטענדיק געהערט מוזיק, אָבער אַ סך מאָל פלעגט עס גרילצען אין די אויערן... פון דער צווייטער זייט איז דאָרט געווען דער "צענטער" פאַר סאָציאַלע הילף פאַר דער אָרימער באַפעלקערונג, ווייל דאָרט האָט אויך געוווינט דער באַוווסטער ציוניסטישער עסקן ה׳ נתן געריכטער, וועלכער איז אויך געווען זער אַקטיוו אין דער פאַרוואַלטונג פון "דאָבראָטשינגאָשטש" און ער פלעגט פאַרטיילן פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג די "קופּאָנעס" אויף פאַרשידענע פּראָדוקטן און געלט־שטיצעס.

יעדן אין דער פרי איז דער הויף געוואָרן פאַרוואַנדלט אין איין זאַמעלפונקט פון דער יידישער אָרעמקייט... וועלכע האָט געוואַרט אויף נתן געריכטער.

בײַ אים פלעגן אויך פאַרקומען געהיימע ציוניסטישע אַסיפות, נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די ציוניסטישע טעטיקייט האָט זיך געפירט זער קאָנספּיראַטיוו.

נתן געריכטער — אַ גרויסער מעל און תבואה סוחר, איז געווען דער אינטעליגענטסטער לאָקאַטאָר אין דעם הויז און זיין וווינונג איז אויך געווען דאָס קולטור־ווינקל פאַר ליטעראַרישע פּגישות פון עלטערע און יונגע משכילים. נתן געריכטער, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט אויף עטלעכע ציוניסטישע קאָנגרעסן, האָט אַ סך מאָל באַריכטעט און רעפערירט אין זיין וווינונג, וועגן ציוניסטישע פּראָבלעמען און אויך באַריכטן פון די קאָנגרעסן און אַנדערע ציוניסטישע קאָנפערענצן. ער איז געווען זער געשעצט ביי אַלע קרייזן, אַפילו ביי זיינע פּאָליטישע געגנער.

פון דער אַנדערער זייט איז דער זעלבער הויף געווען דער צענטער פון תורה און חסידישער נגינה, פון די גערער און ראַדאָמסקער דינאַסטיעס. די פאָרשטייער פון די ביידע רביאישע ״הייף״ האָבן פאַרגעשטעלט פון איין זייט די דירה פון מיין זיידן ר׳ יוסף ישעיהו וואַרגאַן מיט זיינע קינדער, וועלכע זענען געווען מופלגים אין חסידות און אויך גרויסע מנגנים, ר׳ יוסף ישעיהוס — אַלס בעל שחרית און בעל תוקע אין ראַדאָמסקער שטיבל און ר׳ מנשה מאַרגוליעס אַלס בעל מוסף אין גערער שטיבל און ווען ס׳איז געקומען חודש אלול איז דער הויף פערהילכט געוואָרן פון די 2 קאַפּעליעס משוררים און זייערע שיינע חסידישע ניגונים.

שטענדיק האָט זיך אויך געהערט דער קול תורה פון די חסידישע שכנים פון הויז, איך דערמאָן זיך ווי הרב ר׳ בן ציון וודאָווינסקי, אַ זון פון ראַדזימינער רב און אַן אײדעם פון ר׳ משה מאַרגוליעס, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און געלערנט מיט בחורים לומדי־תורה און צו אים פלעגן אָפט קומען — הרב ר׳ וואָלוויש באָרענשטיין — דער סאָכאַטשאָווער עילוי און ר׳ וואַוטשע פּיעטריקאָווסקי — דער איידעם פון באַוווסטן גערער חסיד ר׳ יחזקאל פישעל, און אָט די 3 לומדים פלעגן זיך אַרום דרייען שעה׳ן־לאַנג איבער די 2 הויפן און געשמועסט אין לערנען.

(אַזוי האָבן געלעבט די הויז־איינוווינער פון וואַרשאַווסקאַ 5 ביז צו די שוידערלעכע ״אַקציעס״ פון די נאַציִשע רוצחים.)

דוד קאַניעצפּאָלער

דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו - ערב דער צווייטער מלחמה

אין האַרץ און אין מוח עגבערט און פייניגט אָן אויפהער די דערמאָנונג וועגן חורבן פון די טשענסטאָכאָווער יידן.

פון זכרונות־נעפּל, וואָס איז אַדורכגעווייקט מיט בלוט און פאַרניכטונגס־גאַז, שיילן זיך אַרויס נעמען פון גאַסן, ווו עס האָבן געוווינט בלויז יידן.

דאָרט זענען געווען שולן און בתי־מדרשים, דערציאונגס־אַנשטאַלטן און ישיבות, ווירטשאַפטלעך־פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פּאָליטישע פּאַרטייען, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אינסטיטוציעס, פינאַנציעלע אַנשטאַלטן.

אין טשענסטאָכאָוו האָבן די יידישע פאַבריקאַנטן, גרויסע סוחרים, האַנטווערקער און קליינהענדלער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינעם אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן.

די צירונג פון אונדזער אָרטיקער יידישער קולטור זענען געווען: יידישע צייטונגען, ביבליאָטעקן, קורסן און קולטור־אַנשטאַלטן.

טיף איינגעקריצט אין זכרון איז אָט־דאָס אַלעס. פאַר דיינע אויגן שטייען, ווי דו וואָלסט ערשט נעכטן האָבן געזען, די גאַסן פון דער שטאָט, די הונדערטער יידישע

הייזער, וועלכע יידישע איניציאַטיוו און ענערגיע האָבן אויפגעבויט. יידישע פאַבריקאַנטן, ווי ד״ר זאַקס, וויינבערג, נויפעלד און אַנדערע זענען געווען די פּיאָנירן פון אינדוסטרי און פון גרויס־האַנדל אין טשענסטאָכאָוו.

אין אונדזער שטאָט זענען געווען אינדוסטריע־אונטערנעמונגען — פון די אַנגעזעענסטע אין זייערע צווייגן אין פּוילן — ווי למשל: די ״פּאַפּיערניע״ (פּאַפּיר־פאַבריק), ״וואַרטע״.

די יידישע קליין־אינדוסטריע האָט ממש ״אַנטדעקט״ טשענסטאָכאָוו מיט אירע אויסאַרבעטונגען אין די צווייגן: צעלאַלויד, קעראַמיקע, ראָווערן־טיילן און קאַטוילישע ריטועלע קעגנשטאַנדן.

דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט די איבער 33,000 יידן, האָבן די מערדערישע, אכזריות׳דיקע נאַציס אומגעבראַכט.

.1

היטלערס קומען צו דער מאַכט און די פּוילישע יידן

דער טיף פאַרוואָרצלטער און ברייט־פאַרצווייגטער יידישער ישוב אין טשענסטאָכאָוו איז, גלייך מיט אַלע פּוילישע יידן — געוואָרן אויפגעציטערט, ווען זיי האָבן אין יאָר 1933 געהערט, אַז היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

היטלערס יידן־מערדערישע און אויסראָטונגס־פּאָליטיק האָט, ליידער, געפונען ״סימפּאַטיע״ ביים גרעסטן טייל פון די פּוילישע פּאָליטיקער.

אויך פריער האָבן יידן אין זעלבסטשטענדיקן פּוילן געהאַט צו ליידן פון עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע פורעניות׳ן. אָבער די צרות האָבן זיך אַ סך מער פאַרשאַרפט נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד: עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרוויקליכונג פון דער ״אָווינעם״־פּאָליטיק פון דעמאָלסטיקן פּוילישן פּרעמיער גענעראַל סקלאַדקאָווסקי — אַ תקופה פון האַרבע דיסקרימינאַציעס און נגישות.

די טעטיקייט פון דער סאַנאַציע־באַשעפעניש ״אָזאָן״ און פון איר פירער, פּאָלקאָווניק קאָץ איז אויסן געווען איבערצוליציטירן זיך אין דער אנטי־יידישע עקאָנאָמישע אויסראָטונגס־פּאָליטיק — נישט בלויז פון דער ״ענדעציע״, נאָר אַפילו פון זייערע כוליגאַנישע מיטלויפערס, די ״נאַראָדאָווצעס״, וועלכע האָבן אַרום געשטעלט פּיקעטן פאַר די יידישע געוועלבער און אויסגעפירט דערביי אַכזריותדיקע, פיזיש־מערדערישע אָנפאַלן אויף יידן.

דער פּוילישער הימעל האָט געוואָרפן אַ פינצטערן שאָטן אויפן יידישן לעבן אין פּוילן, און דאַרונטער אויך אויף די יידן אין טשענסטאָכאָוו.

פונקט ווי די יידן אין אַנדערע שטעט אין פּוילן האָבן אויך די טשענסטאָכאָווער יידן, געזוכט מיטלען כדי זיך צו ראַטעווען — עקאָנאָמיש און פּאָליטיש.

עס זענען צו אָט־דעם צוועק געשאַפן געוואָרן אָפּטיילונגען פון אַלפּוילישן ״יידישן עקאָנאָמישן קאָמיטעט״, וועלכעס הויפּט־ציל איז געווען: שטאַרקן די עקזיסטירנדיקע קליין־אינדוסטרי און מלאָכה מיט דער הילף פון מאַשינען, קרעדיטן און דורך מיטהעלפן ביים עקספּאָרט פון סחורות וואָס די יידן האָבן פּראָדוצירט.

די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון יידישער אינדוסטרי און מלאָכה, מיט ה׳ ענגל בראש, האָבן איבערגענומען דאָס אָנפירן פונעם קאָמיטעט. זיי זענען געווען זייער אַקטיוו און האָבן געפירט זייער טעטיקייט ענערגיש און מיט דער פולסטער אחריות.

כדי בעסער צו אָרגאַניזירן די אַרבעט איז אין טשענסטאָכאָוו צונויפגערופן געוואָרן אַ ראַיאָן־צוזאַמענפאָר. מען האָט אָנגעהויבן דורכפירן אַ גענויע רעגיסטראַציע פון די האַנטווערקער און פאַבריקאַנטן. אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, מיטן אינזשיניער לעווקאָוויטש אין דער שפּיץ, האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ רשימה פון זייערע מאַשינען, אינווענטאַר, ווי אויך פון די קרעדיטן, וואָס זיי האָבן באַקומען.

עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט ״אָרט״, וואָס אין איר שפּיץ איז אויך געשטאַנען אינזש. לעווקאָוויטש.

די געזעלשאַפט האָט, אין קאָאָרדינאַציע מיט דער יידישער האַנטווערקער־שולע אויפן נאָמען פון וואָוועלבערג, איבערגענומען די פּראָדוקטיווע איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און באַזונדערס פון דער יוגנט, אין ראַמען פון דער דאָזיקער טעטיקייט, זענען געשאַפן געוואָרן קורסן פאַר עלעקטריקער, פאַר מאָטאָרן־וויקלער.

עס איז געווען אַ פּלאַן צו שאַפן אויך מעכאַנישע וואַרשטאַטן, כדי אויסצובילדן יידישע מאַשיניסטן פאַר האָלץ, טעקסטיל און מעטאַל בראַנזשעס.

גלייכצייטיק איז נישט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן די פּאָליטישע טעטיקייט. די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן איינגעאָרדנט, אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן אָפּמאַך בעק־היטלער, אַן אימפּאָזאַנטן פּראָטעסט־מיטינג געגן דער היטלעריסטישער אויסראָטונגס־פּאָליטיק. דער מאַסן־מיטינג איז פאַר־

געקומען אויף די ״וואַלעס״, ווייל מ׳האָט נישט באַקומען קיין פּאַסענדיקן פּלאַץ אין שטאָט־צענטער.

עס קלינגען נאָך אין מיין זכרון די שטאַלצע ווערטער פון ד״ר בראַם אויף אַט־דעם מיטינג. ער האָט פאַרגליכן היטלערס בלוט־אָרגיעס צו די ״קרייץ־צוגן״ פון 11־טן יאָר־הונדערט.

אַ צווייטע אַקציע קעגן דער ״היטלעריאַדע״ איז געווען דאָס שאַפן, אונטערן פאַרזיץ פון ה׳ שטילער, אַ בויקאָט־קאָמיטעט פון סוחרים־פאַראיין קעגן דייטשע סחורות, וועלכע מען פלעגט ברענגען קיין טשענסטאָכאָוו.

דעם 10־טן מאַי 1935, האָט דער אַלגעמיינער יידישער קאָמיטעט פון די פּאָליטישע פּאַרטייען און ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, איינגעאָרדנט, אונטערן פאַרזיץ פון פּראָפ. סאַק אַ גרויסע פּראָטעסט־אַקאַדעמיע קעגן דעם מיטל־אַלטערלעכן ״אויטאָדאַפע״ פון די נאַציס אין בערלין, די טרויעריג־באַקאַנטע ״קרישטאַל־נאַכט״, ביי וועלכער עס זענען פאַרברענט געוואָרן די שענסטע שאַפונגען פון יידישע און נישט־יידישע, אָבער ליבעראַלע, קולטור־שאַפער.

אין אַט־דער אַקאַדעמיע האָט ד״ר באַטאַוויאַ געשילדערט אין אַן אויספירליכן רעפעראַט דעם גרויסן צושטייער פון די יידישע קינסטלער און וויסנשאַפטלער פאַר דער אַלוועלטלעכער־אַלמענטשלעכער קולטור און וויסנשאַפט בכלל און פון דייטשלאַנד בפרט.

ד״ר באַטאַוויאַ האָט אויך דערמאָנט עטלעכע פון די יידיש־דייטשע וויסנשאַפטלער, וועלכע האָבן געשטאַמט פון טשענסטאָכאָוו.

דאָס אַלץ האָבן די דייטשע באַרבאַרן פאַרברענט אין דער ״קרישטאַל־נאַכט״ אויף שייטערהויפנס, באַגלייט מיט די חיה׳שע געזאַנגס־ווערטער: ״ווען דאָס יידישע בלוט פון מעסער שפּריצט״...

די יידישע געזעלשאַפט האָט געמיינט, אַז מיט פּאָליאַטיוון פון אַ ״בויקאָט״ און פון ״פּראָטעס־אַקאַדעמיעס״ וועט מען קאָנען אָפּשאַפן, אָדער, כאָטש שוואַכער מאַכן אַט־די אוממענטשלעכע, באַרבאַרישע אויסראָטונג׳ס־פּאָליטיק פון די היטלעריסטישע האָרדעס.

2.

עס קומען קיין טשענסטאָכאָוו פינצטערע ידיעות פון דער וועלט: שיפן מיט יידישע פליטים פון דייטשלאַנד וואַנדערן אַרום איבער אַלע ימים. די לענדער, צו וועלכע זיי ווענדן זיך, לאָזן זיי נישט אַריין.

באַזונדערס באַמיט זיך דערין די ענגלישע מאַנדאַטאַר־מאַכט אין ארץ־ישראל.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס זוכן אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע וועגן כדי צו ברענגען די יידישע יוגנט קיין ארץ־ישראל, אָבער עס לאָזט זיך נישט, ווייל דער טראָפּ ווערט געלייגט אויף דער ערשטער אויפגאַבע וואָס איז — ראַטעווען די דייטשע יידן פון זייער ברענענדיקן גיהנום. במילא זענען די סערטיפיקאַטן פאַר מדינות, ווי פוילן געוואָרן וואָס אַ מאָל מער איינגעשרומפּן...

אָבער נישט געקוקט אויף די גרויסע באַמיאונגען, האָבן די דריי און אַ האַלב מיליאָן יידן אין פוילן און צווישן זיי די העכער 33 טויזענט יידן פון טשענסטאָכאָוו, אין די לעצטע יאָרן, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה זער ווייניק געזען פון דער לעגאַלער און אַפילו אומלעגאַלער עליה.

סוף אָקטאָבער 1938, איז דאָס פוילישע יידנטום אויפגעציטערט געוואָרן פון ברוטאַלן אַקט מצד דער דייטשער רעגירונג, וועלכע האָט ״אַריבערגעטריבן״ פון דייטשלאַנד איבער דער פוילישער גרענעץ טויזענטער פוילישע יידן, צווישן זיי אַפילו אַזעלכע, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט אַ סך יאָרן און אַפילו געבוירענע אין דייטשלאַנד, נאָר זיי זענען געבליבן פוילישע בירגער.

די דאָזיקע יידן האָבן די נאַציס צונויפגענומען אין אַ פינצטערער רעגנדיקער נאַכט און זיי אַריבערגעטריבן, ווי בהמות, איבער דער פוילישער גרענעץ.

נאָך אַ סך שווערע באַמיאונגען האָט די פוילישע רעגירונג געשאַפן אין זבאָנשין (נעבן פּויזן) אַ לאַגער, דאָרט זענען די פאַרטריבענע יידן געוואָרן קאָנצענטרירט.

דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו האָט — פונקט ווי די יידישע קהילות אין אנדערע פוילישע שטעט — געשאַפן אַ הילפס־קאָמיטעט מיט ד״ר הירשבערג׳ן אין דער שפּיץ. דער קאָמיטעט האָט געטון אַלץ, כדי צו העלפן די אומגליקלעכע היימלאָזע יידן, צווישן וועלכע עס זענען געווען אויך רייכע פאַבריקאַנטן, באַנקירן און סוחרים.

דער ציל פון דער אַקציע איז געווען: געבן ערשטע הילף סיי די פאַרטריבענע, וועלכע עס איז געלונגען צו קומען קיין טשענסטאָכאָוו און סיי יענע וועלכע זענען נאָר געבליבן אין דעם זבאָנשין־לאַגער.

עס איז אוממעגלעך צו שילדערן די צרות און פּיין, וואָס די פאַרטריבענע האָבן אַדורכגעלעבט.

3.

דער פינסטערער היטלעריסטישער הוראַגאַן האָט ווייטער געפלייצט און פאַרפלייצט אָן אויפהער. אין רעזולטאַט פון די פּאָליטישע "אַנשלוסן" — כלומרשט פרייוויליקע, אָבער באמת אונטער שווערן מיליטערישן דרוק — זענען די יידן תמיד געווען די ערשטע קרבנות.

נישט אַלע יידן האָבן געהאַט די מעגליכקייט אויסצוואַנדערן — אַפילו נישט ווי די דייטשע יידן.

די יידן פון די "אַנגעשלאָסענע" געביטן, זענען נעביך געלאָפן ווי פון אַ שרעקלעכער שריפה.

אַט־אַזוי זענען אויך אַ טייל פון די אַנטלאָפנדיקע יידן אַנגעקומען אין אַ שרעקלעכן מצב אין די גרענעץ־שטעט קאַטאָוויץ, סאָסנאָוויץ, בענדין און טשענסטאָכאָוו.

הגם די לאַגע פון דער טשענסטאָכאָווער יידישער קהילה איז געווען אַ שלעכטע, האָט מען דאָך מאָביליזירט גרויסע געלט־מיטלען, כדי צו לינדערן די נויט פון די אַדורכפאָרנדיקע פּליטים.

שפּעטער איז אויך קאָאָרדינירט געוואָרן די טשענסטאָכאָווער הילפס־טעטיקייט מיט די הילפס־אָרגאַנען פון די דערמאָנטע שטעט.

אָבער די אַלע מאָביליזירטע געלט־מיטלען זענען געווען ווי אַ שפּיי אין ים אַריין. זיי זענען געווען ווייניק און האָבן נישט געקאָנט העלפן די פאַרפייניקטע און געיאָגטע יידישע היטלער־קרבנות.

4

עס איז געווען אַ גרויסע שמחה אין די פּוילישע רעגירונגס־קרייזן צוליבן "בעק־היטלער" אָפּמאַך. די "אדונים" פון דער סאַנאַציע האָט זיך געדאַכט אַז היטלער איז אַ פּאָליטיקער, וועלכער, וועט די פּאָליאַקן זיכער פאַרשוינען. זיי האָבן געגלויבט, אַז ער וועט פּוילן נישט שטעלן קיין טעריטאָריאַלע פאָדערונגען. והא ראיה: ביי דער "גרויסער" געשעעניש, דהיינו: אין דער צייט פון גערינג׳ס און געבעל׳ס באַזוך, האָט מען דאָך נישט געהערט, אַפילו, קיין רמז וועגן דעם...

אמת, געבעל׳ס ימ״ש האָט אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט געזאָגט:

"אויב געוויסע "אידעלע" מענטשן פון אייראָפּע האָבן טענות צו די דייטשן הלמאַי זיי פאַרניכטן יידן, וואָס זענען לעבעדיקע מענטשן — טאָ זענען דאָך אויך "פליי" לעבעדיקע באַשעפענישן און אָט־די "אידעלע" הערן, פאַרניכטן זיי".

די סאַנאַציע־פּרעסע האָט זיך באַגייסטערט פון דאָזיקן טייוולאַנישן פאַרגלייך. אָט־די "גרויסע" פּאָליטיקער האָבן זיך מן הסתם פאַרגעשטעלט, אַז זיי וועלן שאַפן אין פּוילן אַזאַ אַנטי־יידישן קורס וואָס וועט נושא־חן זיין אין די אויגן פון "נאָבעלן" פריינט און שכן, דייטשלאַנד...

זיי האָבן געטראַכט אַז דאָס וועט דער סאַנאַציע און די אַנדערע בלוט־דורשטיקע אַנטיסעמיטן געבן די געלעגנהייט אינגאַנצן צו עלימינירן די יידישע באַפעלקערונג פון פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אָבער, אָט־די דאָזיקע "שמחה" האָט נישט לאַנג געדויערט.

נישט לאַנג האָבן זיך די סאַנאַציע־פּאָליטיקער געקאָנט פרייען מיט זייער "קליינקעפּלדיקער" פּאָליטישער אויפפאַסונג.

פון דער יידישער זייט האָט מען נישט איינמאָל איבערגע׳חזרט אין די אויערן פון די סאַנאַציע־פּאָליטיקער אַז זייער פּאָליטיק פירט פּוילן צו אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע.

מען האָט זיי אומאויפהערלעך געזאָגט:

"אַנשטאָט צעמענטירן אַלע כוחות אין פּוילן קעגן אָט־דעם גרעסטן מערדערישן שונא, איז זייער אָריענטאַציע: "צוואַרפן דעם היטלער־הונט בלויז דעם "יידן־ביין"...".

און טאַקע: עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן — אַז היטלער שטעלט פּוילן אַזעלכע פאָדערונגען, וועלכע זענען געווען ענלעך צו די פאַקטן און געשעענישן מיטן אָנגריף אויף פּוילן אין יאָר 1939.

אין פּוילן האָבן זיך — קורץ פאַר היטלערס אינוואַזיע — באַוויזן פּלאַקאַטן אין אַ גייסט וואָס איז געווען אין אַ בולט׳ר סתירה צו דער "שמחה" בעת׳ן אָפּשליסן דעם "בעק־היטלער" אָפּמאַך...

אין אָט די פּלאַקאַטן, האָט זיך אָפּן געזאָגט, "אַז היטלער געהערט צו די בלוט־דאַרשטיקע רויב־חיות".

אָבער, אין דער פּאָליטיק לגבי יידן האָט די סאַנאַציע זיך לחלוטין נישט געענדערט...

לגבי יידן איז געבליבן דער אַלטער פּלאַן פון אַלע פּוילישע אַנטיסעמיטן: דערווייטערן די דריי און אַ האַלב מיליאָן יידן פון עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּוילן.

אין די הויך־שולן האָבן די מאַכט־האָבער ווייטער זיך

געהאַלטן ביי דער שיטה פון "געטאָ־בענק" און "נומערוס נולוס" פאַר יידן. זיי האָבן דערמוטיקט די פינצטערע אַגי־טאַציע פון דער יידן־פרעסערין פרוי פריסטאָר; זיי האָבן פאַרברייטערט דעם קאַמף קעגן די יידישע סטראַגאַנעס — אַ קאַמף וואָס האָט, אייגנטלעך, דערפירט צו אָפענע פּאָג־ראָמען, ווי למשל, אין פשיטיק, טשענסטאָכאָוו און אין אַנדערע פוילישע שטעט און שטעטלעך.

נאָך מער: די סאַנאַציעס־פּאָליטיקער האָבן אָפן געפּאָ־דערט דאָס איינפירן דעם אַריער־פּאַראַגראַף. דווקא ערב היטלערס אינוואַזיע, איז פאַרשאַרפט געוואָרן די אַנטיסע־מיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

טשענסטאָכאָוו איז, נאַטירלעך, נישט געווען די לעצטע שטאָט אויפצונעמען די דאָזיקע לאָזונגען.

דאָס פוילישע גאָסן־בלעטל "גאָניעץ", וואָס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אין טשענסטאָכאָוו דורכן ענדעקישן פירער ה׳ ווילקאָשעווסקי, האָט אָפן געפּריידיקט צו בויקאָטירן יידן און זיי דערוויַיטערן פון יעדער השפעה אין ווירטשאַפט־לעכן און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אָט־דאָס בלעטל, איז ממש געוואָרן דער "אָפיציאַל" פון די אַרטיקע סאַנאַטאַרישע רעגירונגס־קרייזן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נאַציש־אַנטיסעמיטישער אַט־מאָספערע אין יענע קרייזן איז געווען, אַז דער סטאַראָס־טע קין, האָט פּרינציפּיעל נישט געגריסט צו יידן.

די אַלגעמיינע פאַרבאַנדן פון דאָקטוירים, אינזשיניערן און גרויס־אינדוסטריעלער אין טשענסטאָכאָוו האָבן שוין געהאַלטן ביים איינפירן דעם אַריער־ פּאַראַגראַף.

דער ווייטער־באַשריבענער פאַקט איז באַזונדערס כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דער אַטמאָספערע אין יענע טעג:

דער אַלגעמיינער דאָקטוירים־פאַרבאַנד אין טשענסטאָ־כאָוו האָט אין יענער צייט געפייערט זיין 25־יעריקן יובל.

אַלס פאַרשטייער פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון די אַלפּוילישע דאָקטוירים־פאַרבאַנדן איז דעלעגירט געוואָרן צו דער פייערונג ד״ר זלמן ביכאָווסקי פון וואַרשע.

אויפן פייערלעכן באַנקעט, וואָס איז פאָרגעקומען אין זאַל "פּאַלאַניאַ", האָבן די אַנטיסעמיטישע עסקנים פון טשענסטאָכאָווער דאָקטוירים־פאַרבאַנד אַזוי אַראַנזשירט, אַז די יידישע מיטגלידער זאָלן זיצן ביי אַ באַזונדערן טיש אין דער לינקער זייט פונעם זאַל.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער ציוניסטישער עסקן, דער נאַציאָנאַלער שטאַלצער ייד ד״ר זלמן ביכאָווסקי, האָט זיך געזעצט צווישן זיינע יידישע קאָלעגן.

ביי דער דערעפענונג פונעם באַנקעט האָט דער פאַר־זיצער, ד״ר שאַניאַווסקי, פאַרבעטן דעם דעלעגאַט פון דער צענטראַלע פאַרנעמען דעם חשובן פּלאַץ אין פּרעזידיום — האָט דער גאַסט ד״ר ביכאָווסקי געענטפערט:

"ווו ד״ר ביכאָווסקי זיצט — איז דער חשובסטער פּלאַץ".

ד״ר ביכאָווסקי האָט נישט פאַרלאָזט זיינע יידישע חברים.

אַפילו אַזאַ מאָראַלישער פּאַטש אין פּנים, האָט נישט אָפּגעהאַלטן די דערמאָנטע פאַרבאַנדן פון איינפירן דעם "אַריער"־פּאַראַגראַף. זיי האָבן אויסגעשלאָסן זייערע יידישע קאָלעגן, הגם אַ טייל פון זיי זענען געווען די גרינדער און די טעטיקסטע מיטגלידער פון די דאָזיקע פאַרבאַנדן...

מער נאָך: — בערך אין דערזעלבער צייט — האָט מען אַנטהילט אַן אָנדענק טאָוול אין דער ווינונג פון ד״ר ביע־גייסקי, אין וועלכער עס זענען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די געשטאָרבענע און געפאַלענע דאָקטוירים. אין דער טאָוול זענען די נעמען פון יידישע דאָקטוירים נישט אַריין *.

אָט־דער פאַקט באַווייזט בולט ווי "הייליק" עס איז געווען ביי די דאָזיקע הערן דאָס נאָכטאַנצן היטלערן און זיין זאָאָלאָגישע שנאה צו יידן.

די יידישע אינטעליגענץ האָט זיך אין יענער צייט געשאַפן אין גאַנץ פוילן אייגענע פאַרבאַנדן.

אויך אין טשענסטאָכאָוו איז געשאַפן געוואָרן אַ "קלוב פאַר אינטעליגענץ". דער קלוב איז געווען שטאַרק באַ־פאַרבט אַסימילאַטאָריש, דער נאָמען ייד איז, חלילה, נישט דערמאָנט געוואָרן...

געוויסע יידישע אינטעליגענטן, ווי ד״ר בראַם, לעווקאָ־וויטש, קאַגאַן זענען אַלס פּראָטעסט נישט אַריין אין דעם דאָזיקן קלוב.

5.

ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט איז דער עקאָנאָמישער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די יאָרן פאַר׳ן אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען זער אַ שווערער.

ס׳האָבן דעצו דערפירט פאַרשידענע גורמים: דער אָפע־נער בויקאָט, פּיקעטן פאַר די יידישע געוועלבער, שווערע פיזישע איבערפאַלן אויף יידן — אַלע די דאָזיקע זאַכן האָבן

* ערשט אין יאָר 1946 האָט מען דעם טאָוול געענדערט און אַריינ־גענומען די יידישע נעמען.

ממש פאַראַליזירט דאָס יידישע ווירטשאַפטלעכע לעבן אין גאַנץ פוילן און נישט ווינציקער אין טשענסטאָכאָוו.

אויפן מיליטער־פּאָליטישן פראָנט האָט די סאַנאַציע־רעגירונג שוין דעמאָלס, ערב דער היטלער־אינוואַזיע, געפּאַטשעט מיט אַ שווערד.

די שיין־מונדירטע אָפיצירן, מיטן מאַרשאַל רידז־שמיגלי בראש, האָבן אין יענע טעג אָפּגעגעבן די באַרימטע לעכער־לעכע דערקלערונג :

"מיר וועלן נישט געבן אַפילו קיין קנעפּל . . .".

הגם די צייט איז געווען טראַגיש פאַר פוילן האָט זיך די באַציאונג צו יידן נישט פאַרבעסערט, פאַרקערט : זי האָט זיך פיל פאַר׳ערגערט !

די יידישע פאַרשטייער אין שטאָט־ראָט האָבן געמוזט פירן אַ זער שווערן קאַמף — סיי מיט די אָפענע שונאים — ווי "ענדעקעס", "כאַדעקעס" (קריסטלעך־סאָציאַלע) און סיי מיט די נייע סאַנאַציע־אַנטיסעמיטן.

דעם שטאָלצן יידישן פאַרשטייער, נייפעלד, האָט מען אַ סך מאָל געמוזט אַ היים באַגלייטן. ער איז געווען אַ זקן און מען האָט מורא געהאַט פאַר אַ כוליגאַנישן אָנפאַל מצד די אַנטיסעמיטישע קרייזן, פאַר זיין שטאָלצער פאַרטיידי־קונג פון די יידישע רעכט.

אָן ענלעכן פחד האָבן געהאַט אויך די אַנדערע יידישע ראַטמענער.

אין די יידישע קהילה איז די אַרבעט געווען זייער אינ־טענסיוו.

ליידער האָבן מיר געקאָנט געבן זער ווינציק קאָנסטרוק־טיווע הילף דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג.

די גאַנצע הילפס טעטיקייט האָט זיך קאָנצענטרירט, בעיקר, אין געבן הילף די פליטים פון דייטשלאַנד און פון די געביטן, וועלכע, די נאַציס האָבן אָקופּירט.

עס האָבן זיך געשאַפן מעגלעכקייטן, אַז אַ טייל פון די פאַרטריבענע דייטשע יידן זאָלן צוריקבאַקומען אַ טייל פון זייערע זאַכן. אָבער דערצו האָט זיך געפאָדערט, אין יעדן פאַל, אַ גרויסע סומע געלט. די קהילה האָט געמוזט פאַר׳ן דאָזיקן צוועק מאָביליזירן גאָר גרויסע סומעס, כדי זיי צו העלפן. דאָס נויטיקע געלט איז געשאַפן געוואָרן — פון אָרטיקע און אויסערליכע מקורות, און מיר האָבן זיך באַמיט העלפן אַלע נויטבאַדערפיקע יידן.

יידן האָבן געהאָפט — לויט "גוט אינפאָרמירטע קרייזן" — אַז עס וועט נישט זיין קיין מלחמה.

אויך די פוילישע רעגירונג האָט זיך "פאַרוויגט" מיט אַזעלכע פוסטע חלומות. זי האָט צוגעגרייט וואַלן צו די מוניציפּאַלע־פאַרוואַלטונגען אויף דעם זומער פון יאָר 1939.

אויך אין טשענסטאָכאָוו זענען פאַרגעקומען די וואַלן אין מיטן זומער 1939.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך דאָס מאָל געמוזט באַזונדערס גרייטן צו די וואַלן, כדי זי זאָל האָבן אין שטאָט־ראָט אַ געהעריקע יידישע רעפּרעזענ־טאַנץ. עס איז איטלעכן ייד קלאָר געווען, וואָס פאַר אַ קאַמף עס וועט האָבן די יידישע פאַרשטייערשאַפט אין שטאָט־ראָט כדי צו פאַרטיידיקן די עלעמענטאַרסטע יידישע אינטערעסן אין אַ באַזונדערס האַרבן מצב אין פוילן.

10 יידישע ליסטעס האָבן זיך געשטעלט צו די וואַלן. אַלע יידישע פּאַרטייען און עקאָנאָמישע פאַרבאַנדן האָבן אַרויסגעשטעלט זייערע ליסטעס.

עס איז געווען קלאָר אַז ביי אַזאַ אינערלעכן קאַמף, ביי אַ זייער אומגינסטיקער וואַל־אָרדינאַציע, וועלן די יידישע שטימען צעברעקלט ווערן און זיי וועלן נישט דורכפירן קיין פאָסיקע פאַרשטייערשאַפט.

זאָל פאַרצייכנט ווערן, צום כבוד פון טשענסטאָכאָווער יידישן ישוב, אַז נאָך קורצע באַראַטונגען אין באַשלאָסן געוואָרן, צו שאַפן בלויז 2 וואַל־בלאָקן : 1) אַ בלאָק — פון "אגודת־ישראל" ביז די רעכטע "פּועלי ציון" און 2) אַ בלאָק פון "בונד" מיט די לינקע "פּועלי ציון".

מ׳האָט געוויילט אַ געמיינזאַמע קאָמיסיע, וועלכע זאָל באַשטימען די קאַנדידאַטן־ליסטע, לויט פאָלגנדיקן צוזאַ־מענשטעל :

ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע — א. גערשאַנאָוויץ ; "מזרחי" — ל. בראַמבערג ; "אגודת ישראל" — מ. פאַגעל ; דעמאָק־ראַטן — מ. אש ; סוחרים־פאַראיין — י. גאָלסטער ; האַנט־ווערקער — ד. קאָניעצפּאָלער ; קליינהענדלער — ד. פּילי־פּאָוויץ ; רעכטע "פּועלי ציון" — י. זשאַרנאָוויעצקי.

איך געדענק נאָך זייער גוט די טראַגיק פונעם פאַקט, אַז אַזעלכע פאַרדינסטפולע יידישע עסקנים ווי למשל ש. גאָלדשטיין — האָט מער נישט געקאָנט קאַנדידירן. אויף זייער פּלאַץ האָט מען געמוזט שיקן יונגערע פאַרשטייער, פון דער פּייאיקער יידישער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ.

מיר האָבן זיי געמוזט באַשטימען אַלס אונדזערע קאַנ־דידאַטן, כדי זיי זאָלן קאָנען, ווי געהעריק, אָפּוואַרפן די פינסטערע אַטאַקעס פון די אַנטיסעמיטישע פאַרשטייער אין שטאָט־ראָט.

זיי האָבן טאַקע מוטיק פאַרטיידיקט אונדזערע יידישע ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינטערעסן.

עס לעבן נאָך דריי פון די, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן שאַפן די צוויי יידישע בלאָקן; רפאל פעדערמאַן, וועלכער וווינט אין אַמעריקא, אברהם ברום, וועלכער וווינט אין ירושלים און דער שרייבער פון די שורות.

אָבער, אָט־דער שטאָט־ראָט איז שוין נישט געקומען צום וואָרט, עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

אָבער, עס איז וויכטיק צו פאַרצייכענען דעם עצם־פאַקט, אַז דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו האָט געהאַט אַ געזונטן פּאָליטיש חוש.

6.

עס איז נישט אַזוי לייכט צו שרייבן וועגן די לעצטע וואָכן פון די טשענסטאָכאָווער יידן, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַלע האָבן געמיינט: דאָס פּוילישע יידנטום, איז אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין עקאָנאָמישן לעבן פון פּוילן, אַז ס׳קאָן אים נישט טרעפן קיין שום אומגליק. יעדער האָט געטראַכט מיר וועלן ליידן עקאָנאָמיש — אָבער דאָס איז דאָך נישט געווען דער ערשטער נסיון אינעם לעבן פון אויסגעפּרוווטן יידישן פאָלק אין פּוילן.

די דאָזיקע מיינונג האָט באַהערשט נישט בלויז די יידישע פּראָווינץ אין פּוילן. אַפילו די גאָר אָנגעזעענע יידישע עסקנים, האָבן אַזוי געטראַכט.

אָבער דערווייל זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן איין גזירה נאָך דער אַנדערער און אַלע זענען געווען קעגן יידן.

כ׳וועל דערמאָנען עטלעכע פאַקטן:

זומער 1939, האָט דער שטאַב פון פּוילישן מיליטער איינגעזען, אַז דער פּוילישער לופט־פלאָט שטייט לגמרי נישט אויף דער נויטיקער מדרגה.

די רעגירונג האָט באַשטימט פאַרן דאָזיקן צוועק אַ ״פרייוויליקע״ (און אין אמת׳ן — אַ ״צוואַנגס״ געלט־קאָנטריבוציע).

די יידישע באַפעלקערונג האָט דעמאָלס געהאַט אויסצו־שטיין פון אַ סך אוממענטשלעכע שיקאַנעס. מען האָט אָנגעזעענע יידן געשיקט פון שטאָט צו שטאָט, כדי זיי זאָלן אויך ביי די יידן פון אַנדערע שטעט באַקומען וואָס מער געלט. אַזוי למשל, האָט מען געצוווּנגען ר׳ חיים וועקסלער פאַרן קיין קיעלץ, כדי באַאיינפלוסן די דאָרטיקע יידן זיי זאָלן געבן פאַר דעם ״פלי־פלאָט״ וואָס מער געלט.

אַ צווייטער פאַל:

גענעראַל סקלאַדקאָווסקי, דער דעמאָלסדיקער פּרעמיער און אינערן־מיניסטער, האָט דאַמאָלט נישט געהאַט קיין אַנדערע זאָרגן, ווי צו ״פאַרשענערן״ דעם אויסערלעכן אויסזען פון די הייזער.

אָט אויף די גזירה האָט דעמאָלס פאַרשאַפן די יידישע הויז־אייגנטימער און די יידישע געזעלשאַפטלעכע־טוער אַ סך צרות.

איך געדענק אַזאַ פאַקט:

פּלוצים, האָט מען אין איינעם אַ פרייטיק נאָכמיטיק, אַרעסטירט דעם פּרעזעס פון דער יידישער קהילה ה׳ יעקב ראָזענבערג.

צומאָרגנס, שבת אין דער פרי, האָט מען אים געפירט איבער דער שטאָט, אונטער אַ שטאַרקער פּאָליצייאישער שמירה — צו דער סטאַראָסטווע.

דאָרט האָט מען אים געהאַלטן ביז נאָכמיטיק, כדי אַ סטאַראָסטע־באַאַמטער זאָל אים קאָנען מעלדן, אַז די קהילה־געביידעס האָבן נישט קיין עסטעטישן אויסזעען...

די יידישע פאַראָרעמונג איז כסדר געוואַקסן און די מאַכט האָט נישט געגעבן קיין שום ממשות׳דיקע הילף.

די פאַרטפעלן פון די נישט־געצאָלטע וועקסלען אין די בענק און די רשימות פון די נויטבאַדערפטיקע אין די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס זענען געוואָרן פולער און פולער...

פון צייט צו צייט האָט די פּוילישע רעגירונג פאַר־עפנטלעכט קאָמוניקאַטן און ידיעות מיט ״רמזים״ וואָס היטלער פאַרלאַנגט פון פּוילן.

דאָנערשטיק, דעם 31־טן אויגוסט 1939, האָט די פּוי־לישע מאַכט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן מאָביליזאַציע. דער מאָביליזאַציע־דעקרעט האָט אַרויסגערופן אַ צעמישי־ניש אויף דער יידישער גאַס. ווער עס האָט געהאַט די מינדעסטע מעגלעכקייט האָט פאַרפּאַקט וואָס ער האָט געקאָנט, און געלאָפן ווו עס האָט זיך געלאָזט. מענטשן זענען נאָך אַוועק מיט דער באַן אין דער ריכטונג פון וואַרשע. אָבער גאָר ווייניקע, האָבן געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן.

שוין, פרייטיק, דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939, איז טשענס־טאָכאָוו געוואָרן לייכט באָמבאַרדירט.

פון דער פּוילישער זייט האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָס זענען אַוויאַציע־איבונגען פון דער פּוילישער אַווי־אַציע.

מען האָט אָנגעהויבן אויף דער שנעל בויען "אָקאַפּעס" — כמעט ביי יעדן הויז.

יענעם פרייטיק איז שוין מער־ווייניק קלאָר געוואָרן אונדזער לאַגע.

אין אָוונט איז שוין נישט געווען קיין צייכן פון דער פּוילישער אַרמיי. האָבן, טאַקע, הונדערטער יידן גענומען — איטלעכער זיין קישן, יעדער האָט אַרומגעוויקלט אַ העמד אויפן האַלדז, און — ווו די אויגן האָבן געטראָגן — פאַרלאָזט די שטאָט.

זער אַ סך יידן זענען געפאַלן פון די דייטשע באָמבעס, וואָס האָבן זיי נאָכגעיאָגט אין זייער בהלה'דיקן וואַנדער־וועג.

אַ טייל איז געלונגען צו וואַנדערן ביז — צי די נייע מזרח גרענעץ.

די רעשט זע'ינען צוריקגעקומען, צעבראָכענע, פאַרפּייניקטע, פאַרוווּנדעטע.

עטליכע ווערטער וועגן יידשן טשענסטאָכאָוו

דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו האָט אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אָפּגעשפּילט אין מיניאַטור אויף אַלע געביטן, דאָס קערנדיקע פּוילישע יידנטום.

דער יידישער קיבוץ אין טשענסטאָכאָוו האָט אָבער אויך אויסגעפורעמט זיין אייגענע גייסטיקע אינדיווידואַליטעט — אָט־דער אינדיווידועלער שטריך איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונג פונעם יידישן טשענסטאָכאָוו.

דאָס יידיש טשענסטאָכאָוו האָט זיך נישט געקאָנט גרויסן מיט אַן אַלטן יחוס. אָבער עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ווונדערלעכע האַרמאָנישע אַנטוויקלונג, באַזירט אויף עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכער איניציאַטיוו און שאַפונגס־גייסט, אויף היימישקייט און קולטור דערגרייכונגען, פּאָליטישן באַוווּסטזיין פון די אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן.

אבאדייטענדיקן אַנטייל האָט געהאַט — אין אַ געוויסער תקופה — די טשענסטאָכאָווער יידישע יוגנט אין דער אויפוואַכנדיקער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער שטאָט און אין איר סביבה.

דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו האָט רעאַליזירט — און נישט בלויז געפּריידיקט — די פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער יוגנט.


(טשענסטאָכאָווער יידן!

שטאָלץ זענט איר געווען אין אייער לעבן. קדושים וטהורים זענט איר געווען בעת אייער אכזריותדיקן פאַרלענד.

פאַרשאָלטן זאָלן ווערן אויף אייביק אַלע, וועלכע האָבן מיטגעטאָן און מיטגעהאָלפן צו אייער אויסראָטונג.

זאָלן מיינע ווערטער זיין אַ בינטל בלומען — אויף אייערע קברים, וועלכע געפינען זיך אויף אַלע וועגן און שטעגן, אינעם אַש פון די גאַז־אויוונס און קרעמאַטאָריעס וואָס דער ווינט האָט צעבלאָזן — צו מזרח און מערב, צו צפון און דרום.

יתגדל ויתקדש שמיה רבא!).



די דאָזיקע בריק איבער דער "וואַרטאַ" פירט צום יידישן שפּיטאָל אין "זאַוואַדזיע" באַלד נאָך דער שול טיילן זיך די יידישע און פוילישע קוואַרטאַלן.
יעלבסטפאַרשטענדלעך, דאָס אַלץ איז געווען אַ מאָל . . . היינט האָבן די פּאָליאַקן אַלץ . . .

באַמערקונג פון רעדאַקציע

דער מחבר פון אַרטיקל "דאָס יידישע טשענסטאָכאָוו — ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה" האָט אין זיין, זער אויספירליך אַרטיקל, וועגן דער ערב־תקופה פון גרויסן חורבן, זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון נישט דערמאָנען די היטלער־הכנות צו זיינע גרויזאַמקייטן; וועלכע, מיר געבן אין אַלגעמיין קלאַמערן. ליידער, איז עס דאָ נישט געווען מעגליך טעכניש דורכצופירן. מיר האָבן דערפאַר געגבן (אין קלאַמערן) בלויז די לעצטע שורות — זיין האַרציקע ווערטער צו די טשענסטאָכאָווער יידן, הי"ד.

תוכן הענינים—אינהאלט

רשימת חברי הועד הצבורי 7
תמונת ועד הספר וועד המערכת 9
פניות הועד לאנשי העיר 11
פתח דבר של ועד הספר 13
דבר המערכת 17
סמל ועדת הספר והסבר על תכנו 19
אפאר ווערטער פון דער רעדאקציע-קאמיסיע 21
על „המונוגרפיה" שלא נכתבה 25
תמונה מיום הזכרון לחסול הגיטו 27

צ'נסטוחוב היהודית ותולדותיה 29

היהודים בצ'נסטוחוב / ד"ר י. שאצקי — 33 ; די יידן אין טשענסטאכאוו / ש. ספיוואק — 73 ; די קהלה אין 19 יאר-הונדערט / ש. ספיוואק — 105 ; בניית בית-המדרש הישן / ועדת הספר — 109; יידן קעמפן פאר זייער רעכט / ועדת הספר — 111.

הקהלה היהודית ומוסדותיה 117

קהלתנו ומוסדותיה בדור האחרון / ד. קוניצפולר — 121 ; הבחירות האחרונות למועצת-העיר / ע. בן-משה — 133; ה"חברה-קדישא" / מ. ח. טיברג — 135; אונדזער קהלה אין יאר 1856 / ד"ר וו. גליקסמן — 139; דער רב מאכט שלום / טש. צ. — 143; אונדזער נייע מקוה / א. ג-ב — 147; שטאט-ראט וואלן אין יאר 1935 / י. בוכמן — 149; די קהלה אויפגאבן / ד"ר וו. גליקסמן — 151; חברי הקהלה ומועצתה לפני השואה / ועדת הספר — 153; סטאטיסטישע ציפערן / ועדת הספר — 155.

תנועות וזרמים יהודיים בעיר 157

ההסתדרות הציונית בצ'נסטוחוב / ד. קוניצפולר — 161; לתולדות הציונות בצ'נסטוחוב / ו. ה. — 163; אישור המנדט הבריטי על א"י, הסת. הצ. והמזרחי — 173; ראשית התנועה הציונית בעיר / ע. ב. מ. (מהעתונות) — 175; אירועים ציוניים בעירנו / מ.ח.ט. (מהעתונות) — 183; צרור פרחים לזכר עסקני קרן-היסוד / נ. גרבובסקי — 189; הנוער הציוני בצ'נסטוחוב / ש. אודרברג — 193; לקורות "המזרחי" בצ'נסטוחוב / י. לסלוי — 197; הסת. "צעירי-מזרחי" / י. לסלוי — 201; עיר ואם בישראל / ש. ז. שרגאי — 207; "החלוץ-המזרחי" בצ'נסטוחוב / מ.ח. טיברג — 211; הנוער הציוני הדתי בצ'נסטוחוב / י. כץ — 217; ארגון "בעלי-מלאכה דתיים / פ. מכאלוביץ — 219; מפלגת "פועלי-ציון" (ימין) / ע. בן-משה — 221; מפלגת העבודה הציונית "התאחדות" / ע. בן-משה — 125; התנועה הציונית הרביזיוניסטית / ע. בן-משה — 227; מפלגת המדינה (יודנשטאטס-פארטיי) / ע. בן-משה — 231; ברית הנוער "בית"ר" בצ'נסטוחוב / צ. ק. — 233; "השומר-הצעיר" בצ'נסטוחוב / ח. לנדוי — 237; "תנועת-גורדוניה" בצ'נסטוחוב / י. צימרמן — 243; "אגודת-ישראל" בצ'נסטוחוב / נ. אדליסט — 247; "פועלי אגודת ישראל" בצ'נסטוחוב / ל. רייכר — 249; בנות "אגודת ישראל" בצ'נסטוחוב/ ל. רייכר — 251; די העברעאישע אוניווערזיטעט / ו. ה. — 253; כי מציון תצא תורה / הרב נחום אש ז"ל — 257; ציור לפתיחת האוניברסיטה העברית / פרופ' ווילנברג — 261; ציוניסטישע נייעס פון אמאל (מהעתונות) / ו. ה. — 263; "קרן-היסוד" אקציע אין יאר 1925 / ו. ה. — 265; נטיעת עץ ע"ש פילסודסקי (כרוז) / ו. ה. — 273; דער "חלוץ בעל מלאכה" / א. שמעונוביץ — 275; די נאציאנאל-רעליגיעזע באוועגונג / י. א. פלאי (פיליק) — 277; טשענסטאכאוו געזעגנט חלוצים / ו. ה. — 285; די גערטנער-פערמע / ע. בן-משה — 289; די "פועלי-ציון פארטיי" / א. גוטליב — 291; די "לינקע פועלי-ציון" (זכרונות) / א. ברום — 299; דאָס אויפנעמען פארטיי-מנהיגים / מ. אדערבערג — 307; פארטיי-דיסציפלין אין די יונגע יארן / מ. אדערבערג — 309; רענעסאנס פון יידישן ארבעטער / מ. פיינרייך — 311; די ס. ס. אין טשענסטאכאוו / א. כראבלאווסקי — 315; די ארבעטער פארטיי "בונד" / א. גוטליב — 323; אין דער קאמוניסטישער באוועגונג / א. שטיינבערעכער — 333; בתי-ספר "פאראייניקטע" וע"ש בורוכוב / ו. ה. — 349.

מוסדות צדקה וחסד בצ'נסטוחוב 349

זכרונותי על גירוש זבונשין / פרופ' ח. ז.הירשברג — 353; מטבח לחיילים יהודים בצבא הפולני / ד. ש. קמינסקי ז"ל — 355; חברת "אחיעזר" / ו. ה. — 359; חברת "נחום-אבלים" / ו. ה. — 361; חברת "הכנסת-אורחים" / ו. ה. — 361; חברת "דאבראטשיננאשטש" / ו. ה. — 363; פינאנץ-קריזיס פון יידישן שפיטאל / י. בוכמן — 371; די חברה "תומכי-עניים"/ג. פרייטאג — 373; די "בית-לחם" אינסטיטוציע / ו. ה. — 375; די געזעלשאפט "טאז" / ו. ה. — 379; "גמילות-חסדים" קאסעס / ו. ה. — 385; דער "מלביש-ערומים" פאראיין / ו. ה. — 385; "הכנסת-כלה" פאראיין / ש. ניסקי — 387; דער פאראיין "לינת-הצדק" / ו. ה. — 389; דער פרויען פאראיין "עזרה" / ו. ה. — 391; "הכנסת-אורחים" / ע. בן-משה — 391.

מוסדות כלכליים בצ׳נסטוחוב 397

התעשיה בהתהוותה ובהתפתחותה בעיר / י. לויט — 401; דער סוחרים און פאבריקאנטן פאראיין / ו. ה. — 415; דער בויקאט געגן יידישן מסחר / ו. ה. — 417; יידן פארכאפן זאוואדזיע / ט. צ. — 423; בענק און קאאפעראציע / ו. ה. — 423; די קאאפעראטיווע האנדווערקער־באנק / ט. צ. — 425; די אגודה׳שע באנק־קופיעצקי / ו. ה. — 427; ריגער האנדלס־באנק/ ו. ה. — 428; דער האנטווערקער פאראיין / א. גוטליב — 427; דער קליינהענדלער פאראיין / ו. ה. — 435.

מוסדות חינוך ותרבות 441

האגודה למוסיקה ולתרבות ״ליראי״ / ע. בן־משה — 445; ספריות צבוריות וחדרי־קריאה / ו. ה. — 447; הגימנסיה העברית / מ. הורוביץ — 451; בית־ספר לבנות ״בית־יעקב״ / ל. רייכר — 455; חנוכה־אווענט אין דער האברעאישער גימנאזיע / ו. ה. — 459; ד״ר אקסערס גימנאזיע / ו. ה. — 463; א פייערונג אין ז. וויינשטאקס שולע / ו. ה. — 465; די האנטווערקער שולע / א. גוטליב ומ. פיינרייך — 467; קורסן פון האנטווערקער פאראיין / ו. ה. — 473; די ״ארט״ געזעלשאפט / ו. ה. — 475; דער יודאאיסטישער אינסטיטוט / ו. ה. — 477; י. ל. פרץ׳ס דערציאונג־אנשטאלטן / ו. ה. — 479; א יידישע געזעלשאפט פיר לאנדקענטשאפט / ו. ה. — 483; יידיש טעאטער / ש. זאק — 487; וועגן דראמאטישן קרייז / פ. בלומנ־קרנץ ז״ל — 491; אונדזער יידישע פרעסע / ע. בן־משה—493; ספארט און ספארטלער/ח. בירנהולץ — 501.

רבנים, מורי־הוראה וחיי הדת בעיר 521

רבנים, דיינים ומשמשים בקודש / י. א. פלאי (פיליק) — 525; דיינים ושמשים / י. א. פלאי (פיליק) — 531; בתי־כנסת, בתי־מדרש ושטיבלך של חסידים/ ו. ה. — 535; ״בית־התלמוד״ בבית־המדרש / ז. ד. קופלוביץ — 537; הישיבה הקדושה ״עץ־חיים״ בבית־המדרש / ו. ה. — 541; מזכרונותיו של בן ישיבה / מ. בן־דב — 543; צ׳נסטוחוב מקור הצדקה וחסד / מ. ח. בדד — 547; תלמוד־תורה ״מחזיקי־הדת״ / נ. אדליסט — 549; בילנס של ״מחזיקי־הדת״ 1925/6 / ו. ה. — 553; חדרים, מלמדים ותלמידיהם (מזכרונותי) / מ. ח. טיברג — 555; ר׳ מרדכי יחיאל גרין הי״ד / ח. ז. רוזן — 561; ר׳ אליעזר לנדסמן הי״ד / י. לנדסמן — 561; רשימת המלמדים והחדרים / ו. ה. — 563; ״יום־כפור קטן״ / ו. ה. — 567; האדמו״ר ר׳ פנחס מנחם אליעזר יוסטמן זצ״ל / מ. ש. גשורי — 567; הרבי מפילץ ר׳ פנחס מנחם יוסטמן זצ״ל / מ. ד. ויצמן — 569; ר׳ חנוך גד יוסטמן הי״ד האדמו״ר מפיליץ / י. זנדר —571; אדמו״ר מזורק ר׳ דוד אהרן טברסקי הי״ד / מ. ש. גשורי — 575; אדמו״ר ר׳ אביגדור שפירא זצ״ל / מ. ש. גשורי — 577; ר׳ שלום רוטנ־ברג, הרבי מוולברום / מ. ש. גשורי—579; ה״שטיבל״ של חסידי אלכסנדר / ח. ז. רוזן — 581; ה״שטיבל״ דחסידי אוטבוצק / צ. י. קאופמן — 587; בית התפילה לחסידי גור / ז. ד. קופלוביץ — 587; מזכרונותי על ה״שטיבל״ דגור / י. מ. כץ — 591; בית החסידים דסטריקוב / מ. ח.טיברג — 591; בית־התפילה לחסידי קרימולוב / ח. בן־שלמה — 597; בית החסידים של רדומסק / י. זנדר — 599; בית החסידים דרדושיץ / י. יעקבי — 603; בית החסידים דשידלוב / י. א. פלאי (פיליק) — 605; רבנים ומשמשים בקודש לפני השואה / ו. ה.—607; גלייכוועטלעך פון הרב נחום אש ז״ל / ו. ה. — 609; פון אמאליגן רעליגיעזן לעבן / ו. ה. — 613; דער פילצער רבי זצ״ל / ל. רייכר — 617; שמחת־תורה ביים ז׳וריקער רבין זצ״ל / ע. בן־משה — 619; נאדרזעצנא 36 גערער ״שטיבל״ / ע. בן־משה (יעקובאוויטש) — 621; ארום דעם נייעם בית־המדרש / שמואל פראנק ז״ל — 623; די תלמוד־תורה ״מחזיקי־הדת״ / ע. בן־משה — 627.

אישים ודמויות 637

מבוא למדור זה / ד״ר צ. קנטור ז״ל — 641; הרב הגאון רב נחום אש ז״ל / ו. ה. — 643; הרב ישעיוביץ ז״ל / א. ג־ב — 647; הרב משה האלטר / ו. ה. —647; ״המגיד״ ש. י. קובלנץ / ו. ה. — 649; המו״צ י. פרוקוש / ו. ה. — 651; הדירקטור הנריק מרקוספלד / ו. ה. — 651; שמואל גולדשטין / ו.ה. — 659; חיים וכסלר / ו. ה. — 659; יעקב רוזנברג / ו. ה. — 661; ברוניסלב הוברמן / ו. ה. — 661; פגישתי עם ברו־ניסלב הוברמן / ע. בן־משה — 667; ר׳ יעקב שמואל צורי ז״ל / ו. ה. — 669; פרופ׳ פרץ ווילנברג / ו. ה. — 678; ר׳ אברהם בער בירנבוים (החזן) / ו. ה. — 681; פרופ׳ זאקס / ו. ה. — 684; אדמונד סיגמן / מ. ש. ג. — 684; הפסל ארנולד מאנאט / מ. ש. ג. — 685; נתן גריכטר / ד. ק. — 685; ד״ר אברהם בראם / ע. בן־משה — 686; א. א. שיינפלד / ז. מד. ק. — 687; פליקס (פישל) שפירא / ז. ד. ק. — 688; ר׳ אנטשל ווארשבסקי / ד. ק. — 689; ר׳ אברהם חנוך פינקל־שטין / ד. ק. — 690; ד״ר מערינג / ד. ק. — 693; ז. איציק / י. לנדוי—693; ש. נימירובסקי / ד. ק.—694; פרופ׳ י. לאור / ד. ק. — 965; יעקב קראק / ד. ק. — 695; ד״ר היפוליט גייסלר / ד. קוניצפולר — 695; ר׳ יצחק מאיר קרעל / ה. שפירא — 696; ר׳ ישראל צ׳נסטוחובסקי / י. א. פלאי — 697; ר׳ מיכל לייב מינדיץ / ל. רייכר — 698; ר׳ דוד יצחק אדליסט / נ. א. — 698; מאוריצי נויפעלד / ד. ק. — 699; ד״ר יוסף רוס / ו. ה. — 702; ד״ר לודוויק באטאוויא / ו. ה. — 702; אינג׳ עשרה־דבריא / ד. ק. — 703; יצחק מנחם אפשטיין הי״ד / ו. ה.—703; חיים וויינ־שטיק / ו. ה. — 703; אברהם דזיאלובסקי / ד. ק. — 704; דוד פיליפוביטש / ג. פ. — 705; יוסף גאלדברג / ד. ק. — 705; שלמה קרוסקופף / ו. ה. — 706; סלומאה שטארקה / ו. ה. — 706; ס. ב. הלמן / טש. צ.—707; ד״ר זאקס / ד. ק.—707; ד״ר חיים מרקוביץ / ו. ה. — 708; יצחק רוטהולץ (פורפר) / ו. ה. —708; נחמן קרימן / ו. ה. — 709; ר׳ כתריאל לונהוף / צ. י. קאופמן — 709; ר׳ דוד פלץ / י. לנדוי — 710; ר׳ משה ישראל זומפר / ו. ה. — 710; ר׳ משה צ׳נסטוחובסקי / י. א. פלאי — 711; ר׳ יהודה לייב קנטור / ו. ה. — 711; ר׳ משה זנדר שו״ב / י. זנדר — 712; ר׳ משה שאנצר שו״ב / ש. ב. שאנצר — 713; ר׳ זיסקינד רוזנטל (החזן) / מ. ש. גשורי — 714; החזן ר׳ אברהם פישל / ו. ה. — 715; החזן ר׳ יוסף באדאש / ו. ה. — 716; החזן ר׳ י. כוליבה / ו. ה. —

716; ר' יצחק מנדל הורוביץ / ד. ק. — 717; צבי גרנק / א. ב. — 718; "השלישיה" שהיתה / ש. אודרברג — 719; יהודה לייב הורוביץ / ו. ה. — 720; ר' בערל בוציאן / ו. ה. — 722; רעדאקטאר שמואל פראנק / ע. בן־משה — 722; א. ח. שיפר / ע. בן־משה — 724; פישל בלומנקרנץ / ע. בן־משה — 725; "מיסטער" זליגפלד / ע. ב. מ. — 727; אלכסנדר האפטקה / ג. פרייטאג — 727; אברהם נחום שטנצל / א. י. פלאי (פיליק) — 729; צבי הירשל ליפשיץ / י. לנדוי — 731; גרשון פרענטקי / ו. ה. — 731; יוסף טשענס־טאכאווסקי / ג. פ. — 732; משה גוטליב / א. ג־ב — 732; חנוך לפידות ועמנואל בייגלה / ו. ה. — 732; פישעלע צ'יאפ / ו. ה. — 733; אישי ציבור בעיר / ועדת הספר — 734; משפחות ותיקות בצ'נסטוחוב / מ. ח. — 735; בית שצ'ופק / מ. ח. — 735; בית שווארצבוים / מ. ח. — 738; בית זילברשץ / מ. ח. — 740 ; משפחת דזובס / ז. ד. קופלוביץ — 743; משפחת רוטנברג / י. אלפסי — 748; משפחת גוטליב ו־ווארגון / י. א. פלאי (פיליק) — 750; השו"בים ר' דוד ור' מנחם שלמה גוטליב / א. ג־ב — 751; משפחת קאן, חמש דורות / י. שלייכר — 754.

מהווי העיר 761

הפרעות ב־20 במאי 1919 / ע. בן־משה (יעקבוביץ) — 765; די בלוטיגע טראגעדיע / א. כראבלאווסקי — 767; דער דריי טעגיקער פאגראם (מאי 1937) / ו. ה. — 771; מאורעות הימים העגומים / מ. ח. טיברג — 774; ה"בעל תשובה" / ח. ז. רוזן — 775; מטיפוסי עירנו / ח. שמעונוביץ — 775; תקנות "חברת־חייטים" / מ. אש — 777; די ערשטע קהילה אין טשענסטאכאוו / ג. פרייטג — 781; יידישע קאמבאטאנטן / ו. ה. — 783; פראגמענטן פון יידישן לעבן / ח. שמעונוביץ — 783; דער ערשטער קאנצערט / ל. גוטפריינד — 787; פון מיינע זכרונות (1914) / ג. פרייטאג — 789; פשוטע יידן / מ. ח. ט. — 789; דאס געשריי פון די פויגל / א. כראבלובטקי — 797; טשענסטאכאווער אלעען / צ. ראזענוויין — 799; ביי פוש'ן אויפן הויף / א. רוזנטל (שניידרמן) — 802; דער נס אויפן נייען מארק / א. רוזנטל (שניידרמן) — 807; ביי טאג אויפן אלטן מארק / ע. בן־משה (יאקובוביץ) — 811; אויף דער ווארשעווער גאס / י. א. פלאי (פיליק) — 817; ערב דער 2־טער וועלט מלחמה / ד. קוניצפולר—819.